STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 03394

# GEZAMELTE SHRIFTN

Arn Miednik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
די
גאלדענע
פאווע

אַרן מיעדניק

גזאַמלטע שריפֿטן

באַנד 1

אַדרעס פֿון מחבר:
A. MEDOVNIK
14, Rue des Sablons
75016 PARIS

אַרן מיעדניק

# געזאַמלטע שריפֿטן

80 יאָר דענקעניש פֿון אַ
כלומרשט ציוויליזירטן פֿאַרשוין

באַנד 1

פּאַריז 1988

**ARN MIEDNIK**

# QUATRE-VINGTS ANNÉES DE MÉDITATIONS D'UN HOMME SOI-DISANT CIVILISÉ

## LIVRE I

ÉDITIONS "GOPA" PARIS
COPIRIGHT 1988 BY A. MEDOVNIK PARIS
IMPRIMERIE LES ÉDITIONS POLYGLOTTES
232, RUE DE CHARENTON - 75012 PARIS

מיט דאַנקבאַרקייט דעם אוהבֿ־ייִדיש
יצחק ניבאָרסקי פֿאַר זײַן בריהשאַפֿט,
פֿרײַנדשאַפֿטלעך־געדולדיקער מי און
קענטעניש, וואָס האָבן דערמעגליכט
אַז מײַנע שריפֿטן זאָלן ווערן
פֿאַרעפֿנטלעכט ווי באַגערט.

זאָל דאָס זײַן ווי אַ פֿאָרוואָרט. איך כאַפּ די פּיש פֿאַר דער נעז, און איידער וואָס־ווען ווענד איך זיך צו מײַנע עווענטועלע לייענער כּדי אויסצומײַדן מיספֿאַרשטענדענישן, קריטיק, סאַרקאַזמען און סתּם איראָנישע שמייכלען. זאָל מען וויסן, אַז איך מאַך מיר ניט קיין שום אילוזיעס וועגן מײַנע מחשבֿהדיקע שריפֿטן. אַלץ וואָס איך זאָג צי שרײַב איז באַנאַל, אוטאָפּיע, נאַיִווע פּלאַפּלערײַ, סתּם אַרויסגעוואָרפֿענע רייד, רעזולטאַט פֿון אומזיסטער מי. אָבער אַזוי ווי מײַן פּלאַן איז ניט צו מאַכן ליטעראַטור און אָנצוגיין פֿאַר אַזוינס און אַזעלכס, נאָר צו געבן אַ ספּעצימען פֿון אַ פּשוטן ייִדנס לאַנגיעריקער עקזיסטענץ, אַ מין כראָניק פֿון אַ דורכשניטליכן פּאַרשוין מיט זײַן אופֿן דענקען, פּראָיעקטירן, טענהן און פּאָלעמיזירן אָדער מאַכן פֿאָרווורפֿן, אויספֿירונגען און דאָס גלײַכן – וועל איך אַלץ צונויפֿנעמען ווי עס שטייט און גייט, אָן שום סיסטעם אָדער סדר, און עס פֿאַרעפֿנטליכן אויב איך וועל עס נאָר באַווײַזן, אָדער לאָזן עס אין מאַנוסקריפּטן, אפֿשר פֿאַר עמיצנס קוריאָזיטעט. זאָל עס זײַן ווי אַ גבֿיעת־עדות פֿאַר אַ קינפֿטיקן פֿאָרשער וואָס וועט פּרוּוון דערגיין דעם זין פֿון אַ וועלט מיט אויסטערלישע לײַט: צעחושטע, צעדרייטע, מיט זייערע פּסיכאָזן און קאָמפּלעקסן, אַבסורדן, פֿאָביעס און פֿאַרקריפּלטע לעבנס־שטייגערס. געוויס בין איך איינער פֿון די דאָזיקע משוגעים, וואָס האָט פֿאַרתּכלעוועט אַזוי פֿיל אוצרות לעבנס־דויער אין נאַריש שמײַען, ביזנעווען און זוכן תּכלית. אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. אויסן בין איך צו ווײַזן ווי אַזוי ס'האָט עמיץ זיך געלייגט אויפֿן פּסיכאָאַנאַליטישן בעטל, און – וואָס אויף דער לונג, אויף דער צונג: גערעדלט, געפּלוידערט, פֿילאָזאָפֿירט, אָבסערווירט, און וויסנשאַפֿטליך באַוויזן, אַז... צוויי מאָל צוויי איז פֿיר.

כּדי דאָס אַלץ צו טון, האָב איך זיך ניט געווענדט צו קיינעמס הילף, אַלץ געמאַכט מיט אייגענע כּוחות און מיטלען.

ס'איז וואָרשײַנליך, כּמעט זיכער, אַז אַלץ וואָס כ'האָב געטראַכט און אָנגעזאַמלט אין מײַנע שריפֿטן, האָט שוין עמיץ געזאָגט צי

געשריבן. אפֿשר האָב איך עס געהערט צי געלייענט און כ׳געדענק ניט אַקוראַט ווו, ווען און בײַ וועמען. ס׳קען אָבער זײַן, אַזוי גוט ווי אַן עפּלבוים מוז שאַפֿן תּמיד עפּל אומעטום, קענען די זעלבע מחשבֿות זיך מאַניפֿעסטירן בײַם מענטש אויף דעם צי אַן אַנדערן אופֿן, ניט נעמענדיק אין אַכט אָרט און צײַט.

ווי ס׳זאָל ניט זײַן: לויט מײַן השגה איז ניט וויכטיק ווער ס׳זאָגט עפּעס, נאָר וואָס ער זאָגט. זאָל מען חלילה מיך ניט חושד זײַן אין פּלאַגיאַט, צי אין פּעדאַנטיזם. וועט זיך עמיץ יאַווען מיט אַ טענה אַז כ׳האָב אים אויסגעכאַפּט אַ געניאַלע מחשבֿה, בין איך גרייט אים אָפּצוגעבן זײַן חלק פֿון מײַנע באַקומענע געלטער, און פֿאַרשטייט זיך, זײַן גילטיקן טייל פֿון אַלע פּרעמיעס וואָס כ׳וועל באַקומען.

ווי שוין געזאָגט איז מײַן שרײַבן, און אפֿשר וואָס כ׳וועל פֿאַרעפֿנטליכן פֿון מײַנע שריפֿטן, באַשטימט מע זאָל זען ווי אַזוי בײַ עמיצן ווי איך האָט זיך געקענט מאַניפֿעסטירן דער פֿענאָמען פֿון אַ פּשוטן פּאַרשוין, וואָס האָט ניט געלערנט אין קיין הויכשולן, געווען אַ מין אויטאָדידאַקט, געגאַשט שיריים בײַ דעם צי יענעם, און ס׳איז אַרויס אַן אַמאַלגאַם מיט קאָנצעפּטן, אינספּיראַציעס, קריטעריעס פֿאַר אַלץ אַרום זיך. זאָל דאָס זײַן אַ מישמאַש, אַ קאָקטייל צי ווי מע וויל עס אָנרופֿן. ובֿכן – אַ ספּעצימען פֿון אַ כּלומרשט ציוויליזירטן האָמאָ-ערעקטוס צי האָמאָ-סאַפּיענס. אפֿשר אַ מאָל, דורך דעם קומענדיקן נוקלעאַרן חורבן, וואָס לײַט גרייטן קאַמיקאַדזיש צו מיט לעקישעוואַטע פֿאַנאַטיזמען, וועט אַ קינפֿטיקער פּאַלעאָנטאָלאָג געפֿינען עפּעס פֿון מײַנע מיט ניסים געבליבענע ביכער, וועט ער זען וואָס פֿאַר אַ מין באַשעפֿענישן האָבן געקענט עקזיסטירן אין אונדזער משוגענער עפּאָכע, און אײַנזען ווי אַזוי חכמים האָבן פֿאַרוואַנדלט אַ מעגליכן גן-עדן אין אַ וויסטן גיהנום.

דאָס אַלץ וואָס איך שרײַב –רופֿט עס אָן ליטעראַטור, זשורנאַליזם, פּאָעזיע מיט צי אָן גראַם, כראָניק, טאָגבוך צי מיט אַנדערע טערמינאָלאָגיעס– אין מײַן עלטער איז דאָס אָן שום

ווערט און וויכטיקייט. זיכער איז אָבער אַז כ'בין ערליך און אויפֿריכטיק, און זוך ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ באַגערטן ווילזײַן פֿאַר אַלעמען.

אָפּגעזאָגט מײַן אַרײַנפֿיר, צי מײַן אַרײַנפֿאַר, מיטן פֿאָרוואָרט, ווי ס'פּירט זיך מיט מחברים, און איידער עמיץ וועט מיט נײַגיר צי אינטערעס זײַן מײַנס אַ „חשובֿער לעזער", וויל איך קלאָר מאַכן אַ פֿאָרמעלן פּרינציפּ אין שײַכות מיט דעם, וואָס כ'וועל פֿאַרעפֿנטליכן, און דאָס – כּדי אויסצומײַדן מיספֿאַרשטענדענישן און קיינעם ניט אַרײַננאַרן אין מײַן ליטעראַטור אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרמען דאָס זאָל ניט זײַן.

זאָל יעדער וויסן פֿאָרויס מיט וועמען ער האָט צו טון, און אויב עמיץ איז אַנטיטעזיש קעגן מײַנע טעזעס זאָל ער ניט פֿאַרלירן קיין צײַט מיטן לייענען.

כ'האָב פֿײַנט סינטעזעס, פּשרות, קאָמפּראָמיסן. אויב דאָס איז מיר ניט געלונגען צו רעאַליזירן ראַציאָנעל אין מײַן לאַנגער עקזיסטענץ, צוליב אומשטאַנדן און ליידער מעגליכקייטן, וועל איך עס כאָטש באַווײַזן מיט מײַנע מחשבֿות און שרײַבעכצן. זאָל עס אויסזען בטלנות, אוטאָפּיע, אילוזאָריש, דאָן קיכאָטיש צי מנחם-מענדליזם.

אין אַלע מײַנע שריפֿטן וועלן תּמיד זײַן מחשבֿות אין שײַכות מיט די זעלבע פּראָבלעמען, וואָס כ'וועל באַלד אויסרעכענען מיט אַ ליסטע, און ס'דאָזיקע –ווי אַ טיש, וואָס מוז האָבן פֿיר פֿיס צו קענען שטיין גלײַך– וועט זײַן מיט פֿיר זשאַנערן: פֿילאָזאָפֿישע מחשבֿות, וויסנשאַפֿטליכע השערות, לירישע עמאָציעס און סאַטירע אָדער הומאָר...

מעגן מײַנע פֿילאָזאָפֿישע מחשבֿות זײַן שוין לאַנג געטראַכט און געזאָגט פֿון אַנדערע, צי אויסזען ווי אַבסורדן; מײַנע וויסנשאַפֿטליכע השערות – נאָר אויפֿפּראַלן אָפֿענע טירן; מײַנע לירישע דיכטערײַען מיט צי אָן גראַמען זײַן פּאָעטישער

זשורנאַליזם און מײַן הומאָר – אַ מין פּעליעטאָניזם פֿון אַ גראַפֿאָמאַן, און כ׳זאָל סוף־כּל־סוף אָנגיין פֿאַר אַ פּיער־דאַקיסט מיט אַ „קעגן אַלץ וואָס איז פֿאַר, און פֿאַר אַלץ וואָס איז קעגן" – איך בלײַב בײַם מײַניקן.

אַלץ וואָס מע וועט געפֿינען אין מײַנע שריפֿטן האָט אַ שײַכות מיט:

געטליכקייט

סאָציאַלע רעזשימען

לעבנס־שטייגער

ליבשאַפֿט צום באַשאַף

עטיק און עסטעטיק

וויסנשאַפֿטליכע מעגאַלאָמאַניע

פֿילאָזאָפֿישע פּלאַפּלערײַען.

וואָרשײַנליך וועל איך ניט איין מאָל איבערחזרן די זעלבע מחשבֿות מיט די זעלבע אָדער ענליכע רייד, און תּמיד צוריקקומען צו די זעלבע טעמעס. זאָל מען מיר מוחל זײַן דאָס שלעכט צונויפֿשטעלן רעדאַקטאָריש מײַנע „ווערק". אין מײַנע יאָרן טאָר איך ניט פֿאַרלירן קיין צײַט מיט מאַכן אַן אָפּקלײַב. ס׳וועט חלילה קיינעם ניט שאַטן אויב עפּעס ווערט געזאָגט עטליכע מאָל – בפֿרט ווען ס׳גייט אין אַ חכמה, ווײַל פֿאַרשטייט זיך אַז אַלץ וואָס מע וועט דאָ לייענען איז כּולו־חכמה! וואָדען? ווען ניט וואָלט מען עס דאָך ניט פֿאַרעפֿנטליכט!

בכן: קודם וועגן געטליכקייט. כ׳בין אַ טעיִסט. כ׳האָב ליב מיט גוף און נשמה דעם, צי דאָס, וואָס דערמעגליכט ס׳זאָל זײַן אַ וועלט מיט אַלץ דערויף און מיט מיר בתוכם. כאָטש כ׳ווייס ניט ווער צי וואָס דאָס איז, האָב איך אים ליב און בין אים דאַנקבאַר פֿאַרן האָבן געלעבט ביז איצט, און כ׳האָב צוטרוי צו דעם וואָס ס׳וועט מיט מיר געשען אומקומענדיק. איך דאַרף ניט קיין שום פֿאַרמיטלער צווישן אים און מיר. איך בעט גאָרניט, פֿאַרלאַנג גאָרניט און באַדויער וואָס כ׳מוז אַזוי אָפֿט קריטיקירן זײַן סדר־העולם, אָבער וואָרשײַנליך איז עס איבער מײַן איגנאָראַנץ.

אַזאַ מין ריזיקייט ווי אַן אוניווערס איז זיכער ניט סתּם הפֿקר, אָן

אַ פּלאַן, אַן אַ ציל, אָן אַ ווילן. כ׳בין פֿרום אויף מײַן אופֿן, אָבער כ׳בין אַבסאָלוט קעגן אַלע רעליגיעס און אַלע די, וואָס מאַכן פֿון געטליכקייט אַ פֿאַר מיט קאַריערעס און ניצן אויס פֿרומקייט לטובֿת אינטערעסן, תּמיד געמיינע, עגאָיִסטישע, פּערוועזע. מע שרעקט עולם-גולם מיט יענע-וועלטיקע גיהנומס פֿאַר ניט-באַגאַנגענע זינד, און מע נאַרט אויס זייער לעבנס-דויער מיט עקספּלואַטאַציעס, פּאַראַזיטיזמען, זיי צוזאָגנדיק יענע-וועלטיקע גליקן.

דאָס איז גילטיק פֿאַר אַלע רעליגיעס מיט זייערע סעקטעס, ריטואַלן, צערעמאָניעס, שאַמאַנען, גורוס, טעמפּלען און אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות דערמיט.

כ׳האָב פֿײַנט די איצטיקע קאַפּיטאַליסטישע און כּלומרשט סאָציאַליסטישע עקאָנאָמישע רעזשימען מיט זייער עקספּלואַטירן דעמאַגאָגיש לײַט לטובֿת אינטערעסן און מעגאַלאָמאַניעס, פֿאַרוואַנדלענדיק דעם פּלאַנעט אין אַ וויסט גיהנום פֿאַר דער גרעסטער מערהייט פֿון לײַט און דערלויבנדיק אַ לוקסוס-עקזיסטענץ פֿאַר פּריווילעגירטע, וואָס צווינגען אַרויף דיקטאַטאָריש זייערע רעזשימען און פֿאַרטשאַקען דעם עולם-גולם מיט פֿאַרשיידענע רעליגיעזע צי פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, מיט דראָגן, כּלומרשטע פֿאַרווײַלונגען, ספּאָרט-קאָמפּעטיציעס, און אַז ס׳האַלט בײַ רעוואָלטן פּראָוואָצירט מען מלחמות מיט שאָוויניזמען, פּאַטריאָטיזמען, ראַסן-האַסן אאַז״וו.

כ׳האָב פֿײַנט די פֿילאָזאָפֿן מיט זייערע אַלע **איזמען** און **איסטן**, וואָס זוכן צו באַרעכטיקן דעם היסטאָרישן און דעם הײַנטיקן מאַטעריאַליזם, אַזוי זיינט תּמיד, ניט טראַכטנדיק אַז זייער ראָלע דאַרף זײַן צו רעקאָמענדירן אַ גילטיקן לעבנס-שטייגער, יחידיש און סאָציאַל, מיט אײַנזען אַז ס׳איז אוממעגליך פֿאַרן מענטשן-מין עפּעס צו ענדערן אין סדר-העולם, אַפֿילו ניט אויף פּלאַנעטאַרע דימענסיעס. דער אוניווערס טוט ס׳זײַניקע לויט באַשטימטע געזעצן, און אַלץ וואָס איז – מוז זיך אונטערגעבן. מע ווייסט ניט פֿאַר וואָס מ׳איז דאָ און מע ווייסט ניט וווהין מע פֿאַרשווינדט. בכן

– נעמען זיך אַ משל בײַ אַ טערמיטן– צי אַ מוראַשקע-נעסט, וווּ יעדער טוט זײַן פֿליכט. מע האַלט ניט אין איין ענדערן לעבנס-שטייגערס. דאָרטן זענען ניטאָ קיין קיין פּאַראַזיטיזמען, עגאָיִזמען, עקספּלואַטאַציעס פֿון זײַנס גלײַכן, קיין בערזעס, קיין פּריווילעגיעס. דאָס דאַרף זײַן די ראָלע פֿון פֿילאָזאָפֿן, פֿון איין פֿילאָזאָף. איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל: צו וואָס אַזוי פֿיל פֿילאָזאָפֿן מיט פֿילאָזאָפֿיעס?

כ׳האָב פֿײַנט די הײַנטיקע וויסנשאַפֿטן, וואָס פֿאַרתּכלעווען אַזוי פֿיל צײַט, מי און פֿאַרמעגן מיט פֿאָרשן דאָס אוממעגליכע צו פֿאַרשטיין און שאַפֿן מכשירים, ס׳רובֿ לטובֿת פּריווילעגירטע קלאַסן-אינטערעסן, מאָרד-מכשירים, מוטאַציעס און גענעטישע מאַניפּולאַציעס וואָס צעשטערן דעם נאַטירלעכן ווערט; אָדער פֿאַרסמען געוויקסן מיט כעמישע פּראָדוקטן וואָס זענען גורם קאַנסער; צעשטערן די לופֿטספֿערעס, ערד, טײַכן און אָקעאַנען; קריכן אין סטעלאַרע הייכן צו וויסן וואָס ס׳טוט זיך אויף אוראַנוס, בשעת דאָ אויפֿן פּלאַנעט פּגרט מען פֿון הונגער און נויט און יעדן טאָג קומען אום 40 טויזנט קינדער, ניט געהיילטע און ניט גענערטע, חוץ די מיליאָנען דערוואַקסענע. אַבי אַקאַדעמיעס, מיט ראָבאָטן, מיט טיילאָר-סיסטעמען, מיט דאָקטאָראַטן, טיטלען און קאַריערעס! די וויסנשאַפֿט, וואָס וואָלט געקענט העלפֿן פֿאַרוואַנדלען דעם פּלאַנעט אין אַ גן-עדן, טוט אַלץ ער זאָל ווערן אַ גיהנום, מיט אַן עווענטועלן נוקלעאַרן אומקום פֿאַר דער גאַנצער ביִאָספֿערע.

כ׳האָב פֿײַנט די עטיק מיט דער כּלומרשטער מאָראַל וואָס גילט צווישן לײַט וואָס פּאַראַדירן מיט יחסנות, ווו ס׳ווערן אויסגעלאַכט די באַגריפֿן פֿון יושר און רעכט. אַנשטאָט אָפּצווישן אַלע גרענעצן צווישן פֿעלקער פֿון אַלע קאָנטינענטן און זיך העלפֿן איינס ס׳אַנדערע, עקזיסטענץ זאָל זײַן אַ פּערמאַנענטער יום-טובֿ מיט פֿרייד, ווילזײַן, יעדער מיט זײַן אָריגינעלער אייגנאַרטיקייט – ווילדעווען האַס, עקספּאַנסיע-קאָמפּלעקסן, מעגאַלאָמאַניש משוגעת, און מאָרד און רויב זענען טאָג-טעגליכע דערשײַנונגען.

שפּיטעלער פֿאַר משוגעים און תּפֿיסות פֿאַר פֿאַרברעכער זענען פֿול. ווו געקערט און געווענדט זיך – קרומע צורות, פּײַן, אַנגסט, ברוגז, מיאוסקייט און פֿאַרקריפּלטע עסטעטיק וואָס מע רופֿט מיט אויסטערלישע טערמינאָלאָגיעס, און אַזוי מיט אַלץ, אומעטום און זינט תּמיד.

ביז ווען מוז עס אַזוי זײַן? פֿאַר וואָס זאָלן מיליאַרדן לײַט טאָלערירן אַזעלכע פֿירונגען, אַזעלכע סיסטעמען? מע נערט זיך אידיאָטיש, מע פֿאַרפּעסטיקט די לופֿט, מע לויפֿט מיט אימפּעט, געאײַלט צום אײַנגערעדטן עפּעס וואָס קיינער קען ניט באַרעכטיקן, און אַזוי גילט עס זינט דורות.

ווי לאַנג וועט עס נאָך דויערן? אוי, גאָטעניו וואָס כ׳קען דיך ניט, אָבער כ׳ווייס אַז דו ביסט דאָ און זעסט, ווייסט אַלץ וואָס ס׳געשעט, ווי עפּעס אין מײַן קאָפּ ווייסט וואָס ס׳טוט זיך אין מײַן גאַנצן גוף מיט אַלע ווייטיקן צי אַנגסטן. באַווייליק צו ראַטעווען דעם פּרעכטיקן פּלאַנעט מיטן פּרעכטיקן מענטש וואָס קען זײַן אַזוי שיין און גוט, מײַסטעריש, מיט קרעאַטיווע תּענוגים, וואָס קען זינגען, טאַנצן, שמייכלען און זײַן גליקלעך מיט פֿרומקייט, אָן שום רעליגיעס און פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס; באַרעכטיק דעם כּי־טובֿ פֿון דײַן באַשאַף!

פֿאַר וואָס זאָל דאָס אַלץ זײַן אַזוי אויסטערליש שווער צו גרייכן? וואָס קען זײַן נאָרמאַלער, ראַציאָנעלער ווי אָנווענדן אַ געטרוימטן אידעאַל, ווען מע קען עס אַזוי לײַכט באַווײַזן מיט אַלע מעגליכקייטן אונטער דער האַנט? בפֿרט אַז דאָס איז לטובֿת זיך זעלבסט און אַלץ אַרום, פֿיזיש, פּסיכיש, אין אַלע הינזיכטן. פֿאַר וואָס ניט געגערט זיך אָן קאַרניוואָריזם, זעענדיק ווי ריזיקע באַשעפֿענישן, העלפֿאַנדן, קענען זײַן שטאַרק און לעבן לאַנג זיך נערנדיק מיט געוויקסן? צו וואָס דאָס זאַמלען אַזוי פֿיל פֿאַרמעגנס אויסניצנדיק אַנדערע, באַרויבטע פֿון זייער מי? צו וואָס אַזוי פֿיל סנאָבישע מאָדעס, כּלומרשטע קונסטן, אומניצלעכע פֿאָרשונגען, געפֿערליכע קאָמפּעטיציעס, אַזוי פֿיל האַסט, אײַלעניש, אימפּעט, מיט אַזוי פֿיל היפּאָקריטישע דעמאַגאָגיעס? זאָל אַ וועלט זײַן

טאָטאַל משוגע, אָדער בין איך אַזאַ נאַיִווער בטלן צי אַ פּשוטער לעקיש, וואָס פּלאַפּלט נאַרישע רייד אָדער רעדט פֿון היץ?

~❀~

נאָר אַ נאָרמאַל-באַוווּסטזיניקער, ערליכער, לאָגיש-דענקענדיקער מענטש קען באמת זײַן רעליגיעז. רעליגיעז אָבער ניט פֿאַנאַטיש, ניט סעקטאַנטיש און אָן שום מעגליכן אַנאַליז. („אויב ניט בלינד דאָגמאַטיש – איז געלעסטערט! הערעטיקער! אַפּיקורס!...” אד״גל).

לויט מײַן השגה איז וואָס מער וויסנשאַפֿט, פֿילאָזאָפֿיע, וואָס מער ראַציאָנאַליסט – אַלץ מער סיבות צו זײַן רעליגיעז. אָבער רעליגיע טאָר ניט זײַן קיין פֿאַך, קיין פּראָפֿעסיע, קיין קאַריערע, אויסגעניצט לטובֿת אייגענע אָדער קלאַסן-אינטערעסן, מיט פּריווילעגיעס און פּאַראַזיטיזמען. רעליגיע איז אַ פּריוואַטער פּראָבלעם וואָס האָט אַ שײַכות מיט אינטימיטעט אין דער באַציִונג מיט געטליכקייט, אָדער ווי עמיץ וויל אָנרופֿן דעם צי דאָס וואָס דערמעגליכט ס׳זאָל קענען זײַן אַן אוניווערס מיט געזעצן, מיט לעבן און מיט עמיצן וואָס זאָל זײַן מסוגל צו קענען טראַכטן פֿון דעם אַלעמען און עס איבערגעבן אַנדערע מיט וואָרט און שריפֿט.

קיינער קען ניט, טאָר ניט זיך צואייגענען עפּעס דערפֿון מיטן אַרײַננעמען עס אין אַ באַגרענעצטער רעליגיע, מיט יחסנות, היעראַרכיעס און אָסטראַציזמען פֿאַר אַלע אַנדערע.

וואָס מער דערקענטעניש, אַלץ מער ליבשאַפֿט צום באַשאַף און ממילא צום באַשעפֿער, ווי אַזוי לײַט זאָלן אים ניט באַגרײַפֿן און מיט וועלכע נעמען צי טערמינאָלאָגיעס זיי זאָלן אים ניט אָנרופֿן: וויסנשאַפֿטלעכע, מיטאָלאָגישע צי אַנדערע נאָך.

רעליגיע אָבער טאָר ניט זײַן עפּעס אַ מין דינערשאַפֿט, אַ פּחד, אַ מין אינסטיטוציע וווּ מע קומט בעטן הילף צי מחילות: דער מענטש איז אַבסאָלוט פֿרײַ און פֿאַראַנטוואָרטליך מיט זײַנע מעשׂים און מחשבֿות אין זײַן באַגרענעצטן דויער אויף זײַן פּלאַנעט, אַזוי יחידיש ווי סאָציאַל. זײַן פֿיזישע, פּסיכישע און מאַטעריעלע לאַגע

איז געוועבדט אינעם מענטשן און נאָר אין אים אַליין. זײַן גן-עדן און גיהנום טראָגט ער אין זיך זעלבסט. קיינער וועט אים ניט באַלוינען צי באַשטראָפֿן פֿאַר זײַנע מעשים און מחשבֿות. שלעכט געלעבט איז שלעכט געשטאָרבן.

רעליגיע דאַרף ניט קיין שום טעמפּלען, ריטואַלן, צערעמאָניעס, סידורים, קאַלענדאַרן, שטעלפֿאַרטרעטערס, לעבנס-שטייגערס און דאָס גלײַכן. רעליגיע איז סטריקט פּריוואַט, אינטים. מיט געטליכקייט איז מען זעלבסט תּמיד אין קאָנטאַקט. אַ באַוווסטזיניקער, לאָגיש-אויסגעהאַלטענער מענטש מוז זײַן פֿרום מיט זײַן דאַנקבאַרקייט פֿאַר דער מעגליכקייט צו קענען עקזיסטירן, געניסן פֿון אַזוי פֿיל פֿיזישע און גײַסטיקע תּענוגים, שעפֿערישע עקסטאַזן, ליבשאַפֿטן; געניסן פֿון פֿרײַנדשאַפֿטן אד״גל, קענען באַוווּנדערן אַזוי פֿיל שיינקייטן און זיכער זײַן, אַז אויב אָפּגעדויערט די טאָטאַל-מעגליכע לעבנסצײַט, שלאָפֿט מען אײַן מנוחהדיק, אָן שום יסורים צי אַנגסטן, מיט צוטרוי צו דעם, וואָס ס׳קען געשען דערנאָך.

די נאַטור שטראָפֿט קיין מאָל ניט קיינעם נאָר באַלוינט תּמיד, ווײַל אַלץ איז מיט באַגערטע ראָלעס און פֿליכטן. נאָר אויב ניט רעאַגירט ווי געהעריק, זיך פֿאַרקריפּלט זעלבסט און עפּעס אַרום אָן אַבסאָלוטער נויטווענדיקייט, ווערט מען באַשטראָפֿט דורך זיך אַליין מיט יסורים, אַנגסטן און פֿאַרשיידענע אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע צרות.

כ׳קען ניט פֿאַרשטיין ווי אַזוי מ׳איז אַן אַטעיִסט, אַן אַנטי-אַלץ. ווער קען דען לייקענען אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ ממשותדיקעווירקליכקייט, אַחוץ אַזוי פֿיל פֿיקטיווע רעאַליטעטן ווי חלומות, טרוימען, פֿאַנטאַזמען און אילוזיעס. ווער קען לייקענען אַז ס׳זענען פֿאַראַן אַבסאָלוטע געזעצן פֿון וועלכע מע האָט אַן אַנונג, און מע ניצט עס אויס פּראַגמאַטיש, און נאָר אַ סך וואָס מע פֿילט און מע קען ניט באַגרײַפֿן? נו, אַז אויב ס׳איז עפּעס פֿאַראַן מוז עס דאָך זײַן פֿון ערגעץ, און אַן ערגעץ מיט אַ ווילן ס׳זאָל קענען זײַן. זאָל עס קומען פֿון נישטיקייט – איז דאָך נישטיקייט אויך שוין עפּעס

וואָס מע קען אַפֿילו לאַבאָראַטאָריש פֿאָרשן!

דער פֿרײַדענקערישער סנאָבן-אַטעיִזם איז לעכערליך, נאַריש. זײַן רעליגיעז מוז ניט מיינען זײַן פֿאַנאַטיש, מיט פּראָסעליטיזמען, יִחוס, מיִסיאָנען, דזשיהאַדס און אַנדערע אידיאָטיזמען. וואָס איז עס פֿאַר אַן אַבסורד דער „ראשית חכמה יראת אדוני"? אדרבא, „ראשית חכמה אהבת אדוני"! אַזוי גוט ווי מע דאַרף קענען לערנען יונגוואַרג דעם אופֿן ווי אַזוי גילטיק צו קענען לעבן, ערליך און גוט, דאַרף מען זיי לערנען שטאַרבן ווען די צײַט וועט קומען; לערנען סעקסועלע באַציִונגען; לערנען ליב האָבן געטליכקייט און בכלל ווי אַזוי צו זײַן תּמיד שמייכלענדיק, אָפּטימיסטיש, תּמיד גרייט צו שפּילן, זינגען, טאַנצן, פֿאַרברענגען מיט תּענוג, אַליין צי מיט פֿרײַנד, זײַענדיק שעפֿעריש אאַז"וו.

נידער מיט אַסקעטיזמען, מיטן על-חטאָוועץ, מיטן פּײַניקן גוף און נשמה! לעבן איז פֿרייד, ניט פּײַן.

סאָציאַלע רעזשימען מיט דיקטאַטורן, קלאַסן-פּריווילעגיעס, קלאַסן-קאַמף? מעגאַלאָמאַנישע עקספּאַנסיעס? אַגרעסיעס; טעראָר, לעגאַלער צי אַנאַרכישער באַנדיטיזם? פּאַראַזיטיזמען? קסענאָפֿאָביעס? מלחמות? – דאָס זענען פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שײַכות מיטן מענטש און זײַן אופֿן אָרגאַניזירן זיך, טאָלערירן שלעכטס און מיאוסקייט. ס'האָט ניט קיין שום שײַכות צו געטליכקייט, צו רעליגיע! איך בין פֿרום-רעליגיעז און האָב ליב געטליכקייט ניט-וויסנדיק ווער, וואָס דאָס איז. כ'טאָר עס ניט, וויל עס ניט, דאַרף עס ניט וויסן.

מיך אינטערעסירן ניט אַנדערע גאַלאַקציעס און זון-סיסטעמען, צי די סיבות און דעטערמיניזמען פֿון אַלץ וואָס איז; מיר געפֿעלט דער פּרעכטיקער פּלאַנעט, מיטן הימל און אַלץ וואָס איז דערין און דערויף. אַלע מענטשן זענען מיר ליב, אויב נאָר נאַטירליך, ערליך, אויפֿריכטיק און ניט מעגאַלאָמאַניש-אַגרעסיוו.

כ'פֿאַרגעס אַלץ וואָס איז געשען ביז איצט איבער די אידיאָטישע פֿירונגען פֿון לײַט מיט זייערע געשיכטעס, וואָס זענען ס'רובֿ היסטאָרישע געמיינקייטן און צרות, און כ'האָף אַז סוף-כּל-סוף מוז

זיך אַלץ ענדערן, אַז אונדזער בלויער פּלאַנעט זאָל סוף־כּל־סוף ווערן אַ גן־עדן פֿאַר אַלעמען, און דאָס וועט זײַן די רעאַליזאַציע פֿון משיחס צײַטן, נוסח רעליגיע און סאָציאַליזם, נוסח מאַרקסיזם פֿאַר וועלטליכע. און ס'איבעריקע איז גאַרישע ליטעראַטור, קאַפּיטאַליסטישער אָפּיום. יענע־וועלטיקע גליקן? מענטליק־מצוות פֿאַר געמענטשלטע געטער? פּאַגאַניזמען? געצנדינסטן, קאָנקרעטע אָדער אַבסטראַקטע מאַכערײַקעס צי אידעאָלאָגיעס? בוקעניש, קניקעניש, ווײַרעך, קרבנות פֿון באַשעפֿענישן זיך אויסצוקויפֿן פֿון געמיינע חטאָים? בלאָף און אַבסורד! דער וואָס פּראַקטיצירט אַזוינס איז ניט ווערט דעם נאָמען מענטש, און לעסטערט די וואָרע געטליכקייט.

אַלע טעאָלאָגיעס, טעאָגאָניעס, מיטאָלאָגיעס און אַפֿילו ויסנשאַפֿטליכע פֿאָרשונגען וועגן געטליכקייט, סיבה און ציל פֿונעם אוניווערס זענען זינד, אָן שום נויטווענדיקייט, און אומזיסטע מי; מע דאַרף עס ניט, מע קען עס ניט און מע וועט עס קיין מאָל ניט וויסן. נאָר די מאָראַליש־שיינע באמת פּראַקטישע אימפּעראַטיוון און רעקאָמענדירטע געזעצן זענען גילטיק פֿאַר אַ נאָרמאַלער, ערליכער, פּראַגמאַטישער און בכן גילטיקער עקזיסטענץ, פֿאַר אַלע נאָרמאַל־באַוווסטזיניקע, ערליכע, אויפֿריכטיקע לײַט.

קיין שום רעליגיע טאָר זיך ניט צוואייגענען עפּעס פֿון דעם וואָס פֿאַר מיר איז געטליכקייט. קיינער איז ניט מסוגל עפּעס צו וויסן דערפֿון און איז ניט באַפֿולמעכטיקט צו באַרעכטיקן אַ מין פֿונקציאָנאַריזם, מיט פּרעראָגאַטיוון און מעגליכקייט צו אורטיילן אָדער באַשטימען ווי אַזוי צו באַגרײַפֿן דעם צי דאָס, וואָס איז אַבסאָלוט אומבאַגרײַפֿליך פֿאַר מענטשליכע השגות. מע קען דאָס זעלבע זאָגן וועגן די וויסנשאַפֿטלער מיט אַלע זייערע דאָקטרינעס, מיט זייער מאַטעמאַטיק, אַסטראָפֿיזיק און פּערפֿעקטע מאַכערײַקעס, עקספּערימענטן, מיקראָ־ און עלעקטראָ־ צי ראַדיאָ־טעלעסקאָפּן. דאָס גריבלען זיך און דיאַלעקטעווען, רעליגיעז צי פֿרײַדענקעריש, אין די אַלע

פּראָבלעמען, האָט אַ שײַכות בלויז און נאָר מיט אינטערעסן, יחידישע אַמביציעזע עגאָיִזמען צי קלאַסן־פּריווילעגיעס, וואָס זוכן צו רייצן לײַט, פֿעלקער, ראַסן איינע קעגן די אַנדערע כּדי צו קענען פּראָפּיטירן פֿון זייערע לעקישעוואַטע פּירונגען, צעחושטע מיט סאָפּיסטישע אַרגומענטן און פֿיזישע ווי פּסיכישע דראָגן מיט פּאַטריאָטיזמען, שאָוויניזמען, קאָמפּעטיציעס, יחסנות און אידיאָטישע סנאָביזמען.

באַוווסטזיניקע, ערליכע לײַט דאַרפֿן וואָס גיכער זיך באַפֿרײַען פֿון די אַלע קאָמפּלעקסן, מאַניעס, פּסיכאָפּאַטיעס, אַנטי־דאָס און אַנטי־עפּעס־אַנדערשס; אַזוי אויך מיט די פּראָ־עפּעסן. מיט אַ בעזעם אויסרייניקן דעם פּלאַנעט פֿון אַלע **איזמען** מיט זייערע **איסטן** און וויסן נאָר איינס: דער פּלאַנעט איז גרויס און שיין, רײַך מיט אַל־דאָס גוטס פֿאַר אַלעמען. ווי אַ גאָרטן מיט פֿאַרשיידענע פֿלאַנצן און בלומען איז ער פֿול מיט פֿאַרשיידענע פֿעלקער און אָריגינעלע פּרעכטיקייטן אין אַלע הינזיכטן. איז געלעבט פֿראַנק און פֿרײַ, געזונט און פֿריילעך, אָן קריכן אין סטעלאַרע ספֿערעס, נוקלעאַרע גריבלענישן!

קען מען דאָס ניט באַווײַזן צו טון, איז ווען לײַט וואָלטן געווען לאָגיש אויסגעהאַלטן, ערליך און אויפֿריכטיק, סײַ די רעליגיעזע סײַ די פֿרײַדענקערישע, וואָלטן זיי געדאַרפֿט זײַן אײַנשטימיק מיט דעם כאָטש:

אַזוי ווי יעדער איז זיכער מיט זײַן דאָקטרינע, מיט זײַן אמונה, אַז ער האָט אויסגעפֿונען דעם וואָרן זין, דעם וואָרן גאָט, דעם וואָרן קאָסמישן סיסטעם פֿון אָרגאַניזירטן אוניווערס, פֿאַר וואָס זאָלן ניט אַלע אײַנזען אַז דער דאָזיקער געוועלטיקער, אין וועלכע פֿאָרמען צי אַספּעקטן –מיסטיש, פֿיזיש, מעטאַפֿיזיש, פּאַטאַפֿיזיש– ס'זאָל ניט זײַן, איז טאַקע איינציק, אָבער פֿאַרשיידענע לײַט ווענדן זיך צו אים, צי פֿירן אויס ווײַסנשאַפֿטליך, באַוווסטזיניק צי ניט, זײַנע באַגערן, פֿליכטן אָדער שליחותן, יעדער אויף זײַן אופֿן, מיט פֿאַרשיידענע ריטואַלן, צערעמאָניעס, לעבנס־שטייגערס: פֿרום, אַטעיִסטיש, גנאָסטיש, אַגנאָסטיש אָדער גאָרניט טועדיק

און טראַכטנדיק? אויב אַ גאָט מוז אָנקומען צום מענטש ער זאָל אים פֿאַרטיידיקן, איז ער זיכער ניט קיין וואָרער גאָט. און אויב ער אַליין טאָלערירט אַז יעדער זאָל אים ליב האָבן אויף זײַן שטייגער, איז עס דאָך זיכער אים ליב און אָנגענעם, טאָ זאָל אים ווויל באַקומען.

דער וויל זײַן פֿרום אין אַ קירך, יענער – אין אַ מעטשעט, אַ צערקווע, אַ סינאַגאָגע; קלינגען מיט אַ גלאָק, רופֿן פֿון אַ טורעם, שפּילן מיט אָרגלען, דרייען תּפֿילות מיט גרעגערס, זײַן אַן אַטעיִסט, בכלל ניט טראַכטן דערפֿון – זאָלן זיי עס טון, ווי זיי געפֿעלט. קיינער זאָל ניט קומען אורטיילן: דער איז גוט, יענער שלעכט; דאָס איז הייליק, דאָס פּראָפֿאַניש – יעדער קליידט זיך ווי אים געפֿעלט. קיינער קומט ניט זאָגן אַ צווייטן: האָב ליב בלויע צי גרינע קראַוואַטן, אָדער שוואַרצע צי געלע שיך.

מיט אַזאַ מין צוגאַנג וועלן לײַט האָבן אָפּשײַ פֿאַר יעדנס אופֿן עקזיסטענץ: יעדער טוט צו ליב דעם זעלבן גאָט לויט פֿאַרשיידענע אופֿנים. מע טאָר נאָר ניט טאָלערירן שלעכטס צי מיאוסקייט אין באַציִונגען פֿון איין מענטש צום צווייטן: דאָס צואייגענען זיך לופֿט וואָס אַלע דאַרפֿן עטעמען. אין דעם פֿאַל איז יעדער רעוואָלט באַרעכטיקט. אָבער ס׳רובֿ לײַט זענען דאָך נאַטירליך גוט און זוכן נאָר אַ מנוחהדיק לעבן, און די געמיינע ברואים זענען אַ מינדערהייט – איז לײַכט זיי צו ברענגען צום קלאָרן שׂכל און ניט לאָזן פֿירן אַ וועלט בײַ די נעז ווי בהמות אין שעכטהײַזער.

געוויס וועלן מײַנע אַרגומענטן ניט געפֿעלן די אַלע וואָס מאַכן אַ לעבן און פֿײַנע קאַריערעס מיט פֿיקציעס, מיראַזשן, בלאָף-טעאָריעס, היפּערבאָליזמען, באָמבאַסטיק, פּיסק-מלאָכה, פּאָליטיק-מיסטיפֿיקאַציעס, שאַרלאַטאַניזמען, טשאַקערײַ און מאַקיאַוועלישע מעטאָדעס; די גײַסט-אַפֿעריסטן, נשמה-כאַפּערס, אינטריגאַנטן, צוויי-פּנימדיקע קעפּ, און ווער קען אַלץ אויסרעכענען? דאָס איז גילטיק אין אַלע דיסציפּלינען: רעליגיעזע, וועלטליכע, אַפֿילו וויסנשאַפֿטליכע. מע טוט עס מיט

לאָגיק, מאַטעמאַטיק און קוואַנטיק! ניט טון אַזוי? – מילא, דאַרף מען ניט. איך טו ס׳מײַניקע, כ׳ווײַז אַ וועג מיטן וואָרענען: טוט אכטונג, לײַט. אַן אָפּגרונט איז נאָענט. גייט, גייט פֿאָרויס מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, און איר ווערט געניזוקט, רחמנא-ליצלן.

ניט צו פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס זאָל פֿאַר לײַט ניט זײַן אַלץ מיט צוטרוי, אַן שווינדל, אָן טעראָר, אָן העגעמאָניע, אָן עקספּאַנסיע-אַפּעטיטן? נעמען אַ בײַשפּיל בײַ מוראַשקעס, וואָס זענען זיכער קליגער און פּראַגמאַטישער, ווײַל אַ סך עלטער פֿונעם מענטשן-מין. כ׳קען בשום-אופֿן זיך ניט צוגעווינען צום הײַנטיקן לעבנס-שטייגער פֿון אַזוי פֿיל מיליאַרדן לײַט, מיט זייער אופֿן עקזיסטירן אַזוי פֿאַרקריפּלט, משוגע, אַבסאָלוט צעחושט אין אַלע הינזיכטן און אומשטאַנדן. דערין ליגט מײַן אייציקע טענה צום מײַסטער פֿון באַשאַף, ניט ווייסנדיק ווער, וואָס און ווו ער איז. ווי אַזוי קען ווערן טאָלערירט אַזוי פֿיל נאַריש שלעכטס, אַזוי פֿיל אידיאָטישע מיאוסקייט און אַזוי פֿיל אויסטערלישע מחשבֿות אַז דער מענטש איז אין גאָטס געשטאַלט – אַפֿילו מיט אַ זון וואָס לײַט קענען אומברענגען ווי זיי געפֿעלט!

מע מוז קומען צום אויספֿיר אַז אויב גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטש אין זײַן געשטאַלט, האָט דער מענטש באַשאַפֿן גאָט לויט זײַן השגה, און דאָס איז טראַגיש און לעכערליך! אָבער דאָס האָט ניט קיין שום שײַכות מיט מײַן פֿרומקייט, ווי מיט וואָרער געטליכקייט.

~❀~

**א**יך ווייס ניט וואָס איז דער תּכלית פֿון די אַלע מײַנע שרײַבעכצן אָדער שרײַבערײַען. אַזוי גוט ווי כ׳ווייס ניט וואָס, ווער, פֿאַר וואָס איך בין בכלל אין אַ פֿענאָמען: „וועלט". וואָס ס׳זאָל אָבער ניט געשען, וועט אינעם קאָסמישן אַלץ, מיט אַלע תּמידן און אייביקייטן, דאַר האָבן זיך מאַניפֿעסטירט אַן עפּעסל צי אַן עמיצל וואָס האָט זיך רעוואָלטירט קעגן גאַנצן אוניווערס מיטן פּראָטעסטירן קעגן אַן עקזיסטענץ וואָס מוז בלײַבן אומבאַגרײַפֿט פֿאַר דעם וואָס איז, קומט אויף און קומט אום ניט ווייסנדיק וואָס און ווען.

ס׳איז דאָך סקאַנדאַליעז צו טראַכטן: מ׳איז אין אַ וועלט – וואָס איז דאָס אַזוינס? ווער געוועלטיקט? פֿאַר וואָס קאַטאַסטראָפֿעס? פֿאַר וואָס תּמיד אַגרעסיעס, מאָרד? פֿאַר וואָס מוז איין לעבן זיך נערן מיט אַנדערע לעבנס? ווי אַזוי איז מעגליך אַזוינס? מע קען דאָך משוגע ווערן טראַכטנדיק פֿון דעם אַלעמען. פֿאַר וואָס איז אַ מענטש געשטראָפֿט מיט אַ באַוווסטזייַן? און אפֿשר בין איך שוין טאַקע משוגע קריכנדיק אויף די גלייַכע וועגט מיטן דווקא וועלן פֿאַרשטיין? אָבער דאָס אַלץ העלפֿט מיר גאָרנישט. כ׳בין אַ שטיק פּראָטעסט, אין פּערמאַנענטן רעוואָלט. ווער ווייסט וועלכע גיהנומס ס׳וואַרטן אויף מיר.

אָבער אפֿשר, אפֿשר, אויב ס׳איז דאָ אַ מייַסטערישער גוטער גאָט, ווייסט ער דאָך זיכער אַז כ׳האָב אים ליב און באַוווּנדער אים, ניט ווייַל כ׳האָב חלילה מורא פֿאַר אים, ניט צוליב בעטלען מחילה פֿאַר ניט-באַגאַנגענע זינד, נאָר ווייַל אויב ניט איז אַלץ כאַאָס, אַבסורד, צופֿעליקייט, פּאַראַדאָקס און ווער ווייסט וואָס נאָך אפֿשר ערגערס. אוי, ווי אַנטלויפֿט מען? מיט וואָס זיך טרייסטן? ווי געפֿינט מען אַ כּישוף-אַנעסטעזיע פֿאַרן געמיט?

מע דאַרף אַ טאָן מינעראַל-גרודעס אַרויסצובאַקומען פֿיר גראַם גאָלד. וויפֿל טויכונגען צו געפֿינען איין פּערל! וויפֿל גראָבן און נישטערן צו געפֿינען אַ דימענט! ערשט: גאָלד, פּערל, בריליאַנט זאָלן ווערן צירונג – וויפֿל ווירטואָזיטעט, קענטעניש און מי! געפֿינען ביי אַ מחבר פֿיל ביכער מיט חכמה, פּאָעטישן עקסטאַז און נאָך עפּעס, וואָס מע קען נאָר פֿילן אָבער ניט געפֿינען קיין ווערטער דאָס צו דערקלערן, איז דאָך אַן אַבסורד! ווער געפֿינט געשליפֿענע בריליאַנטן און גאָלדענע רינגען צי דיאַדעמעס – אין גרודעס? בכן, אויב אין מייַנע אַלע ביכער וועט עמיץ געפֿינען אַ ניצוץ עפּעס גילטיקס, איז ווערט געווען די גאַנצע מי.

ניט לעסטערן געטליכקייט מיט קליין-קעפּלדיקע השגות וואָס אַ מענטש איז מסוגל צו האָבן וועגן דעם. ניט לעסטערן מיט רעליגיעס, טעאָלאָגיעס, טעאָגאָניעס, פֿאַנאַטיזמען, טעמפּלען, ריטואַלן, צערעמאָניעס. ניט קומען מיט קיין תּפֿילות פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע גאָטס-סטראַפּטשעס און אַפֿילו פֿון יחידים, זעלטן אויפֿריכטיקע, ערליכע, כּדי זיך אויסצוקויפֿן פֿון זינד מיט פּיקטיווע חרטות, צינישע חניפֿות און כּאַבאַר-קרבנות. געטליכקייט איז גרעסער, וויכטיקער פֿון אַלע אַנטראָפּאָמאָרפֿיזמען. ניטאָ קיין פֿאָנעמען פֿאַר אַזאַ נאָמען. ניטאָ קיין מחשבֿה וואָס זאָל קענען טראַכטן דערפֿון.

דעם מענטש איז געגעבן אַ פּלאַנעט מיט אַ סכום דויער, און זיכער מיט פֿליכטן, אָבער אויך אַ פֿרײַער ווילן מיט מעגליכקייטן צו געוועלטיקן איבער און אין דעם, און אַפֿילו אומקומען פּריצייטיק אויב באַגערט. זאָל זײַן עפּעס שלעכטס און מיאוס, איז עס תּמיד דעם מענטשנס שולד. קיינער קען עס אים ניט מוחל זײַן. גן-עדן און גיהנום זענען אין זײַן רשות דאָ אונטן אויפֿן פּלאַנעט, אָבער זיכער איז אַז געטליכקייט וועט ניט טאָלערירן קיין פּערמאַנענטע פּאַרקריפּלונגען אין קיין שום הינזיכטן.

מע קען אָנרופֿן געטליכקייט מיט וואָס פֿאַר אַ טערמינאָלאָגיעס מע וויל, ווײַל דאָס ענדערט גאָרנישט אין דעם אויבן געזאָגטן. זיך אײַנרעדן אַז עמיץ צי עפּעס ניט-באַגרײַפֿטס, וואָס האָט צו טון מיט אומענדן, אייביקייטן, אוניווערסן, זאָל פֿירן דיאַלאָגן מיט אַן עפּעמעריש באַשעפֿעניש וואָס גרייסט זיך מיט זײַן האָמאָ-סאַפּיענזיזם, איז לעכערליך. ער זאָל קוקן אין זײַן טעלער וואָס ער עסט, ווי אַזוי ער קליידט זיך, צי ער זינדיקט אָדער ניט – איז פּשוט קאָמיש. אַפּשײַ און ליבשאַפֿט צו דער אומבאַגרײַפֿטער געטליכקייט, וואָס באַווייליקט מיר זאָלן קענען זײַן און קענען אַפֿילו טראַכטן וועגן דעם אַלעמען. ניט פֿאַרגעצן, ראַציאָנעל צי מיסטיש, מיט אידאָלן, קרעדאָס, פֿעטישיזמען, פּראָסעליטיזמען, אַתּה-בחרתּניזמען און נאָך אַזעלכע **איזמען** צי **איסטן** – ס'איז אַן אַבסורד! געטליכקייט איז אַבסאָלוטע

הייליקייט, וואָס מע קען ניט און מע טאָר ניט אַפֿילו אַרײַננעמען אין מענטשליכע לשונות צי השגות. ס׳איז אויסער און איבער דעם אַלעמען, אַפֿילו ווען מע טראַכט פֿאַנטאַזיסטיש, איינשטייניש צי ווי עמיצן קען אײַנפֿאַלן.

פֿרום איז מען מיט אַ גילטיקער, ערליכער עקזיסטענץ וואָס איז כּולו דאַנקבאַרקייט און ליבשאַפֿט צום באַשאַף און ממילא צו דעם, וואָס איז גורם אַז אַזוינס זאָל קענען געשען.

ניט קומען צו אים מיט אינטערעסן צי פּראָבלעמען פּיזישע, פּסיכישע אָדער מאַטעריעלע. דאָס הייסט לעסטערן די דאָזיקע געטליכקייט, די אַבסאָלוטע הייליקייט. דער גאַנצער אוניווערס, דער גאַנצער פּלאַנעט איז אַ בית-מקדש; יעדעס באַשעפֿעניש און אפֿשר יעדער נוקלעאָן – אַ כּהן-גדול; יעדע רגע עקזיסטענץ – אַ תּפֿילה.

זאָל יעדע רגע לעבן ווערט זײַן די זכיה צו קענען עקזיסטירן אין אַ וועלט מיט אַזוי פֿיל רעאַליטעטן, מעגליכע תּענוגים, עקסטאַזן און אָרגאַזמען אַפֿילו. און בעסער נאָך: צו קענען באַוווסטזיניק טראַכטן וועגן דעם, און ניט נאָר טראַכטן, נאָר קענען זאָגן און פֿאַרשרײַבן אַז אַנדערע זאָלן קענען דאָס באַגרײַפֿן.

ווי אַזוי זעט מען ניט אַז פּערוועזע אינטערעסן, קאַסטעס, ביצן אויס די פּלומרשטע השגות וועגן געטליכקייט, וואָס איז אַ סוראָגאַט פֿאַר פֿרומקייט, ווי מע ניצט אָפּיומס – פּיזישע, פּסיכישע, מאַטעריעלע, אינטעלעקטועלע, צו קענען עקספּלואַטירן, פֿאַרפֿירן נאַיווע לײַט און פּאַראַזיטעווען ציניש, היפּאָקריטיש, אַזוי זיבעצן טויזנטער דורות. געפֿינט זיך אַ מאָל ערגעץ אַ מענטש מיט אַ קלאָרן, גוטן שׂכל, און פּראָקלאַמירט, אַפֿילו מיט סילאָגיזמען, גילטיקע אידעאַלן, ווערט אַזאַ מחבר ס׳רובֿ געממיתט און זײַנע רייד ווערן עקזעגעטיש אַזוי קאָמענטירט און סעמאַנטיש פֿאַרדרייט, אַז דאָס גיט אַ געלעגנהייט מער נאָך אויסצוניצן די נאַיווע לײַט לטובֿת זייערע פּריווילעגיעס און עגאָאיסטישע אינטערעסן.

איך בין זיכער פֿרימער פֿון די רעליגיעזע גורוס, שאַמאַנס און

דאָסגלײַכן פֿון אַלע רעליגיעס, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך נאָר ניט אָנרופֿן. איך דאַרף ניט קיין שום קרעדאָס, קיין גנאָסן, אַני-מאַמינס, הייליקע שריפֿטן און אַבסאָלוט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות דערמיט אין אַלע, בפֿירוש אַלע הינזיכטן. איך זינדיק ניט און דאַרף ניט קיין שום מחילה. כ'דאַרף ניט אַז עמיץ זאָל אומקומען כּדי מיך אויסצולייזן פֿאַר חטאָים. איך דאַרף ניט קיין געטליכע הילף משיח זאָל קומען. אויב לײַט ווילן משיח זאָל קומען, איז עס אַ פּראָבלעם פֿון אייגענעם ווילן, ווײַל די מעגליכקייטן זענען אין זייער רשות.

ליידער זעט מען גוט אַז לײַט האַלטן גאָרנישט אַזוי שטאַרק ס'זאָל זיך עפּעס ענדערן. דעמאָקראַטיש, לעגאַל, מיט נאָרמאַלע וואַלן, קלײַבן בהמות אויס פֿאַר זייערע פֿירערס תּמיד אַ שוחט. היטלער איז ניט געוועזן קיין אוזורפּאַטאָר, נאָר געוויילט דורך די דײַטשן און נאָרמאַל איבערגענומען די מאַכט פֿון מאַרשאַל הינדענבורגן, ווי יעדער רײַכסקאַנצלער. אַזוי געשעט עס אומעטום.

ס'איז פּונקט אַזוי נאַריש צו זײַן אַן אַטעיִסט פֿאַר אַ מאַרקסיסט צי כּלומרשטן פֿרײַדענקער, ווי דאָס בוקן און קניקסן און תּפֿילה טון מיט ליכט און ווײַרעך, געזונגען צי געוויינט פֿאַר אַ בילד, אַ סטאַטוע צי אַן אַנדערן סימבאָל. בעסער (צי ערגער) נאָך: לײַט באַליידיקן זייערע כּלומרשטע געטער, וואָס זיי האַלטן יעדער ווי דעם איינציקן אָמנימעכטיקן גאָט, מיטן האַלטן זיך פֿאַר באַרעכטיקטע אים צו פֿאַרטיידיקן קעגן עמיצן וואָס איז ניט אײַנשטימיק מיט זייערע השגות. לאָגיש וואָלטן זיי געדאַרפֿט טראַכטן: אויב גאָט טאָלערירט אַפֿילו אַטעיִסטן, מסתּמא אַרט עס אים ניט. טאָ וואָס זאָלן זיי דאַרפֿן פּראָסעליטיזמען, שמדיזמען, מיסיאָנערן, קרײַצציגלער, דזשיהאַדס און דאָס גלײַכן? נאָר גיי זוך לאָגיק און שכל בײַ לײַט וואָס ווייקן זיך אין אַבסורדע עגאָיִזמען ווי ... נו, בעסער ניט באַליידיקן די נעבעך אָרעמע, וואָס האָבן שוין אַזוי אויך גענוג צרות, אַנגסטן און קאַטאַסטראָפֿעס.

≈❀≈

די עקשנות, די מי און דאָס אַלץ וואָס כ'האָב געטון און טו ווײַטער זינט כמעט אַכציק יאָר באַוווּסטזיניקע עקזיסטענץ, דווקא צו וועלן פֿאַרעפֿנטליכן מײַנע שריפֿטן, וואָס זענען ניט קיין ליטעראַטור נוסח מאַסע-מעדיאַס צי פֿאַר ספּעצן, נאָר אַ קריטיק מיט אַ וועלן דערלעבן צו זען, אַז מענטש זאָל זיך באַפֿרײַען פֿון זײַנע פֿאַנאַטיזמען, קאָמפּלעקסן, פֿיקציעס, פֿאָביעס און סתּם פֿאַראַנאָיע-אידיאָטישקייט – איז אפֿשר אַ באַווײַז, אַז עפּעס צי עמיץ וויל דאָס זאָל געשען. וויפֿל כ'זאָל זיך ניט וועלן צי פּרוּוון באַפֿרײַען פֿון די דאָזיקע פּסיכאָפּאַטישע באַגערן, העלפֿט עס מיר ניט. ס'מוטשעט, מאַטערט, פֿאַרשאַפֿט מיר קאָפּ-דרייעניש. עפּעס אַ דיבוק אינספּירירט מיר נאָך אַנאַנד תּמיד נײַע אַרגומענטן, און כ'פֿיל זיך ווי אַ מין יונה, וואָס וויל זיך אַרויסדרייען פֿון אַ מין שליחות און קען עס ניט באַווײַזן. וואָס גייען מיר אָן די פֿאַרפֿירטע, משוגענע, פּערוועזע, היפּאָקריטישע לײַט וואָס פֿילן זיך גוט ווי חזירים אין די רינשטאָקן? אויב עס געפֿעלט זיי די אַקטועלע ציוויליזאַציע, מיט אירע עקאָנאָמישע, רעליגיעזע און ספּיריטועלע רעזשימען...? אָבער איך, לעקיש, מוז זײַן דער, וואָס רופֿט צו רעוואָלטירן זיך קעגן גאָט אַליין אַפֿילו. זאָל איך אַזוי שוין פֿאַרתּכלעווען מײַנע לעצטע יאָרן און אפֿשר טעג? ווו געפֿינט מען אַ רופֿא, אַ זנאַכער צי אַ טאָטער וואָס זאָל מיך אויסהיילן פֿון דער דאָזיקער קרענק? קען זײַן אַז מיט אָפּשפּרעכן אַן עין-הרע קען מען אויך עפּעס אויפֿטון, אָבער ווו בעמט מען הײַנטיקע צײַטן עמיצן וואָס זאָל קענען אָפּשפּרעכן אַן עין-הרע: נעמען אין דער האַנט אַ רויטע פֿאַטשיילע און שפּײַענדיק דרײַ מאָל אַרום דעם חולה, זאָגן וואָס מע דאַרף? דער יונהיזם רייצט מיך, און כ'ווייס ניט ווי אַזוי ווערט מען דערפֿון פּטור.

~❀~

כ'קען ניט תּופֿס זײַן פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל לײַט, אומעטום, אויף אַלע קאָנטינענטן, פֿילן זיך תּמיד זינדיק, על-חטאווען נאָך אַנאַנד, בעטן מחילה, זוכן זיך אויסצוקויפֿן פֿאַר כ'ווייס ניט וועלכע זינד מיט תּפֿילות, תּעניתים, אַסקעטיזמען. מ'האָט זיי אײַנגערעדט

אַז זייערע צרות, אַנגסטן און נויט שטאַמען פֿון זייער שולד. זיי באַגרײַפֿן ניט, אַז די פּריווילעגירטע קלאַסן, מיט דער הילף פֿון פֿאַרשיידענע רעליגיעס אומעטום, פֿאַרטשאַקען זיי, נאַרן זייער נאַיִוויטעט.

נאַרישע בהמות וואָס ניט נאָר זיי לאָזן זיך מעלקן, שינדן, נאָר גייען פּאַטריאָטיש אַליין אין די שעכטהײַזער! אַזוי פֿיל טעמפּלען, קלויסטערס, סטופּאַס, מעטשעטן, און אַזוי פֿיל גאָטס-סטראַפּטשעס, אַזוי פֿיל צערעמאָניעס, ריטואַלן: בוקעניש, קניקעניש, שאָקלען זיך, מיט עגאָיִסטישע פּאַראַנאָיע-פֿאַנאַטיזמען!

ווי אַזוי זעען לײַט ניט אײַן, אַז דער מענטש איז אַבסאָלוט פֿרײַ אויפֿן פּלאַנעט, מיט אַזוי פֿיל מעגליכקייטן צו קענען עקזיסטירן ווי אין אַ וואָרן גן-עדן! וואָס קומען זיי נאַריש-נאַיִוו צו געטליכקייט מיט זייערע קליין-קעפּלדיקע אינטערעסן, זיך באַקלאָגן און בעטן רפֿואות פֿאַר די צרות, קרענק וואָס זיי פֿאַראורזאַכן זיך זעלבסט! ווי אַזוי קענען זיי טראַכטן אַז אַ גאָט, וואָס האָט צו טון מיט אוניוווערסן, ווו גאַלאַקציעס זענען שטויב, וועט זיך פֿאַרנעמען מיט זיי, צי עמיץ טראָגט אַ שטרײַמל, צי ער איז זיך מתוודה בײַ אַ גלח, צי ער דרייט תּפֿילה-מילן!

אומעטום אַזוי פֿיל געבעט-הײַזער, אַזוי פֿיל בעל-תּשובֿהס כּלומרשטע! ווײַל ס'רובֿ זענען זיי היפּאָקריטיש פּערווערז, מיטן קומען אויסנאַרן מחילות, נעמען דעם, וואָס זיי האַלטן פֿאַר גאָט, פֿאַר אַ מין מענטשליכן יאָלד וואָס מע קען נאַרן.

ריכטיקער וואָלט געווען, ווען אַ גאָט וואָלט געדאַרפֿט בעטן מחילה בײַם מענטש, זײַן ווערק, וואָס איז פֿאַרקריפּלט מיט שלעכטס און מיאוסקייט. וואָסי! ער איז ניט מסוגל צו שאַפֿן אַ פֿולקאָם ווערק!

אַנשטאָט צו גריבלען זיך אין כּלומרשט הייליקע ספֿרים מיט זייערע עקזעגעטן און קאָמענטאַטאָרן, אַזוי אין אַלע רעליגיעס, וואָלטן זיי בעסער געלערנט דעם מאַרקסיזם מיטן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, די סיבות פֿון קלאַסנקאַמף, און פֿאַר וואָס ניט די ווערק פֿון אַ פֿוריע, אַ קראָפּאָטקין צי אַ טאָלסטאָי, אַפֿילו ניט

ראָמאַנסירטע, נאָר דעם תּוך פֿון זייערע מחשבֿות און אידעאַלן, וואָס זענען נענטער צו די לוחות, די נבֿיאים און דעם פֿאַרגעייִשטן ישו בתוכם, ווי די אַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿרומאַקעס מיט זייערע פּראָסעליטיזמען, עקספּאַנסיעס, מיסיאָנערן און דזשיהאַדס. אין דער הינזיכט איז ייִדישקייט, אַחוץ דעם פֿאַנאַטיזם, אַן אויסנאַם, וואָרן בײַ ייִדן איז קיין מאָל ניט געווען קיין פּראָסעליטיזם.

אָבער דאָס אַלץ וואָס איך זאָג איז צו פּשוט, איינפֿאַך. לײַט האָבן ליב עפּעס וואָס איז מיט אַן **איזם**, פּראָקלאַמירט פון **איסטן**. ס'איבעריקע איז ליטעראַטור.

~❀~

ראַדיום, פּאַלאַניום, טאָריום, ראַדאָן, מיקראָקורים, מיליקורים, פּיקאָקורים, בעקערעלס, רעהמס, ראַדס און ווער ווייס וואָס נאָך פֿאַר אַ מינים אָנשיקענישן מיט אויסטערלישע נעמען, באָמבאַרדירט פֿון אויבן מיט קאָסמישע שטראַלונגען, צענטריפֿוגיש, צענטריפּעטיש, מיט מאַגנעטיזמען און ווער ווייס וואָס נאָך פֿאַר אַ מין ענערגיעס, גראַוויטירט, געצויגן, געשפּיגן מיט לאַוועס, מיט הוראַגאַנען, מיט טײַפֿונען געריסן – אַזוי אינעם גראַניט, אין וואַסערן און גייזערס, און אַזוי אין וויסנשאַפֿט מיט כעמישן פּראָגרעס און נוקלעאַרער טעכניק. וויי איז אונדז, דער קאָסמאָס איז אַגרעסיוו!

אַלץ זוכט אומקום פֿאַרן פֿענאָמען לעבן, אין אַלע אַספּעקטן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ ווירוס פֿון שלעכטס, געקומען פֿון אומבאַגרײַפֿטע ערגעצן. אַ משוגע-געוואָרענער אוניווערס פֿאַרגינט ניט אונדזער עקזיסטענץ. אפֿשר וויל אַזוי אַ גאָט בנקמה נעמען פֿון די כלומרשטע חכמים פֿאַר זייער בײַגיר און זוכן די סודות פֿון בראשית? אפֿשר האָט זיך די גאַנצע ביאָספֿערע פֿאַרזינדיקט און ס'קומט אַ נײַער מין מבול? אַזוי פֿיל סימפּטאָמען פֿון אַ קומענדיקן אַפּאָקאַליפּס! פֿיזיש, פּסיכיש – אַנגסט און משוגעת, און נישטאָ וווּ צו אַנטלויפֿן, נישטאָ צו וועמען זיך צו ווענדן מיט תּפֿילות, מיט חרטות, בפֿרט אַז מע ווייס ניט מיט וואָס

מע האָט געזינדיקט.

ס׳קען דאָך ניט זײַן אַז אַזאַ פֿענאָמען ווי די וועלט, דער אוניווערס, זאָל זײַן הפֿקר, אָן אַ מײַסטער, אָן אַ שופֿט, אָן יושר, אָן רעכט. ווו קען מען געפֿינען אַ צוואַנגיאַקע פֿאַר אַ קאָסמישן אַלץ?

~❁~

ווײַזט אויס, ניט נאָר דער קיִניזם איז אַן אוניווערסאַלער פֿענאָמען, נאָר דער מאָרד-קאַרנאַוואַל פֿון נערן זיך מיט אַ צווייטנס לעבן איז ווײַזט אויס גילטיק אַפֿילו אין קאָסמישע דימענסיעס. ווי די אַסטראָפֿיזיקער און אַסטראָנאָמען באַווײַזן, זענען פֿאַראַן גאַלאַקציעס וואָס שלינגען אײַן אַנדערע גאַלאַקציעס, שוואַרצע תּהום-לעכער וואָס פֿרעסן אויף ניט נאָר פּשוטע שטערן, נאָר אַלץ וואָס קומט זיי אונטערן אָפֿענעם פּיסק. דאָס זאָל הייסן אַנטי-שטאָף, וואָס נערט זיך מיט סובסטאַנצן, עסענצן און ווער ווייסט וואָס?

ביִאָספֿערעס זענען פֿול מיט ווירוסן, מיקראָבן פֿאַר פּלאַנעטן, און פּלאַנעטן זענען ווי פּלאַנקטאָן פֿאַר קאָסמישע קאַניבאַלן. ס׳באַפֿאַלט אַ פּחד צו טראַכטן, אַז אַן אוניווערסאַל משוגעת מיט קראָקאָדילישע, טיגערישע אַפּעטיטן, געוועלטיקט אומעטום. וועלטן פֿרעסן וועלטן; אַ נאָוואַ טוט אַ בלענד און ווערט אײַנגעשלונגען אין אַ שוואַרצער נישטיקייט. אַ וווּנדער איז נאָר, ווי אַזוי קען זיך מאַניפֿעסטירן אין אַ מיני-גאָרנישטל דערין, אין אַ מענטשל, אַזאַ מין מחשבֿה, מיט אַ קריטיק, מיט אַ פּראָטעסט, מיט אַ באַגער ס׳זאָל אַנדערש זײַן. געוואַלד, גאָטעניו, ווו ביסטו, ווי אַזוי קען דאָס אַלצדינג געשען, וועלכער רופֿא קען דאָס היילן? וועלכער משיח קען באַפֿרײַען דעם אוניווערס פֿון דעם דאָזיקן ווילדן משוגעת?

~❁~

**ווי**פֿל מאָל שוין באַשלאָסן: מײַנע שריפֿטן מוזן זײַן כּולו-דימענט, אָביעקטיוו, שטרענג-דורכגעקוקט, געמנומען אַ קריטיק-האַמער און געקלאַפּט, געשלאָגן וויפֿל געקענט. אַלץ וואָס קען ווערן צעקרישלט איז פֿאַלש, סוראָגאַט, ניט ווערט צו הייסן צירונג בײַ אַ יוועליר אַ מבֿין. דאָ, איז גענומען, געלײַטערט, אויסגעבעסערט, דאָ באַשטימט מיט אַ O.K. און דאָ אַוועקגעוואָרפֿן – ס׳טויג ניט.

ווײַזט זיך אָבער אַרויס, אַז ס׳רובֿ איז דער האַמער פֿון גומע אָדער האָלץ. נו, איז איצט די אולטימע צײַט, קודם צו זען צי דער האַמער איז באמת שטאַרק, פֿון שטאָל, און איידער כ׳פֿאַרשווינד און קען עפּעס טון מיט מײַנע מײַסטערווערק, וועל איך ווידער פּרוּוון לייגן יעדעס פּיצל פּאַפּיר מיט דער מחשבֿה אויף אַ קאָוואַדלע. בישטאָ קיין אָרט פֿאַר קאָמפּראָמיסן מיט לאָגיק, פּערפֿעקציע.

טאַקע, טאַקע; פֿײַן געזאָגט! דימענט! נו, און דאָס וואָס איך שרײַב אָט איצט – וועט עס זיך קרישלען, צי קענען ווערן בריליאַנט? אָבער ווי איך זע, וועט עס מיר שוין גאָר ניט העלפֿן. קיין שום דאָקטער, טאָטער צי כּישוף-מאַכער וועלן ניט עפּעס קענען אויפֿטון. ווײַל זיבט מײַנע יונגע יאָרן לײַד איך פֿון גראַפֿאָמאַניע. ס׳איז אַ חולאַת ווי אַלע קרענק, מיט קריזיסן וואָס באַפֿאַלן און מע קען ניט מײַדן, קעגן וועלכע מע האָט נאָך ניט געפֿונען קיין אַנטידאָט, קיין פּעניצילין צי אַן אַנדער רפֿואה. מילא, אַז מע מוז לײַדן, ווי למשל פֿון אַ הויקער צי פֿון געשיקלטע אויגן, איז דאָך נישטאָ וואָס צו זאָגן.

~❀~

**ג**אָט, וועלט, מענטש, ענערגיע, עסענץ, סובסטאַנץ, עקוואַציעס, מאַטעמאַטיק, פֿילאָזאָפֿיעס, רעליגיעס, רעאַליטעטן, פֿיקציעס, חלומות, דמיונות, פֿאַנטאַזמען, מיט אַלץ וואָס מע קען טראַכטן און פֿילן מיט חושים צי מיט אינטויִציעס; אומקום און אויפֿקום מיט אַלע עוואָלוציעס, סטאַטיק און דינאַמיק – פֿאַראַן

װאָרשײַנליך נאָר אײין עלעמענט אין אַבסאָלוט אַלץ: לעבן.

אַלע פֿענאָמענען װאָס מאַניפֿעסטירן זיך אין אַלע פֿאָרמען און אַספּעקטן, באַגרײַפֿטע פֿונעם שכל צי ניט – זענען אַספּעקטן פֿון דעם דאָזיקן אײנציקן מעגליכן עלעמענט: לעבן. אין אַ תּהום מיט אַלץ װאָס דערין, װי אין קאָסמאָסן, אין אַלע דימענסיעס, תּמיד דינאַמיש, אין באַװעגונג, ענדערונג, פֿאַרװאַנדלונג; תּמיד געדולדיקע עקשנות, תּמיד ספּאָנטאַנע קאַטאַסטראָפֿעס, אָבער קײן מאָל ניט מנוחהדיק, פּאַסיװ, סקלעראָזירט, אַטאָניש.

קומען אום אַ זאָמען, אַ ספּערמאַטאָזאָיד, אַ צװיט, אַ בלעטל פֿון אַ בױם, אַ פּרי, צי אַ װאַלד, אַ פּלאַנעט צי אַ גאַלאַקציע – אַלץ עפּעמערישע אינצידענטן. ס׳פֿאַרלוירענע כּלומרשט װעט זיך צוריקגעפֿינען אין עפּעס אַנדערש, װײַל לעבן דויערט אײביק.

דאָס דאָזיקע לעבן, װאָס איז דער אַבסאָלוטער אַלץ, איז ניט אַ מין שפּינאָזישער פּאַנטעיִזם װאָס קען װערן פֿאָרמולירט מיט מאַטעמאַטישע טעאָרעמען, פּאַראַגראַפֿירט מיט געאָמעטרישע עקװאַציעס, אַ מין אוניװערסאַלע אָרדינאַטאָריזירטע מעכאַניק מיט אַ ראַבאָטיזירטער געטליכקײט. גאָט, װעלט, מענטש מיט זײַן באַװוסטזײַן – זענען נאָר אַספּעקטן פֿונעם אוניװערסאַלן לעבן.

פֿאַרװאָס קען דאָס אַלץ געשען? װי לאַנג קען עס דויערן? פּראָקלאַמירן אַז ס׳לעבן איז אַן אינצידענט, אַ צופֿעליקײט אין די אַמאָליקע אָקעאַנען צי זומפּן? אָדער אײַנשטײניש באַװײַזן אַז צײַט און אָרט זענען אײנס מיט ענערגיע און מאַסע? איז אַן אַבסורד! אַפֿילו די מחשבֿות פֿון אַ גאַליליי, ניוטאָן, קעפּלער, פּלאַנק, מינקאָװסקי צי אײַנשטײן און אַנדערע, מיט די פֿון אַן אַקענאַטאָן, שפּינאָזע, צי דער בעל-שם-טובֿ, מיט דעם װאָס איך טראַכט און פֿאַרשרײַב דאָ – דאָס אַלץ זענען נאָר פֿענאָמענען פֿונעם אוניװערסאַלן לעבן.

װי האָט שױן געזאָגט ספּענסער? מיר זענען בשום אופֿן ניט מסוגל צו באַגרײַפֿן דעם מהות, דעם זינען פֿון דעם דאָזיקן סוד, דעם אוניװערסאַלן אַלץ פֿון לעבן, אָרט און צײַט. דאָס קענען זיך גריבלען אין די דאָזיקע פּראָבלעמען איז נאָר אַ באַװײַז, אַז דער

מענטש איז אַ ביסל, פֿאַרהעלטענישמעסיק, פֿרײַער צו קענען טראַכטן וואָס אים גלוסט זיך, און אַפֿילו ענדערן עפּעס אַרום זיך, אין זײַן סבֿיבֿה, אין דער בּיאָספֿערע.

דאָס ענדערט אַבסאָלוט גאָרנישט אין זײַן ראָלע צי אין זײַן גורל. מיט זײַן ווידערשפּעניקן און זײַנע שקאַצישקייטן פֿאַרקריפּלט ער זיך פֿיזיש און פּסיכיש, און ווערט געשטראָפֿט מיט יסורים, אַנגסטן און פֿריצײַטיקן אומקום. מיט דעם וואָס איך זאָג בין איך ניט קיין אַפּיקורס צי צינישער גולם.

אדרבה, דאָס וואָס איך קען אַזוינס טראַכטן איז אפֿשר אַ ווונק: קריך ניט, גולם, אויף די גלײַכע ווענט! פֿאָלג מיט אָפּשײַ און ליבשאַפֿט דעם צי דאָס וואָס דערמעגליכט זאָלסט בכלל קענען עקזיסטירן; באַרויִק זיך, טו דײַן פֿליכט און וואַרט: אפֿשר וועסטו, מענטש, אַ מאָל דערזען אַז אַלץ איז פּשוט, קלאָר. דאָס קען געשען מיט מיליאָנען דורות שפּעטער אַ מאָל, אָבער אויב דו, יחיד, קענסט עס ניט באַווײַזן, וועט עפּעס פֿון דיר אין אַנדערע, עוואָלוּירטע דורות דאָס יאָ וויסן.

שפּילט זיך, חכמים, מיט וויסנשאַפֿטן, רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס, יעדער מיט זײַן טעאָריע, זײַן דאָקטרינע, זײַנע אַרגומענטן, זײַן דיאַלעקטיק, זײַן רעטאָרישע אַקראָבאַטיק – ס'איז ווי געשטויסן וואַסער, אָדער ווי מאָלן ווינט. לאָגישער, גילטיקער וואָלט געווען, ווען לײַט זאָלן אײַנזען אַז גלײַכער איז צו מאַכן אַ ביסל אָרדענונג אין די יחידישע צי סאָציאַלע רעזשימען, אין אַלע פֿיזישע און פּסיכישע היבזיכטן. דאָס איז וויכטיקער ווי ס'דראַפּען זיך אויף גליטשיקע, משופּעדיקע פֿעלדזן, צי ס'גריבלען זיך אינעם חושך פֿון לאַבירינטן, אָן שום מעגליכן אויסוועג, מיט צעשטערן אַזוי פֿיל וועלדער, פֿאַרוואַנדלטע אין פּאַפּיר צו פֿאַרשרײַבן אַזוי פֿיל סאָפֿיסטישע אמתן, און דאָס איז אַ סקאַנדאַל און געפֿערליך פֿאַר דער בּיאָספֿערע.

זײַ מיר מוחל, ביצוץ פֿונעם בוים, וואָס האָט אפֿשר שטומע טענות אינעם פּאַפּיר ווו כ'פֿאַרשרײַב ס'דאָזיקע. כ'בין אָבער מחויבֿ דאָס צו טון; ווען ניט וואָל איך ניט געווען מסוגל אַזוינס צו האָבן אין

זינען. כ׳האָב עס שוין ניט איין מאָל געטראַכט, געזאָגט צי געשריבן, אָבער כ׳וויל זײַן ווי דער האַמער וואָס שלאָגט נאָך אַנאַנד אין אַ טשוואָק: ער מוז אַרײַן אין קלאָץ צי אין דער וואַנט. אַפּילו ווען קעפּ פֿון לײַט זאָלן זײַן גראַניט, וועט עס אַ מאָל דאָך דרינגען דערין. לעכערן ניט טראָפּנס פֿעלדזן?

≈❁≈

כּבוד דעם מענטש – עפּעס אין באַשאַף וואָס קען פֿרעגן, ניט ווּיסנדיק אַפּילו ווּעמען: פֿאַר וואָס מוזן זײַן נאַטור-קאַטאַסטראָפֿעס, ערד-ציטערנישן, וווּלקאַנען מיט פֿײַער-לאַוועס, שטורעמס, שׂריפֿות געצונדענע דורך בליצן, מגפֿות, מלחמות, צעיוכעטע באַרבאַרן נוסח היטלער, סטאַלין, דזשיהאַד, משוגעים...?! פֿאַר וואָס מוז לעבן זיך נערן מיט לעבן? פֿאַר וואָס פֿאַרתּכלעוּוען אַזוי פֿיל זאָמען איין פֿלאַנץ זאָל קענען שפּראָצן? אַזוי פֿיל ספּערמאַטאָזאָידן איין באַשעפֿעניש זאָל קענען ווערן? און אפֿשר איז עס אַזוי מיט אַלץ אינעם אוניווערס, אין אַלע דימענסיעס און תּמיד – פֿאַר וואָס מוז עס אַזוי זײַן?

די רעליגיעזע קענען זיך טראַכטן: לײַט האָבן געזינדיקט און גאָט שטראָפֿט זיי, ווי מיטן מבול. אָבער אין נאַטור-קאַטאַסטראָפֿעס קומען אום אַזוי פֿיל לעבנס, אַזוי פֿיל באַשעפֿענישן, פֿלאַנצן ווערן צעשטערט – מיט וואָס האָבן זיי זיך פֿאַרשולדיקט? פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל חורבן, אומגליק, אַנגסט, פּײַן, רעוואָלט, פּראָטעסט, ניט ווּיסנדיק ווּ און צו ווּעמען זיך צו קענען ווענדן? ווי אַזוי באַגרײַפֿן אַז אַן אָמנימעכטיקער מײַסטער זאָל ניט האָבן קיין באַוווּסטזײַן פֿון רעכט, יושר, ליבשאַפֿט, צי כאָטש אַ פּשוטן שׂכל-הישר, און זאָל מוזן אַזוינס טאָלערירן? מיט וואָס קען מען ס׳דאָזיקע דערקלערן?

לאָזט שוין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום מענטש. ער קען זיך באַנאַרישן, פֿאַרגיפֿטן זיך זעלבסט און אַלץ אַרום זיך, ווײַל ער האָט אַ פֿרײַען ווילן און קען ווערן משוגע. אָבער פֿאַר וואָס זאָל מען קענען פֿאַרסמען לופֿט, ערד און טײַכן, מיליאַרדן אומשולדיקע

באַשעפֿעניש? זאָלן אומקומען? דערצו נאָך, ווי גערייצט זיך מיטן מענטש, זאָל ער באַגרײַפֿן ס׳דאָזיקע, זען דעם אויסטערלישן כאַאָס, פֿילן אַזוי פֿיל שלעכטס, טראַכטן אַז ס׳קען זײַן אַנדערש – און בלײַבן אומבאַהאָלפֿן פֿאַרן מעגליכן ענטפֿער.

ווו, צו וועמען זיך געווענדט? וואָס טון? ווער געוועלטיקט אינעם קאָסמישן אַלץ? זאָל די וועלט זײַן הפֿקר אין רשות פֿון אויסטערלישע מחבלים, טײַוואָלים, וואָס קומען נאָר צעשטערן, פֿײַניקן און חוזקן? אויב אַ מענטש קען אַזוינס טראַכטן, מוז דאָך זײַן עפּעס וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אינעם אוניווערס. זאָל דאָס זײַן עפּעס פֿון אַ געטליכן געוויסן וואָס לײַדט אויך פֿון אומבאַהאָלפֿנקייט? קען אַזוינס געשען אין אַזעלכע דימענסיעס מיט אייביק שלעכטס, אייביקע רעוואָלטן, אָן קיין שום מעגליכן ענטפֿער?

דעריבער דער זאָג: כּבֿוד דעם מענטש, וואָס כאָטש עפּעמעריש, אומבאַהאָלפֿן אין אַזוי פֿיל הינזיכטן און אומשטאַנדן, קען ער זיך רעוואָלטירן, פּראָטעסטירן, האָבן רחמנות, מאָנען יושר, רעכט. אויב עפּעס צי עמיץ וואָס געוועלטיקט אינעם אוניווערס, ווי אַזוי מע זאָל עס ניט אָנרופֿן –גאָט, פּאַנטעיִזם צי ווי מע וויל– ווייס ניט פֿון ליבשאַפֿט צי עלעמענטאַרע רעכט, מיטלייד, רחמנות, הילף, און איז אומבאַוואָפֿנט קעגן קאַטאַסטראָפֿעס, קעגן דעם אוניווערסאַלן מאָרד-קאַרנאַוואַל פֿון אַגרעסיעס, עקספּאַנסיעס, מיט אַנגסטן און יסורים – איז דער מענטש וויכטיקער פֿון אים. ער קען כאָטש טראַכטן דערפֿון, און אפֿשר אַנטפּלעקט זיך אינעם מענטש עפּעס פֿון אַ געטליכן געוויסן? ווי ס׳זאָל ניט זײַן – כּבֿוד דעם מענטש, וואָס קען אַזוינס באַגערן, אַפֿילו ווען ער קומט אום אַ רעוואָלטירטער קעגן דעם אויסטערלישן סדר-העולם.

ווי אַזוי קען מען תּופֿס זײַן אַז דער אוניווערס זאָל מוזן זײַן סינאָנים פֿון אייביקן שלעכטס, אייביקע אַגרעסיעס? איין עלעמענט זאָל זוכן מיט שטראַלונגען צי ווער ווייס וואָס פֿאַר אַ מיטלען אַנצוגרײַפֿן אַנדערע? איין לעבן זאָל מוזן זיך נערן מיט אַ צווייטנס לעבן? וואָס טוט זיך דאָ? זאָל נאָר אַ מענטש קענען טראַכטן דערפֿון?

בכן, כּבֿוד דעם מענטש, די קרוין פֿון באַשאַף, מאַראַליש שענער און בעסער פֿון אַלע געטליכקייטן. אויב גאָט, צי ווי מע וויל עס רופֿן מיט רעליגיעזע צי פֿרײַדענקערישע טערמינאָלאָגיעס, איז אָמנימעכטיק, טאָ ווי אַזוי און פֿאַר וואָס מוזן זײַן רשעים, מוז זײַן שלעכטס און מיאוסקייט? פֿאַר וואָס מוז מען זיך אָנגרײַפֿן נאָך אָנאָנד, און ס'זאָל זיך מאַניפֿעסטירן אַנגסט, פּחד, יסורים, ס'זאָלן מוזן גילטן ציין, נעגל, גיפֿטן, וואַמפּירן, מעגליכקייטן צו שאַפֿן אַזוי פֿיל טויט-מכשירים, ס'זאָלן מעגליך זײַן מלחמות, טאָרטורן, פּאַראַזיטיזמען, ס'זאָלן הערשן מאָרד און רויב, מיר זאָלן זײַן אויסגעשטעלט אויף קאַטאַסטראָפֿעס און צופֿעליקייטן, דאָס אַלץ אָן שום יושר, אָן שום רחמנות? און נאָך בײַם באַוווסטזיניקן מענטש מאַניפֿעסטירט זיך אַזאַ רעוואָלט, אַזאַ פּראָטעסט קעגן אַזאַ שוידערלעך בילד. טראָגט זײַן עפּעמערישער עקזיסטענץ, טראָגט זײַן אומבאַהאָלפֿנקייט פֿון אינטערוועגן צו קענען עפּעס ענדערן, ווייל ער ניט, קען ער ניט באַגרײַפֿן, אַז ס'זאָל מוזן אַזוי זײַן. דערפֿאַר – כּבֿוד דעם מענטש, די קרוין פֿונעם קאָסמישן אַלץ!

~❋~

יוגנט! טײַערע פּרעכטיקע יוגנט פֿון אַלע פֿעלקער, ראַסעס, לענדער, באַציעס, קאָנטינענטן! אייניקט אײַך! אייניקט אײַך כּדי צוזאַמען קענען זיך באַפֿרײַען פֿון אַלע אײַערע קאָשמאַרן און געפֿאַרן, אַנגסטן און שוועריקייטן, אַפֿילו אוממעגליכקייטן צו ווערן נאָרמאַל, פֿרײַ, מנוחהדיק גוט און ליב, און קענען געניסן פֿון אַ לאַנגער פֿריידיקער עקזיסטענץ אָן זאָרגן, אָן אַנטוישונגען, אָן פּעסימיזמען, אָן פּסיכאָפּאַטישע קאָמפּלעקסן, כּלומרשטע פּאַטריאָטיזמען און שאָוויניזמען, אַמביציעזע קאָמפּעטיציעס פֿאַר רעקאָרד-מעגאַלאָמאַניעס. דאָקטרינעס וואָס פֿאַרטשאַקען, פֿאַרפֿירן און פֿאַרשיכּורן אײַך מיט אילוזיעס – אַלץ איז געפֿעלשט. אײַער יונגע ענערגיע שלעפּט מען אײַן מיט דראָגן – פֿיזישע, פּסיכישע אַד־גל. אַזוי פֿירט זיך זינט טויזנטער דורות, און מיליאָרדן יונגע כּוחות ווערן אויסגעחוזקט, אויסגעניצט לטובֿת דיקטאַטאָרישע רעזשימען, שוואַרצע צי רויטע, מיט כּלומרשטן

פּראָגרעס און דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזמען, אידעאַליזמען און אַנדערע איזמען פֿון היפּאָקריטישע איסטן, רעליגיעזע צי וועלטליכע, אָבער די זעלבע סחורה מיט פֿאַרשידענע עטיקעטן.

יוגנט, טײַערע יוגנט, איר – אונדזער האָפֿענונג, אונדזער צוקונפֿט, קרוין פֿון באַשאַף, צעבליטע פֿלאַנצן וואָס קענען שאַפֿן און רײַפֿן פּירות און זאָמען. אײַניקט אײַך, באַפֿרײַטע, ערליכע, אויפֿריכטיקע. צוזאַמען רופֿט, שרײַט: מיר ווילן ניט ס'זאָל אַזוי ווײַטער אָנגיין, ס'זאָל אַזוי ווײַטער דויערן!

אין אײַער רשות – אַ פּרעכטיקער פּלאַנעט וואָס קען ווערן צוריק אַ גן-עדן, מיט ווױלזײַן פֿאַר אַבסאָלוט אַלע: אַלע וואָס זענען דאָ און קענען נאָך זײַן. באַפֿרײַט אײַך פֿון די פֿאַלשע לאָזונגען וואָס פֿאַרוואַנדלען לײַט איןווילדע באַשעפֿענישן. זעט וואָס ס'איז געוואָרן מיט דער יוגנט פֿונעם פֿאָלק וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ מאָצאַרט, אַ געטע, אַ שילער, אַ בעטהאָווען און וויפֿל אַנדערע גרויסע גײַסטער! די היטלערישע אידעאָלאָגיעס האָבן זיי פֿאַרוואַנדלט אין וואַמפּיריזירטע עקדישן, היענעס און שאַקאַלן. זעט וואָס דער סטאַליניזם האָט געטון מיט דער רעוואָלוציע וואָס האָט באַפֿרײַט אַזוי פֿיל פֿעלקער פֿון די איוואַנישע צאַרן. יוגנט, טײַערע יוגנט! וואַרט ניט אויף קיין פֿיקטיווע משיחים. קיינער וועט אײַך ניט ברענגען פֿרײַהייט און גליק אויף אַ זילבערנער טאַץ. וואָס איר וועט אליין ניט נעמען וועט איר קיין מאָל ניט באַקומען. אײַניקט אײַך קודם צוזאַמען, וועט איר געפֿינען ווי אַזוי אַלץ צו גרייכן. איך, אײַער עלטער-זיידע, ווענד זיך צו אײַך: שענקט מיר דאָס גליק איידער איך פֿאַרשווינד, צו קענען זען אײַך פֿרײַע, שמייכלענדיקע, גליקליכע, געזונטע, שיינע.

יוגנט טײַערע פֿון אַלע ראַסן, פֿעלקער, באַציעס און קאָנטינענטן: געפֿינען זיך פֿאַר די הענט, זענט איר ווי אַ קראַנץ אַרום דעם פּלאַנעט. דער פּלאַנעט מיט אַלע אוצרות דערויף און דערינען איז אײַער. לאָזט אײַך ניט רויבן אײַער פֿאַרמעגן, די טײַערע שענסטע יאָרן. אײַניקט אײַך און נעמט דעם גורל פֿון אײַער עקזיסטענץ אין אייגענע, יונגע הענט. טרויט ניט מער די אַלע, וואָס געוועלטיקן

דיקטאַטאָריש מיט טיראַניעס, אָפּענע צי קאַמופּלירטע, איבערן פּלאַנעט, און ממילא איז אײַער עקזיסטענץ, ווי אַלץ, אין זייער רשות.

יוגנט! אײַערע און נאָר אײַערע איז די וועלט. אײַערע אויב איר ווילט, און אויב געוואָלט – איז עס זיכער געקענט. זײַט ניט קיין אומבאַהאָלפּענע, באַזיוע עדות צו זען ווי זינט דורות טויזנטער שלעפּט מען תּמיד אײַך אויף עקידות ווי קרבנות פֿאַר די כּלומרשטע געטער, פֿאַר פּערוועזע אידעאַלן, פֿאַר פּריווילעגירטע אינטערעסן. מע דערציט אײַך ווי מע כאָוועט און מע דערציט בהמות פֿאַר שעכטהײַזער און אַרענעס. מע דרעסירט אײַך ווי פּערד אין צירק, צו שלעפּן דעם יאָך אָדער צו קענען רײַטן אויף אײַך. תּמיד געשמיסן, געטריבן, איינציקווײַז צי אין טאַבונען.

יוגנט! איר זענט די מאַסע, די קראַפֿט, די צוקונפֿט, די האָפֿענונג, און ממילא קומט אײַך און נאָר אײַך די מאַכט. באַגרײַפֿט אַז מע פֿאַרסמט אײַך מיט פֿיזישע און פּסיכישע דראָגן, מיט כּלומרשטע געטליכע צי וועלטליכע פֿילאָזאָפֿישע אמונות, דאָקטרינעס וואָס לאָזן זיך תּמיד אויס פֿאַר אײַך מיט מיתה-משונות. זעט ווי מע רייצט פֿעלקער, ראַסן, באַציִעס איינע קעגן די אַנדערע מיט אילוזאָרישע לאָזונגען, מעגאַלאָמאַנישע פּאַטריאָטיזמען, שאָוויניזמען און אַזוי פֿיל **איזמען**, דורך פֿיפֿיקע **איסטן** וואָס דאַרפֿן אײַך האָבן ווי ענערגיע, סחורה, שטאָף פֿאַר זייערע סעקולערע עגאָיזמען. מע פֿאַרטשאַקעט אײַך מיט אַ כּלומרשטער עטיק, מיט אַן אויסטערלישער עסטעטיק, מיט קאָמפּעטיציעס ווו איר ריזיקירט אײַער לעבן.

יוגנט פֿון אַלע קאָנטינענטן, פֿון אַלע הויט-קאָלירן, אַלע טעמפּעראַמענטן און אַספּעקטן – אַלע אויף איין אופֿן געבוירן, אַלע אויף איין אופֿן אומצוקומען. פֿאַרגעסט גרענעצן, אײַנגערעדטע דיפֿערענצן. זאַמלט אײַך אין אָלימפּיאַדעס אייגנאַרטיקע ווו איר זענט ווי בלומען אין אַ גאָרטן, רײַך ווײַל פֿאַרשיידן. נעמט אײַך צונויף אומעטום, מיט איין: גענוג, אַלטוואַרג! אַראָפּ פֿון וועג! מיר קומען אָן, מיר זענען דאָ, מיט

בעזעמער אויסצוקערן ס׳מיסט פֿון רעזשימען, טראַדיציעס, פֿערוועזע השׂגות פֿון בלאָף, דעמאַגאָגיעס וואָס מע רופֿט פּראָגרעס, ליבעראַליזם, דעמאָקראַטיע, נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם... מיר קומען אָן מיט בעזעמער און מיט זוימען פֿאַר נײַע גערעטעניש. ווער זאָגט אַז הונגער מוז זײַן דאָ, און דאָרט זאָלן שפּײַכלער ניט האָבן מער קיין אָרט פֿאַר אַזוי פֿיל תּבֿואה? ווער זאָגט אַז דער מוז האָרעווען און פּגרן אַ מידער, הונגעריק, און יענער, פֿויל און זאַט, נאָך חוזקן פֿון אים מיט סוראָגאַט-אידעאַלן וועגן פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ברידערשאַפֿט? ווער זאָגט אַז ס׳רובֿ מי און עלעמענטן מוזן גיין לאיבוד אָדער ניצן איר, יוגנט, זאָלט זיך ממיתן איינס ס׳אַנדערע אינעם אוניווערסאַלן צירק, ווו איר זענט תּמיד גלאַדיאַטאָרן און צעזאַרס אַפּלאָדירן אײַערע לעבנס אומקום?

איך, וואָס איך קען זײַן אײַער עלטער-זיידע, ווענד זיך צו אײַך, אוניווערסאַלע יוגנט פֿון אומעטום! באַגרײַפֿט אַז איר זענט יונג, געזונט און שיין, אַז אײַך און נאָר אײַך געהערט דער פּלאַנעט. אַז אָן אײַך איז גאָרנישט מעגליך, אַז נאָר אַ דאַנק אײַך זענען גילטיק מנוחהדיקע עלטער, פֿרײַע ליבשאַפֿט, שמייכלענדיקע קינדער און אַ גן-עדן אַבסאָלוט אומעטום. יוגנט טײַערע, מיט אַזעלכע שמייכלענדיקע אויגן, אַזעלכע לאָקן בלאָנד צי שוואַרץ, געקרײַזלט צי ניט; מיט אַזעלכע הענט וואָס קענען גלעטן צאַרט און בייגן שטאָל; מיט מײַלער וואָס קענען רופֿן, שרײַען, זינגען און קושן; פֿיס וואָס קענען טאַנצן און ניט דווקא מאַרשירן אויטאָמאַטיש מיליטעריש אין קאַמף פֿון איין ברודער קעגן צווייטן. יוגנט, טשוכעט אײַך אויס די אויגן! גענוג געגענעצט, צוגעבאָמקעט צו אַלץ, און אַרומגעזען זיך ווו מ׳איז אויפֿן פּלאַנעט, וואָס מע מוז טון ס׳זאָל זײַן אַ גילטיקע אָרדענונג, ס׳זאָל זײַן אַ סוף פֿאַר אַנגסט, נויט, פּעסימיזמען, נאַרישע זאָרגן און דאָס גלײַכן. און געדענקט אַז יוגנט קען ניט קיין דאַטעס: מע ווערט געבוירן אַלט און מע שטאַרבט יונג .

טײַערע יוגנט: טשוכעט אײַך אויס פֿונעם לעטאַרגישן קאָשמאַר וואָס מע צווינגט אײַך אויף. די וועלט איז אײַער. איר זענט די ענערגיע, די מאַסע, די עסענץ און די סובסטאַנץ פֿון לעבן. באַפֿרײַט אײַך פֿון אַלע דראַג-מגפֿות, ניט נאָר די נאַרקאָטיש מאַטעריעלע, נאָר פֿון די פּסיכישע מאַריכואַנאַס, גײַסטיקע אָפּיומס, ספּיריטועלע מאָרפֿינעס. אייניקט אײַך! צוזאַמען קענט איר אַלץ באַווײַזן. די זעלבע פּראָבלעמען מאַטערן אײַך אומעטום אין אַלע לענדער, אויף אַלע קאָנטינענטן, אונטער אַלע רעזשימען. פֿרײַע, באַגײַסטערטע, באַוווסטזיניקע, מיטן ווילן צו רעאַליזירן די מעגליכקייטן פֿאַר אַ נײַעם סדר-העולם, מיט ווילזײַן, פֿרייד און לעבנס-תּענוג פֿאַר אַלעמען, אָן שום אויסנאַם, אָן שום פּריווילעגיעס, ראַסן-מעגאַלאָמאַניעס צי סתּם יִחוס, קאָליר פֿון הויט צי אָפּשטאַם. דער פּלאַנעט קען זײַן צוריק אַ גן-עדן. צווינגט די אַלטע דורות, וואָס האָבן ניט באַוויזן צו מײַדן קאַטאַסטראָפֿעס און וואָס גרייטן באַוווסטזיניק צו נײַע, דאָס מאָל, ס׳אולטימע און ענדגילטיקע — זיי זאָלן לאָזן ס׳אָרט פֿאַר יונגוואַרג, מיט זייער נאַטירליכן אָפּטימיזם, זייער ליבשאַפֿט צו שאַפֿן, זינגען און טאַנצן.

טײַערע יונגט! פֿאַרלירט ניט אײַער ענטוזיאַזם, אײַערע כּוחות, אײַערע יונגע יאָרן. באַפֿרײַט אײַך פֿון די אַפּאַטיעס, נאַכלעסיקייטן, פּעסימיזמען, און מיט עקשנות און קוראַזש צוזאַמען! וואָס גיכער איז בעסער! געדענקט דאָך אַז יוגנט מיינט **יונג**, יוגנט קען ניט קיין קאַלענדאַרן: מע קען ווערן אַ זקן קינדווײַז און בלײַבן יונג אַ זקן. איך, וואָס וועגד זיך צו אײַך, גיי באַלד אַרײַן אין מײַן אַכט און אַכציקסטן יאָר, אָבער כ׳פֿיל זיך ווי איינער פֿון אײַך, גרייט אַלץ אונטערצונעמען, צו באַגערן, אָן שום פּחד פֿאַר באַריקאַדעס און רושטאָוואַניעס, קעמפֿן און בויען. און פֿאַרשווינד איך פֿיזיש — פּסיכיש בין איך תּמיד מיט אײַך, טײַערע יוגנט. ווו נעמט מען אַזוי פֿיל אָרעמס אײַך אַלע אַרומצונעמען, וויפֿל איר זאָלט ניט זײַן?

וואָס-זשע טון, ס׳זאָל קענען ווערן אַנדערש? קודם נעמען אין אַכט,

אַז אוניפֿאָרמיזם איז מאָנאָטאָן און נודנע, טרויעריק. אַ גאָרטן איז שיין מיט פֿאַרשיידענע פֿלאַנצן,ביימער און בלומען. אַ מאָלצײַט איז גוט מיט פֿאַרשיידענע שפּײַזן. די מענטשהייט איז שיין מיט אַלע ראַסן, פֿעלקער, נאַציעס, עטנישע גרופּעס, פּראָווינצן און אַפֿילו יחידים. יעדער האָט זײַנע אייגנשאַפֿטן, אָריגינאַליטעטן, כאַראַקטער, אַספּעקט, פֿאָלקלאָר און אַפֿילו מאכלים אד״גל. אויב נאָר פֿרײַ פֿון עגאָיזמען, יִיחוס-מעגאַלאָמאַניעס, סופּעריאָריטעטן און אינטערעסן-פּראָבלעמען, אויב נאָר ערליך, אויפֿריכטיק, מיט ליבשאַפֿט און טאָלעראַנץ צו זײַנס גלײַכן, אָן פּרעטענציעזע פּריווילעגיעס און פּאַראַזיטיזמען, זענען אַלע רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס און אַנדערע דאָקטרינעס גילטיק, לויט ווי עס געפֿעלט דעם וואָס מיינט, אַז ער האָט דעם וואָרן שליסל צום אמת אין אַלע הינזיכטן. אויב נאָר ניט געטשעפּעט אַ צווייטנס באַוווסטזײַן, אויב ניט געזוכט קיין פּראָסעליטיזמען און ניט געמאַכט קיין קאַריערעס מיט פּראָפּאַגאַנדעס און דעמאַגאָגישע דיאַלעקטיקעס לטובֿת אינטערעסן – איז אַלץ גילטיק, גוט און וויל.

בכן איז קודם – אומעטום זאָל זיך געפֿינען עמיצער וואָס זאָל פּראָקלאַמירן אַז ס'איז נייטיק זיך צו גרופּירן. צו ערשט – לאָקאַליזירט, נעמענדיק אין אַכט אַז דאָס גרופּירן זיך האָט ניט קיין שייכות מיט קיינעמס אָנשויונגען, רעליגיע, ראַסע צי אַנדערע. די יוגנט פֿאַראייניגן האָבן נאָר איין אַמביציע: ענדערן די סאָציאַלע רעזשימען אַזוי, ס'זאָלן ניט מעגליך זײַן קיין פּריווילעגיעס, מע זאָל ניט דאַרפֿן אַפֿילו דערמאָנען קלאַסן-קאַמף. מאַכן אַן אינווענטאַר פֿון נאַטור-פֿאַרמעגן, אַ פּראָיעקט פֿון נויטווענדיקייטן, אַלע זאָלן האָבן גלײַכע רעכט און גלײַכע פֿליכטן, אַלץ זאָל זײַן באַזאָרגט מיט ווילזײַן, לאָזנדיק יעדן זײַנע אָריגינעלע אייגנשאַפֿטן און השגות, אָבער מיט אַן אַלגעמיינעם גוטן אינטערעס פֿאַר אַלעמען. אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך און אַן עטנישע, און אפֿשר אַ מאָל אויב ס'וועט זיך אָרגאַניזירן אַ פֿעדעראַציע, זאָל זי זײַן דרײַשפּראַכיק: אַן אוניווערסאַלע, אַ נאַציאָנאַלע און אַן עטנישע שפּראַך. זאָל עס דערווײַל אויסזען ווי אַן אוטאָפּיע. פֿאַרשטייט זיך, אַז די וואָס

קאָמאַנדעווען און האַלטן די לייטש און די בײַטש, וועלן אַזוי לײַכט ניט רעזיגנירן פֿון זייערע פּריווילעגיעס. נו, פּרווּוט דערווײַל זיך אָרגאַניזירן קולטורעל, קאָרפּאָראַטיוו, זיך אונטערהאַלטן און שטיצן איינס ס'אַנדערע, לאָקאַליזירט און ביסלעכווײַז אויסגעברייטערט, מיטן קיבוץ-אידעאַל.

ווי ס'זאָל ניט זײַן, וואַרט ניט, שטייט ניט מיט פֿאַרלייגטע הענט. קיינער וועט אײַך ניט העלפֿן, נאָר באַזאָרגן מיט דראָגן און פֿאַרטשאַקען מיט שאָוויניסטישע און פּאַטריאָטישע קאָמפּעטיציעס. און אויב איר וועט ווערן צו פֿיל נײַגעריק אָדער געררייצט, און טראַכטן וועגן רעוואָלט צי פּראָטעסט, מעגט איר זײַן זיכער אַז מע וועט פּראָוואָצירן ערגעץ אַ מלחמה, מע וועט אײַך אײַנרעגימענטירן און איר וועט מאַרשירן מיט פּאַטריאָטישע פֿענער גלײַך אַהין פֿון וואַנען מע קומט ניט צוריק. דערפֿאַר וועט איר ווערן פּראָקלאַמירט ווי העלדן מיט מעדאַלן **פּאָסט-מאָרטעם.** מײַן לאַנגע פּראַקטיק דערלויבט מיר אײַך צו פֿאַרזיכערן: אַזוי איז עס תּמיד געווען און אַזוי וועט עס ווײַטער זײַן. אין מײַן זכּרון ליגט נאָך די ביטערניש פֿון דער רוסיש-יאַפּאַנישער מלחמה פֿון 1904, און זיבט דעמאָלט אַזוי פֿיל אַנדערע מלחמות, כּלומרשטע רעוואָלוציעס, נײַע רעזשימען מיט לאָזונגען פֿון פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ברידערשאַפֿט, דעמאָקראַטיע, פּראָגרעס, ליבעראַליזם אד״גל. זעט איר ניט צו וואָס דאָס האָט געפֿירט? וואָס מער נײַע עפּאָכע, וואָס מער טעכנישע דערפֿינדונגען, אַלץ מער אַנגסט, צרות און אַרבעטסלאָזיקייט. כ'בין זיכער אַז צווישן אײַך, יונגע, זענען פֿאַראַן געבוג פֿעיִקע וואָס זאָלן בעסער ווי איך פֿאַרשטיין וואָס און ווי אַזוי צו טון, מע זאָל אײַך ניט נעמען פֿאַר באַיִווע אידיאָטן וואָס מע דרייט אָן ווי אויטאָמאַטן און מע לאָזט. נאָכן האָבן אײַך אויסגעניצט, אויף הפֿקר: טוט וואָס איר ווילט, פּגרט, זוכט עפּעס צו טון און ווערט, אויב נישטאָ קיין אויסגאַנג, פֿאַרברעכער, בראָדיאַגעס, צי באַגייט זעלבסטמאָרד.

ווי גוט וואָלט געווען, ווען איך וואָלט געקענט דערלעבן צו זען אָלימפּיאַדעס פֿון פֿאָלקלאָר מיט טענץ, מוזיק, געזאַנג,

קאָסטיומען אד״גל. קאָמפּעטיציעס וואָס דינען ניט נאָר פֿאַר ביזנעס און איַינגערעדטע סופּעריאָריטעטן, שאָוויניזמען און פֿאַרדראָס פֿאַר אַנדערע. אָלימפּיאַדעס פֿאַר ספּאָרט – לײַט זאָלן זײַן שענער, בעסער, געזינטער, אָבער אָן קאָמפּעטיציעס וואָס שטעלן אין געפֿאַר ס׳געזונט. אַ שאָד, וואָס דער כּלומרשטער האָמאָ-סאַפּיענס איז אַזוי פֿאַרקריפּלט. איר, יונגע, מיט וועלכע מע דאַרף זײַן שטאָלץ, זענט גאָר אַ לאַסט. אײַערע עלטערן, זיידעס און פֿריִערדיקע דורות האָבן אײַך אָפּגענאַרט. זיי האָבן אײַך געבערענגט אויף דער וועלט צוליב זייער עראָטישן תּענוג, און אַז איר זענט געקומען איז עס זיי געוועזן נאָר ווי אַ לאַסט אָדער ווי אַ נויטווענדיקע עווענטועלע הילף, אַ פֿאַרזיכערונג פֿאַר זייערע עלטער-פּענסיעס, זעלנער פֿאַר זייערע אַרמייען צו שיצן פֿאַרמעגנס און סיטואַציעס.

פֿאַראַן אַזעלכע וואָס געדענקען אַז זיי זענען געוועזן יונג ווי איר, זענען פֿאַרשלעפּט געוואָרן אין סיסטעמען מיט שטויביקע השׂגות און קויטיקע אַמביציעס, אָבער דער שטויב און דער קויט איז אַצינד אַזוי הימאַלאַיעדיק, אַז זיי זענען זעלבסט דערשטויגט און פֿאַרלוירן, זיי ווייסן ניט וואָס צו טון מיט אײַך, טײַערע יוגנט.

מע לערנט אײַך כּלומרשט, מע באַלעסטיקט אײַערע געמיטער מיט היסטאָרישע נאַר׳שקייטן, אַבסטראַקטע און ס׳רובֿ אַפּאָקריפֿישע דאָקטרינעס, און מע שלײַדערט אײַך אַרויס וויליידיק-גייערס, אָן מעגליכע עקזיסטענץ-פֿעיִקייטן, אָן שום אידעאַלן. איר זענט פֿאַרלוירענע שעפֿעלעך צווישן מחנות וועלף. זוכט איר צו אַנטלויפֿן אין אילוזיעס, מיראַזשן, דראָג-עקסטאַזן, אויסטערלישע סנאָב-מאָדעס צי ווי און וואָס ס׳זאָל ניט זײַן, אַבי זוכן עפּעס אַ תּירוץ צו קענען זײַן גליקליך אויף אונדזער פּרעכטיקן פּלאַנעט. אָבער – ווו זיך געקערט און געווענדט, איז אַלץ פֿאַרנומען מיט דעם אַלטוואַרג וואָס געוועלטיקט תּמיד אומעטום. און איר נעבעך ווייסט ניט ווו, צו וועמען זיך צו ווענדן נאָך הילף.

איר, רעליגיעזע, וואָס בענקען נאָך יענע-וועלטן, הימלישע קעניגרײַכן; איר, וועלטליכע, וואָס טרוימען פֿון אַן ערגעץ-

אַנדערש; איר אָפּגעגנאַרטע, וואָס חלומען פֿון נײַע רעזשימען, נײַע צײַטן, נײַע מעגליכקייטן, נײַע רעאַליטעטן! באַגרײַפֿט, זעט, פֿילט, פֿאַרשטייט: די יענע-וועלטן, די הימלישע קעניגרייכן, דער ערגעץ-צי עפּעס-אַנדערש, די נײַע צײַטן, די נײַע מעגליכקייטן, די נײַע רעאַליטעטן זענען דאָ, אָט נעבן אײַך, אונטער דער האַנט. איר דאַרפֿט נאָר וועלן און באַשליסן, און אַלץ וועט רעאַליזירט, אַלץ מוז געשען.

טײַערע קינדער, אייניקלעך: זאָל דאָס זײַן אַן אילוזיע פֿון אַן עובֿר-בטלדיקן זקן? איז דאָס אַן אַבסורד? בין איך שוין ניט בײַם קלאָרן זינען? זאָל דאָס אַלץ זײַן אַן אוטאָפּיע, אַ פֿאַנטאַזיע פֿון אַ נאַיִוון בטלן? כ'לאָז די דאָזיקע רייד אײַך ווי אַ צוואָה. כ'וויל גאָרנישט דערפֿאַר און דערפֿון. פֿאַרגעסט אַפֿילו מײַן עקזיסטענץ. אײַער ווילזײַן איז מיר נאָר טײַער. אין אײַערע השׂגות, אין אײַערע פּירונגען, ליגט דער גורל פֿון אונדזער פּלאַנעט, אַזאַ מין וווּנדערשיין ווערק פֿון אַ מײַסטער און געוועלטיקער וואָס איר קענט אָנרופֿן מיט וואָס פֿאַר אַ נאָמען צי טערמינאָלאָגיע איר ווילט: גאָט, נאַטור, צופֿאַל, פּאַנטעיִזם, מאַטעריאַליזם, מאָנאָטעיִזם, פּאָליטעיִזם, צי אַטעיִזם, אאַז״וו. ווײַל דאָס איז ניט אַבסאָלוט קיינעמס עקסקלוזיוויטעט, האָט ניט קיין שייכות צו קיין שום רעליגיעס, טראַדיציעס, טעאָלאָגיעס, ריטואַלן, אָרטאָדאָקסיעס צי העטעראָדאָקסיעס און נאָר אַזעלכע סאָפּיסטישע שאַלעמויזן און קאַריעריסטישע אָרגאַניזאַציעס צו האַלטן עולם-גולם אין געשפּאַן מיט שרעק און אַנגסטן, כּדי פּריווילעגירטע קלאַסן זאָלן קענען אָנהאַלטן זייערע רעזשימען פֿון עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטעווען וויפֿל עס לאָזט זיך.

טײַערע קינדער, אייניקלעך מײַנע: זעט ניט קיין ווידערשפּרוך און קיין פּאַראַדאָקס אינעם דערמאָנען דעם גײַסט פֿון קאָסמישן אַלץ וואָס איך רוף פּשוט **גאָט**. גאָט וואָס דאַרף ניט קיין חניפֿה און קיין לויב, קיין צערעמאָניעס, קרבנות און שטעל-פֿאַרטרעטערס, טשינגאָוויקעס מיט שטאַבן און פּראָסעליטיזמען. איך זע ניט קיין אַנטאַגאָניזם צווישן וויסנשאַפֿטליכע דערגרייכונגען, פֿילאָזאָפֿישע

מחשבֿות און ליבשאַפֿט מיט טאָטאַלן צוטרוי צו דעם דאָזיקן גײַסט, וואָס טוט אַכטונג אַז די זון זאָל ניט אויפֿגיין דאָ אין מזרח און דאָ אין מערבֿ, אַז אַלץ זאָל זײַן מיט אַ געהעריקן פּלאַן, געהעריקע אָרדענונג. כ׳דאַרף ניט קיין פֿאַרמיטלערס צווישן אים און מיר. איך האָב דעם פֿאַרגעפֿיל אַז ער פֿאַרלאַנגט פֿון מיר, און ממילא אויך פֿון אײַך, נאָר איינס: זײַן באַטירליך גוט, שיין, געזונט, און ניט פֿאַרתּכלעווען אומזיסט און אומנישט מי און עלעמענטן צוליב נאַרישע אַמביציעס; רעספּעקטירן אַלץ און יעדן אַרום, און דויערן די באַשטימטע פֿאַר אונדז צײַט אין די בעסטע באַדינגונגען, וואָס זאָלן גורם זײַן פֿיזיש און פּסיכיש פֿרייד און מנוחה בײַם לעבן, און שמייכלדיקן צוטרוי בײַם אײַנשלאָפֿן אין לעצטן ערדישן שלאָף, כּדי זיך אויפֿצוכאַפּן, וואָרשײַנליך, אין אַן אומבאַקאַנטער, נײַער רעאַליטעט, וואָס מוז זײַן אַזוי פּרעכטיק, ניט פֿאַרקריפּלט און ניט פּאָלוירט, ווי אונדזערווירקליכקייט וואָלט געקענט זײַן.

זענען דען ניט אונדזערע חלומות אַ באַווײַז דערפֿון? לעבן מיר ניט אַ דריטל פֿון אונדזער עקזיסטענץ אין טרוימען? כ׳ווייס ניט וויפֿל מיר איז נאָך באַשערט צו זײַן אַ היגער. כ׳וואָלט אָבער געוואָלט אַבסאָלוט נאָך דערלעבן צו זען אַז מײַן צוטרוי צו אײַך, יונגע פֿון אומעטום, איז ניט איבערגעטריבן; אַז מײַן חלום צו זען אַ בעסערע און שענערע סאָציאַלע אָרדענונג אויף דער וועלט איז ניט קיין אוטאָפּיע. קינדער טײַערע! אַנטווישט ניט מײַנע וואָרשײַנליך לעצטע טעג מיט גלײַכגילטיקייט, רעזיגנאַציעס, פֿוילקייט צי ניהיליסטישע מעשׂים. דערקענט אײַערע מעגליכקייטן, און זאָל דאָס באַגערטע גליק אײַך ווויל באַקומען.

≈❀≈

טראָץ מײַן עלטער, ווענד איך זיך מיט מײַנע שריפֿטן צו דער יוגנט. מיט די גרויסע, די רײַפֿע, דערוואַקסענע און אַלטע איז נישטאָ וואָס אויפֿצוטון. זיי ווייקן זיך ווי די אוגערקעס אין ראָסל אין די עקזיסטירנדיקע רעזשימען, מיט זייערע השגות וועגן

פראַגמאַטישע טאָגטעגליכקייטן, אַנטוישטע און מידע, מיט אינטימע צי אָפֿענע היפּאָקריזיעס, און וואָס ווילן ניט פּטרן זייער לעצט ביסל דויער מיט פּראָבלעמען וואָס זענען עלול צו שטערן זייערע סיטואַציעס. זאָלן זיי דרימלען, צי טאַקע שלאָפֿן שנאָרכנדיק זייער עקזיסטענץ, וואָס איז אָן שום אינטערעס. אָבער יוגנט איז עקספּלאָזיף, דינאַמיש, האָפֿערדיק, קען נאָך אַ סך באַווייַזן אויפֿצוטון, ענדערן. רעוואָלטן רייַפֿן אין זייערע געמיטער, און אומגעריכט קענען לעטאַרגישע ווולקאַנען אויפֿרייַסן און צעטרייסלען דעם פּלאַנעט, צעשטערן כּדי צו קענען שאַפֿן אָרט צו בויען. אין זייער געמיט טליִעט דינאַמיט. לייַט פּערוועזע: היט זיך, היט! וואָרשייַנליך ווייסט איר ניט וואָס ס׳קען און מוז אַ מאָל געשען. אַזוי לאַנג געצויגן שטריק צי קייט — עס מוז זיך איבעררייַסן!

טעלורגישע קאַטאַסטראָפֿעס, געוויסערס, מגפֿות, מעגן זיי דויערן קורץ צי לאַנג — זיי פֿאַרשווינדן. די הייַנטיקע לעבנס-שטייגערס, מיט זייערע רעזשימען אויפֿן פּלאַנעטאַרן פֿאַרנעם, זענען ווי די דאָזיקע אָנשיקענישן. געדויערט אַפֿילו טויזנטער דורות, מוזן זיי פֿאַרשווינדן, און משיח מוז קומען. ווי באַגערט: רעליגיעז צי מאַרקסיסטיש — גאָט וועט ניט טאָלערירן אַז אונדזער פּלאַנעט, אַ מעגליכער גן-עדן, זאָל ווערן פֿאַרוואַנדלט אין אַ וויסט גיהנום ווו קיִן איז האַר, שלעכטס און מיאוסקייט געוועלטיקן מיט טעראָר, מאָרד, פּאַראַזיטיזמען און ס׳רובֿ אידיאָטישע פֿירונגען. אַ מענטש טוט עס ניט מיט זייַן גוף. זאָל אַ גאָט זייַן נאַרישער צי אומבאַהאָלפֿענער פֿונעם מענטש?

בכן, צו דער יוגנט ווענד איך זיך מיט מייַנע מחשבֿות, מייַנע צי עמעצן אַנדערשס, אַבי ס׳זאָל ווערן געזאָגט, געשריבן. צען מאָל, הונדערט מאָל — איבערגעחזרט ווי מע האַמערט נאָך אַנאַנד אויף אַ טשוואָק, ער זאָל מוזן אַרייַן אין קלאָץ צי אין דער וואַנט. פֿאַרגעסט מייַן נאָמען, מייַן עקזיסטענץ. טראַכט נאָר וועגן דעם וואָס איר וועט אפֿשר עווענטועל לייענען. נאָר דאָס איז דער עיקר!

~❀~

אַיקאַר, איקאַר, איקאַר, פּאָעט
מיט אַ באַגער וואָס נידעריקס צו ווײַכן
זיך מעגאַלאָמאַניש אײַנגערעדט:
מיט פֿליגלען צוגעקלעבטע וועט
אַזורס אייביק באַשטראַלטע בלאָע הייכן
לײַכט, טראָץ אַלע כמאַרעס, גרייכן.
און ווי געוויינלעך מיט פּאָעטן,
ניט געאָנט אַז טרוים איז אַ געפֿאַר
פֿאַר רעאַליטעטן.
אַלץ צערינט אַקעגן וואַרע שטראַלן,
און ער איז צו דער ערד צוריק געפֿאַלן,
טויט מיט זײַנע אידעאַלן.

~❀~

יוגנט איז אַ פּראָבלעם וואָס האָט ניט קיין שום שײַכות מיט עלטער און מיט קאַלענדאַרן, מיט דויער, נאָר מיטן געמיט, מיט דינאַמיזם, מיט לעבנסלוסט. נאָר פֿאַרקריפּלטע פּסיכאָפּאַטן פֿאַרגלײַכן עקזיסטענציאַליזם מיט נישטיקייט, מיט צעקראָכענע השגות ווי אַ מין פּאַטאָלאָגישער, פּעסימיסטישער בראָדיאַגיזם. אדרבא, עקזיסטענץ קען זײַן – מוז זײַן – כּולו באַוווסטזיניקער תּענוג, קרעאַטיווער עקסטאַז, די מעגליכקייט גובֿר צו זײַן אַלע פֿיזישע, פּסיכאָלאָגישע און אַפֿילו מאַטעריעלע הינדערנישן. ווען ניט, איז מען ניט ווערט צו הייסן מענטש.

~❀~

אַ קנויל מיט סיקנדיקע שלאַנגען
איז אַן ענגן קאָרב געפֿאַנגען,
אַלץ צו בײַסן, גיפֿטן שרעקט.
אַ קאָרב, און קוים מיט עפּעס צוגעדעקט.
דאָס איז דער כּלומרשט ציוויליזירטער מענטש מיט זײַנע באַטירלעכע אינסטינקטן, ס׳רובֿ קוים אײַנגעהאַלטענע, נאָר מיט דעם פּחד פֿאַר גאָט, מורא פֿאַר פּאָליציי, אָדער פֿאַר ביידע.

אָבער היטן מוז מען זיך, און ניט פֿאַרלאָזן אויף אַ צערייצטער קאָברע.

~❀~

א באַוווּסטזיניקער, לאָגיש-אויסגעהאַלטענער מענטש מוז אָרגאַניזירן זײַן עקזיסטענץ מיט אַ ווי באַר מעגלעך ראַציאָנעלן פּראָגראַם, אַ סיסטעם פֿאַראַגראַפֿירט און פּראַגמאַטיש אָנגעווענדט אָן שום מעגליכע קאָמפּראָמיסן. **יחידיש**: עקזיסטענציעל, פֿיזיש, פּסיכיש, מאַטעריעל, פֿיזיאָלאָגיש, היגיעניש, ספּאָרטיוו – אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט געזונט און ווילזײַן גוט אָפּגעהיטן און אָנגעווענדט ווי געהעריק. **סאָציאַל**: אין שײַכות מיט פֿרײַנד, משפּחה, עטנישע גרופּעס און בכלל אַלץ וואָס איז סאָציאַל עטיש, טאָלעראַנט, אָבער ניט געלאָזט זיך טרעטן אויף די פֿיס און חלילה ניט זײַן קיין עגאָיִסט, צי אַגרעסיוו. פֿאַרקערט, ליב האָבן זײַנס גלײַכן באַרעכטיקט פּראָטעסט און רעוואָלט קעגן אומרעכט און געוואַלט. **עסטעטיש**: ניט טאָלערירן קיין מיאוסקייט, פֿילן שיינקייט און תּענוג פֿאַר אַלע חושים, קענען קרעאַטיווע באַגײַסטערונג און עקסטאַזן, ליב האָבן מוזיק, פּאָעזיע און האַרמאָנישע אַספּעקטן אין אַלץ. **פֿילאָזאָפֿיש**: פּרווון פֿאַרשטיין דעם מהות און דעם זין פֿון וועלט און לעבן; ניט לאָזן זיך פֿאַרפֿירן מיט פֿאַלשע דאָקטרינעס, מיט קריכן אויף די גלײַכע ווענט, זיך מאַטערן מיט פּראָבלעמען וואָס זענען ניט באַגרײַפֿליך פֿאַר מענטשליכע השׂגות. ניט לאָזן זיך באַלעסטיקן מיט צו פֿיל אַבסטראַקטע וויסנשאַפֿטן צי היסטאָרישע געשעענישן; זײַן אַבסאָלוט ערליך, ניט פֿעלשן קיין סעמאַנטיק מיט היפּאָקריטישע אַרגומענטן און אינטערפּרעטאַציעס. קאָנטראָלירן די אָנווענדונג פֿון אַלע פּראָקלאַמירטע פֿאַראַגראַפֿן כּדי צו לעבן גילטיק און מנוחהדיק, און שטאַרבן אָן אַנגסט, אָן פּחד. **ספּיריטועל**: זײַן אינטים מיט דעם צי דאָס וואָס שײַנט צו זײַן געטליכקייט אָדער אַנדערש אָנגערופֿן, רעליגיעז צי וועלטליך, אָבער קיין מאָל ניט פֿאַנאַטיש אָדער היפּאָקריטיש.

די אַלע פּרינציפּן אָנגעווענדט אויפֿריכטיק, ערלעך, לאָגיש, אָן

שקר צי באַװיטעט, קען מען זיכער אָפּדױערן די באַשטימטע לעבנסצײַט אין די בעסטע באַדינגונגען. פֿאַרשטײט זיך: מיט די װאָס זוכן טאַבאַק, אַלקאָהאָל, דראָגן, אַזאַרט־שפּילן, עמאָציעס, מאָרד־קאָמפּעטיציעס, פּערװערזע תּענוגים צי אַגרעסיװע מעגאַלאָמאַניעס, האָט דאָס ניט קײן שום שײַכות. די אַלע זעבען אָן שום מעגליכן אינטערעס.

~❀~

„ייִדיש, אונדזער טײַער מאַמע־לשון, איז ניט קײן שפּראַך, נאָר עפּעס אַ זשאַרגאָן." ייִדיש – גענומען דאָ און דאָרט? נו, איז װאָס? װעלכע שפּראַך איז ניט אָן אַמאַלגאַם פֿון דיאַלעקטן, אידיאָמען, און אַפֿילו דער שורש איז אַזױ אָפֿט פֿאַרשײדנאַרטיק עװאָלױִרט, אױסגעבעסערט צי פֿאַרקריפּלט, אַז מע קען קױם זיך פֿאָרשטעלן אַז ער שטאַמט פֿון אײן דיאַלעקט, װאָס קען זײַן אָפֿט סאַנסקריט, סלאַװיש, לאַטײַניש אד״גל. מע דאַרף ניט זײַן קײן לינגװיסט כּדי פֿילאָלאָגיש צו מאַכן ליסטעס פֿון כּלומרשטע פֿרעמדע װערטער.

אָבער ניט דאָס בין איך אױסן. ייִדיש – גענומען דאָ און דאָרט. אַזױ װי דער פּערמאַנענטער לך־לך איז דאָך עפּעס װי אַ ספּעציפֿישער גורל פֿאַר ייִדן, איז געװען װו צו נעמען. אַזױ פֿיל גלותן! מע קען עס אָבער פֿאַרגלײַכן מיט די מאַמישע קענטעניש. װאָס טוט אַ מאַמע? זי נעמט דאָ מעל, דאָ צוקער, דאָ הײװן, דאָ ראָזשינקעס, דאָ מאַנדלען, און פֿון דעם אַלעמען מאַכט זי אַ שטרודל מיט טױזנט טעמען, אַ שבתדיקע חלה, אַ קוילעטש מיט ראָזשינקעס, אַ המן־טאַש און װאָס ניט? דאָס איז דער כּוח פֿון מאַמע־לשון ייִדיש.

די עבֿריתישע סנאָבן װאָס שלינגען אַראָפּ ס׳אַמאָליקע ייִדיש – תּרגום, און קרימען מיט די סאַברישע נעז װען ס׳קומט צו אונדזער הײַנטיקן ייִדיש – זײ זעבען נאָר ניט פֿאַרטיק מיט אונדזער מאַמע־לשונס כּוח. זײער עבֿרית װעט װערן אַרומגעאַרבעט, אַז זײ װעלן ניט װיסן װאָס, װען, און װי אַזױ די

מאַמע האָט זיי געהאַט. **אַבא** איז שוין געוואָרן **אבאלע**, פּונקט ווי פֿונעם ענגלישן **באַי** איז געוואָרן אַ **בויטשיקל**.

אונדזער מאַמע-לשון איז ניט סקלעראָזירט, ניט פֿאַרמומיעט, נאָר ראַדיאָאַקטיוו ווי אוראַניום, פּלוטאָניום צי נאָך אַזעלכע עלעמענטן מיט **אומס**, וואָס קיינער איז ניט מסוגל צו אַנטרינען פֿון זייערע שטראַלונגען. איר וועט זען אפֿשר, איר, ייִדישע צוציקעס: גויִים וועלן לערנען ייִדיש און פּרוּוון געניסן פֿון שלום-עליכמס פּראָזע צי איציק מאַנגערס פּאָעזיע אין אָריגינאַל. ייִדיש וועט קיין מאָל ניט זײַן עפּעס אַ שפּראַך פֿאַר פּאַלעאָנטאָלאָגן און מע וועט ניט דאַרפֿן אָנקומען צו קיין שאַמפּאָליאָן ער זאָל זי דעשיפֿרירן. ניט סוצקעווערן, ניט אלי וויזעלן, ניט פּרצן און ניט אַרן מיעדניקן אַפֿילו.

≈❀≈

**א**יך, קערן ליים
בין נאָר מסוגל
זײַן עפּעס אין אַ ציגל
פֿאַר עמיצנס היים.

מיר איז ניט אַנטפּלעקט
אַפֿילו גרייס און זינען:
ווער ווינען וועט דרינען,
ווער ס'איז דער אַרכיטעקט.

קערן ליים מוז זײַן
נאָר דאָס וואָס ס'איז באַשלאָסן.
זינד – צווייפֿל און פֿאַרדראָסן!
„פֿאָלגן, ניט פֿאַרשטיין."
ליב האָבן און טרויען;
אַזוי נאָר העלפֿן וועלטן בויען.

≈❀≈

בידער מיט אַלע רעליגיעס וואָס זענען פֿאַרקרעמערט און זוכן צו שאַפֿן קאַריערעס ווי אין אַ פֿאַר, אַ פּראָפּעסיע, מיט געטליכקייט, היעראַרכיעס, פּראָסעליטיזמען, פֿאַנאַטיזמען, ריטואַלן, אַסקעטיזמען און, פֿאַרשטייט זיך, מיט פּאַראַזיטיזמען, דאָס אַלץ אויסגעניצט לטובֿת קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען, ווי מיט אָפּיום צו פֿאַרטשאַקען עולם-גולם וואָס זאָל קענען ווערן עקספּלואַטירט, פֿאַרפּירט און פּראָפֿאַנירט.

בידער מיט אַלע פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס וואָס נעמען ניט אין אַכט דאָס פּראָקלאַמירן און אָנווענדן, קודם מיט דער אייגענער עקזיסטענץ, אַ רעקאָמענדירטן לעבנס-שטייגער, יחידיש און סאָציאַל, מיט יושר, רעכט, פֿרײַהייט, גלײַכהייט, אָן שום מעגליכע תּירוצים צו קענען לעבן ווי פּאַראַזיטן, ווי למשל פּלאַטאָנס טאָלערירן שקלאַפֿערײַ, אָדער באַרעכטיקן קלאַסן-פּריווילעגיעס מיט קאַפּיטאַליזם דורך כּלומרשט סאָציאַליסטישע רעזשימען, ליבעראַליזמען, דעמאָקראַטיעס אד״גל.

בידער מיט דער וויסנשאַפֿט וואָס פֿאָרשט און זוכט נאָר צו שאַפֿן מעגליכקייט פֿאַר פּראָפֿיטן לטובֿת די קאַפּיטאַליסטישע אַגרעסיווע רעזשימען, מיט זייער שאַפֿן תּמיד נײַע קריגס-מכשירים, מיט זייער זוכן און פֿאָרשן די אַסטראָפֿיזיק צי די נוקלעאַרע ענערגיעס, מיטן בויען סאַטעליטן און ראָבאָט-מאַכערײַקעס וואָס פֿאַבריצירן גיכער, ביליקער, אָבער זענען גורם אַרבעטסלאָזיקייט פֿאַר די, וואָס צאָלן קאָנטריבוציעס צו פֿאָרמירן די דאָזיקע אינזשעניערן און וויסנשאַפֿטלער, זייערע עווענטועלע שונאים.

די וויסנשאַפֿט, וואָס צעשטערט און פֿאַרגיפֿטיקט די ביִאָספֿערע, פֿאַרתּכלעוועט אַזוי פֿיל מי און עלעמענטן און שאַפֿט תּמיד נײַע געפֿאַרן אין אַלע היבזיכטן, אַנשטאָט צו זוכן ווי אַזוי די מענטשהייט זאָל קענען געניסן פֿון אַ ווירדיקער, גילטיקער, מנוחהדיקער עקזיסטענץ.

בידער מיט די ספּאָרטן! זייערע קרעמערישע אונטערנעמונגען, זייערע קאָמפּעטיציעס און שאָוויניזמען צו רייצן מעגאַלאָמאַניש דעם עולם-גולם, אַנשטאָט צו זײַן עפּעס וואָס איז גילטיק פֿאַרן

געזונט און דערציִונג. נידער מיט די אַלע ספּעקטאַקלען ווו לײַט שטעלן אין געפֿאַר זייער עקזיסטענץ: טאָוראָמאַכיע, באָקס, שלעגערײַ, לויפֿעניש, אויטאָמאָבילן־געיעג.

נידער מיט דער ליטעראַטור אין אַלע אַספּעקטן, וואָס שילדערט אַפּאָלאָגעטיש, צי קריטיש אַפֿילו, נויט, רציחה, געמיינהייט, אַגרעסיעס, מלחמות; וואָס רייצט לײַט מיט יאַכנישן נײַגיר צו וויסן וואָס ס'טוט זיך אין פֿרעמדע היימען, אין פֿרעמדע בעטן; וואָס קומט מיט אויסטערלישקייט און כּלומרשטע אינטעלעקטועלע אַקראָבאַטיק מאַכן קאַריערעס ווי אָריגינעלע קינסטלער. דאָס אַלץ פּראָפֿעסיאָנעל און, פֿאַרשטייט זיך, פּרעטענציעז.

נידער מיט דער קונסט, וואָס קומט פֿאַרקריפּלען אַלע חושים מיט אויסטערלישע פֿאָרמען און קאָלירן צי קלאַנגען, אַבי זײַן אָריגינעל, אומגעריכט און צוגעפּאַסט צו דער נײַער עסטעטיק, מיט פֿאַרשיידענע **איזמען** און **איסטן**, אַבי געפֿינען תּירוצים צו קענען לעבן ווי פּאַראַזיטן אויף פֿרעמדער מי. ווײַל די לײַט זענען פּרעטענציעז: זיי האַלטן זיך פֿאַרן אייבערשטן פֿון שטייסל; ס'קומט זיי כּבֿוד און ס'איבעריקע אויכעט, אַבי ניט געלייגט די האַנט צו שאַפֿן ס'בויטווענדיקע, וואָס ערליכע לײַט דאַרפֿן האָבן זיך צו שפּײַזן, קליידן, בויען היימען אאַז"וו.

און דו, גאָטעניו, וואָס האָסט באַוויליקט צו שענקען דעם מענטשן אַ פֿרײַען ווילן, מיט אַ מעגליכקייט צו געוועלטיקן איבערן וווּנדערליכן פּלאַנעט, מיטן קענען זײַן פֿרום, סקעפּטיש, אַפֿילו אַטעיִסטיש – באַפֿרײַ אונדז, פּשוטע לײַט, פֿון די כּלומרשטע ציוויליזאַציעס, קולטורן, רעליגיעס און אינטעלעקטואַלן מיט זייער עטיק און עסטעטיק. דו, וואָס האָסט צו טון מיט קאָסמאָסן, אומענדן, אייביקייטן, באַוויליק דער מענטש זאָל ווערן געהיילט פֿון דער מגפֿה וואָס איז מסוגל צו פֿאַרוואַנדלען דעם בלאָען גן־עדן־פּלאַנעט אין אַ טויטער לבֿנה. די בוקלעאַרע געפֿאַר, ווי אַ דאַמאָקלעס־שווערד, האַלט זיך אויף אַ האָר איבער אונדזערע קעפּ. זאָל געשען אַ נס און דער מענטש, זיך אויפֿגעכאַפּט פֿונעם קאָשמאַר, אויסגעטשוכעט די אויגן, זאָל קענען קומען צום קלאָרן

שׂכל, זיך באַפֿרײַען פֿון די אויסטערלישע לעבנס-שטײַגערס מיט זייערע משוגענע רעזשימען און מײַדן די עווענטועלע קאַטאַסטראָפֿע.

ניט ווייסנדיק ווער און וואָס דו ביסט, טו איך דאָך תּפֿילה צו דיר, מיט דער זיכערקייט אַז זי גרייכט דיך, און איך ווייס אַז דאָס וואָס איך, מענטש, באַגער, איז אויך דײַן אינטערעס. דער מינדסטער אַטאָם אין מײַנס אַ נאָגל האָט אַן אינטערעס אַז מײַן מוח, מיט זײַנע מחשבֿות און נויטווענדיקע פֿונקציעס, זאָל פֿונקציאָנירן ווי געהעריק. דאָס איז דער אינטערעס פֿון אַלע קעמערלעך, דריזן און אבֿרים. זענען מיר ניט עפּעס אַזוינס ווי דײַן אוניווערס?

~❀~

„דיכטער", „דענקער", נאָך אַזעלכע עפּיטעטן,
מיט רום בײַם לעבן און ווי ס'פּאַסט,
קרענץ אויפֿן קבֿר – אַ באַרימטער גאַסט!
ווערעם זענען זיך מחיה מיט פּאָעטן.
ערשט מיט אַ פֿילאָזאָף, אַ גרויסן גײַסט,
אַזוינס אַ יום-טובֿ-סעודה הייסט!
אמת, בעסער
איז אַ גרויסער פּרעסער,
דיק און פֿעט –
אָבער דאָך, אַ דענקער, אַ פּאָעט!
אַ וואָרעם אויך מיט אינטעלעקט זיך גרייסט!

~❀~

לייען איך לייוויקס, חיים גראַדעס ווערק, און איך שעם זיך מיט מײַן שרײַבעכץ. ווי אַזוי קען איך האָבן די העזה, זיך צו האַלטן פֿאַר עמיצן וואָס איז מסוגל צו פּאָעטעווען צי צו פֿאַרשרײַבן מחשבֿות און לידלען. אַ קויטיק בערגל, אַ פּיצל פֿעלדז צי אַ קרישל שטיין – און וויל זיך רופֿן באַרג, ווי איינער פֿון די אַלפּן, פּירענייען, קאַרפּאַטן אָדער הימאַלאַיאַ, ווי עפּעס אַ מאָן-בלאַן,

ווערזוו, עטנאַ, סטראָמבאָלי צי פּוזשי־יאַמאַ. אַלץ איז ביי זיי אַזוי טיפּזיניק מיטן אינהאַלט, מיסטעריש אין דער פאָרם און מיט אַזוי פיל טרעפליכע רייד, ריטמען, מחשבות און אַפילו גראַמען, אַז כ׳פיל זיך פסיכאָפאַטיש ווי אַ גראַפאָמאַן. דער איינציקער תּירוץ צו פאַרענטפערן מיינע שריפטן איז אפשר צו ווייזן ווי אַזוי עס טראַכט און פילט עמיץ וואָס איז אַ דורכשניטליכער פּאַרשוין, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט מיט ביבליאָטעקן ביכער און איז ניט גלייכגילטיק צו זיין סביבה מיט אַלץ וואָס מאַניפעסטירט זיך דערין, רעוואָלטירט, געררייצט פון לעקישעוואַטן אופן זיין פון דער כלומרשטער ציוויליזירטער מענטשהייט, מיט אירע רעזשימען, קלאַסן־פּריווילעגיעס, קלאסנקאַמף און פאַרשיידענע צרות, אַנגסטן און אידיאָטישע פּירונגען אין אַבסאָלוט אַלע הינזיכטן, יחידיש און סאָציאַל.

כ׳דערמאָן בלויז לייוויקן און גראַדען. וויפל נאָך, נאָך און נאָך פרעכטיקע מחברים אין אונדזער טייער מאַמע־לשון יידיש. ווי נאַריש זעען מיר אויס די לעקישעוואַטע אָפּטריניקע, אויך־מיר־יידן, וואָס לאָזן אַזעלכע אוצרות אייגן האָב־און־גוטס און אַסימילירן זיך, טשעפּען זיך צו פרעמדס, וואָס איז ס׳רובֿ אָן שום ווערט צי אינטערעס, אַבי זיין מאָדערן, פּראָגרעסיוו!

~❀~

**ווי** אַזוי איבערצייגט מען פרומע, אויפריכטיקע לייט, פון אַלע רעליגיעס, פון אַלע וויסנשאַפטן, פון אַלע פילאָזאָפיעס און פון אַלע פעלקער אויף אַלע קאָנטינענטן, זיי זאָלן באַגרייפן אַז אַזוי ווי ס׳קענען ניט זיין צוויי בשמות, צוויי מוחות אין איין מענטש, קענען ניט זיין קיין פאַרשיידענע געטער אָדער אַנדערע ענערגיעס אין אונדזער קאָסמישן אַלץ, מיט אַלץ וואָס קען דערין זיין און געשען.

ס׳איז נאַריש און לעכערליך פאַר אַ באמת פרומען מענטש דאָס פּרוּוון אַריינגעמען אַ גאָט אין אַ רעליגיע, אים צוגעבן אַנטראָפּאָמאָרפישע אַטריבוטן, אייגנשאַפטן, השׂגות. איז פאַראַן אַ גאָט — איז נישטאָ קיין שפּראַך וואָס זאָל קענען פאָרמולירן אַ

באַמען פֿאַר אים. ניטאָ קיין חכמה וואָס זאָל קענען באַגרײַפֿן עפּעס פֿון אים אָדער זיך קענען פֿאָרשטעלן עפּעס פֿון זײַן וואָרער עקזיסטענץ, זײַן גרייס, זײַנע מעגליכקייטן, וואָס, ווער און ווי אַזוי ער איז. זײַנע פּלענער, צילן, וואָס ער באַגערט, צי ער איז אין אומענדן, אין אייביקייטן, אָדער אין אַ דרויסן פֿון דעם אַלעמען – ווער קען דאָס פֿאַרשטיין? דער פּלאַנעט איז ניט גענוג צו קענען זײַן אַ טעמפּל פֿאַר אים. ער איז דער האַר, די נשמה פֿון באַשאַף לויט אונדזערע מעגליכע השגות פֿאַר אַלץ. ער איז ניט אַ געטליכקייט פֿאַרן מענטש, נאָר פֿאַרן מינדסטן נוקלעאָן, פֿאַר אַלץ וואָס עקזיסטירט, איז געווען און קען און וועט נאָך זײַן. ער דאַרף ניט קיין ריטואַלן, קיין דינערשאַפֿט, קיין חניפֿות, קיין תּפֿילות, קיין צערעמאָניעס און עמיצנס פּראָסעליטיזמען, קרבנות, אַסקעטיזמען אָדער סימבאָלן, קאָנקרעטע צי אַבסטראַקטע. באמת אויפֿריכטיקע, ערליכע לײַט דאַרפֿן פֿאַרשטיין אַז ער האָט געגעבן דעם מענטש אַ מתּנה אַ באַוווסטזיניקע פֿרײַהייט אויפֿן פּלאַנעט, מיט דער מעגליכקייט אים צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ גן-עדן אָדער אין אַ גיהנום פֿאַר זיך און פֿאַר דער גאַנצער ביָאָספֿערע. זײַענדיק עפּעס פֿון זײַן ווערק, פֿון זײַן אוניווערס, איז די גרעסטע, איינציקע זינד קעגן אים דאָס פֿאַרקריפּלען עפּעס דערין, אַפֿילו מיט דער אייגענער עקזיסטענץ. מיר זענען דאָ, ניט ווייסנדיק פֿאַר וואָס, צוליב וואָס, זענען מיר מחויבֿ אָפּצוהיטן טאָטאַל, אין די בעסטע באַדינגונגען און מעגליכקייטן.

נאָריש איז צו באַלעסטיקן זיך פֿיזיש און פּסיכיש מיט אַנגסטן, צרות, זאָרגן און יסורים. אידיאָטיש פֿאַר רײַכע דאָס זאַמלען בערג מיט אייגנטום וואָס זיי וועלן ניט מיטנעמען אין קבֿר. אידיאָטיש איז דאָס טאָלערירן שקלאַפֿערײַ, פּאַראַזיטיזמען, עקספּלואַטאַציע פֿון זײַנס גלײַכן, טיראַניעס, ראַסן-פּריווילעגיעס, ראַסנהאַס, רציחות אד״גל. דער פּלאַנעט איז גענוג גרויס, מיט אָרט פֿאַר אַלעמען, אויב מע פֿירט זיך לאָגיש, ערלעך, אָן קלאַסן-פּריווילעגיעס צי מעגאַלאָמאַנישע אַגרעסיווע עקספּאַנסיעס.

אַלע רעליגיעס צי פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס פֿאַרקריפּלען לײַט יחידיש און סאָציאַל. אין אַ טערמיטן- צי מוראַשקע-נעסט, אין אַ בינשטאָק, קען מען מער לערנען ווי אין אַלע סעמינאַרן, און אַקאַדעמיעס מיט אַלע פֿילאָסאָפֿישע און טעאָלאָגישע דאָקטרינעס. נישטאָ קיין הימלישע טריבונאַלן מיט סענטענצן פֿאַר גוטס און שלעכטס בײַם לעבן און נאָכן טויט. אַלע גיהנומס און גן-עדנס זענען אינעם מענטש גופֿא, אין אייגענעם געוויסן. אויב פֿאַראַן אַזוי פֿיל שלעכטס, שׂנאה, פֿאַרברעכנס, איז עס די שולד פֿון די סאָציאַלע רעזשימען וואָס הערשן אומעטום. דער מענטש איז פֿרײַ אויפֿן פּלאַנעט, זײַן היים. ער ווערט געשטראָפֿט אויב געזינדיקט, און באַלוינט אויב געפֿירט זיך אָרנטלעך, דאָ, אונטן, אויפֿן אָרט, פֿון זיך זעלבסט אָדער פֿון זײַנס גלײַכן.

ס'איז נאַריש צו קומען צו הימלישע, אומבאַגרײַפֿטע טריבונאַלן מיט בעטלען מחילה פֿאַר באַגאַנגענע, געמיינע פּירונגען, אָדער שנאָרען ווילזײַן, האָבנדיק געטון עפּעס פֿאַרברעכערישס און געמיינס, מיינענדיק אַז מע קען אָפּנאַרן אַ גאָט מיט היפּאָקריטיש על-חטאווען.

פֿאַר וואָס זאָל דאָס זײַן אַזוי שווער צו באַגרײַפֿן, אַז נאָר אַ פּשוטער, ערליכער אופֿן עקזיסטענץ קען גורם זײַן לעבנס-תּענוג, שעפֿערישע עקסטאַזן און אַ מנוחהדיק אײַנשלאָפֿן, וואָרשײַנלעך פֿאַר אַנדערע רעאַליטעטן. און ניין, ניין און ניין! דווקא זיך ממיתן, דווקא זיך האָסן, מיט אײַנרעדעניש, אילוזיעס, יחסנות, יענע-וועלטיקע אַבסורדן, געמענטשלטע תּורות, מיסטיציזמען, וויסנשאַפֿטן, ציוויליזאַציעס, קולטורן אד״גל. ווער דאַרף עס? און פֿאַר וואָס זאָל די ריזיקע מעדיאַ-מאַסע טאָלערירן דיקטאַטורן מיט טעראָר פֿון אַ פּערוועזע מינדערהייט וואָס איז פֿאַרפֿירט פֿון פּאַראַנאָיע-קאָמפּלעקסן, עגאָיִזמען און כּלומרשטע אינטערעסן וואָס שאַפֿן צרות זיך זעלבסט און אַנדערע?

וועלט און לעבן זענען אַזוי פּרעכטיק, מענטשן – אַזוי פֿעיִק, מעגליך – קלוג, שעפֿעריש, מיטן באַוווסטזײַן, מיטן קענען ליבן און לויבן און דאַנקבאַר זײַן דעם, וואָס געוועלטיקט איבער,

אויסער צי אין דעם אַלעמען. אים ליב האָבן מיט צוטרוי און דאַנקבאַרקייט איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט. מע דאַרף אים ליב האָבן ווי אַ קינד האָט ליב זײַן מוטער, ווי מע ליבט עמיצן וואָס ליבט אײַך, וואָס דערמעגליכט צו שמייכלען, טענצן, געזאַנג און תּענוגים פֿאַר אַלע חושים. פֿאַר וואָס זאָל די עקזיסטענץ ניט זײַן אַ פּערמאַנענטער יום־טובֿ, נאָר אַ וויסט אָפּקומעניש מיט אַזוי פֿיל דאָקטוירים, רפֿואות, גורוס, כּישוף־מאַכערס, שאַרלאַטאַנען און גאַס־סטראַפּטשעס? פֿאַר וואָס ניט קענען זײַן פּשוט אַ באַוווסטזיניקער מענטש, אפֿשר טאַקע די קרוין פֿון באַשאַף, אָן צו זוכן די סודות פֿון אוניווערסאַלן אַלץ, מיט טעאָלאָגיעס, טעאָגאָניעס צי אַפֿילו וויסנשאַפֿטן?

געלאָזט די מאַטעמאַטיק מיט דער אַסטראָפֿיזיק און דאָס מעסטן די גרייס און די היץ פֿון גאַלאַקציעס, דעם דויער פֿון קאָסמאָסן און פֿאָטאָנס, פֿון דער זון צי אפֿשר פֿון פּראָטאָנען אָדער אַטאָמען. ניט צעשטערט מער ווי געמוזט צו קענען עקזיסטירן פֿרײַ און פֿריידיק. דער מענטש ווייסט ניט וואָס ס'איז זײַן ראָלע מיטן עטעמען און נערן זיך אַפֿילו. די וועלט איז אין אַ סימביאָז מיט געטליכקייט, אפֿשר אין אָסמאָז מיט דער ביִאָספֿערע. קיינער ווייס ניט וואָס, ווען און ווי אַזוי. איינס איז אָבער אַבסאָלוט זיכער: מיר זײַנען דאָ אין אַ רעאַליטעט, געקומען ניט וויסנדיק פֿון וואַנען, פֿאַרשווינדנדיק ניט וויסנדיק וווהין. איז געמוזט האָבן צוטרוי צו דעם, וואָס וויל ס'זאָל אַזוי זײַן. ניט געלעסטערט די דאָזיקע הייליקייט מיט פֿאַרשיידענע רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס און אַנדערע ספּיריטועלע שאַלעמויזן, פֿאַנאַטיזמען.

מיר זענען אַלע איין משפּחה. לעבן קען זײַן אַ פֿעסטיוואַל פֿון וווילזײַן, אויב ניט געשטערט די נאַטירליכע געזעצן, דעם וואָרשײַנליך געטליכן ווילן. יאָ צי ניט געוווסט ווער צי וואָס געוועלטיקט איבער די אַלע קאָסמאָסן — פֿאַר אונדז זאָל עס זײַן מיט אַ פּערמאַנענטן „כּי־טובֿ".

דער – דאַוונט פֿרום מיט רייד פֿון סידור,
דער – טוט תּפֿילה שוויַגנדיקערהייט;
דער – מיט זיַין פֿידל, מיט זיַין פֿלייט,
און דער – מיט טאַנץ, צי גאַר מיט לידער.
אַלע, אַלע צו אַ גאָט זיך ווענדן:
דער – זיך צו ראַטעווען. יענער – צו פֿאַרלענדן;
יעדער מיט אַ מיין
אַז אַ גאָט געגנאַרט קען זיַין.
און מיט חניפֿה, ליב, חרטה צי אַן אַנדער אופֿן
קען מען ליַיכט אים אונטערקויפֿן.

≈❁≈

וי אַזוי קען געשען, אַז אין אַ מיני-גאָרנישטל ווי דער מענטש אין פֿאַרגליַיך מיט קאָסמאָסן, זאָל זיך קענען מאַניפֿעסטירן אַ באַגער צו וויסן דעם מהות, דעם תּמצית, די סיבה, דעם ציל און בכלל דעם מאי-קא-משמע-לן פֿונעם באַשאַף מיט דער עקזיסטענץ? פֿאַר וואָס זאָל עס רייצן ביז משוגעת, דאָס וועלן דווקא וויסן און ניט קענען פֿאַרשטיין? זענען מיר אין אַן אינעווייניק פֿון עפּעס? איז פֿאַראַן אַ דרויסן, אַ יענע זיַיט? איז פֿאַראַן אַ דרויסנדיקע געטליכקייט? און צי איז עס אינעם באַשאַף ווי דער מענטש-דמיון אינעם קאָפּ?

פֿאַר וואָס קען מען טראַכטן פֿון דעם אַלעמען: וועלט, מענטש, לעבן, טויט? וואָס געשעט דאָ? ניט אומזיסט אַנטלויפֿן ליַיט צו פֿיזישע צי פּסיכישע דראָגן, שיכּורן אָן ס׳געמיט וואָס איז רעוואָלטירט קעגן דעם קאָסמישן ציניזם צי היפּאָקריזיע, וואָס לאָזט אים טראַכטן, פֿרעגן, דענקען, זיך בונטעווען, אָן קיין שום מעגליכקייט צו האָבן אַן ענטפֿער, וואָס זאָל אים לאָזן מנוחהדיק אָפּדויערן זיַין עפּעמערישע עקזיסטענץ.

עפּעס אין מענטש וויל ניט, קען ניט זיַין קיין טאָטאַלער שקלאַף. פֿאָלגן, דינען – אָבער וויסן פֿאַר וואָס און ווער רייצט תּמיד דעם מענטש מיט צווייפֿל און פֿאַרצווייפֿל, אַנגסט און

אומבאַהאָלפֿענעם באַגער פֿאַר יושר, רעכט, טאָלעראַנץ, ליבשאַפֿט, און דערוויַיל זאָלן זיך מוזן מאַניפֿעסטירן שלעכטס און מיאוסקייט? ווי אַזוי קען זיך אין מיר מאַניפֿעסטירן פּראָטעסט און רעוואָלט? איז עס ניט אַ באַוויַיז אַז עפּעס דאָך באַגערט ס׳זאָל אַנדערש זייַן? גאָטס געוויסן און דעם מענטשנס מחשבֿות? ווער קען שטערן דער געטליכקייט איר באַגערטן „כּי-טובֿ״? איר באַגערטן?... דאָ באַפֿאַלט אַ פּחד. ווער איז מעכטיקער פֿון גאָט צי געטער, ס׳זאָל זיך קענען אַנטקעגנשטעלן זייַן ווילן? איז דאָ, הייסט עס, אַ גרעסערע קראַפֿט פֿון אים, וואָס קומט צעשטערן זייַן **כּי-טובֿיזם?**

≈❀≈

**כ׳**קען מיט אייַך זיך וועטן,
אַז אַ קוליע-מאַכער תּפֿילה טוט געוויס
ביַי זייַן גאָט כּסדר בעטן
לייַט ברעכן זאָלן תּמיד פֿיס.
אַזוי אויך מסתּם אַפֿנים
מיט דאָקטוירים, פֿיַיער-לעשער און קברנים.
כאָליערע, פּעסט, מגיפֿה,
אַן ערד-ציטערניש, אַ שׂריפֿה –
דאָס אַלץ פֿאַר זיי באַדיַיט:
„מיט ביזנעס איז אָלרייַט!״

≈❀≈

**ווי** ליאַנעס וואָס פּאַראַזיטירן אַ בוים, צי ווילדגראָזן אַ רויזן-גאָרטן, זענען אַלע רעליגיעס פֿאַר געטליכקייט. דער רבונו-של-עולם איז אַ גוטער, טאָלערירט ער דאָס דאָזיקע אין אַ כּלומרשטן סימביאָז. אָבער ס׳האָט ניט קיין שום שייַכות מיט אים. רעליגיעס? זאָל זייַן רעליגיעס. אַטעיִסטן? זאָלן זייַן אַטעיִסטן. ווי אַ טרייַער פֿאָטער מוז ער שמייכלען זעענדיק ווי לייַט רעדן זיך אייַן

טעאָלאָגיעס, טעאָגאָניעס, דאָגמעס, מיטאָלאָגיעס, און שפּילן זיך מיט פּראָסעליטיזמען, הייליקע ספרים, מיטן אָנגיין פאַר הימלישע שטעל־פאַרטרעטערס, מיט קרעמערישע אינסטיטוציעס, היעראַרכיעס. מע באַזעצט אים אין טעמפּלען, מע באַשטימט אים פּראָגראַמירטע טערמינאָלאָגיעס, טערמינען זיך צו קענען ווענדן צו אים מיט תּפילות, מיט חניפה־הימנען, מיט פּרוּוון אָפּקויפן אָדער זיך אויסקויפן מיט כאַבאַר פאַר באַגאַנגענע חטאָים. דאָס מעקלערײַ צווישן פּרומע לײַט, מיט די קרעמערישע אינסטיטוציעס, קאַריערעס און רעליגיעזע ביזנעס האָט זיכער ניט קיין שום שײַכות מיט וואָרער ליבשאַפט צו אים.

קאָמיש איז דאָס מיינען, אַז „ראשית חכמה יראת ה׳״. ווער האָט דאָס מורא פאַר אַ פאָטער צי אַ מוטער? אָבער ער ווייס זיכער אַז מענטשן זענען אומגליקליך, תּמיד אין אַנגסט און אין געפאַר, אין צרות מיטן לעבן און פּחד פאַרן טויט. זוכן זיי אַ טרייסט אין געטליכקייט. מוז מען האָבן עמיצן זיך אויסצווויינען, זיך אַראָפּצורעדן פון הארצן, זיך צו פאַרטרויען צו אַן אינטימען פרײַנד. לאָזט ער זיך טעאָלאָגיזירן, פאַרשלייערן מיט פאַרשיידענע געצערײַען, ריטואַלן אד״גל, אַבי דער מענטש, זײַן באַליבט ווערק, זאָל קענען האָבן אַ ביסל מנוחה. ליידער ביצן פּיפּיקע לײַט אויס די דאָזיקע סיטואַציעס און פאַרטשאַקען אַנדערע מיט פאַרפּירערישע שאַלעמויזן, נאַרן אויס זייער ערדיש האָב און גוטס קעגן כלומרשטע הימלישע וועקסל־גן־עדנס, געצאָלטע אויף יענע־וועלטן.

קומען נעכט און קומען טעג
און כ׳בין תּמיד נאָר אין וועג;
גיי, ניט וויסנדיק דעם זין,
ניט פון וואַנען, ניט וווהין.

דאָ געשוויגן, דאָ מיט ליד,
אַזוי נאָר אַכציק יאָר שוין מיד;

נאָך אַנאַנד דאָר אַלץ אין גאַנג,
מיד פֿון גייַן און פֿון געזאַנג..
עפּעס אין מיר וויסן וויל
כאָטש דעם שׂכל פֿונעם גייַן.
אַ שליחות מיט אַ ציל?
הלמאַי דאָס ניט פֿאַרשטייַן?
שושקעט עמיץ מיר אין אויער:
גיי, און קיינעם גאָרניטש פֿרעג.
אָפּגעמאָסטן גאַנג און דויער;
צו דייַן קבֿר פֿירט דער וועג.
פֿרייַ פֿון גוף און טיף באַגראָבן
וועסטו אויף אַלץ אַן ענטפֿער האָבן.

~❀~

ביכער, מייַנע ליבע פֿרייַנד,
געלייענט, אַפֿילו ניט געלייענט –
ס׳וויסן אַרום מיר איר ליגט צי שטייט.
ניט באַגרייַפֿן קיינער קען וואָס דאָס פֿאַר מיר באַדייַט.
אַ נשמה דאָ פֿון אַ פּאָעט,
פֿון אַ פֿילאָזאָף אַ חכם, פֿון אַ פֿרומען גייַסט –
מיט אָפּשייַ אייַך כ׳באַטראַכט, מיט ליבשאַפֿט כ׳גלעט
און פֿון מייַן תּענוג גאָט נאָר אפֿשר ווייסט.
מחשבֿות דאָ און דאָרט, אין יעדן וואָרט כמעט.
דאָ שמייכלענדיק דעם שיינקייטזין
ווי אין מוזיק כ׳געפֿין.
אַזוי זינט תּמיד; ווי באַגערט
מיר לעבנסגליק געהערט,
און אָפֿט ווי טרייסט געהאַט.
ס׳פֿילט אייַער באָענטקייט אין מיר יעדער חוש,
און מיט אימפּולסן סענסיטיוו-געהיימע,
ווי פֿון אַ תּחינה מאַמישע אַ שמה
אייַך אָפֿט מיט ליבשאַפֿט כ׳קוש.

כאָטש וואָס איר זאָגט ניט תּמיד איבערצײַגט,
און ווידערשטאַנד איר זיכער פֿילט,
דאָך, אַפֿילו ווען מײַן אַרגומענט פֿאַר אײַך ניט גילט,
געבונדן העפֿליך, פֿײַן דערצויגענע, איר שווײַגט.

~❀~

**ע**פּעס אין דער קבלה איז זיכער עלול צו זײַן גילטיק מיט דער וויסנשאַפֿט: פֿיזיש און מעטאַפֿיזיש, לויט וויכטיקע ספּעצן אין פֿאַרשיידענע דיסציפּלינען מיט זייערע פּאָסטולאַטן. דאָס וואָס טויג בישט איז עקזעגעטיש-פֿרום וועלן צוטשעפּען דווקא דאָס לשון-קודש מיט די אותיות צו סימבאָלן, גימטריות און עזאָטערישע פֿאַנטאַזיזמען לויטן זוהר. אָט געלייענט ערגעץ אַז מע קען געפֿינען זיבעציק אינטערפּרעטאַציעס פֿאַרן וואָרט **בראשית**!... ס'איז ווי די דיאַלאָגן פֿון די אותיות מיטן רבונו-של-עולם. קומט דער אלף און באַקלאָגט זיך הלמאי דער חומש הייבט זיך אָן מיט אַ בית – בראשית? באַרויִקט מען דעם אות מיט אַ צוזאָג, אַז דער אָנוכי וועט זײַן מיט אַן אלף!...

דער פּרינציפּ פֿון ספֿירות-ציקלען – כּמעט שפּינאָזישע קאָנצעפּטן פֿון פּאַנטעיִזם – איז אויסגעהאַלטן מעטאַפֿיזיש, אָבער פֿאַרשלייערט מיט פֿאַנאַטיזם איז עס בישט גילטיק פֿאַר אַ לאָגישן שׂכל. נאָר ווער זוכט לאָגיק אין מיסטישע עקסטאַזן?

אפֿשר האָבן די זעלבע עפּעסן וואָס די וויסנשאַפֿטלער רופֿן עס אָן מיט אַזוי פֿיל טערמינאָלאָגיעס (פֿאַר וואָס דווקא אין גרעקאָ-לאַטײַניש?) און וואָס האָבן געשאַפֿן פּאָטאָנען, עלעקטראָנען, נוקלעאָנען און נאָך אַזעלכע **אָנען** ביז זייער ספּעציפֿירן זיך אין אַטאָמען, מאָלעקולן, סטרוקטורן פֿון אַ מאָנאָ-קעמערל ביז גאַלאַקציעס מיט זונסיסטעמען, און אויך סאַטעלייזירט פּלאַנעטן-קאָלאָניעס מיט זייערע ביִאָספֿערעס און דעם חכם מענטש בתוכם – ניט געשאַפֿן אויך גאָט צי געטער? אפֿשר איז דער וועג צום פּערפֿעקטן ציל עפּעס נאָך ווײַטער, און זײַנע עוואָלוציעס נאָך וויכטיקער – דער שפּיץ פֿון דער פּיראַמידע נאָך ניט דערגרייכט, אַפֿילו מיטן אָמעגאַ-פּונקט?

אַז מע זעט ווי אין אַ פֿון אונדז באַגרײַפֿטן אָרגאַניזם איז אַלץ, אָבער אַבסאָלוט אַלץ סיסטעמאַטיש מיט ספּעציפֿישע לאָקאַליזירטע סיגנאַלן און אַלגעמיינע קאָנטראָלן פֿון אַ נערוון-סיסטעם, איז עס פּונקט ווי אַ באַציע מיט פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּעס, טאַקע ווי די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אָדער אַ ביִאָספֿערע צי אַ גאַלאַקציע מיט געזעצן גילטיקע, לאָקאַל-באַגרענעצט און אוניווערסאַלע. יחיד, פֿאַמיליע, פֿאָלק, באַציע, קאָנטינענט, פּלאַנעט, סיסטעם, גאַלאַקציע און וואָס ווײַטער? העכער? גרעסער? וואָרשײַנליך גילטן די זעלבע סיסטעמען פֿיזיש, פּסיכיש, יחידיש, סאָציאַל, פֿון אַ נוקלעאָן ביז... ביז... ביז ווער ווייסט וואָס און ווו.

אויב ס׳זאָל טאַקע זײַן אַזוי, נעמט אָן אַ פּחד, זעענדיק ווי ס׳פֿירט זיך מיט מענטשליכע רעזשימען, מיט זייערע השגות, זייערע קאָמפּלעקסן, פּאַראַדאָקסן, פּאַראַנאָיעס, פֿאָביעס און סתּם משוגעתן. זאָל דאָס זעלבע געשען אין געטליכע דימענסיעס – זענען מיר פֿאַרלוירן! איז דען ניט געזאָגט אַז דער מענטש איז באַשאַפֿן אַ צלם-אלוהים?

בפֿרט אַז ס׳קומען אַ הײַזענבערג, מיט אַ פּלאַנק, אַן אײַנשטיין, אַ באָר, און באַווײַזן אַז ס׳קענען ניט זײַן קיין שום זיכערקייטן אין דעם וואָס ס׳קען געשען און געשעט: אַלץ איז צופֿעליק, פּראָבאַביליטעט, און ווער ווייסט צי ניט עפּעס אַנדערש נאָך – טאָ וואָס איז מיט מײַן עקזיסטענץ? מיט מײַן שרײַבן? מיט מײַן ווערן פֿאַרעפֿנטליכן? מיט, מיט, מיט – אוי, אַן אַספּירין!

~֍~

**ג**אָטעניו, כ׳בין גרייט!
ניט זײַענדיק אין ענין טויט באַהאַוונט
ווייס איך, אַז געקומען איז די צײַט
פֿון מײַן שמונה-עשׂרה תּפֿילה;
אָן יום-טובֿס מוסף, ווי אין פּראָסטער וואָך,
מיט מײַן לעבן צוריק אַ צוויי-דרײַ טריט –

אַהין, פֿון וואַנען כ'בין געקומען
מער צו זײַן שוין קיין מאָל ניט.
יאָ צי ניט דאָס קענען מײַדן
פֿיזישע אימפּעראַטיווע ליידן,
באַוווסטזיניק און דאָך –
פּחד? אומקומאַנגסט? חלילה.
ווי ספּאַסט פֿאַר אַ באמת פֿרומען,
בײַם סוף פֿון יעדן ייִד וואָס דאַוונט:
עלינו לשבח, ווי געווען מײַן עקזיסטענץ,
מוחל קדיש, הספּד, קרענץ;
ניט לײַדן מיט מײַן אומקום זאָלן בלומען;
גענוג שוין דיס, וואָס כ'ליב, באַדויער, פײַן.
כ'באַגער נאָר איינס: ווי ניט ביז איצט פֿאַראַנען,
זאָל אויך קיין מאָל ניט זײַן
אַז מײַן נאָמען עמיץ זאָל מיט שלעכטס דערמאָנען.

~❀~

פֿאַר וואָס זאָלן די לוחות פֿונעם באַרג סיני זײַן דווקא נאָר אין העברעיִש? דער לא-תרצח, ווי דער לא-תגנוב, איז וואָרשײַנליך געוואָרן דיקטירט אין אַזאַ מין דיאַלעקט צי אידיאָם אַז דאָס זאָל זײַן פֿאַרשטענדליך אין אַבסאָלוט אַלע לשונות און אַפּילו טויבשטומע צי בלינדע וואָס טאַפּן אותיות זאָלן עס פֿאַרשטיין.

משה רבנו האָט עס געקריצט אין זײַן לשון, וואָס איז טאַקע לשון-קודש –זיכער ניט עבֿרית אָבער– און ליידער זענען די אַלע לאוון ווי אַ ביין אין האַלדז בײַ לײַט. און די וואָס שלינגען עפּעס אַראָפּ דערפֿון, פֿאַרדייען זיי עס ניט בשום אופֿן. פֿיפֿיקע סאָפֿיסטן, געניטע סעמאַנטיקער, ראַפֿינירטע לינגוויסטן, אינטערעסירטע טעאָלאָגן, היפּאָקריטישע גנאָסטיקער און פּריווילעגירטע עקסעגעטן וועלן שוין תּמיד געפֿינען אינטערפּרעטאַציעס מיט קאָמענטאַרן צו באַרעכטיקן אַז אין נאָמען פֿונעם לא-תרצח זאָל

מען פֿרום ממיתן לײַט, און מיטן לא-תגנובֿ זאָל מען ראַבעווען און אויסנאַרן וויפֿל געוואָלט. דאָך, חוץ דעם, האָט מען פֿײַנט די ייִדן מיט זייער משה רבנו מיט די לוחות, וואָס מע גראַמט מיט אַל-די רוחות.

ווי אַזוי פּאַסט דאָך אָבער אַז ציוויליזירטע לײַט זאָלן ניט זײַן עטיש ווי ס'שטייט אין דעקאַלאָג, וואָס סײַ די קריסטן, סײַ די איסלאַמיסטן האָבן זיך אַ ביסל צוגעאייגנט? האָט אַ פּאַסקאַל אויסגעפֿונען אַז די קאַטאָליקן – זיי זענען די וואָרע יורשים פֿונעם אַלטן טעסטאַמענט מיט אַלץ וואָס איז דערין, און דאָס בעסטע איז פּטור צו ווערן פֿון די אַלע וואָס קענען דערמאָנען עפּעס פֿון אַ **לא**, מיט אַ „ניט טאָרן" האָבן קיין געץ און בכלל אָפּהיטן געזעצן וואָס רייצן די השׂגות פֿון קיִנס יורשים.

האָבן די מאַכמעדאַנער אויך זיך צוגעפּאַסט צום קריסטיאַניזם מיט צוגעלייגטע אייגענע פּאַראַנאָיעס, און זינט תּמיד פֿאַרפֿאָלגט מען ייִדן מיט רציחות, רויבערײַען און נאָך אַזעלכע פֿײַנע דעקאַלאָגישע עצות, נוסח אינקוויזיציעס, קרײַציקלער, צאַרישע פּאָגראָמען, דזשיהאַדס און דעם קלימאַקס פֿון בעסטיאַליטעט (פֿאַרדאָן, בעסטיעס) – היטלער, סטאַלין, מאָטשאַר, אַראַפֿאַט, כאָמייני און ווער ניט?

אָבער ניט אַלע פֿרומע רוצחים פֿאַרלירן דעם פּראַקטישן קאָפּ. מע לאָזט תּמיד אַ ביסל ייִדן כּדי צו קענען האָבן תּירוצים צו באַרעכטיקן די געמיינע מעשׂים און מחשבֿות פֿון די פּריווילעגירטע הערשנדיקע קלאַסן, און אָפּווײַכן די עווענטועלע רעוואָלטן דורך ניצן ייִדן ווי אָפּלייטערס פֿאַר זייערע צרות.

אַזוי פֿירט זיך די ציוויליזירטע וועלט, וואָס איז פֿאַרסמט מיט אַנטיסעמיטיזם און קען ניט מוחל זײַן דעם ייִדישן פֿאָלק ניט זײַנע לוחות, ניט זײַנע נבֿיאים, ניט זײַן יעזוס אַפֿילו, און ניט זײַן מאַרקסיזם, מיט די אַלע וואָס –רעליגיעז צי וועלטליך, אַטעיִסטיש אַפֿילו– זענען זיי גורם דאָס פֿאַרשפּרייטן אידעאַלן פֿון רעכט, יושר, ליבשאַפֿט, משיחיזם און סאָציאַליזם.

ליידער שטייט אין חומש אַז גאָט שיצט קיִנען, און ווי צו דעם וואָס וועט אים טשעפּען. גיי ווייס צי דער רבש"ע איז ניט גערייצט מיט

אַן איזובֿן וואָס רעוואָלטירט זיך, צי אַ יעקבֿן וואָס וויל קריכן אין הימלען מיט געטרוימטע לייטערס און מוז זיך פֿעכטן מיט געטליכע מלאָכים וואָס היטן הימלישע ספֿערעס, אפֿשר ווי שווייצאַרישע גוואַרדיעס היטן דעם וואַטיקאַן – להבֿדיל בין קודש לחול.

ערשט פֿאַר וואָס האָט גאָט ניט אָנגעווענדט זײַנע פּרינציפּן פֿון לאָ־תרצח צו זײַן אייגענעם סדר־עולם?

ניט מעגליך קיין שום עקזיסטענץ אָן רציחה. אויב דאָס מוז אַזוי זײַן, פֿאַר וואָס אַנגסט, פּחד, יסורים, ציין, נעגל, גיפֿט און אַפֿילו אָן דעם מוז זיך צו נערן, ווי בײַ חיות – בײַם חכם מענטש, מיט אַזוי פֿיל פֿרומקייט, באַוווסטזײַן, אינטעלעקטועלע דאָקטרינעס און ליבשאַפֿט־טעאָריעס? פֿאַר וואָס אַזוי פֿיל טאָרטורן, אַגרעסיעס, פּאַראַזיטיזמען, קאַניבאַל־רעזשימען, פֿיזישע עקספּלואַטאַציעס און פּסיכישע טיראַניעס, קלאַסנקאַמף, מלחמות אאַז״וו?

אויב גאָט קען דאָס ניט באַווײַזן צו טון, מעגן דאָך לײַט זײַן משוגע! נאָר צו וועמען זיך ווענדן? וווּ זוכן יושר?

≈❁≈

יוגנט קען ניט קיין קאַלענדאַרן,
האָט קיין שייכות ניט מיט דויער,
לאָזט זיך ניט מיט יאָרן נאַרן,
לאַכט פֿון מלאך־המוותעס לויער.
נו, אַז אויס מיט בלאָנדע לאָקן?
איז מיט זילבער קאָפּ געקריינט!
אויב אַ שמייכל נאָך באַחנט –
איז מיט עלטער ניט געשראָקן!
ניינציק יאָר באַלד? מיר ס'געפֿעלט.
וואָס מיר אַנגסטן צי פֿאַרדראָס –
האַלב פֿול און ניט האַלב ליידיק כּוס;
לחיים, לעבן! לחיים, וועלט!

≈❁≈

אַ גדולה! אַ הוראַ, אַ וויוואַט פֿאַר דער ציווילייזירטער מענטשהייט (משטיינס געזאָגט)! נאָך אַ רײַזע פֿון מיליאָנען קילאָמעטערס האָט אַ מאַכערײַקע געשיקט פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון אַ סאַטעליט אַרום דעם פלאַנעט אוראַנוס, און איצט ווייסט מען גענוי ווי אַזוי די אייבערפֿלאַך זעט אויס, וויפֿל גראַד היץ ס׳הערשט דאָרט אד״גל. דאָס דאָזיקע וויסן האָט זיכער געקאָסט מי און פֿאַרמעגן, און קאָסט נאָך ווײַטער מיטן פֿאָרשן, אַנאַליזירן, פֿאָטאָגראַפֿירן אָרדינאַטאָריש, אַקאַדעמיש, אַסטראָפֿיזיש, אַסטראָנאָמיש אאַז״וו.

פֿרעגט אָבער די אַלע חכמים צי זיי ווייסן עפעס וואָס ס׳טוט זיך אויף אונדזער פלאַנעט אין די אָרעמע היימען פֿון אַרבעטסלאָזע: וויפֿל וואַרעמקייט איז אויף די פֿאַרשנייטע בענק ווו ס׳פֿרירן היימלאָזע אין זייערע שמאַטעס, וויפֿל קינדער ס׳שטאַרבן טאָג-טעגליך פֿון הונגער, אַזוי אין די רײַכע אַמעריקעס ווי אין ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך אד״גל. ווו מע זעט עס? אין די פֿאַרשטינקטע פֿאָרשטעט, און אפֿשר אויך אין פֿײַנע היימען מיט שעמעוודיקער נויט; ערשט אין דרום-אַמעריקע, אַפֿריקע, אַזיע און ווו ניט? מע דאַרף ניט קיין סך רייד צו שילדערן ווי אַזוי מע פגרט דאָרט אין אָרעמקייט! בראַוואָ אויך פֿאַר די סאָוויעטישע גדולים! אַ יאָר צײַט געפֿלויגן אין אַ סאַטעליט? אָבער וויפֿל יאָר דאַרף מען נאָך, ניט צו מוזן שטיין אין דער ריי צו האָבן אַ פיצל פֿלייש, צי אַ שטיקל צוקער און אַ פֿלעשל וואָדקע, וואָס ס׳פֿאָלק מוז האָבן זיך צו פֿאַרשיכּורן און פֿאַרגעסן די סאָציאַלע דערגרייכונגען פֿון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע אין 1917 — ווען מ׳איז פטור געוואָרן פֿון די שוואַרצע צאַרן. דערצו געפֿינט מען תּמיד בודזשעטן צו פֿאָרשן וואָס ס׳טוט זיך אויפֿן נעפטון — צי ערגעץ אין אַ גאַלאַקציע. אָבער מע זעט ניט ס׳מיסט וואָס ליגט בײַ אייגענע טיר און טויערן. די רויטע סאַמאַדערזשאַוונע קרעמלישע באָיאַרן מיט זייערע קראַסנאָ-סאָטניקעס וואָס געוועלטיקן אויף זייערע ערדישע סאַטעליטן, און צווינגען אויף 10 גראַד וואַרעמקייט אין די רומענישע היימען,

אָדער, אָדער, אָדער —

נאָר צו וואָס דאָס אַלץ פֿאַרשרײַבן? די וועלט, די מענטשליכע וועלט, איז ווילד משוגע און אַלץ איז סיזיפֿירט; מע שטופּט אַרויף אַ פֿעלדז און יענער פֿאַלט כּסדר אַרונטער — ביז, ביז, ביז אַלץ וועט זיך צעשמעטערן און די בּיָאָספֿערע וועט פּטור ווערן פֿונעם רעליגיעזן ווי פֿונעם וועלטליכן מענטשן-מין. אפֿשר וועט די נײַע בּיָאָספֿערע ניט זײַן מער האָמאָ-סאַפּיעניזירט און ס׳וועט אויפֿקומען אַ נײַ באַשעפֿענישל, וואָס וועט זיך לערנען ניט ווי אַזוי צו מאַכן סאַטעליט-מכשירים, נאָר ווי אַזוי צו לעבן ווי די מוראַשקעס.

~❀~

**ג**אָטעניו, פֿאַר וואָס אונדז שטראָפֿן
מיט פֿילאָזאָפֿן?
מיר, פֿערד, בירגער אין די שטאַלן —
געבנוג אונדז טאָרבעס האָבער — אידעאַלן;
אַ זאָטל — ניט צו האַרט,
אַ ווייכע בײַטש
פֿון זײַד,
אַ לייטש,
האַלאַבליעס און כאָמעטן ניט שווער, ניט האַרט,
און ס׳איבעריקע איז כּולו-בלאָפֿן.
ווער דאַרף פּראָפֿעטן?
חכמה און פּאָעטן
מיט טיפֿן טײַטש
פֿון שיינע רייד?
„גאַלאָפּירט אויף לאָנקעס פֿרײַע!"
„זע, פֿון שטאַל די טירן אָפֿן!"
אָבער מיר מיט אונדזער גורל זענען זיך מחייה,
און מוחל רעזשימען מיט סיטואַציעס נײַע!

~❀~

געלייענט אין אַ צײַטשריפֿט די דערקלערונגען וועגן זייערע אמונות פֿון קאַטוילישע, פּראָטעסטאַנטישע, איסלאַמישע, בודיסטישע און ייִדישע היעראַרכיש-גרויסע פֿאַרשטייער, און ס'איז ניט צו פֿאַרשטיין הלמאי מע דאַרף פֿאַרשיידענע רעליגיעס צו פּראָקלאַמירן די זעלבע פּרינציפּן פֿון מאָנאָטעיִזם, פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ליבשאַפֿט, גערעכטיקייט און נאָך אַזעלכע גוטע מחשבֿות, פֿײַנע רעקאָמענדאַציעס, עטצ', עטצ'. יעדער זעען עס אַלע היפּאָקריטן, און די פּראַגמאַטישע אָנווענדונגען זענען אין היפּוך מיט זייערע רייד. אומעטום – פֿאַנאַטיזם, אידאָלאַטריע, עגאָיִזם, דזשיהאַד, פּראָסעליטיזם, האַס, אינקוויזיציע, טעראָר, אָן שום טאָלעראַנץ צי פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן קלאָרן שׂכל, פֿאַר לאָגיק, ווער רעדט שוין פֿון יושר, רעכט צי פֿרײַהייט! כ'האָב אַרײַנגערעכנט אויך ייִדן דערין, כאָטש זיי זענען אָן אויסנאַם מיטן טעראָר, אידאָלאַטריע און פּראָסעליטיזם. אָבער מיט פֿאַנאַטיזם און נאַרישע אינטערפּרעטאַציעס פֿון וואָרע ייִדישקייט-אידעאַלן זענען זיי אַלץ איינס ווי אַלע צינישע היפּאָקריטן.

אַ פֿולקומער, טאָטאַלער קעשענע-גנבֿ איז דער, וואָס גנבֿעט אַרויס עפּעס פֿון איין קעשענע אין אַ צווייטער פֿון אייגענע מלבושים אויף זיך זעלבסט. מיט דער רעכטער האַנט כאַפּט ער עפּעס אַרויס פֿון דער לינקער קעשענע, אָדער פֿאַרקערט, און אָדער ער מאַכט זיך ניט-וויסנדיק מיט אַ שווײַג, אָדער ער ווערט נעלם פֿון אָרט ווו ער געפֿינט זיך. אַזוי קען זײַן מיט אַ רויבער וואָס עפֿנט מיט אַ וויטרע זײַן אייגענע טיר, פֿענצטער, קאַסע אָדער שופֿלאָד – און אַזוי איז מיט אַ וואָרן פלאַגיאַטאָר וואָס דרוקט איבער אייגענע זאַכן מײַנענדיק אַז ס'איז עמיצנס. מע קען נאָך געפֿינען אַזעלכע בײַשפּילן ווי אַזוי לײַט נאַרן און באַשווינדלען זיך זעלבסט – ניט רעדנדיק פֿון פֿרעמדע. נאָר כ'לאָז די מי צי דאָס פֿאַרגעניגן צו געפֿינען אַנדערע בײַשפּילן פֿאַר מײַנע עווענטועלע לייענער.

װי קען איך עס פֿאַרהוילן,
זיך ניט תּמיד דערמאַנען,
אַז בײַ דײַן װײַסל, פּוילן,
מײַן װיגל איז געשטאַנען?
מײַן יוגנט פֿול מיט טרוימען
מיט דיר דאָך איז געבונדן!
און װי אויף פֿאַליעס שוימען
װי ניט געװען פֿאַרשװוּנדן.
װער קען די קינדער-יאָרן
ניט תּמיד דען געדענקען —
און טראָץ צער און צאָרן
נאָך זײ, מיט טרער, ניט בענקען?
פֿון װאַנען טרייסט צו האָפֿן?
מיט װעמען אומעט טיילן?
די װוּנד אין האַרץ איז אָפֿן,
װאָס קיינער קען ניט היילן!...

*

נאַכט מיט פֿײַערװערק געבלענדט;
מיט טראַסק און פֿלאַם געבײַדעס זינקען
רויטיק. קנוילן רויך
מיט קללות און געשרייען.
שטויב און פֿונקען
צו הימלען שװאַרץ זיך הייבן הויך
באַגלייט אין פֿאַלן
מיט שאָס און קנאַלן.
דער געטאָ ברענט!
דער געטאָ ברענט!
דער געטאָ ברענט!
און אויף דער אַריער-זײַט פֿון װענט
קאַרוזעלעט! קאַטערינקעט!
פּאַטש, שמאַלצאָװניק, מיט די הענט!
„װאַרשע פּטור װערט פֿון ייִדן;

זשידעס יונג און אַלט אין פֿלאַמען!"
„ביער בענדזשע פּאָסמאַליאָני אַלץ צוזאַמען,
נאַ וויעקי וויעקווו, אַמען".

*

גלאָקן קלינגט –
גלאָקן קלינגט:
„פּאָלסקאַ ניע זגיניעלאַ!" זינגט.
זאָל זײַן פֿון מאָסקאַליעס, דאָך
אַבי באַפֿרײַט פֿון דײַטשנס יאָך.
און אַז שוין ניטאָ קיין „בידאַ",
איז ווי תּמיד: טאָ „באַ זשידאַ!"
קום זשע, קום, דאָמבראָווסקי,
זע ווי מיט מאָטשאַרס הענט
קאָסטציושקאָ מיט מיצקעוויטשן,
סלאָוואַצקי איז געשענדט!

*

הוליעט, הוליעט, אַלטע יוכעס,
הײַנט איז אײַער צײַט.
איז אַ ייִד פֿון דײַטש אַנטרונען –
האַלט די מעסערס גרייט.

*

דער טשענסטאָכאָווער פּאַטריאָט
אין נײַעם בערן-פּעלץ
פֿאַרשפּילט אַנטקעגן דײַטשן האָט
און זיגט אין פּשיטיק, קיעלץ!

*

אונטער דער גרינער ליפּע,
קראַקאָוויאַנקע, כליפּע.
נעבן דיר מיט טרויער איצט
אַ ייִדישע נשמה שבֿעה זיצט,
אַנטוישט, געקרענקט
און געדענקט, געדענקט.

אַ פוילן איז אַ מאָל געווען
מיט סקאָווראָנקעס און מיט בעזן.
ווינטער – שטעט מיט קלינגענדיקן שליטנשאָרך אין שניי;
מיט פּאָליאַנקעס גרין-געבלימלטע אין מײַ.
דערפֿער, וועלדער, סעדער,
טויזנט יאָר געלעבט אין איינעם
קלויסטער מיט דער שיל ווי שכנים.
פויער, שנײַדער, רופֿא, קלייט;
ברוגזע פֿון צײַט צו צײַט,
דאָך געווען צופֿרידן יעדער
מיט זײַן אופֿן זײַן און זאָרגן,
מיט זײַן נעכטן, הײַנט און מאָרגן.
גוט צי שלעכט – געלעבט צוזאַמען,
ווי די קינדער בײַ איין מאַמען.
געקעמפֿט, געלאַכט, געזונגען און געליטן;
קאָזאַקנס, שוואַבנס יאָכן ניט געמיטן.
פֿרײַ אַ מאָל צו זײַן געהאָפֿט,
און איצט – זע ווי ס'איז געשטראָפֿט.

*

פוילן, לאַנד פֿון מײַן געבוירן,
ביסט אַצינד שוין יאָ פֿאַרלוירן.
וואָס וואָלט אַ שאָפּען איצט געטראַכט,
ווען ס'איז קאָסציושקאָ אויסגעלאַכט;
וואָלט אַ מיצקעוויטש לײַדן ניט געקענט
צו זען די יוזעפּאָוויטשעס פֿאַרלענדט?
און ווי סלאָוואַצקי ווײַט פֿון דער היים באַגראָבן,
און זייער געביין צו פֿילן דאָך, נאָך אַנאַנד
דעם ווייטיק און די שאַנד
וואָס די הײַנטיקע פּאָליאַקן האָבן
געמאַכט פֿון זייער לאַנד.

*

וואַרשע, ווילנע, לאָדזש צי גער,
ניטאָ שוין דאָרט קיין יתום מער,
עמיץ זאָל אַ מאָל אַ קדיש זאָגן,
אַ ברוך שולמאַנען, אַ מאָנישן באַקלאָגן.
וועלפּיש וויע, ווינטערווינט;
כמאַרעס גראָע, טרערן רינט!
אויף וויסטע קבֿרים-שטיינער קרומע,
לעצטער זכר פֿון מײַן אומה,
געבן טויזנט יאָר אַ היים באַווייליקט,
און פּאַטריאָטיש-פֿרומע
רציחהדיק פֿאַרטיליקט.

*

אַקער אונדזערע בית-עלמינס, כאַם;
מיט קבֿרים-שטיינער פֿלאַסטער גאַסן.
פֿון זאַנגען ס'ברויט וועט זײַן דיר סם
און דײַן יעדן טריט דער וועג וועט האַסן.
און די וואָס האָבן דעם אַזור פֿאַרטרויט
פֿון די גופֿים אונדזערע דאָס אַש, דעם רויך,
שטיקן וועט דאָס עטעמען מיט טעם פֿון טויט,
כאָטש שוין לאַנג צעשפּרייט פֿון ווינטן הויך.
פֿאַרשאָלטן וועט די ערד אויף תּמיד זײַן,
וואָס האָט אונדזער לעבן אײַנגעשלונגען;
דער שאָטן אונדזערער אין זונענשײַן
וועט אין אײַער בליק מיט חושך דרינגען
פֿאַר דורות מיט גערעטענישן פּעט
אײַנגעזאַפּטע מיט אַזוי פֿיל בלוט און טרערן,
אָבער ביטער זײַן וועט תּמיד אײַך די זעט,
און קאָשמאַרן נעכט וועלן צעשטערן.
אוי פּוילן, פּוילן, ביטער שווער
איז ס'מוזן שעלטן מיט אַ טרער
ס'אָרט וואָס ליבן קען מען שוין ניט מער!..

אויב ס'איז פֿאַראַן אַ פֿעלדז וואָס ליגט אין מיטן וועג און שטערט די באָרמאַלע צירקולאַציע, ניצט ניט דאָס קרישלען, צופּן פּיצלעך צו זוכן אַ דורכגאַנג, אַבי אַריבער אויף יענער זײַט – מע מוז אים טאָטאַל באַזײַטיקן, מיט אַלע כּוחות און מיטלען: הענט, אײַזנס, דינאַמיט – דער וועג מוז זײַן פֿרײַ.

דער קאַפּיטאַליזם, מיט אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות דירעקט צי אומדירעקט מיט זײַנע רעזשימען און קלאַסן-פּריווילעגיעס אין וואָס פֿאַר אַ אַספּעקטן זיי זאָלן זיך ניט מאַניפֿעסטירן: רעליגיעזע, פֿילאָזאָפֿישע, עסטעטישע, ספּאָרטן, ליטעראַטור, קונסט, ספּעקטאַקלען – איז דער פֿעלדז וואָס ליגט אין וועג וואָס פֿירט צוריק צום גן-עדן. ניטאָ קיין שום מעגליכע קאָמפּראָמיסן, פֿיזישע צי מעטאַפֿיזישע, מיט די אַלע וויסנשאַפֿטן, דאָקטרינעס, מיסטיציזמען, דעמאָקראַטיעס, פּראָגרעסן, ליבעראַליזמען און תּירוצים פֿאַר רעליגיעזע צי וועלטליכע פֿאַנאַטיזמען.

ווי לאַנג לײַט וועלן זיך וואַלגערן ווי די חזירים אין די קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען מיט קלאַסן-פּריווילעגיעס, היפּאָקריטישע דעוויזן, דעמאַגאָגישע אַרגומענטן – וועלן זײַן בויט, טיראַניעס, רעוואָלטן, טעראָר, אַגרעסיווע עקספּאַנסיעס, רציחות, מלחמות, געווער-קאָמפּעטיציעס, סטעלאַרע און נוקלעאַרע פֿאָרשונגען צו געפֿינען נײַע טויט-מכשירים, און מיטן זעלבן רעזולטאַט: אַרבעטסלאָזיקייט דורך ראָבאָטיזם, און באַנדיטיזם, וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַנאַרכישער קאַפּיטאַליזם, בשעת קאַפּיטאַליזם איז לעגאַלער באַנדיטיזם, און ס'איבעריקע איז ליטעראַטור פֿאַר לעקישעוואַטע יאָלדן.

~❁~

אלה תּולדות אהרן –
דאָלאָי מיט קאַלענדאַרן;
געגאַנגען אינעם וועג
ביט ציילנדיק די טעג.

גערײטן צי געפֿאָרן,
פֿאַרגעסן לויף פֿון יאָרן.
פֿאַר אַ פּרינציפּ גענומען:
ווײכטיק ס׳גײין, ניט ס׳קומען.

אין זין נאָר אײן דעוויז:
זאָל וועלט זײַן ווי זי איז,
און לעבן, סוף־כּל־סוף,
איז זיכער לוין, ניט שטראָף.

און אויב פֿאַר דעם צי יענעם
די וועלט איז אַ גיהנום,
איז עס דערפֿאַר, ווײַל לײַט
זעבען צעחושט, צעדרײט.

דו לאָז זײ, פּיפּיק־קלוגע,
זײַן אויסטערליש משוגע,
און האָב אַ ציל פֿאַר זיך –
אויף גלײַכע וועגט ניט קריך!

געפֿלאַסטערטע שאָסײען
מיט תּמיד האַסטיק שמײַען,
מיטן המון אויף גאַסן,
וואָס ווײסט נאָר אײנס – זיך האַסן.

אַ סטעזשקעלע אַ ליאַדע
איז ליבער אָפּט מסתּם,
און כ׳זאָג עס ניט, אַוודאי,
ווײַל כ׳דאַרף צום סוף אַ גראַם.

~❀~

די פּאָלעמיק אַרום די פֿילאָזאָפֿיעס וועגן עקזיסטענציאַליזם, מיט די אַלע האָרשפּאַלטערישע קאָנצעפּטן וואָס פֿירן צו ניהיליזם, אַנגסטן, זינט פּאַסקאַלן ביז סאַרטרן, איז אָן שום ווערט, און איז אַ פּסיכאָפּאַטישער פֿענאָמען.

גילטיק מוז זײַן פֿאַרן מענטשליכן באַוווסטזײַן דאָס פֿילן זיך ווי אַ פֿראַגמענט, אַן עפּעס אינעם, פֿונעם, טאָטאַלן אוניווערס. אַ

פֿראַגמענט מיט פֿליכטן, מיט אַ ראָלע, מיט לוין אינעם אוניווערסאַלן כּי־טוביזם פֿון באַשאַף. אַלע זײַנע צרות און אַנגסטן, מיט זײערע פּראָבלעמען, קומען דערפֿון וואָס ער ניצט שלעכט אויס זײַן פֿרײַהייט, פֿאַרקריפּלט זיך פֿיזיש, פּסיכיש, עטיש, עסטעטיש, מאַטעריעל, יחידיש און סאָציאַל, און שאַפֿט זיך זײַנע פּערזענליכע און קאָלעקטיווע גיהנומס.

נעמט מען דעם עקזיסטענציאַליזם און מע שמעלצט דערמיט אַלע דאָקטרינעס. איז דאָ גאַבריעל מאַרסעל מיטן קאַטוילישן עקזיסטענציאַליזם, קירקעגאַרד מיטן פּראָטעסטאַנטישן, סאַרטר מיטן אַטעיִסטישן. פֿאַראַן אַ מאַרקסיסטישער און אַ פּאָעטישער ווי באַשלאַרדס. בכלל – ס׳טוט זיך אויף טיש און אויף בענק, אַבי געשריבן, געפּריידיקט און געמאַכט אַ ספּיריטועלע קאַריערע. ס׳איז לײַכטער ווי גראָבן קוילן.

אין וואָס גייט עס דאָ? עקזיסטענציאַליזם האָט דאָך אַ שײַכות מיט עקזיסטירן, אַן אייגנשאַפֿט וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דויער. אַלץ וואָס איז – עקזיסטירט און דויערט: הוסערל, אַ מיקראָב, אַ בוים, אַ קאַנאַריקל, אַ בענקל און אַ פּלאַנעט. דער – אַ רגע, ווי ס׳לײַכטן פֿון אַ מעטעאָר; דער – אַ טאָג, אַ יאָר צי אַ מיליאַרד ליכטיאָר. ס׳בענקל, אויב צעבראָכן, ווערט עס האָלץ, עקזיסטירט ניט מער ווי אַ בענקל; אויב פֿאַרברענט, האָט עס אַ נײַע עקזיסטענץ ווי אַש. וואָס זשע איז דאָ צו טראַכטן אַזוי פֿיל?

אפֿשר אַ פּראָבלעם פֿון **ווי אַזוי דויערן?** דאָס איז העדאָניזם, ס׳האָט אַ שײַכות מיט מאַרקסיזם – עקאָנאָמיע, קלאַסן־אינטערעסן, רעכט, יושר, פֿרײַהייט, גלײַכהייט אד״גל.

**פֿאַר וואָס דויערן?** ווי קומט עס וואָס כ׳בין מסוגל צו זײַן און קענען דויערן? וואָס איז געוועזן מיט מיר פֿריִער און וואָס וועט זײַן שפּעטער? דאָס איז אַ פֿראַגע פֿון רעליגיעזע פּראָבלעמען, און יעדער איז באַרעכטיקט צו געפֿינען זײַן ענטפֿער. דויערנדיק קען ער טראַכטן אויך וועגן דעם. אָבער מאַכן פֿון בלויזן פֿאַקט: עקזיסטענץ – אַ פֿילאָזאָפֿיע, איז ווי מאַכן אַ פֿילאָזאָפֿיע פֿון

מאַטעמאַטיק, צי פֿון פֿילאָזאָפֿירן. אַלע די, וואָס זענען ניט קיין עקזיסטענציאַליסטן, צי קעגנער פֿון די דאָקטרינעס, עקזיסטירן דען ניט? כולנו עקזיסטענציאַליסטן; יעדער לויט זײַן נוסח, אָבער ווי לאַנג געלעבט זענען אַלע און אַלץ עקזיסטענציאַליזירט.

און דערנאָך? איז מען עס אַנדערש אין אַנדערע אַספּעקטן. וואָרשײַנליך איז דער עקזיסטענציאַליזם אַן אייביקע פּריטשעפּע צו אַלץ וואָס איז, און מע קען עס צורעכענען ווי אַ פֿינפֿטע דימענסיע. און אפֿשר איז עס איינע פֿון די אײַנשטיינישע פֿיר? דויער איז דען ניט עקזיסטירן?

פֿאַרשטייט זיך אַז ווי באַלד עקזיסטענץ איז אַ פֿענאָמען, איז ממילא עקזיסטענציאַליזם געקניפּט און געבונדן מיט פֿענאָמענאָלאָגיע — דאָס אַלץ איז אַ קאַריקאַטור פֿון פּשוטן שכל-הישר. מיט לאָגישע קאָנצעפּטן פֿון ערליכקייט און פּראַגמאַטיק קען מען אַזוינס ניט באַגרײַפֿן.

האַמלעט האָט שוין געפֿאָרשט דעם עקזיסטענציאַליזם: „זײַן אָדער ניט זײַן?", אָבער גאָרניט פֿאַרענטפֿערט. ס'איז דאָך פּשוט: אויב ער קען זיך פֿרעגן „זײַן אָדער ניט זײַן", איז עס דאָך קודם אַ באַווײַז אַז ער איז. ממילא איז זײַן עקזיסטענציעלקייט אַ פֿענאָמען... שעקספּיר — און סאַרטר...

~❀~

שטײַגן באָך אַנאַנד אויף טרעפּ און לייטערס
און זיך געפֿינען אונטן, תּמיד אונטן,
אָבער מיט בליקן בײַגיריקע, תּמיד שטוינענדיקע,
מיט באַגערן אַרויף, אַרויף, אַרויף,
העכער, העכער, העכער —
שולדיק איז דערין דער פּלאַנעט
מיט זײַנע אַנטיפּאָדישע ראָטאַציעס,
און אפֿשר אויך דער פּאָעט
מיט זײַנע האַלוצינאַציעס.

~❀~

איך מוז פֿאַרשרײַבן אַן אויסטערליש געשעעניש וואָס קען אפֿשר האָבן אַן אינטערעס פֿאַר אַ פּסיכאָלאָג צי אַ פּסיכיאַטער, צי פֿאַר יעדן מענטש אפֿשר. געוויינליך חלום איך אַ סך, געדיכט מיט אַ סך רעאַליטעט. בײַנצײַק פּראָצענט פֿון דעם וואָס מיר חלומט זיך האָט ניט קיין שום שײַכות מיט די פֿון מיר וואַכנדיק-באַקאַנטעווירקליכקייטן. פּייזאַזשן, ערטער, לײַט און אַלץ וואָס כ׳זע איז מיר אַבסאָלוט אומבאַקאַנט, אָבער אַלץ איז נאָרמאַל אין אַספּעקט: קיין מאָל ניט קיין פּיראַמידע וואָס זאָל שטיין אויפֿן שפּיץ, צי אַ באַשעפֿעניש זאָל האָבן צוויי קעפּ אָדער זעקס פֿיס. פֿון וואַנען נעמען זיך די דאָזיקע סבֿיבֿות און געשעענישן אין מײַן דמיון פֿאַרשטיי איך ניט, אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

הײַנטיקע נאַכט האָט זיך, ווי געוויינליך, שטאַרק געחלומט, און זיך אויפֿכאַפּנדיק פֿון שלאָף איז מיר שווער אָנגעקומען דאָס אַרויסקריגן זיך פֿון מײַן חלום. כ׳האָב בשום אופֿן ניט געקענט געפֿינען די רעאַליטעט. ניט דאָס צימער, ניט דאָס בעט, ניט מײַן ווײַבל וואָס שלאָפֿט לעבן מיר – ס׳האָט געדויערט אַ שפּאַר ביסל צײַט ביז כ׳בין אַרויס פֿון דעם צושטאַנד, כאָטש כ׳בין געווען וואַך. און גלײַכצײַטיק איז מיר אײַנגעפֿאַלן צו טראַכטן אַז אַזוי מוז געשען מיטן שטאַרבן. ס׳קען זײַן אַז מע שלאָפֿט אײַן און מע וואַכט אויף אין אַן אַנדער רעאַליטעט. עפּעס לאָזט דעם גוף, ווי אַ שאָל, און מאַניפֿעסטירט זיך אין אַנדערע ווירקליכקייטן!

אַז ס׳זענען פֿאַראַן זיכער אַ סך אַנדערע רעאַליטעטן – וועגן דעם איז ניטאָ קיין שום צווייפֿל. חלומות נעמען צו אַ דריטל פֿון אונדזער עקזיסטענץ: ערשט דמיון, אילוזיעס, פֿאַנטאַזמען, מיראַזשן, אײַנרעדענישן... ווי אַזוי קען מען דאָס דערקלערן? כ׳מיין אַז פֿיזיש און פּסיכיש בין איך נאָרמאַל. געמאַכט אַלע מעגלעכע אַנאַליזן. אַלץ פֿונקציאָנירט ווי געהעריק. אויסער וואָס כ׳האָב אָפּט אַ טעמפּעראַטור פֿון 35,2 גראַד און אַ פּולסירונג פֿון 45 אין אַ מינוט. ווי אַזוי באַגרײַפֿן אַזאַ מין איבערגאַנג פֿון איין אַספּעקט עקזיסטענץ אין אַ צווייטן? די וועלט איז פֿול מיט סודות און וווּנדער.

~❀~

מײַן געפֿליגלט לאָשעקל פּעגאַז
געשפּאַנט אין שטערן-וואָגן
און הײדאַ, צום פּאַרנאַס געטראָגן
מיט תּענוג און עקסטאַז!
קויטיק ערדישע רעאַליטעטן
און אַזוי פּראָזאַיִש נעבעך לײַט –
אין הימלענס ספֿערעס אפֿשר ערגעץ הויך און ווײַט
געפֿינען עפּעס גילטיקס בײַ פּאָעטן.
אָן ממשות, כ׳ווייס, איז זייער טרוים,
און פֿיקטיוו וואָס ווירקליכקייט זעט אויס.
דאָך דאָ, אין נידער – אומעט אַזוי גרויס,
אַז זײַן כּמעט באָרמאַל איז מעגליך קוים....

~❁~

גאָטעניו, כ׳ווייס ניט ווער, וואָס, ווו, ווי אַזוי, זינט ווען, ביז ווען, פֿאַר וואָס דו ביסט. כ׳קען עס ניט, דאַרף עס ניט, טאָר עס ניט, וויל עס ניט וויסן. פֿאַראַן אַ וועלט, כ׳בין דאָ און שרײַב ס׳דאָזיקע: קיינער קען עס דאָך ניט לייקענען. בכן, ביסטו זיכער פֿאַראַן כּדי צו געוועלטיקן, באַגערן, אַכטונג טון אַלץ זאָל קענען זײַן. באַגרײַפֿנדיק דאָס אַלץ, ווענד איך זיך צו דיר מיט ליבשאַפֿט, אָפּשײַ, צוטרוי און הכנעה, זײַענדיק זיכער אַז מײַן ווענדונג וועט דיך גרייכן און וויסנדיק אַז כ׳בין אויפֿריכטיק מיט מײַן געבעט, אָן עגאָיִסטישע באַגערן, אָן חניפֿה-לויב, וועסטו באַווייליקן מיך אויסצוהערן.

באַפֿרײַ דעם מענטש פֿונעם מבול **איזמען** וואָס פֿאַרפֿלייצן די געמיטער: טעיִזמען, אַטעיִזמען, דאָגמאַטיזמען, פֿאַנאַטיזמען, פּראָסעליטיזמען, הערעטיזמען, גנאָסטיציזמען, שאַמאַניזמען און אַזוי פֿיל אַנדערע איזמען, פֿאַרשטייט זיך מיט זייערע **איסטן** פֿון אַלע מינים און זייערע אַלע מעשׂים און מחשבֿות. באַפֿרײַ פֿון אַלע רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס, מיט אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות דערמיט אין אַלע היבזיכטן – תּירוצים פֿאַר קרעמערײַ, קאַריערעס, אַמביציעס, פּאַראַזיטיזמען, מיט אַלע היפּאָקריזיעס, אינטערעסן

וואָס פֿאַרקריפּלען, צעטומלען, פֿאַרפּירן געמיטער און זענען גורם אַזוי פֿיל שלעכטס, מיאוסקייט, צרות, אַנגסט, פּײַן און נאַרישקייטן אויף דײַן פּרעכטיקן פּלאַנעט.

ווער דאַרף אַזוי פֿיל דענקעניש, בענקעניש און קרענקעניש – מיטן אויסניצן די פּאָלעמיק און אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט דײַן זײַן צי ניט-זײַן. זאָל דער מענטש קומען צום קלאָרן שכל אַז ער איז ניט מסוגל צו וויסן עפּעס פֿון דיר; אַז אים איז געגעבן אַ מתּנה אַ מעגליכקייט באַוווסטזיניק צו געניסן פֿון אַזוי פֿיל תּענוגים, עקסטאַזן, מיט ווילזײַן אין אַבסאָלוט אַלע הינזיכטן. און ער, צעחושט, משוגע, מאַכט אַ תּל פֿון דעם אַלעמען, צעשטערט זיך זעלבסט און אַלץ אַרום זיך, לעסטערט דעם באַשאַף און ממילא דיך, גאָטעניו – גוטער פֿאָטער וואָס לאָזט אים ווי אַ צעבאַלעוועט קינד טון וואָס אים געפֿעלט, אַפֿילו באַגיין –בּיסלעכווײַז צי האַסטיק-קאַמיקאַדזיש– זעלבסטמאָרד.

עקזיסטענץ קען דאָך זײַן אַ פּערמאַנענטער יום-טובֿ, ווי דו באַגערסט עס, גאָטעניו, זיכער, פֿאַר עפּעס פֿון דײַן ווערק! פֿאַר וואָס זאָל דער גולם מענטש זײַן ווי אַ קינד וואָס וויל ניט לאָזן זיך היילן און האַסט דעם רופֿא מיט זײַנע רפֿואות? ס'איז דאָך אַזוי לײַכט צו זײַן גוט, ערליך און פּשוט, נאָרמאַל, ראַציאָנעל, פֿיזיש און פּסיכיש געזונט, טאָ פֿאַר וואָס זאָלן לײַט דווקא זײַן אויסטערליש משוגע? ווי אַזוי קענסטו דאָס דערלאָזן? זע ווי מע צעשטערט דײַן באַשאַף! געווען אַ מאָל עמיץ וואָס האָט געפּרוּווט פֿאַרטרײַבן די קרעמער פֿון דײַנס אַ דיר געווידמעטן טעמפּל, האָט מען אים געקרײַציקט און איצט, אין זײַן נאָמען, באַגנבֿעט מען, מע טוט פּונקט דאָס וואָס ער האָט ניט טאָלערירט, מע רויבט, מע שענדט, מע ממיתט – מע האַסט, און אַזוי אומעטום, מיט אַלע דאָקטרינעס, שאַפֿט מען מיתה-משונהס, און דער פּרעכטיקער פּלאַנעט איז פֿאַרוואַנדלט אין אַ וויסט גיהנום.

ווי דו זעסט, גאָטעניו, וועגד איך זיך צו דיר ניט לטובֿת מיר זעלבסט. כ'וואָלט געוואָלט נאָך זען, איידער כ'פֿאַרשווינד, ווי דער כּי-טובֿ פֿון דײַן באַשאַף איז ניט אויסגעלאַכט און פֿאַרוואַנדלט

אין אַן אוטאָפּיע, ווי אַ מחשבֿה פֿון אַ הײַנטיקן חכם-מענטש. זאָל מײַן מחשבֿה אויך זײַן פֿון דעם מין?

~❀~

מענטשן דאַרפֿן, מוזן האָבן אַ גאָט –
ווי אַ סימבאָל,
ווי אַ קריטער,
ווי אַ קאַנטשיק,
ווי אַ תּירוץ,
ווי אַ לעקעכל,
ווי אַן אַנטיטעזע,
ווי אַן עסאַלאָן,
ווי אַ מאַמע,
ווי אַן אינטימען חבֿר,
ווי אַ גאָט.
דער מענטש אָן גאָט איז אַ יתום,
אַ שיף אָן אַ רודער,
אַ לאַנד אָן גרענעצן,
אַ פֿאַרלוירענער אין וואַלד,
אַ פֿאַרלאָזטער אין מדבר,
אַ חולה אָן דאָקטער און רפֿואות,
אַ קאַליקע,
בכלל ניט קיין מענטש,
און חוץ אַלעמען –
אָן אַ מעגליכקייט עפּעס צו זאָגן און צו שרײַבן...
דאָס אַלץ – נאָר אַ מיני-פֿראַגמענט
פֿון דעם, וואָס גאָט איז באמת.
צו וויסן וואָס אַזוינס ס'איז גאָט,
מוז מען אַליין זײַן אַ גאָט.

~❀~

**ווי** אַזוי קען עס געשען אַז עפּעס, אַ נישטיקל אינעם אוניווערס, זאָל דווקא ווען באַגרײַפֿן, וויסן דעם מאַי-קאָ-משמע-לן פֿון קאָסמישן אַלץ, ווער וואָס געוועלטיקט, דערמעגליכט אַז אַלץ זאָל קענען זײַן, עוואָלויִרן, ווערן, אויפֿקומען, אומקומען, פֿאַר וואָס, צוליב וואָס; אורזאַך, ציל אד״גל, און זאָל מעגאַלאָמאַניש האָבן אַמביציעס צו קענען אַלץ מעסטן, וועגן, אַנאַליזירן און פֿאַרשטייט זיך אויסניצן, ס׳רובֿ ליידער צו באַריש-שלעכטע צוועקן, לטובֿת אידיאָטישע עגאָיִזמען און אינטערעסן! ווי אַזוי וויל ער עס דערגיין דעם זין, די יענע-זײַט, דעם דרויסן פֿון אַלץ וואָס ער באַגרײַפֿט נאָך אַפֿילו ניט, וויסנדיק דעם תּמצית דערפֿון.

זײַן אַסטראָ-פֿיזיק מיט די נוקלעאַרע גריבלענישן אַנטפּלעקן אים אַלץ נײַע סודות, טיפֿענישן, האָריזאָנטן, און טראָץ דעם וואָס ער קען אויסניצן פּראַגמאַטיש עפּעס פֿון די דערקענטעניש, איז ער ווייניקער געניט פֿון אַ ווירוס, אַ גרעזל, אַן עלעקטראָן. די גאַנצע וויסנשאַפֿט איז אומבאַהאָלפֿן קעגן אַ סידאַ-ווירוס, עסטעטיש שיין!

ווי אַזוי קען זיך אַזאַ מין אַמביציעזער באַוווסטזײַן מאַניפֿעסטירן? ווער, וואָס דערמעגליכט אַזעלכע פֿענאָמענען? ווער רייצט זיך ציניש צי חוזקדיק מיטן חכם מענטש? פֿאַר וואָס דאַרף מען שטראָפֿן אַ מענטש, וואָס איז באַשאַפֿן ווי אַזוי פֿיל אַנדערע וועזנס —מיטן זעלבן אופֿן אויפֿקום און אומקום— צו זײַן באַלעסטיקט מיט אַזעלכע באַגערן, באַווײַזנדיק תּמיד אַז וואָס מער ער אַנטפּלעקט, אַלץ מער נײַע סודות? וואָס קענען אויפֿטון אײַנשטיין, פּלאַנק, אַזוי גוט ווי גאַליליי, ניוטאָן צי קאָפּערניק? זייער וויסן באַווײַזט, אַז זייער אומוויסן איז אַלץ ריזיקער. הייזענבערג, פּואַנקאַרע —מיט קוואַנטאַס, פּראָבאַביליטעטן, צופֿעליקייטן— אַ וואָרע גורל-שפּיל! טראָץ דאָך זיכערע געזעצן —אויב עפּעס באַוועגט זיך, מוז עס דאָך שטערן אַנדערע— וואָס איז עס? טאַנץ צי אַגרעסיע?

אויב דער אוניווערס ווערט געוועלטיקט מיטן זעלבן סיסטעם ווי ביים מענטש — איז, איז, איז וואָס? ווער ווייסט עס! אַ סקאַנדאַל! אַ חרפּה פֿאַר גאָט און לײַט!

אנשטאָט היי צי האָבער אויף דער ערד –
איז מיט שעצקע יוצא אויך אַ פֿערד.
זײַן אידעאַל: אַ ווייכע בײַטש,
אַ לויזע לייטש,
אַ גוטע שטאַל.
אויב זאָטלס יאָך?
מיט ניט קיין שווערן רײַטער, דאָך,
און ניט צו שאַרפֿע שפּאָרן.
מיט פֿורמאַנעס געלעבט בשלום,
ניט תּמיד געריטן צי געפֿאָרן
אָדער געקאָוועט פּאָדקאָוועס מיט צאָרן.
דעם האָמאָ-סאַפּיענס אָבער
גענוג איז ניט אַ גאַסטראָנאָמיש האָבער.
ער דאַרף פֿאַר זײַנע אויגן
אַ רעגן-בויגן;
וואָך – אַ טרוים פֿאַר דער נשמה,
אינעם שלאָף – אַ חלום,
פֿיקציעס און מיראַזשן ניט געשטויגן ניט געפֿלויגן.
פֿאַרן פֿערד גענוג
אַ פֿאָכע מיטן עק
און מיט דער גריווע הירזשענדיק אַ טרייסל.
ער, דער מענטש, וועלטס ס'אייבערשטע פֿון שטייסל,
איז אינטעלעקטועל און קלוג;
זײַן עקזיסטענץ מוז זײַן מיט ציל און צוועק.
סטײַטש?
געלעבט אַזוי מעשה-בהמה?
אַזוינס איז שאָפּענהויעריש, טראַכט ער מיט אימה.
לעבן אָן פּראָגרעס? אָן אידעאַל?
וואָס איז די וועלט, אַ שטאַל?

מיטן צעשערבלען פּראָזע-טעקסטן און צעקאַליעטשען סינטאַקסן ווערט ניט דערפֿון קיין פּאָעזיע. מעג עס זײַן געשריבן ווערטיקאַל, געגראַמט צי ניט, געלירישט, געמוחט צי געהערצט און געשמערצט.

מחשבֿות, עמאָציעס, אַפּאָלאָגעטישע הימנען אָבער וואָס האָבן ניט קיין שײַכות מיט אייגענע צײַנווייטיק, פּערזענליכע הינבראָוויגן, נאָר מיט אינטערעס פֿאַר יעדן – אדרבא. אָבער אַז עמיץ קומט צו דער עפֿנטליכקייט און דאַרף צי וויל עפּעס זאָגן שרײַבנדיק, מוז ער קודם האָבן אַ געדאַנק, קענען די שפּראַך, ניט פּלאָנטערן און זשאָנגלירן מיטן סינטאַקס, ניט מאַכן אַקראָבאַטיק מיט אָנצוהערעניש, פּילפּינטלדיק:..... ניט זשאָנגלירן מיט „געפֿילן" און וועלן דווקא אָנגיין פֿאַר אַ ווירטואָז, באַוואַטאַר אין פֿאָנעמענאָלאָגיע. ניט פּרוּוון צײַען קאָלירטע סטענגע-פֿראַזן פֿון דער אייגענער צי פֿון אַ פֿרעמדנס נאָז.

~❀~

צו קענען עקזיסטירן, זיך נערן, קליידן, האָבן אַ היים און געניסן פֿון אַ ווילזײַן, מוז מען אַבסאָלוט עפּעס טון, פּיזישס. אָן מי איז גאָרניט מעגליך. די דאָזיקע מי מוז זײַן צעטיילט צווישן אַלע יונגע, געזונטע לײַט, אָן שום מעגליכן אויסנאַם. קיין שום אינטעלעקטועלע תּירוצים זענען ניט גילטיק. קונסט, ספּאָרט, פֿילאָזאָפֿיע, רעליגיע, קאָמערץ, פֿינאַנץ, פּאָליטיק, דיפּלאָמאַטיע און ווער קען אַלץ אויסרעכענען, מיט אַלע דאָקטרינעס, ליטעראַטורן, עקאָנאָמישע און ספּיריטועלע תּירוצים – זענען אָן שום ערליכן ווערט.

די אַלע וואָס קענען ניט טון געוויסע אַרבעטן, קענען העלפֿן אַנדערע וואָס דאַרפֿן הילף: לערנען, היילן, פֿאָרשן פּראַקטישע מיטלען מיט פּראַגמאַטישע אָנווענדונגען, עקזיסטענץ זאָל זײַן מיט טאָטאַלן ווילזײַן, אָן סנאָביזמען, מעגאַלאָמאַניעס, עגאָיזמען, און איבערהויפּט אָן פּאַראַזיטיזמען, יחסנות און פּריווילעגיעס.

אויב אַ גרויסער פֿילאָזאָף איז ניט מסוגל אָפּצוטון זײַן חלק

אַרבעט און עפּעס אַנדערש, זאָל ער נעמען אַ בעזעם און רייניקן גאַסן! די נויטווענדיקע מי זאָל זײַן אויפֿריכטיק, ערליך און ווי געהעריק צעטיילט. וואָלט יעדער איינער געקענט יוצא זײַן מיט אַ מינימום צײַט און ס'וואָלט געבליבן גענוג יעדן איינעם צו טון אַלץ וואָס אים געפֿעלט אָדער זעט אויס נויטווענדיק: דעם ווירטואָז — צו שפּילן; דעם טענצער — צו טאַנצן; דעם פּאָעט — צו ליריקן און דעם אַקראָבאַט זיך צו איבן. און אויב ס'געפֿעלט, זיך צוזאַמענטרעפֿן מיט ספּעקטאַקלען צי פֿאָרמעסטן, אָבער אָן פּאַטריאָטיש-שאָוויניסטישע קאָמפּעטיציעס, אָן שטעלן אין געפֿאַר ס'געזונט אָדער ס'לעבן. אַדרבא, לאָקאַלע צי אַפֿילו אוניווערסאַלע אָלימפּיאַדעס מיט פֿאָלקלאָר און ווירטואָזן-מאַניפֿעסטאַציעס — פֿאַר וואָס ניט? וואָס מער און אָפֿטער!

אויב דאָס איז ניט אַזוי בײַ הײַנטיקע רעזשימען, איז עס ווײַל מע לעבט אין בלאָף-סיסטעמען, מיט קלאַסן-פּריווילעגיעס און היפּאָקריטישע אינטערפּרעטאַציעס פֿון פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ברודערשאַפֿט, ווי ס'איז מיט חוזק געקריצט אויף די פֿראַנצייזישע אינסטיטוציעס — סוראָגאַט-דעוויזן פֿון דער פֿראַנצייזישער רעוואָלוציע, וואָס ווערן אָנגעווענדט פּונקט אַזוי פֿאַלש ווי פּראָגרעס, דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם, נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם, פֿאָלקס-דעמאָקראַטיע און אַנדערע בלאָף-דעוויזן, געשלייערטע מיט רעליגיעזע, וועלטליכע, פֿילאָזאָפֿישע און אַנדערע סאָפֿיסטישע **איזמען**, מאַניפּולירטע פֿון פּערפֿידע **איסטן**.

עולם-גולם מאַרשירט און ס'פּלאַטערן פֿענער; מע פּאַראַדירט מיט הימנען; דער מיט אַ הורא, יענער מיט אַ וויוואַט, אַ יחי, אַ ניעך זשיִע. זאָל לעבן און — מיליאָנען לײַט מאַטערן זיך אין נויט מיט צרות, קרענק; מיליאָנען קינדער שטאַרבן פֿון הונגער און אַנדערע פּגרן פֿאַר כּלומרשטע אידעאַלן, קומען אום איבערגעפֿרעסן, פֿאַרגיפֿטן זיך מיט דראָגן.

דאָס איז דער רעזולטאַט פֿון טויזנטער יאָרן קולטור, ציוויליזאַציעס און נאָך אַזעלכע שיינע טערמינאָלאָגיעס וואָס

גילטן לײדער תּמיד אומעטום, באַרעכטיקטע טעאָלאָגיש צי פֿרײַדענקעריש מיט באַרימטע חכמים! טפֿו!

~❀~

„אָדם יסודו מעפֿר וסופֿו לעפֿר" – נו, און עפֿר, איז עס ניט עפּעס אַ ניצוץ פֿון זון און דויערט אײביק? פֿון וואָס באַשטײט עפֿר? ניט פֿון קאָסמישער און ממילא געטליכער סובסטאַנץ? וואָס איז עפֿר? ניט עפּעס פֿון מעטאַפֿיזיש-מאַטעמאַטישן אחד?

אײַנשטײן און די קבלה מיט טעיאַר דע שאַרדענס אָמעגאַ-פּונקט טרעפֿן זיך צונויף אין דער זעלבער עקוואַציע: סכום ענערגיע, מאַסע שטאָף און מאַטעריאַליזירטער גײַסט.

שטאַרב רויִק, מענטש. אַז דו פֿאַרלירסט אַן אָפּגעשוירענעם פּיצל נאָגל, צי ראַזירטע האָר, פֿילסטו עפּעס?

וועסט פֿאַרלירן דעם צײַטווײַליקן גוף? נו, אויך אַן עסק! די געבליבענע וועלן טרויערן – צי הנאה האָבן... אָבער אויף דיר וואַרטן נײַע עקזיסטענצן – ווײַל ווי עפֿר ואפֿר ביסטו אײביק.

~❀~

ווי אַזוי באַגרײַפֿן אַז אַ וועלט מיט אַזוי פֿיל לײַט זאָלן זײַן אויסטערליש משוגע אין אַלע הינזיכטן און אומשטאַנדן, און אַזוי זינט טויזנטער דורות, אומעטום, כאָטש מיט פֿאַרשײדענע וואַריאַנטן און קריזיסן? דער פּלאַנעט איז דאָך גענוג גרויס צו קענען אויסהאַלטן ניט נאָר 5 מיליאַרד לײַט, נאָר הונדערטער אפֿשר, אָבער ווען געפֿירט זיך לאָגיש, מיטן פּשוטן שׂכל-הישר.

ווי אַזוי איז דער מענטשן-מין געוואָרן אַזוי צעחושט, פֿאַרקריפּלט, עגאָפֿאָביש, קאָמיקאַדזיש אין אַלע הינזיכטן, אין אַלע זײַנע מעשׂים און מחשבֿות? ווער דאַרף אַזוי פֿיל רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס, עקאָנאָמישע און אינדוסטריעלע רעזשימען מיט קלאַסן-פּריווילעגיעס, קלאַסנקאַמף, עקספּלואַטאַציעס פֿון זײַנס גלײַכן מיט אַלע סנאָביזמען, פּלומרשטע קונסטן, קולטורן, ציוויליזאַציעס, דערפֿינדונגען און אַזוי פֿיל אויסטערלישקייטן און פּערווערזיטעטן, אַז ס'איז גאָר נישט מעגליך אויסצורעכענען אַלץ?

אַזוי פֿיל מי, צײַט און פֿאַרמעגן פּסיכאָפּאַטיש פֿאַרתּכלעוועט, ס'רובֿ צו פֿאַרשאַפֿן זיך צרות, קרענק, פּריצײַטיקן אומקום, האַס, נקמות, מלחמות, רעוואָלטן מיט נויט און פֿולע משוגעים-הײַזער, שפּיטעלער און תּפֿיסות, אַז ס'שווינדלט אין קאָפּ!

פֿאַר וואָס ניט אײַנזען אַז ס'איז אַזוי לײַכט צו פֿאַרוואַנדלען דעם פּרעכטיקן פּלאַנעט אין אַ גן-עדן מיט אַל-דאָס גוטס און ווילזײַן פֿאַר אַלעמען?

פֿיקטיוו איז דאָס גליק פֿון די רײַכע מיט זייערע אַמביציעס, לוקסוסן, איבערפֿרעסעניש און הוליאַנקעס. ערשטנס, שטאַרבן זיי ווי יעדע באַשעפֿעניש סײַ ווי סײַ; ס'רובֿ מיט קרענק, וואָס נאָר רײַכע קענען זיך פֿאַרגינען צו האָבן. זייערע אַגרעסיווע קאָמפּעטיציעס: נאָך! נאָך! נאָך! – שאַפֿן זיי קאָפּ-דרייעניש, וואָס נאָר די מעכטיקע, די גרויסע, די, די, די אאַז״וו אד״גל קענען זיך פֿאַרשאַפֿן, מיט די טראַסטן, קאָנקורענצן, קאָנטראָלירן די רעזשימען, די מאַכט וואָס געוועלטיקט און וואָס ניט? ווער קען אויסרעכענען די אויסטערלישע אַמביציעס פֿון די לײַט!

פֿאַר וואָס זאָלן כּלומרשטע האָמאָ-סאַפּיענסן ניט פֿאַרשטיין, אַז מיט אַ סך ווייניקער מי, אָבער מיט לאָיאַליטעט, אָן היפּאָקריזיעס, פּאַראַזיטיזמען און פֿאַרברעכערישע קאָמבינאַציעס, קען מען אָפּדויערן אין די בעסטע מנוחהדיקע באַדינגונגען, אומעטום און תּמיד, טראָץ עווענטועל-מעגליכע נאַטור-קאַטאַסטראָפֿעס?

לערנען, מאַכן דערפֿינדונגען – דאָס יאָ; אָבער לטובֿת אַלעמען, אויף אַלע קאָנטינענטן.

ווער דאַרף דאָס זיך פֿאַרנעמען מיט געטליכקייט, יענע-וועלטן, מיט אַסטראָפֿיזיק און ס'פֿאָרשן דווקא צו פּרוּוון דערגיין וואָס איז אַזוינס: **וועלט, לעבן** אד״גל?

מ'איז עפּעס אינעם אוניווערס, ווי אַלץ אַרום. אַפֿילו אַז מע וועט שוין וויסן וואָס אַזוינס איז געטליכקייט, און די עלטער פֿון קאָסמאָס מיטן ציל פֿונעם באַשאַף, וועט עס דען ענדערן עפּעס אינעם גורל פֿונעם מענטש? ער איז דאָ מיט אַ פֿליכט, וואָרשײַנליך, ווי אַלץ וואָס איז, מוז ער פֿאָלגן און זײַן נאָרמאַל,

נאַטירליך גוט, געזונט און שיין אַפּילו, ניט קריכנדיק אויף גלײַכע ווענט און ניט צעשטערנדיק זיך זעלבסט און אַזוי פֿיל אַרום זיך.

ווער דאַרף אַזוי פֿיל ריזיקע שטעט? ווער דאַרף פֿליִען אַזוי גיך מיט געפּאַר און אומקום? ווער דאַרף אַזוי פֿיל געווער? אַזוי פֿיל סנאָבישע מאָדעס, געפֿערליכע קאָמפּעטיציעס? זאָל עס זײַן אַזוי שווער צו באַגרײַפֿן אַז דער גאַנצער טומל, דער גאַנצער אופֿן זײַן פֿון לײַט, אומעטום, איז אַ וויסטער געפֿערליכער בלאָף וואָס קען נאָר, מוז נאָר און וועט נאָר גורם זײַן אַ טאָטאַלן אומקום פֿאַר דער ביִאָספֿערע? מיר זענען אין דעם גסיסה-פּעריִאָד. מע מאַטערט זיך קאָנוווּלסיוו. וועמען וועט אײַנפֿאַלן אַז דער סידאַ-ווירוס וועט מײַדן די רײַכע, מעכטיקע? פֿאַרקערט, זיי זענען מער אויסגעשטעלט אומצוקומען פֿון ווירוסן, מיקראָבן און ווער ווייסט וואָס נאָך פֿאַר אַ מין אָנשיקעניש, ווײַל זיי האָבן צײַט צו געניסן לויט זייער שטייגער מיט פֿאַרשידענע שוואַרץ-יאַר-ווייסט-וועלכע קאָמפּלעקסן, אָרגיעס און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן.

וואָלטן כאָטש די אַנדערע, די ריזיקע מאַסע, פֿאַרשטאַנען אַז זיי זענען מסוגל אַלץ צו ענדערן, אַז זיי זענען די שאָף וואָס פֿאַלן אין וועלפֿישע מאָרדעס – אָבער ניין; דאָס זענען שאָף וואָס טרוימען צו האָבן אויך וועלפֿישע פּיסקעס מיט שאַרפֿע ציין, ווערן אַליין וועלף און מאָרדן אַנדערע.

מיט מײַנע רייד איז כמעט ווי זיכער, אַז לײַט וועלן מיך האַלטן פֿאַר אַ משוגענעם, וואָס קומט מיט זײַנע אַלטרויִזמען, זײַנע שאַרל פֿוריעריסטישע קיבוצים, וואָס זענען כּולו-אוטאָפּיעס פֿאַר די קלאָרע, באַוווּסטזיניקע לײַט, משטיינס געזאָגט. זיכער וועל איך אָנגיין פֿאַר אַ בטלן וואָס פּלאַפּלט אידיאָטיזמען וועגן לײַט און רעזשימען, אַלץ רייד וואָס האָבן אַ שײַכות מיט אוטאָפּיעס און אַבסורדן.

אָבער דאָס וועט מיר ניט שטערן צו בלײַבן בײַם מײַניקן, אַז לאָגיק, ערליכקייט און טאָלעראַנץ, אַפּילו ליבשאַפֿט, ווי פֿרײַהייט און גלײַכהייט, מוזן גילטן פֿאַר אַלעמען אינעם אוניווערס, אָדער

כאָטש אויף אונדזער פּלאַנעט. אַז דאָס פֿאַררופֿן זיך אויף באַרימטע פֿילאָזאָפֿן, אויף פֿאַרשידענע רעליגיעזע און פֿרײַדענקערישע דאָקטרינעס, איז אָן שום ווערט, ווײַל זינט תּמיד פֿעלשט מען די סעמאַנטיק און דעם טײַטש פֿון די אַלע באַגריפֿן. מע וויל זיי ניט אָנווענדן באָרמאַל, ערליך און אויפֿריכטיק. אַז אַבסאָלוט אַלע פֿילאָזאָפֿיעס און רעליגיעס פֿאַרטיידיקן אינטערעסן, און די וואָס פּראָקלאַמירן זיי וועלן זיי ניט אָן צו זיך זעלבסט, אויסער די נבֿיאים און זעלטן, זעלטן עמיץ באמת.

אָבער איך בין זיכער דאָך אַז ס'וועט קומען אַ פּעריאָד ווען אַזוי פֿיל מיליאַרדן לעקישעוואַטע לײַט, פֿעלקער, אויף אַלע קאָנטינענטן, וועלן זיך אַ לאָז טון ווי פֿײַערדיקע לאַווע אויף די רײַכע באַציעס, אַלץ צעשטערן אויף זייער וועג כּדי, געפֿירט פֿון באַוווסטזיניקע ערליכע בײַע משהס, אויסצורייניקן דעם פּלאַנעט פֿון אַלע כּלומרשטע ציוויליזאַציעס און קולטורן מיט זייערע פֿאַלשע רעליגיעס, פֿאַלשער פֿילאָזאָפֿיע, פּערפֿידער עטיק און אַפֿילו אויסטערלישער עסטעטיק.

ס'איז ניט מעגליך אַז עפּעס פֿון אַזאַ פֿאַרנעם ווי דער אוניווערס, מיט מענטשן וואָס קענען אורטיילן, טראַכטן פֿון יושר, רעכט, ליבשאַפֿט, זאָל זײַן הפֿקר, סתּם קאָסמיש משוגעת, און מוזן אומקומען. ס'מוז זײַן אַ גאָט וואָס געוועלטיקט. וואָס? דער פּלאַנעט קען באַר דויערן בלויז עטליכע מיליאַרד ליכטיאָרן? מילא, וועט מען זיך באַגנוגענען מיט דער דאָזיקער עפּעמערישקייט, און ניט פֿאַרתּכלעווען באַריש עקזיסטענצן.

~❀~

אַ גוטער קוכער קאָכט קודם פֿאַר זיך זעלבסט מאכלים מיט תּענוג פֿאַר זײַן אַפּעטיט.

געפֿעלט עס אַנדערע? קען ער עפּענען אַ רעסטאָראַן און האָבן קליִענטן מיט קאָמפּלימענטן.

אַ גוטער מחבר מוז קודם שאַפֿן עפּעס גילטיקס פֿאַר זיך זעלבסט, אאַז״וו.

ליידער זענען גוטע רעסטאָראַנען זעלטן.
אַזוי אויך מיט ליטעראַטור.

≈❁≈

**אַ** מעטער –סימבאָל M – איז אַ לענגמאָס וואָס איז גלײַך צו 1.650.763,73 מאָל די פֿאַליע-לענג –אין אַ לערקייט– פֿון אַ שטראַלונג צווישן צוויי גרייסן 10 P 2 און 5 d. 5 פֿאַר אַ קריפּטאָן-אַטאָם 86. אַזוי האָט באַשטימט די קאָנפֿערענץ פֿון וואָגן און מאָסן אין פּאַריז 1960.

אויב איר פֿאַרשטײט ניט אַזאַ פּשוטע זאַך, זענט איר באמת אַ בהמה און כ'האָב מיט אײַך ניט וואָס צו דיסקוטירן. זוכט אײַך אַ צווייטן קליענט.

אַ מענטש זאָל ניט קענען די לענג פֿון אַ קריפּטאָן 86-אַטאָם? איז עס ניט לעכערליך?

דאַכט זיך, וואָס קען זײַן אייַנפֿאַכער ווי דאָס באַרעכענען 1.650.763,73 מאָל די ראַדיאַציע פֿון אַ 10 P 2 און 5 d. 5 ?

און איר האָט געמיינט, אַז אַ מעטער איז אַ שטיקל האָלץ צו מעסטן שטאָפֿן – נאַרישע שנײַדער-יונגען!

≈❁≈

## — כ'בין אַ געפֿאַלענער –

געפֿאַלן? וואָס הייסט געפֿאַלן? ווו געפֿאַלן? די וועלט דרייט זיך. אַלץ איז אַנטיפּאָדיש און בכן אַלטערנאַטיוו! אָט פֿאַל איך – הײַנט אונטן מאָרגן אויבן. ווי אַזוי זיך פֿאָרשטעלן אַ קאָסמאָס מיט אַ פֿאַלעניש? בכלל, ווו קען עפּעס פֿאַלן?

בכן, קוראַזש, מענטש – ניט פֿילן זיך געפֿאַלן. ערשט אַפֿילו אינעם אימפּעט פֿון אַ פֿאַלן איז וויכטיק דער ווילן ניט נאָכצוגעבן, און, און, ביז –

אַזוי האָט ער געטראַכט פֿאַלנדיק פֿון הונדערט-שטאָקיקן וואָלקן-קראַצער – נאָר קיין „און" און קיין „ביז" איז ניט געווען.

דער אַמבולאַנס האָט צוגענומען ס'ביסל מענטש און קליידער און אַוועקגעפּירט עס גלײַך אין, אין...

אפשר האָט דאָס צו טון מיטן גוף. קען זײַן אַז די נשמה פּלאַטערט נאָך אַלבאַטראָסיש צווישן שטאָקן, ניט מער באַלעסטיקט מיט סובסטאַנצן.

≈❀≈

קיינער איז קיין מאָל נאָך ניט

מיט עפּעס אויף דער וועלט געקומען.
האָב און גוטס – געלעבט דערמיט,
אָבער גאָרניט אינעם קבר מיטגענומען.
אַ באַקעטער געבוירן
פון דער מוטערס טראַכט;
אַ באַקעטער פאַרלוירן
אין אייביקייטנס באַכט.
מיט אַן עפּיטאַף געקריצט אַ שטיין
צי אַ בערגל ערד קוים אָנגעשיט,
לוויה מיט אַן עולם גרויס
צי מיט אַ קדיש עמיצער אַליין –
אָט נאָך אַ שלוכץ צי שטיל געוויין,
אָט נאָך אַ שאָרך פון לעצטע טריט
און אַזוי איז מיט אַ לעבן אויס!

≈❀≈

מיט אַלע טויטן – דער זעלבער רעזולטאַט: ס'האַרץ בלײַבט שטיין, מע אָטעמט ניט מער און מע בלײַבט שטאַר, קאַלט, טרוקן – אַ מת.

אָבער יעדערנס טויט איז אַנדערש; יעדנס אומקום, ניט דער זעלבער. קיינער שטאַרבט ניט מיטן זעלבן אופן. ווי יעדנס לעבן, איז יעדנס טויט סטריקט אינדיווידועל. מעגן זײַן מיליאַרדן טויטע, איז יעדער געשטאָרבן אַנדערש, מיט אַנדערע פּײַנען, אַנדערע

יסורים, אַנדערע אַנגסטן.

פֿאַרשטייט זיך אַז דאָס שרײַב איך ווי אַ לעבעדיקער, אַ דערווײַליק-לעבעדיקער, ווײַל אין מײַן עלטער האָב איך שוין געהאַט דעם פֿאַרגעפֿיל ווי אַזוי דאָס וועט געשען, צי קען געשען, אָט אַפֿילו אפֿשר שרײַבנדיק ס'דאָזיקע. אָבער כ'קען זאָגן יעדן ס'איינציק זיכערע: מע דאַרף קענען זיך לערנען שטאַרבן, ווי ס'האָט דאַכט זיך געלערנט מאָנטען. מעג עקזיסטענץ דויערן הונדערט און צוואַנציק יאָר, איז עס קוים געננוג. דאָס מוז ניט זײַן אַ קאָמפּלעקס פֿון אַנגסט און אומעט, מיטן שטערן תּענוגים, עקסטאַזן און שמייכלען. מע קען זיין איבערגעצײַגט אַז אומקום איז אַן אַריבערגיין אויף יענער זײַט פֿון אַ רעאַליטעט, אין אַ צווייטן דרויסן, אַפֿילו ווען מע האָט נישט קיין שום אַנונג וואָס דאָס קען זײַן צי איז — באמת.

ביטער שלעכט, באַריש איז פּריצײַטיקער אומקום דורך עמיצנס משוגעת צי נאָך ערגער — מיט אייגענעם זעלבסטמאָרד, מיט שפּרינגען אין תּהום צי סמען זיך. מע קען, מע דאַרף, מע מוז אָנווענדן צום פּראָבלעם טויט אַ מיטרידאַטישן סיסטעם: זיך צוגעוווינען צו זײַן וועזנטליכקייט, ווי אַ שאָטן וואָס באַגלייט תּמיד יעדן וואָס שטייט קעגן דער זון. דער דאָזיקער שאָטן איז אָבער אויך דאָ ווען הימלען זענען פֿאַרכמאַרעט. מע זעט ניט דעם שאָטן, אָבער ער איז תּמיד דאָ, אַפֿילו אין נאַכטיקן חושך.

צו דער אַנטיטעזע פֿון זײַן, מוז מען נעמען צו הילף העגעלן, און דער קאָמפּראָמיס מוז ניט קאָמפּראָמיטירן מיט צווייפֿל און פֿאַרצווייפֿל, וואָס צעשטערן דעם ווילזײַן פֿון עקזיסטענץ. אַפֿילו מיטן מלאך-המוות קען מען געפֿינען אַ פּשרה און אײַנשלאָפֿן מיט אַ רויִק געוויסן, ווי בײַ אַ כירורג בשעת אַן אָפּעראַציע. דעם מלאך-המוותס קאָסע איז אַ מין סקאַלפּעל. וואָס איז שטאַרבן? ניט אַן אָפּעראַציע?

אָבער, מענטש, זײַ ניט פֿאַר קיינעם אַ בעל-טובֿה מיט עוטאַנאַזיע.

גוט וואָלט געווען, ווען עמיצער זאָל קענען אַרויסנעמען און פֿאַרטײַטשן אויף אַ פּשוטער שפּראַך, צוגענגלעך פֿאַר יעדן איינעם און ניט בלויז פֿאַר פּראָפֿעסיאָנעלע ספּעצן, אַלע פּאַראַבאָלן, משלים, אַלעגאָריעס, לעגענדעס, פֿאַבלען, סילאָגיזמען, מיטאָלאָגיעס און עזאָטערישע סימבאָליזמען וואָס געפֿינען זיך אין אַלע רעליגיעס, צי אַפֿילו אין פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, זינט תּמיד, אומעטום, אַזוי גוט בײַ די פּרימיטיווע שבֿטים אין אויסטראַליע צי אַמאַזאָניע ווי בײַ די ציוויליזירטע האָמאָ־סאַפּיענסן.

ווי גאָלד אין גרודעס –דאָ מער, דאָ ווייניקער– געפֿינט זיך חכמה, וויסנשאַפֿט און עטיק אין אַלע. אַלע לעגענדעס און מיטאָלאָגיעס: אין חומש ווי אין די וועדאַס, אין די עוואַנגעליעס ווי אין קאָראַן, בײַ זאַראַטוסטראַן ווי בײַ אַקענאַטאָנען, לאַאָ־טסע און נאָך אַנדערע. מע קען אויך געפֿינען עפּעס בײַ די אַנימיסטן, און אפֿשר אויך אין די לעצטע אַסטראָ־פֿיזישע צי פֿרויד־יונגישע טעאָריעס. אפֿשר אויך אין די קאָמענטאַרן פֿון דעם אַלעמען, אַזוי גוט ווי אין די שפּריכווערטער בײַ אַלע עטנישע גרופּעס.

דאָס וואָלט געווען די בעסטע לערע, און מע וואָלט עקאָנאָמיזירט אומגעהײַערע באַמיִונגען צו פֿאָרשן און זיך אַרומשלעפּן מיט דאָגמעס, קרעדאָס, מיסטעריעס און מיסטיציזמען. אמת, דאָס וואָלט געשטערט אַ סך קאַריעריסטן צו מאַכן אַ לעבן ניט טוענדיק קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער: גאָטס־סטראַפּטשעס, עקזעגעטן, גורוס, שאַמאַנען, וועלטלעכע און רעליגיעזע. אָבער דער פּשוטער מענטש וואָלט אַ סך געוווּנען, און די וועלט וואָלט געווען אַנדערש ווי זי איז אַצינד.

מיט זייער בלעטערוויש וואָלטן וועלדער אונדז געדאַנקט פֿאַרן נישט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַזוי פֿיל פּאַפּיר, און לײַט וואָלטן זיך נישט באַלעסטיקט מיט אַזוי פֿיל תּורות, קאָמענטאַרן און פּראָסעליטיזם־ליטעראַטור. די וועלטלעכע וואָלטן נישט געדאַרפֿט אַזוי פֿיל ראָמאַנען און דיסערטאַציעס כּדי צו באַווײַזן, אַז צוויי

מאָל צוויי איז פֿיר, אַז מלחמות זענען אַ געמיין אומגליק און נאָך אַזעלכע מחשבֿות, וואָס דאַרפֿן בלויז אַ פּראַזע אַנשטאָט בענדער מיט שילדערונגען און ניט מאָס רייד.

≈❀≈

זינט דעם גריכישן פֿילאָזאָף פּראָטאַגאָר מיט זײַן אַקסיאָם, אַז „דער מענטש איז די מאָס פֿון אַלץ"; דעקאַרטס סענטענץ „איך דענק, בכן בין איך"; די עקזיסטענציאַליזמען מיטן אויספֿיר אַז דער מענטש שאַפֿט זיך אייגענע עקזיסטענץ, און ווער ווייסט צי כ׳געדענק נאָך אַנדערע פֿון דעם מין – האָט דער האָמאָ-סאַפּיענסיזם ווי אַ מגיפֿה פֿאַרקריפּלט דעם מענטש פֿיזיש און פּסיכיש, יחידיש און קאָלעקטיוו, מיט אַ מעגאַלאָמאַניע ביט אין קיין האָמעאָפּאַטישע דאָזעס, נאָר מיט מבולישע געוויסערן.

„דער מענטש אַ מאָס פֿאַר אַלץ". אַז אָך און וויי איז צו דער וועלט, אויב זי איז ווי דער מענטש מיט זײַנע פּירונגען! „כ׳דענק, בכן בין איך". וואָס-זשע בין איך? אַ בהמה וואָס לאָזט זיך מעלקן, שינדן און שעכטן. ערשט דער עקזיסטענציאַליזם מיט זײַנע עקזיסטענצן – אַ נוקלעאַרע צופֿעליקע צי פּראָוואָצירטע קאַטאַסטראָפֿע וועט געבן דעם געהעריקן רעזולטאַט פֿון די טעאָריעס פֿון הוסערל, סאַרטר און די אַנדערע.

„דאָס זײַן און די נישטיקייט" – איז עס נישט סאַרטרס אַ מײַסטערווערק? דער הײַנטיקער מענטש איז טאַקע באמת אַ נישטיקייט. דאָס איז זיך לײַכט פֿאָרצושטעלן. דער פּלאַנעט שטינקט מיט ציוויליזאַציעס. אַ נס וואָס צווישן פֿילע עפּל געפֿינט מען אַ מאָל אַ גוטן, אָן אַ וואָרעם דערין. ווען ניט – פֿון וואָס וואָלט מען געמאַכט אַ לײַטישן קאָמפּאָט?

≈❀≈

גאַלאַקציע, שטערן און קאָמעטן;
אַ קאָסמאָס פֿול מיט זונען,
איינזאַמע, באַגלייט פֿון סאַטעליטן
אָדער אין המון פֿון מיני-מעטעאָרן,
אַלץ אין אַ פּלאַנטער פֿון אָרביטן,
ווײַזט אויס מיט אײַנשטיינס רעלאַטיוויטעט –
דאָ אײַנשטימיק, דאָ אויסגעשפּעט –
הכלל: מע קרײַזט, מע שטראַלט,
דאָ פּלאַטשיק, ספֿעריש, ספּיראַלט;
מע שטײַגט, מע פֿאַלט
(כאָטש אין אַ קאָסמאָס כלומרשט
קען אַזוינס נישט זײַן),
ווי יעדער איז מסוגל
לויט זײַן ווילן אָדער אַסטראָפֿיזיש,
צי גאָר נאָר מיט גאָטס זיגל
און באַשטימט פֿון אים אַליין –
טוט זיך אינעם אוניווערס אויף טיש און בענק.
נו, און איך הקטן בין דאָך אויך עפּעס דעריבער!
כאָטש שוין טאַקע אַלט,
דאָך פֿיל איך, געדענק
אַז מיט מײַנס גלײַכן, די לונאַטיקער פּאָעטן
צי אַנדערע מיט נאָך אַזעלכע עפּיטעטן,
מיר זוכן אין די הימלענס קאַרנאַוואַלן
פֿון אַגרעסיווע ווילנס פֿון סובסטאַנצן צי עסענצן –
פּי-טובֿיסטישע טענדענצן,
משיחיש-שיינע אידעאַלן.
וואָס זאָגט איר? ס'איז אומזיסט.
נו, דאַרף מען נישט, פֿאַרפֿאַלן.

~❀~

ביט צו פֿאַרשטיין פֿאַר וואָס האָבן אַלע –כּמעט אַן אויסנאַם– טעאָלאָגן, פֿילאָזאָפֿן, נאָר געפֿאָרשט, געזוכט עפּעס אין די הימלען, און ניט געזוכט עפּעס אין אַקט דאָס סאָציאַל-עקאָנאָמישע און סעקסועלע, וואָס באַאײַנפֿלוסט אַלע מעשׂים און מחשבֿות. און אויב יאָ געזוכט אין אַקט – איז עס רעאַקציאָנעריש, מיט קלאַסן-פּריווילעגיעס פֿאַרשלייערט מיט פֿאַרשיידענע תּירוצים. פֿאַר פֿלאַטאָנען איז גילטיק שקלאַפֿערײַ. פֿאַרן הינדויִזם – קאַסטעס. קיינעם פֿאַלט ניט אײַן צו זען עפּעס אַ גילטיקן רעזשים פֿאַר ערדישע פּראָבלעמען, נאָר געזוכט, געפֿאָרשט, געפּילפּולט, דיאַלעקטעוועט מיט סאָפֿיזמען און אַבסטראַקטע אידעאַלן. און דאָ קומט מען אפֿשר טאַקע צו אַ מין אתּה-בחרתּניזם וואָס האָט אַ שײַכות מיטן ייִדישן פֿאָלק.

דאָס מאַניפֿעסטירט זיך דורך די פֿיר קאַרדינאַלע ריכטונגען, ווי סילאָגיזמען פֿאַר פֿיר דאָקטרינעס, צו געפֿינען דעם ווילזײַן פֿאַרן מענטש פֿיזיש, פּסיכיש, סאָציאַל און ראַציאָנעל. דאָס דאָזיקע איז אַבסאָלוט אַלע הינזיכטן. ווי אַזוי ניט ציטירן דעם תּנך, שפּינאָזען, מאַרקסן, פֿרוידן, אײַנשטיינען, בערגסאָנען, דעם בעל-שם-טובֿ, דעם קיבוציזם? ספּיריטועל, טעאָלאָגיש, סאָציאַל, סעקסועל, וויסנשאַפֿטלעך, אאַז״וו. אָבער איידער וואָס און ווען מוז מען נעמען אין אַכט, אַז דער מאַרקסיזם מיט זײַן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, וואָס איז גילטיק אַפֿילו אין די אַקטועלע באַדינגונגען, מוז זײַן די ערשטע פּרשה פֿון פֿילאָזאָפֿישן חומש.

בכן, מוז מען זיך פֿירן אַזוי, אַז איידער מע קריכט אין די הימלען דאַרף מען מאַכן אַ ביסל אָרדענונג דאָ אויף דער ערד, אויף אונדזער פּלאַנעט מיט אונדזער טאָג-טעגליכער עקזיסטענץ. און דערנאָך, אַז מ׳איז שוין פֿאַרטיק דערמיט, קען מען זיך פֿאַרנעמען מיט ספּיריטועלע פֿאַרשונגען, זוכן דעם תּמצית פֿון זײַן, ווערן און נאָך אַזעלכע זאַכן.

ליידער, אין די הײַנטיקע באַדינגונגען גילטן ניט קיין שׂכל-הישר,

קיין לאָגיק, און דאָס ספּיריטועלע איז אַ פֿאַר מיט קאַריערעס פֿאַר וויסנשאַפֿטלער, פֿילאָזאָפֿן און גאָטס־סטראַפּטשעס. געוויס איז דאָס דאָזיקע לײַכטער ווי אַקערן די ערד צי גראָבן קוילן, אָדער טון עפּעס אַ ביצלעכע אַרבעט כּדי צו פֿאַרזיכערן די עקזיסטענץ אַפֿילו פֿאַר זיך זעלבסט, נאָר דאָס איז שוין אַן אַנדער מעשׂה.

~❀~

**וו**אָס טוען די מיקראָבן, ווירוסן און אַנדערע באַקטערישע אַנשיקעניש אַז ס׳איז נישטאָ קיין מגיפֿה? אַז לײַט זענען ניט קראַנק, צי מ׳האָט געפֿונען אַן אַנטי־עפּעס קעגן זיי? זאָלן אַזוי פֿיל מיני־לעבנס פֿאַרשווינדן אַזוי זיך, מיר־ניט דיר־ניט, כּדי אין דורות שפּעטער אָנצומאַכן נײַע עפּידעמיעס? ווי אַזוי פֿאַרתּכלעוועט אַ גאָט פֿון אַלץ, וואָס ס׳איז – אַזוי פֿיל עקזיסטענצן? איז ער דען ניט אַ גאָט אויך פֿאַר די מיקראָבן?

אפֿשר איז מיטן מענטשן־מין –אַ פּאַטאָלאָגישער ווירוס פֿאַר דער ביאָספֿערע– אויך אַזוי? ער מוז אַ מאָל פֿאַרשווינדן און ווידער אַ מאָל אויפֿקומען, ווי ס׳פּירט זיך מיט אַלע מיקראָבן, ווירוסן צי אַנדערע באַקטעריעס וואָס זענען גורם מגיפֿות.

~❀~

„**ט**יק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק".
רגעס נאָך אַנאַנד געציילט.
ווײַזערס קוים באַוועגט זיך טאַקע,
דאָך מיט רגעס זיך געאײַלט.
„טיק" נאָך „טאַק" כּסדר פֿאַלט
מאָנאָטאָן די צײַט אין טראָפּנס,
ווי געוואָרנט: „מענטש, ביסט אַלט,
ליגסט באַלד מיט אַ ליכט צו קאָפּנס".
יעדער „טיק־טאַק" לעכערט ס׳אויער,
און איך טראַכט מיט אַנגסט און טרויער:

טראָפּנס לעכערן אַ שטיין;
נאָר אַ „טיק" און נאָר אַ „טאַק",
און דײַן אַלץ, מיט האַק-און-פּאַק,
כּולו-בישטיקייט וועט זײַן.

≈❀≈

גאָטעניו, האַר פֿון אַלץ וואָס איז, וואָס איז געווען און קען נאָר זײַן; וואָס טוט מסתּמא אַכטונג אויפֿן מינדסטן נוקלעאָן אין אַן אַטאָם, ווי אויף קאָסמאָסן, אומענדן און אייביקייטן. באַווײַז דײַן אָמנימעכטיקייט און באַפֿרײַ דעם מענטש פֿון שלעכטס און מיאוסקייט. הייל אים פֿון זײַן עגאָפֿאָבישן משוגעת אַלץ צו צעשטערן מיט זיך זעלבסט בתוכם. זאָל דײַן פּרעכטיקער בלויער פּלאַנעט ווערן צוריק אַ גן-עדן און דער באַשאַף – באַרעכטיקט מיט דײַן כּי-טובֿ, ווי באַגערט.

ווי אַזוי קענסטו גלײַכגילטיק טאָלערירן עפּעס פֿון דײַנע ווערק זאָל חוזק פֿון דײַן באַשאַף? פֿאַר וואָס דווקא קאַטאַסטראָפֿעס, אַגרעסיווע עקספּאַנסיעס, פּאַראַנאָיאַ-קאָמפּלעקסן בײַם מענטש און אַפֿילו בײַ אַלע דײַנע עלעמענטן? פֿאַר וואָס מוז עס אַזוי זײַן? ווער קומט און קען צעשטערן דײַנע מײַסטערשאַפֿטן? ווי אַזוי קען מען באַגרײַפֿן אַז אַן אוניווערס זאָל ניט זײַן פֿולקום אין אַלע הינזיכטן? פֿאַר וואָס זיך גערייצט מיטן מענטשנס באַוווסטזײַן און געלאָזט אים די מעגליכקייט צו טראַכטן פֿון דעם אַלעמען, קענען פּראָטעסטירן, זיך רעוואָלטירן אָן שום מעגליכקייט עפּעס צו ענדערן? פֿאַר וואָס אים ניט געלאָזט ווי אַ שטיין וואָס מע קרישלט, ווי אַ בוים וואָס האַק און זעג צעשנײַדן אָן ווידערשטאַנד, אָבער אפֿשר אָן יסורים, און מענטש זאָל מוזן אומקומען אין אַנגסטן, קענענדיק פֿילן אַזוי פֿיל אומרעכט, אַזוי פֿיל סקאַנדאַליעזע מאַטערנישן און גריבלענישן?

ווער ווייסט וועמען כ׳לעסטער מיט מײַנע רייד און וואָס פֿאַר אַ גיהנום ס׳וואַרט אויף מיר, אַפּיקורס. אָבער כ׳קען ניט אַנדערש טון; כ׳קען ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז דו, גאָטעניו, ביסט

אוממעכטיק, אומגערעכט און עמיץ זאָל דיר קענען ווידערשפעניקן.

~※~

די השגות פֿון די גריכישע פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס זענען ראַציאָנעל, מאַטעריאַליסטיש, סעקטאַריש. זייערע קאָנצעפּטן, זייער גורל, איז: **יאָניש**. אָבער די השגות פֿון ייִדישן פֿאָלק זענען **יונהיש**: סאָציאַל, מיט השגות פֿון יושר, רעכט, ליבשאַפֿט און משיחישע אידעאַלן, מיט אַ פּראָסעליטיזם, אַ שליחות צו פֿאַרשפּרייטן די דאָזיקע מחשבֿות און האָפֿענונגען פֿון די נבֿיאים.

איז אפֿשר דעריבער דער גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק צו זײַן דווקא צעשפּרייט צווישן אַלע פֿעלקער, לענדער, קאָנטינענטן. אָבער דער יונהיזם קאָסט טײַער, און אַנטלויפֿן פֿון דער מיסיע איז שווער, כּמעט אוממעגליך. תּמיד דאָ אַ וואַלפֿיש-שפּײַער וואָס שפּײַט אויס דעם יונה ווו מע דאַרף, טראָץ צער, דורך צאָרן שוואַרצע צי רויטע, יעדער מיט זײַן תּירוץ, זײַן אופֿן צו פֿאַרוואַנדלען ייִדן אין מאַרטירער. פֿון געטליכער שליחות קען מען ניט אַנטלויפֿן. ייִד מוז זײַן אַ יונה.

מיסיע ווערט אָפֿט אַ מיתה-משונה, ווײַל לײַט האַלטן ביט פֿון די אַלע פֿײַנע אידעאַלן פֿון פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ליבשאַפֿט פֿאַר יעדן און פֿאַר אַלעמען: שבת אַפֿילו פֿאַר באַשעפֿענישן און פֿלאַנצן. רעליגיעז צי וועלטלעך: דער תּנך, הלל, שפּינאָזע, דער בעל-שם-טובֿ צי מאַרקס — אין פֿאַרשיידענע אַספּעקטן, אָבער איין באַגער: משיח מוז קומען פֿאַר אַלעמען און אויסלייזן די גאַנצע וועלט פֿון שלעכטס. נאָר דעמאָלט וועט דער ייִד ווערן אויס יונה.

~※~

אַז מע האַקט האָלץ — שפּענער פֿאַלן,
און ס׳ווייטיקט בוים.
ייִד, דו ביסט ווי יענער שייבער טרוים,
שיינע אידעאַלן:

אַלע מענטשנס גליק דער עיקר.
די שפּענער אָבער
זענען פֿון דײַן לעבן שטיקער.

~֍~

אַלץ שטראַלט פֿון זיך אויס עפּעס. מסתּמא אַזוי גוט בלײַ ווי אוראַניום – שטראַלט און איז ממילא אַגרעסיוו, אָדער זוכט צו אַנטלויפֿן צענטריפֿוגיש. אַ בײַשפּיל מיט דער זון: אַ שטראַל, פֿעכעריש צי לאַסעריש – תּמיד פֿאָרויס. ביז וואָס? ביז ווען? ווי לאַנג? עפּעס קען דאָך ניט גיין פֿאַרלוירן. ווי לאַנג קען אַ שטראַל אַזוי זײַן אין וועג, אויסער געפֿונען אַ ווידערשטאַנד און זיך צוגעאייגנט ווי אַ ווירוס צו עפּעס אַנדערש. פֿאַר וואָס?

ערשט אַחוץ שטראַלונג איז פֿאַראַן אויך אַ מאַגנעטיזם וואָס ציט צו זיך. זעט עס ניט אויס ווי אַן אוניווערסאַלער סעקסואַליזם, מיטן זוכן זיך צו אייניקן און ממילא געפֿינען תּענוג אין אַ מין אָרגאַזם? אָבער אייניקן זיך איז גורם דאָס שאַפֿן פֿון עפּעס. ווער, וואָס זוכט ס'דאָזיקע? ניט קלאָר דער דאָזיקער פּראָבלעם פֿאַר מײַן פּשוטן שׂכל.

~֍~

– „לאָקאָמאָטיוו, צעהיצט פֿון קראַפֿט און פּאַרע.
ווען איך באַטראַכט
דײַן סאַפּענדיקע מאַכט!
אַלע לענדער דיר געהערן;
וועגן? קרייץ-באַריערן? אַלץ דיר אָפֿן!
צעפּיצלט און צעשטערט – וואָס נאָר געטראָפֿן.
גרענעץ-צוים? פֿײַפֿסט אויף דער וועלט!
שטײַגסט אויף בערג, טוט דיר געפֿעלן –
גראָבסטו פֿעלדזן אונטער מיט טונעלן.
קומסט, גרייכסט וואָס ס'פֿאַלט דיר נאָר אײַן –
און האָריזאָנטן מאַכן דיר אַ ווארע!"

– „אוי, מענטש, ווער קען מײַן פּײַן?
ווען איז מײַן ערגערניש באַקאַנט?
שטאַנג און רעדער־רוישס געוואַלטן?
מײַן מעכטיק עטעמען דערהאָרכט מען באַלד.
דאָך קיינער זעט ניט, ווו באַהאַלטן
אַ טראָפּן־טרער פֿאַרבאָרגן פֿאַלט...
זײַן אַ מאַשין אין יענעמס האַנט!
פֿון מינדסטן רויטן פֿײַערל צי פֿענדל ווערן אָפּגעשטעלט,
און אויף פֿאָרויסגעלייגטע שינעס נאָר מײַן וועג זאָל מוזן זײַן!"

~❀~

**ט**ויט ניט עפּעס לעבעדיקס. עס ניט קיין איי. רײַס ניט קיין פּרוכט. טרעט ניט אויף אַ גרעזל צי אַ בלימל. טרעט אַפֿילו ניט אויף אַ קערן זאַמד. טשעפּע ניט אַ שטיין. ריר ניט אַ ביסל וואַסער, אַ פּיצל האָלץ, אַ פֿאָדעם וואָל צי אַ שטיקל לעדער. ריר זיך ניט פֿון אָרט – דו שטערסט עמיצן, ווײַל די וועלט איז פֿול. ניטאָ קיין ליידיקייט. חוץ דעם איז אַלץ אין שפּאַנונג, אַגרעסירט פֿון ווער ווייסט וועלכע שטראַלונגען, גאַלאַקציעס, ענערגיעס, עסענצן אָדער סובסטאַנצן מיט אומבאַגרײַפֿטע ווירקונגען, מאַגנעטיזמען, אַלץ צוזאַמען געפֿאַנגען אין אָרביטן, פּראָגראַמירטע סעזאָנען, ציקלען, פּעריָאָדן אָרגאַניזירט פֿון ווער ווייסט וועמען און צוליב וואָס. זײַ אין אַ סימביאָז; זײַ אין אַ קאַטאַליז; זײַ אָרט פֿאַר עפּעס צי עמיצן, לעבעדיקס צי טויטס. ביסט סובסטאַנץ, ביסט אילוזיע, ביסט, ביסט, ביסט –

געוואַלד, אַ קאָמפּרעס מיט אײַז, אַן אַספּירין, אַן אָפּיום! ווי אַנטלויפֿט מען? ווו נעמט מען אַ דאָקטער? ווער וואָס וויל פֿון מײַן פּיצל דויער? פֿאַר וואָס זיך גערייצט מיט מײַן פּלומרשטן באַוווסטזײַן, כּ'זאָל קענען פֿון דעם אַלעמען טראַכטן? פֿאַר וואָס איז דער באַשאַף אַזוי פּערווערז צי קאָמפּלעקסירט מיט פּאַראַנאָיע־פּאַראַדאָקסן? וואָס וויל גאָט פֿונעם מענטשן נעבעך?

~❀~

**ב**ול, זערא, איז גארנישט. סינאָנים פֿון נישטיקייט. וויפֿל זעראָס זאָלסט ניט צוזאַמענשטעלן, איז דער סך-הכּל תּמיד זעראָ. אָבער ווי נאָר צוגעאייגנט אַ ציפֿער, אַן איינס אַפֿילו – איז עס ווערט צען, הונדערט, טויזנט, מיליאָנען, מיליאַרדן. דער איינס מוז אָבער תּמיד זײַן פֿון פֿאַרנט. אַזוי מוז זײַן מיט די מעדיאַ-מאַסעס און אַ פּערזענליכקייט. זי מוז אָבער האָבן אימפּעראַטיווע אייגנשאַפֿטן: ניט זײַן אונטער אַ זעראָ. אָפּגעגרענעצט מוז זי זײַן, אַפֿילו ווען בלויז מיט אַ קאָמע. זי מוז זײַן אַ בײַשפּיל מיט אייגענער עקזיסטענץ, מיט אייגנשאַפֿטן וואָס דאַרפֿן ניט קיין דיאַלעקטיק, וואָס בייטיקן זיך ניט אין קיין קאָמענטאַטאָרן אָדער עקזעגעטן.

~❀~

**ו**י לאַנג נאָר כ׳קען
כ׳עטעם אײַן דיך, זון, מיט גוף און גײַסט
איידער עטעמסט מײַן נשמה אײַן.
אַלץ אין מיר פֿילט און ווייסט
אַז מײַן לעבנס-סוף מוז אַזוי זײַן.

שטאַרבן מוז איך אָן צו וויסן
ווי אַזוי און ווען.
זון, דאָך כ׳דאַנק
דיר פֿאַר דײַן וווּנדערלעכער געשאַנק
וואָס האָסט באַוויליקט מיר צו געבן –
אַ ניצוץ פֿון דײַן אייביק לעבן.

~❀~

**א**ין דער רעפּובליק פֿון בהמות הערשט אַ דעמאָקראַטישער רעזשים, מיט פֿרײַע וואַלן. יעדער שטימט לויט זײַן שׂכל-הישר: דעריבער ווערט תּמיד אויסגעוויילט, לויט אַ דעמאָקראַטישער מערהייט, ווי אַ פּרעזידענט – אַ שוחט. אַזוי איז אויך מיט דער רעפּובליק פֿון הינער, וווּ ס׳רובֿ דעפּוטאַטן זענען פֿוקסן.

היטלער איז ניט געווען קיין דיקטאַטאָר, נאָר אויסגעוויילט מיט אַ דעמאָקראַטישער מערהייט פֿון דײַטשישן פֿאָלק, און לויט דער קאָנסטיטוציע האָט הינדענבורג אים באַשטימט אַלס רײַכסקאַנצלער. זאָלן לײַט ניט קומען זיך באַקלאָגן אויף זייערע צרות, אַנגסטן און קריזיסן. אין כּמעט אַלע לענדער קומען דאָך פֿאָר דעמאָקראַטישע וואַלן. ס'פֿאָלק איז דאָך פֿרײַ אויסצוויילן וועמען זיי ווילן. זאָלן זיי נישט קומען דערנאָך זיך באַקלאָגן.

≈❀≈

קיינער וועט קיינעם און קיין מאָל ניט קענען לערנען עפּעס צו וואָס ער איז ניט באַשטימט מיט נאַטירליך-דעטערמינירטע מעגליכקייטן, און וואָרשײַנליך באַגערטע פֿליכטן און צילן. לערן פֿון הײַנט ביז מאָרגן אַן עפּלבוים ער זאָל שאַפֿן שישקעס צי באַנאַנעס, וועסטו גאָרניט אויפֿטון; אַזוי מיט אַ סאָסנע זי זאָל שאַפֿן עפּל. דער סוד פֿון זײַן אַ פּאָעט ליגט אפֿשר אין אַ קראָמאָסאָם צי אַ גאַמעט, און ניט אין עצות הערן, אַזוינס צו קענען ווערן.

≈❀≈

הלמאַי דאָס דווקא ווען געניסן
פֿונעם תּענוג אַלץ צו וויסן,
בשעת אַן אומבאַגרײַפֿטער גאָט
פֿאַרבאָרגן אַלץ מיט סודות האָט.
און מענטש —אַ ווערק וואָס איז אים ניט געלונגען—
דווקא וויל זײַן מײַסטערשאַפֿט באַצווינגען
און דערגיין דעם ווי אַזוי, וואָס
און פֿאַר וואָס.
ערן-וואָרט –
ווער אויף געטערס אָרט
וואָלט זיך ניט געפֿילט באַליידיקט מיט פֿאַרדראָס?

≈❀≈

פֿון וואָס באַשטייען זונשטראַלן צי בכלל שטראַלונגען: פֿון שטערן געזעענע צי קאָסמישע, אומגעזעענע אָבער געפֿילטע? פֿון וואָס באַשטייען מאַגנעטיזמען? עלעקטריציטעט? ריחות? בליקן? סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס? עמאָציעס? מחשבֿות? חלומות? טרוימען-אָפּשפּילונגען? און בכלל אַלץ וואָס מע רופֿט: אַבסטראַקציעס, מאַטעמאַטישע אָפּעראַציעס און דמיון, און נאָך אַזוי פֿיל עפּעסן ווי מוזיק, עסטעטישער תּענוג, אינספּיראַציעס פֿאַר קרעאַטיווע דערפֿינדעונישן, פֿאַרגעפֿילטע ווערק?

אָט שרײַב איך עפּעס אויף פּאַפּיר. חוץ דעם טינט מיטן פּאַפּיר, איז דאָך פֿאַראַן עפּעס פֿון מיר, וואָס קען מיך איבערלעבן. וואָס איז עס אַזוינס? די עמאָציעס זעענדיק די מיליאָנען יאָרן אַלטע בילדער אין די לאַסקאָ-הײלן – ווי אַזוי מאַניפֿעסטירט זיך עס? אַ שאָד וואָס כ׳בין ניט קיין וויסנשאַפֿטלער אין עפּעס קאָנקרעטע עלעמענטן, צי אַ פֿרווידיאַנישער פּסיכאָלאָג אָדער כ׳ווייס אַליין ניט וואָס, צו קענען עפּעס דערגיין פֿונעם תּמצית פֿון אָט די ווירטועלע פֿענאָמענען, וואָס מאַניפֿעסטירן זיך דאָך באַשײַמפּערלעך. ווער קען דאָס באמת וויסן?

~❀~

ניִשטיקייט איז אַזאַ וויכטיקער עלעמענט ווי אומענד און אייביקייט. אויב ס׳איז ניטאָ אַן אָרט – אַן אָנהייב און אַ לײדיקייט, איז ניט מעגליך קיין שום מעשׂה-בראשית. קיין שום יהי וועט ניט העלפֿן. בכן קען מען באַהויפּטן: אַז עפּעס זאָל ווערן און זײַן, מוז מען האָבן די פֿיר עלעמענטן – אָרט, צײַט, ניִשטיקייט און ווילן.

מע טאָר ניט אָוועקמאַכן אַזוי מיר, גלײַכגילטיק – אַ גאָרנישט. העגעליאַניש דיאַלעקטעוועס, איז דאָך גאָרנישט די **אַנטיטעזע** פֿון **אַלץ**, אַזוי ווי לויט די פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס מוז מען דאָך באַרעכטיקן אַ סינטעזע. איז אַלץ וואָס איז, קען זײַן צי איז שוין געווען – נאָך אַ קאָמפּראָמיס צווישן ביידע.

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם, פֿענאָמענאָלאָגיש, מעטאַפֿיזיש און נאָך אַנדערש אַקסיאָמירט, איז דיאַלעקטיש ראַציאָנעל פֿעסטגעשטעלט, און מנוחהדיק קען מען גיין שלאָפֿן אָן פּחד פֿאַר קאָשמאַרן, וואָס סתּם מחשבֿות און פּאָסטולאַטן זענען גורם.

~❀~

פֿלעכטן ריטם, געדאַנק מיט רייד,
אַריינגעהאָפֿטן ליריק, אַראַבעסק אין זינען,
טעקסט און בילד מיט פּשוטן באַשייד,
מיט ראָזשינקעס הומאָר דערינען.

מחשבֿות מיט מוזיק, לאָגיק מיט קאָלירן –
אַ לײַטישער מחבר דאַרף אַזוי זיך פֿירן.
איך מיט מײַנע מײַסטערווערק אַזוי זיך קוויק,
אָן קיינעמס אַפּלאָדירן.

געפֿעלט עס עמיצן? איז אדרבא!
און ווען ניט,
בלײַב איך מיר אַ טראָגלאָדיט –
אַזוי געווען און אַזוי להבא.

~❀~

ליגן אַזוי פֿיל ביכער אומעטום בכלל, און בפֿרט בײַ ייִדישע ייִדן, וואָס ווערן ניט באַרירט פֿון קיין עווענטועלן לייענער. נו, וועלן זײַן נאָך עטלעכע מיט מײַנע געניאַלע מחשבֿות און פֿײַנע מײַסטערווערק, דער סך-הכּל פֿון אַ כּמעט הונדערטיעריקער דענקעניש, בענקעניש און קרענקעניש, קריטיק און רעוואָלט, מיט טענות צו גאָט און לײַט, ווי זיי וואָלטן מיר עפּעס שולדיק געווען, באַשר כ'האָב זיי געבאָרגט און זיי האָבן נישט אָפּגעגעבן.

לעקישעוואַטער מעגאַלאָמאַן! פּרעטענציעזער גורו, וואָס האָט זיך אַליין שאַמאַניזירט און געוואָלט באַפֿרײַען די מענטשהייט פֿון שלעכטס און מיאוסקייט! אָבער קיינער קען ניט האָבן קיין טענות

צו מיר, אַז כ׳האָב אים מיט עפּעס באַלעסטיקט מיטן פֿאַרעפֿנטלעכן די דאָזיקע שריפֿטן. כ׳האָב געטון זינט מײַנע יונגע יאָרן אַלץ, צו קענען דאָס באַווײַזן מיט אייגענע כּוחות. זײַט מיר מוחל, נשמות פֿון ביימער פֿאַרוואַנדלטע אין פּאַפּיר, וואָס כ׳האָב שרײַבנדיק פֿאַרפּאַטשקעט כּדי די אייביקייט זאָל ווערן באַרײַכערט מיט נאָך אַ ביסל גײַסטיקייט.

בין איך דען נישט אויך עפּעס אין דער עוואָלוציע צום אָמעגאַ-פּונקט נוסח טעיאַר-דע-שאַרדען? וואָרשײַנליך ווערט עס מיר נישט געלינגען צוליב מײַן עלטער. אָט קריך איך אַרײַן שוין אין מײַן אַכט און אַכציקסט יאָר. נאָר וואָס טויג ס׳גריבלען זיך? איך וועל טון ס׳מײַניקע ביז דער לעצטער רגע. גאָט איז אַ פֿאָטער, ער האָט מיר שוין אַזוי פֿיל געהאָלפֿן אין מײַן עקזיסטענץ, האָף איך אַז ער וועט מיך ניט לאָזן אין מיטן וועג. ער ווייסט אַז איך האָב צו אים צוטרוי, ווי עמיצער מיט וועמען ער איז זיכער אין ליבשאַפֿט צו אים און צו זײַן באַשאַף. וואָס ס׳זאָל ניט געשען – איך טו ס׳מײַניקע. זאָל זײַן מיט מזל!

~❁~

וואָס קען אַ נוקלעאָן, אַן אַטאָם, אַ מאָלעקול און אַ מענטשנס אבֿר, דריז, האָר צי נאָגל אויפֿטון מיט זײַן באַגער און ווילן צו זען דעם גאַנצן האָמאָ-סאַפּיענס געזונט און גליקלעך? ווען אַ מגיפֿה באַפֿאַלט דעם פּלאַנעט, איז ממילא יעדנס גוף און נשמה אין אַ געפֿאַר פֿון טאָטאַלן אומקום. ווירוסן, מיקראָבן, באַקטעריעס און ווער ווייסט וואָס נאָך פֿאַר אַ מין אַגרעסיווע עלעמענטן צעשטערן, פֿאַרקריפּלען חושים און אַלע פֿיזישע און פּסיכישע ענערגיעס, און סיזיף פֿאַרלירט יעדע מעגלעכקייט אײַנצוהאַלטן דעם פֿעלדז וואָס האָסטיקט אַרונטער מיט אַן אַלץ גרעסערן אימפּעט, דראָענדיק אַלץ צו צעשמעטערן מיט אים בתוכם.

און דאָך – איך, מיני-עפּעסל אין אַזאַ ריזיקן קרײַז און פֿאַרנעם ווי אַן אוניווערס, צי בלויז אַ פּלאַנעט מיט דער בײַאָספֿערע, וועגד

זיך צו דיר, האַר, מײַסטער פֿון באַשאַף, ווי אַזוי לײַט זאָלן דיך ניט אָנרופֿן, רעליגיעז צי אַטעיִסטיש, גאָט, אַללאַ, בראַהאַמאַ, לעבן, פֿאַנטעיִזם: ראַטעווע די וועלט, אונדזער באַגרענעצטע וועלט, פֿון אומקום, פֿון פֿאַרקריפּלונג, פֿון משוגעת מיט קאַמיקאַדזע-קאָמפּלעקסן קעגן זיך זעלבסט, וואָס פֿאַרשפּרייטן זיך אַלץ מער און מער.

אויב אין מײַן ווייניקייט קען זיך מאַניפֿעסטירן אַ ווילן צו ווערן געהײלט פֿונעם אויסטערלישן שלעכטס וואָס קיִנט די כּלומרשטע האָמאָ-סאַפּיענסן, איז עס דאָך אפֿשר אַ באַווײַז אַז ס׳קען אַנדערש זײַן, און ס׳קען זיך געפֿינען אַ פּסיכאָ-סאָמאַטישע רפֿואה נוסח ד״ר קוע, מיט אויטאָסוגעסטיע צי אפֿשר אַנדערש, אַבי אַרויס פֿון די קאָשמאַרן וואָס צעשטערן דעם כּי-טובֿ פֿון דײַן באַשאַף.

די וועלט איז אַזוי וווּנדערלעך-שיין, אונדזער פּלאַנעט – אַזוי פּרעכטיק, דער מענטש – אַזוי פֿעיִק צו קענען געניסן פֿון אַזוי פֿיל תּענוגים! פֿאַר וואָס זאָל דאָס אַלץ פֿאַרשווינדן אין פֿיזישע עפּילעפּסיעס, גײַסטיקע קאָנוווּלסיעס, פּאַראַנאָיע-פּסיכאָזן, ווילד-משוגענע היסטעריעס און סתּם פּסיכאָפּאַטישע מעגאַלאָ- צי אַנדערע מאַניעס?

פֿאַראַן אָקעאַנען אַלעמען אָנצוטרינקען – און מע שלאָגט זיך פֿאַר אַ טרונק! פֿאַראַן זון פֿאַר אַלץ און אַלעמען – און מע ליגט טראָגלאָדיטיש אין פֿאַרשטונקענעם חושך!

ווער, וואָס דו זאָלסט ניט זײַן: אַבֿרהם-אָבֿיניש, שפּינאָזיש, אײַנשטייניש, אָבער זיכער ביסטו דאָך אָמנימעכטיק. דו באַגרײַפֿסט דאָך זיכער אַז אויב אין מיר קען זיך מאַניפֿעסטירן אַזאַ מין ווילן, מוז עס דאָך זײַן מעגליך אין אַלע קאָסמישע דימענסיעס. אויב ס׳זאָל אַ מענטש זיך קענען היילן מיטן באַגער צו זײַן געזונט, פֿאַר וואָס זאָלן אַ ביִאָספֿערע צי אַ זונסיסטעם, אַ גאַלאַקציע, ניט זײַן מסוגל דאָס צו באַווײַזן?

זאָל דאָס וואָס כ׳טראַכט, זאָג און פֿאַרשרײַב הייסן אַ תּפֿילה, אַ רוף צו הילף, אַן אינסטינקטיווער ווידערשטאַנד קעגן אומקום. איז

עס דען ניט דאָך פֿון עפּעס וואָס איז אַ ניצוץ פֿון דײַן באַשאַף, פֿון דיר זעלבסט? ניט מעגליך אַז מײַן געבעט זאָל ניט ווערן דערהערט, באַגרײַפֿט. גאָטעניו, ראַטעווע ווי לאַנג נאָך מעגליך אונדזער שיינע וועלט!

~❀~

**ז**אָגט פּעגאַז, מײַן פֿליגלדיקע שקאַפּע:
– "ווילסט אויף מיר רײַטן מיט דײַן לירע?
אַדרבא, רײַט און זינג דיר שירה!
איך, ווי כ'קען, אויף דעם פּאַרנאַס זיך דראַפּע.
בײַ טאָג, בײַ נאַכט – כ'טו וואָס דו ווילסט נאָר; אָבער
כוחות דאַרף מען אַ פּאַרשוין ווי דו צו טראָגן.
חוץ פֿליגל האָב איך -פֿערדל- אויך אַ מאָגן.
פֿליִען, רײַטן – דו דערלאַנג נאָר האָבער!
ווען ניט – אַ ביסל צוגעבלימלט היי.
איז עס צו פֿיל? איז שעצקע אויך כּדאַי;
אַפֿילו פֿאַר פּעגאַזן, אויב אויפֿן האַרצן ניכטער.
שווער איז גרייכן הימלען, נאָך שלעפּנדיק אַ דיכטער!

~❀~

**ווי** נאַריש מוז זײַן דאָס פֿאַרלירן די באַגרענעצטע עקזיסטענץ מיטן זוכן דעם תּמצית פֿון עקזיסטענציאַליזם! ווי אַזוי ניט פֿאַרשטיין, אַז נאָכן אַנאַליזירן און פֿאַרשן דאָס אַלץ וואָס די פּראָפֿעסיאָנעלע עקזיסטענציאַליסטן האָבן אָנגעהויפֿט און וואָס די פֿונקציאָנאַליסטן האָבן אָנגעדאָקטרינירט וועגן דעם, וועט זײַן צו שפּעט אָנצוווענדן זייערע פֿײַנע עצות, און איך וועל האָבן געפּטרט מײַן ראַציאָנעלע, וואָרע עקזיסטענץ מיט וואָרשײַנלעך סאָפֿיסטישע פּאָסטולאַטן, פֿאַרשלייערטע מיט ליטעראַרישע פֿיקציעס און רעטאָריש-שיינער דיאַלעקטיק.

בכן איז מײַן אויספֿיר: קודם עקזיסטירן פֿיזיש, פּסיכיש און מאַטעריעל אין די מעגליך בעסטע באַדינגונגען, און ערשט דערנאָך, פֿאַרטיק מיטן פּראַקטישן אופֿן זײַן, טראַכטן וועגן

מעטאַפֿיזישע, טעאָלאָגישע, פֿילאָזאָפֿישע פּראָבלעמען. בכן, דאָס ערשטע געזעץ פֿון עקזיסטענציאַליזם, פּראַגמאַטיש אָנגעווענדט, איז צו זײַן ערליך, אויפֿריכטיק, מיט אַ קלאָר געוויסן; ניט צו זײַן אַ פּאַראַזיט פֿאַר קיינעם; נישט צעשטערן אַרום זיך מער ווי אַבסאָלוט געמוזט אין אַלע הינזיכטן און אומשטאַנדן; היטן ס'אייגענע געזונט ווי אָן אויג אין קאָפּ, כּדי צו קענען אָפּדויערן די באַשטימטע לעבנסצײַט; ניט באַלעסטיקן ס'געמיט מיט איבעריקע היסטאָרישע און וויסנשאַפֿטלעכע לאַסטן; זײַן תּמיד קאָרעקט, מיט אָפּשײַ און ליבשאַפֿט פֿאַר יעדן וואָס איז עס ווערט; זײַן יחידיש און סאָציאַל אַבסאָלוט ערליך, אָן שום מעגליכע קאָמפּראָמיסן; שמייכלען אַפֿילו אין דער פֿינצטער, אַ ניט-געמאַטערטער אין נעכט מיט שלאָפֿלאָזיקייט, און האָבן צוטרוי צום באַשאַף אַפֿילו ווייסנדיק אַז מע מוז אומקומען.

דאַכט זיך אַז מײַן אַרט עקזיסטענציאַליזם קען זײַן מער ווי אַ פּאָסטולאַט, און ווערן אָנגעווענדט לײַכטער ווי דער סאַרטריזם מיט זײַנס גלײַכן.

~❀~

**א**ום צו האָבן אַ גילטיקע עקזיסטענץ, מוז אַ באַוווּסטזיניקער מענטש זיך שטיצן אויף געוויסע קריטערן, אָנגעווענדטע טאָטאַל, אָן קיין שום קאָמפּראָמיסן. די דאָזיקע קריטערן קענען זײַן פּסיכישע: עטיק און עסטעטיק, און האָבן אַ שײַכות מיטן פֿיזיש-מאַטעריעלן: היגיענע און פּראַגמאַטיזם.

אָט דאָ קומען אויף שווערינקייטן מיט דער סעמאַנטיק און דער רעלאַטיוויטעט. וואָס הייסט עטיק און עסטעטיק, היגיענע און פּראַגמאַטיזם? די עטיק פֿון אַ היטלערן קען דען זײַן די זעלבע ווי די פֿון אַ פּשוטן, ערליכן מענטש? די עסטעטיק פֿון אַ פּיקאַסאָ, אַ צאַראַ צי אַ „פּונק" — די זעלבע ווי פֿון אַ דע-ווינטשין, פּרצן צי מאָצאַרטן? די היגיענע פֿון אַ חזיר וואָס תּענוגט אין קויט און די פֿון עמיצן וואָס מוז זיך באָדן און רייניקן יעדן טאָג — קען דען זײַן די זעלבע? ערשט דער פּראַגמאַטיזם פֿון יעגער וואָס טשאַטעוועט

אויף אַ באַשעפֿעניש, און דער פֿון קרבן וואָס זוכט אַ מיטל ווי אַזוי אויסצומײַדן דעם אומקום? די השגחה פֿון וואָלף קען ניט זײַן די זעלבע ווי די פֿון שאָף. כאָטש ביידע זענען טרײַ צו זייער קליינוואַרג און מוזן זיך נערן. אַזוי איז מיטן אָקס און דעם טאָרעאַדאָר, און אפֿשר מיטן ווירוס און דעם קראַנקן.

מוז מען קודם פֿעסטשטעלן מיט וועמען מע האָט צו טון, און נעמען פֿאַר אַ סימבאָל דעם מענטשן-מין, מיט אַ קריטער פֿאַר עטיק, ערליכקייט, אויפֿריכטיקייט, ליבשאַפֿט צו זײַנס גלײַכן און צו אַלץ אַרום אים, חוץ צו דעם וואָס וויל אים אומברענגען. אַ מענטש וואָס וויל ניט זײַן קיין פּאַראַזיט אויף עמיצנס חשבון, נאָר זײַן אויפֿריכטיק-ערליך. ערשט עסטעטיק – דאָס מוז זיך שטיצן אויף האַרמאָניע אין אַלע הינזיכטן: פֿאָרמען, קאָלירן, מוזיק, אָן שום מאָדעס, סנאָביזמען, דווקא-אַנדערשקייטן און אויסטערלישע אַספּעקטן, נאָר אַלץ וואָס פֿאַרשאַפֿט תּענוג פֿאַר חושים און נשמות. היגיענע – דאָס מיינט: נעמען אין אַכט די נאַטירלעכע באַדערפֿענישן פֿון אָרגאַניזם; אַ פֿיזיאָלאָגיע אין הסכּם מיטן נאָרמאַלן נערן זיך, רוען און אַלץ טון כּדי אָפּצודויערן אַן עקזיסטענץ אין די בעסטע באַדינגונגען. ערשט אין מאַטעריעלן – זיך אָרגאַניזירן אַזוי, מיט קענטעניש און מי, צו האָבן אַ געזיכערטע סיטואַציע אין וואָס פֿאַר אַ עקאָנאָמישע רעזשימען מע זאָל ניט זײַן געצוווּנגען זיך אויסצולעבן.

אַז מ׳איז מסוגל צו פֿאַרענטפֿערן און פֿאַרזיכערן אַ צופֿרידנשטעלנדיקן רעזולטאַט פֿאַר די אַלע פּראָבלעמען, קען מען זיך מנוחהדיק אויסלעבן און, אַז ס׳קומט די צײַט, אײַנשלאָפֿן אין לעצטן שלאָף מיט אַ רויִק געוויסן, און אפֿשר מיט אַ האָפֿענונג זיך אויפֿצוכאַפּן אין אַ נײַער רעאַליטעט פֿאַר אַ צווייטן לעבנס-חלום. ווײַל לעבן איז אייביק און נאָר עקזיסטענצן בײַטן אַספּעקטן. ווער קען זיך אונטערנעמען צו זײַן לאָגיש-אויסגעהאַלטן און באמת אָנווענדן פּראַקטיש די דאָזיקע פּרינציפּן? און איך, חכם, האָב איך זיך געפֿירט געהעריק אַזוי ווי איך פּריידיק? דאָ דאַרף מען אַ האַמלעט מיט זײַנע קלאָץ-קשיות, אָבער ניטאָ קיין הגדה מיט אַן ענטפֿער דערויף.

— וואָס זיצסטו מיט פֿאַרלייגטע הענט?
דאָ ליגט פֿון שענסטן און פֿון בעסטן
אויף געדעקטע טישן גרייט:
שפּײַז מיט גרעסטע אַפּעטיטן זיך צו מעסטן.
און דאָרטן וואַרטן מײַלער אָפֿענע,
צעקראָכענע, פֿאַרשלאָפֿענע —
גייען אויס פֿון הונגער פֿאַר דער צײַט!
אפֿשר איז עס נאָר אין עמיצן געווענדט —
דער גומען, איין מאָל נאָר דעם טעם דערקענט...
וואָלט ניט געווען כּדאַי?

— ברודער, דאַרפֿסט ניט און עס העלפֿט ניט זאָרגן;
מעגסט רייצן אַפּעטיט פֿון הײַנט ביז מאָרגן:
הונגערט זיך ניט, וועט ניט העלפֿן סײַ-ווי-סײַ.
הונגעריקע — זיי געפֿינען שפּײַז אַליין.
די וואָס שפּײַז באַדאַרפֿן
ברויך מען ניט די קונסט פֿון עסן געבן צו פֿאַרשטיין.
אַ הונגעריקער וועט אַליין דערויף זיך וואַרפֿן,
און יענע וואָס מע דאַרף שוין העלפֿן קײַען,
וועלן סײַ-ווי-סײַ קיין מאכל ניט פֿאַרדײַען.

אין אַלע רעליגיעזע צי וועלטלעכע דאָקטרינעס, פּרוּוון געפֿינען נאָר דאָס עטישע, דאָס היגיענישע, דאָס לאָגיש-וואָרשײַנלעכע וואָס איז גילטיק פֿאַר אַ באַוווסטזיניקן, ערליכן, אויפֿריכטיקן מענטש, פֿאַר וועמען עקזיסטענץ איז באַרעכטיקט אויב אין הסכּם מיט מאָראַל, מיט ליבשאַפֿט צום באַשאַף און צו זײַנס גלײַכן, אָן שום מעגליכע קאָמפּראָמיסן, מיט יושר, רעכט, פֿרײַהייט און גלײַכהייט אין אַלע הינזיכטן.

קיין שום מעגאַלאָמאַניעס, ראַסיזמען, פּריווילעגיעס, שאָוויניזמען, היפּאָקריזיעס אין קיין שום מאָמענט צי אומשטאַנדן. פֿרײַהייט — ניט צו באַגיין עוולות, און ניט קיין אַבסורד-ציניזם פֿון „אַלע

זענען גלײַך, אָבער טייל לײַט זענען אַ ביסל גלײַכער ווי די אַנדערע". נעמען אין אַכט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און די קלאַסן-רעזשימען וואָס האָבן געהערשט און הערשן ליידער נאָך הײַנט אַפֿילו, טראָגן די נײַע טערמינאָלאָגיעס פֿון דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם, פּראָגרעס, סאָציאַליזם, קאָמוניזם, וואָס מאַסקירן ס׳רובֿ פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון קאַפּיטאַליסטישע צי סתּם-דיקטאַטאָרישע אינטערעסן. אַזוי למשל ווערט היטלעריזם – נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם; סטאַליניזם – פֿאָלקס-דעמאָקראַטיע און אַזוי ווײַטער. די אַלע אומשטאַנדן האָבן באַאײַנפֿלוסט די פֿאַרשיידענע אמונות, דאָקטרינעס און טעאָריעס מיט זייערע דאָגמעס, קרעדאָס און אימפּעראַטיוון.

אָבער דאָך איז מיט דעם אַלעמען פּונקט ווי מיט גרודעס ווו ס׳געפֿינט זיך אַ מאָל אַ ביצוץ גאָלד, דאָ מער, דאָ ווייניקער: פֿאַראַן עפּעס גילטיקס.

דער אונטערשייד פֿון הײַנט מיטן אַמאָל באַשטייט אין דעם, וואָס די היפּאָקריזיע איז ניט מער לאָקאַליזירט אין פֿראַגמענטן: אין סעקטעס, שבֿטים, נאַציעס צי אימפּעריעס אַפֿילו. איצט מאַניפֿעסטירט זיך עס אין פּלאַנעטאַרן פֿאַרנעם. אַלע אינטערעסן זענען „פֿאַרהאָלדינגט", עקפּאַנסיעס פֿון קאָנצערנען און טראָסטן, און פֿאַרשטייט זיך, מיט אַנטאַגאָניזמען און קאָנקורענצן צי אינצידענטן אין דעם פּלאַנעטאַרן פֿאַרנעם אויכעט. פֿאַרן איצטיקן דיקטאַטאָרישן ברוטאַלן קאַפּיטאַליזם זענען ניטאָ מער קיין גרענעצן, קיין קאָנטינענטן, און ממילא זענען די מאַכט און די מיטלען קאָנסעקווענט אין מעגליכקייטן, אין אַלע געביטן.

אוניווערסאַלע מאַפֿיעס האָבן אין זייער רשות פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, ליטעראַטור, קונסט, ספּאָרט, וויסנשאַפֿט, דראָגן און השפּעה, אויב ניט טאַקע אוזורפּירטע מאַכט, אויף אַלע מאַטעריעלע און ספּיריטועלע עלעמענטן וואָס פֿאָרמירן און דערציִען דורות מענטשן לויט די עקאָנאָמישע פֿאָרויס פּראָגראַמירטע אַמביציעזע פּלענער.

ציניש איז די סעמאַנטיק פֿון טערמינאָלאָגיעס, אַזוי אַז אין

פֿראַנקרײַך, למשל, זענען די עקסטרעמע רעאַקציאָנערן קלאַסירט ווי „לינקע רעפּובליקאַנער", און די אַמעריקאַנער אולטראַ־קאַפּיטאַליסטן רופֿן זיך „רעפּובליקאַנער" און „דעמאָקראַטן". אַז אָך און וויי צו אַזעלכע רעפּובליקן מיט זייערע דעמאָקראַטישע רעזשימען.

אָבער אַזוי ווי מע מוז דאָך לעבן, און מע האָפֿט: אפֿשר וועלן לײַט פֿאָרט קומען צום שׂכל־הישר און ניט בלײַבן ראָבאָטיזירט, פֿאַרגולמט, פֿאַרטשאַקעט, צעחושט און לעקישעוואַטע אויף אייביק, און איידער דער מעדיאַ־מאַסע ווערט ניט פֿאַרטיליקט אין נוקלעאַרע קאָנפֿליקטן — איינער איז געננוג — צי סתּם אין וויסנשאַפֿטלעכע קאַטאַסטראָפֿעס נוסח טשערנאָביל, אינדוסטריעלע גאַז־נעפּלען צי גיפֿטיקע שפּײַז־מאַניפּולאַציעס וואָס שאַפֿן אַ סך פּראָפֿיט און צעשטערן אָרגאַניזמען, צי גאָר אומקומען דורך די מוטאַציעס וואָס מע מאַניפּולירט כּדי צו פֿאַרלענגערן ס׳לעבן און בכן לאַנג קענען עקספּלואַטירן פֿיזיש און פּסיכיש לײַט, ווי מע געפֿינט אויס מיטלען אַרויסצובאַקומען מער מילך בײַ בהמות — איז איידער דאָס אַלץ קומט פֿאָר, מוז מען דאָך פּרוּוון עפּעס ענדערן.

קום איך צוריק צום אָנהייב: אַרויסנעמען דאָס גילטיקע וואָס געפֿינט זיך דאָ און דאָרט, אַפֿילו אין די ציוויליזאַציעס, משטיינס געזאָגט. אפֿשר וועט די בײַאָספֿערע מיטן מענטש בתוכם, אַ געראַטעוועטע פֿון טאָטאַלן אומקום, צי בלויז דערווײַל פֿון וועלנטועלע פֿאַרקריפּלונגען, צוריקגעפֿינען דעם וועג צום אידעאַלן גן־עדן וואָס אונדזער טײַערער בלויער פּלאַנעט קען ווידער ווערן.

אַפֿילו ווען דער דויער פֿון אונדזער זונסיסטעם איז באַגרענעצט בלויז אויף עטלעכע מיליאַרד יאָרן, איז דאָס באַנוגענען זיך מיט אַ פּאָר מיליאָן מנוחהדיקע יאָרן עקזיסטענץ אויך בעסער ווי גאָרנישט. פֿרײַ פֿון זאָרג און אַנגסט, וועט דער חכם מענטש אפֿשר געפֿינען דעם שליסל צו אייביקייטן. פֿאַר וואָס נישט?

סײַ פֿון רעליגיעזן, סײַ פֿון וועלטלעכן שטאַנדפּונקט, איז די ראָלע פֿון ייִדישן פֿאָלק צו זײַן ניט קאָנצענטרירט אין אַן אָרט, נאָר צעשפּרייט צווישן אַלע פֿעלקער, איבער אַלע קאָנטינענטן. פֿון רעליגיעזן, חוץ דער משיחישער דאָקטרינע, וואָס איז נוגע אַלע פֿעלקער, קען מען דאָך זיך משער זײַן, אַז אויב גאָט וואָלט געוואָלט ס׳זאָל אַנדערש זײַן – ווער שטערט אים דאָס צו טון? ייִדישקייט מיינט פֿאַרשפּרייטן די אידעאַלן פֿון פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ליבשאַפֿט. ערשט, אויב ס׳מוז זײַן אַן אָרט וווּ ייִדן זאָלן זײַן קאָנצענטרירט אין אַן אייגענער מדינה, דאַרף עס זײַן כּדי צו געבן עווענטועל אַ בײַשפּיל פֿון אַ גילטיקער עקזיסטענץ. דעריבער – דער קיבוץ.

דער סאָציאַליזם איז ניט עפּעס אַנדערש ווי דער משיחישער אידעאַל. זאָל עס זײַן מיטן מאָנאָטעיִזם, מיטן דעקאַלאָג צי די נבֿיאים, מיט קריסטנטום נוסח ישו דעם ייִד – אָבער דער נסיון פֿון אַתּה-בחרתּניזם איז שוין אַזוי זיבנט טויזנטער יאָרן, די בעסטע זין צו ברענגען אויף עקידות. קען זיך אַ יונה באַפֿרײַען פֿון זײַן שליחות? זינדיקט ער דען נישט מיט דעם קעגן געטלעכע צי אַנדערש-גערופֿענע דעטערמיניזמען? זיכער איז אָבער ס׳וואָרשײַנלעכע: דורך פֿאַרשיידענע וועגן פֿירט אויס ס׳ייִדישע פֿאָלק אַ שליחות. אין הללס דעוויזן צי אין טייאַר-דע-שאַרדענס אָמעגאַ-פּונקט, פֿאַרשלייערט אין קריסטלעכקייט, דורך קאַפּיטאַליזם מיט קאָנצענטראַציע פֿון דער עקאָנאָמיע און סאָציאַליזם נוסח היסטאָרישן מאַטעריאַליזם – עפּעס געשעט. עוואָלויִרט אין אַלע הינזיכטן צו אַ באַשטימטן ציל, און מע געפֿינט תּמיד דערין אַ קאַרל מאַרקס, אַ פֿרויד, אַ בערגסאָן, אַן אײַנשטיין און עמיצן נאָך, אין אַלע אַספּעקטן פֿון רעליגיעזן, וויסנשאַפֿטלעכן, עטישן און עסטעטישן, מאַטעריעלן און ספּיריטועלן, וואָס האָט אַ שײַכות מיט די אידעאַלן פֿון ייִדנטום. געפֿעלט עס יאָ צי ניין די כּלומרשטע האָמאָ-סאַפּיענסן צי די יונהס – נישטאָ קיין אויסוועג, און מע קען ניט מײַדן אַ געטלעכן ווילן, געפֿינענדיק אַפֿילו אַנדערע טערמינאָלאָגיעס פֿאַר

געטליכקייט.

ליידער, אַזוי אָפּטע עקידות און אַזוי זעלטן – אַ מלאַך איינצוהאַלטן דאָס מעסער, בפרט אַז ס'רובֿ איז דאָס מעסער ניט אין פּאָטערליכע הענט. יידיש פּאָלק, אָך און וויי צו דיין אתה-בחרתוניזם! לייט זענען ניט ווערט אַזוי פּיל קרבנות. דווקא פּרוּוון וועלף צו פּאַרוואַנדלען אין שעפּעלעך? ווידערשטאַנד פּון קינדער קעגן היטלערישע בעסטיעס, און די ציוויליזירטע קולטורעלע וועלט, היפּאָקריטיש שמייכלענדיק, אַפּלאָדירט. קעלץ איז מיאוסער פּון אוישוויץ. ערשט ווער ווייסט וויפּל נאָך און נאָך נסיון איז אונדז באַשערט. געמיינער איז נאָך וואָס דווקא די עוואַנגעליזירטע צי איסלאַמיזירטע לייט ווילן דווקא זיך צוטשעפּען היפּאָקריטיש צום יידישן תמצית.

~❀~

פּאַר אַ פּשוטן, קלאָרן שׂכל, קען אַ טיר זיין אָדער אָפן, אָדער פּאַרמאַכט. קומען אָבער העגעליאַנישע פּשרות און טעזיסטן, האַרשפּאַלטערס, און דיאַלעקטעוועז, אַז אַ טיר קען זיין האַלב-אָפן אָדער האַלב-פּאַרמאַכט, קען זיין צוגעלענט, קען האָבן אַ פּענצטערל, אַ שפּאַלט, אַ שפּאַרע – און אַ שליסללאָך איז אויך עפּעס; אויב ניט פּאַר אַ מענטש (חוץ זיין אויג), איז עס פּאַר אַ ווערעמל, אויך אַ באַשעפעניש. דעריבער איז גילטיק, אין איצטיקע סאָציאַלע רעזשימען, אַ סיסטעם פּון קאָמפּראָמיסיאָנערישע סינטעזיסטן, מיט אַן אויספּיר פּון קענען צווייפּלען נוסח דעקאַרט אין יעדער זיכערער לאָגיק. מאַטעמאַטיק האָט אַ פּואַנקאַרע מיט אַ הייזענבערג, און אַזוי ווייטער. ווי אַ פּלאַטאָן אַ מאָל, פּאַר ווענען רעאַליטעט איז נאָר אַ שאָטן פּון אַ פּיקציע, אַן אידעאַל, און אידעאַלן זענען דאָך תּמיד אַבסטראַקציעס, סקעפּטישעסאַפּיזמען. דערפּון – אַ נייע וויסנשאַפט: צווייפּלאָלאָגיע. אַזוי איז מיט דער העגעליאַנישער דאָקטרינע, וואָס שטייט אויפן קאָפּ, און דאָס זעלבע די מאַרקסיסטישע, וואָס שטייט אויף די פּיס: סיסטעמען פּון אַ פּיער ד'אַקן: פּאַר אַלץ וואָס איז קעגן, קעגן אַלץ וואָס איז פּאַר.

אויב טעזע איז אַנטיטעזע –גילטיק איז דער ווידערשפּרוך, דער פּאַראַדאָקס– נעמט זיך דערפון דער געפּעלשטער מאַרקסיזם-לעניניזם מיט סאָוויעטישער פֿאָלקס-דעמאָקראַטיע און לוביאַנקע-פֿרײַהייט.

דאָס צווייפֿלען איז שוין אַן אַלטע קרענק. שאָפּענהויער האָט דאָס צווייפֿלעניש פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאַרצווייפֿלעניש, מיט אַ פּעסימיזם כאָטש נעם דיר ס'לעבן און ווער פּטור פֿון האַמלעטיזם נוסח שעקספּיר. פֿאַר מיר איז צוויי מאָל צוויי פֿיר, און קיין שום מאָדערנע נעאָלאָגיק קען ניט באַרעכטיקן אַ קאָמפּאָמיס מיטן רעזולטאַט. וואָס-זשע איז מיט צופֿעליקייט, גורל? געוויס קען מען זאָגן, אַז אויב אַ רולעטקע וועט זיך דרייען טויזנט מאָל, וועלן זיכער זײַן עטלעכע מאָל רויט. אָבער טעזע, אַנטיטעזע מיט סינטעזע – דאָס אַלץ איז כּולו היפּאָטעזע.

~❀~

צו אַלע פֿילאָזאָפֿישע מחשבֿות מוז מען אָנווענדן דעם אימפּעראַטיוון פּרינציפּ: איידער וואָס און ווען, באַגרײַפֿן דאָס, וואָס האָט גורם געווען אַ פֿענאָמען, אַ געשעעניש, אַ האַנדלונג. אויב עפּעס צי עמיץ איז אַזוי, זען פֿאַר וואָס איז ער עס געוואָרן און דערקענען די אומשטאַנדן, וואָס האָבן אים געצוווּנגען אַזוי צו זײַן. דעמאָלט נאָר וועט מען אײַנזען וואָס איז אייגנס, גילטיק, און וואָס פֿרעמדס, צופֿעליקס צי אויפֿגעצוווּנגענס.

דער דאָזיקער אָביעקטיווער צוגאַנג מוז זײַן אַבסאָלוט נויטווענדיק צום אורטיילן, און ס'וועט תּמיד זיך אַרויסווײַזן אַן אומגעריכטער אַספּעקט פֿון לײַט און געשעענישן. פֿאַר אונדז ייִדן קען דאָס זײַן פּײַנליך אָפֿט פֿעסטצושטעלן, אַז מע דאַרף זיך שלאָגן על-חטא מער ווי מע רעדט זיך אײַן.

דאָס קען ניט רייניקן שמוציקע, רוצחישע געוויסנס, איבערהויפּט ווען ס'גייט אין מאָרדן קינדער, נאָר זען פֿאַר וואָס מוז עמיץ זײַן אין צושטאַנד צו מוזן האַסן.

אַ שאָד וואָס לײַט בעמען ניט אין אַכט די סאָציאַל-עקאָנאָמישע

באַדינגונגען. דער מאַרקסיזם מוז זײַן דער יסוד פֿון אַלע פֿילאָזאָפֿישע הנחות. דאָס איז פֿאַרשטייט זיך נוגע נאָר צו פֿילאָזאָפֿישע מחשבֿות אין שײַכות מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. ערשט ווער ווייסט צי סאָציאַלע אומשטאַנדן ווירקן ניט אויף אַלע טעאָריעס, רעליגיעס צי וועלטלעכע דאָקטרינעס, און אפֿשר אויך אויף דער וויסנשאַפֿט. פֿילאָזאָפֿיע איז זיכער ניט אָביעקטיוו, לויטער-ריין. קאַנט האָט זיך ניט געמישט ניט אין רעליגיעזע, ניט אין סאָציאַלע און בכן פּאָליטישע פּראָבלעמען. העגעל, ניטשע — שמעקט צי שטינקט מיט פּרײַסישן יונקערייזם.

דאָס אויבן געזאָגטע דאַרף ווערן גענומען אין אַכט אַפֿילו איצט, טראַכטנדיק אַז די זעלבע סיבות זענען תּמיד גורם די זעלבע רעזולטאַטן.

~❁~

**וו**י אַ פֿלאַטערל אין שפּינען-נעץ
אין ציוויליזאַציעס ליגט דער מענטש געפֿאַנגען.
דאָ — וואַמפּירייזירט מיט עטיק און געזעץ,
און דאָ — פֿאַרנאַרט מיט לאָרעליי-געזאַנגען.
ליגט ער אַ פֿאַרכישופֿטער דערינען,
אָפּט צו אַ גאָט געתּפֿילהט אָדער צו אַ געץ,
לײַדט, און ס'קומט אים קיין מאָל ניט אין זינען
לאָגיש, אַז אַ פֿלאַטערל קען אויך באַגערן
ס'ניט מוזן דווקא עמיצן ווי שפּײַז געהערן
און אַז אַ וועלט קען זײַן אויך פֿרײַ פֿון שפּינען.

~❁~

**ד**ער חורבן פֿון אונדזערע מזרח-אייראָפּעיִשע ייִדן דורך היטלערן, סטאַלינען און זייערע שותּפֿים און משרתים: די פּאָליאַקן, רוסן און אַנדערע, מיט דער טאָטאַלער גלײַכגילטיקייט פֿון דער גאַנצער כּלומרשט ציוויליזירטער וועלט, איז די גרעסטע קאַטאַסטראָפֿע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אין זײַן לאַנגער געשיכטע,

וואָס איז פֿול מיט אומגליקן פֿון פֿאַרשיידענע מינים.

נישט דער חורבן פֿון ערשטן אָדער צווייטן בית-המקדש מיט זייערע גלותן, נישט די אינקוויזיציעס, די פּאָגראָמען און אַנדערע צרות קענען זיך פֿאַרגלײַכן מיט דעם וואָס איז מיט אונדז געשען. מע פֿלעגט פֿאַרפֿאָלגן, אומברענגען פֿיזיש טיילן פֿון ייִדישן פֿאָלק, אָבער דאָס וואָס איז געבליבן פֿלעגט תּמיד בלײַבן ווי אַ בוים וואָס ווערט אַרומגעהאַקט, אָבער דער שטאַם, דער וואָרצל, שאַפֿט תּמיד נײַע צווײַגן, און בוים בלײַבט בוים. מיט דעם איצטיקן חורבן איז די גויִים געלונגען ניט נאָר אומצוברענגען פֿיזיש מיליאָנען נאָענטע, טײַערע, אייגענע, נאָר זיי האָבן אומגעברענגט די ייִדישע אידענטיטעט, די ייִדישע נשמה.

ניטאָ מער קיין וואָר ייִדיש פֿאָלק. די אַנטרונענע, דאָס ביסל געבליבענע, צעזייט און צעשפּרייט, זענען אָדער נאָר פּריטשמעליעט, צעטומלט אונטערן אײַנדרוק פֿון אַמאָליקן קאָשמאַר, און זוכן מיט אַלע כּוחות צו פֿאַרגעסן, כאָטשענדיק בײַ דורות ייִדן מיטן פּחד זיי זאָלן חלילה נישט אַרײַנפֿאַלן אין זייער לאַגע. און ס'קומען אויף כּלומרשטע ייִדן, אָדער אַ נײַער מין ייִדן-היברידן, וואָס האָבן אַבסאָלוט קיין שום שײַכות ניט מיט אונדזער אַמאָליק טײַער ייִדישקייט.

ניטאָ מער קיין גאָלדענע ציגעלעך אונטער אונדזערע ייִדישע וויגעלער; ניטאָ מער קיין פּריפּעטשאָק מיט ייִדישן קמץ-אַלף – אָ;

ניטאָ מער קיין מאַמישע היים, קיין סבֿיבֿה פֿון קולטור-פֿאַראיינען, קיין שום זכר פֿון אַ טײַערער, גאָלדענער עפּאָכע, די שענסטע, בעסטע, גרעסטע, ווונדערלעכסטע אין דער לאַנגער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק.

וויפֿל זענען מיר, די געבליבענע וואָס געדענקען? דאָס געוועזענע איז תּמיד עפּעס פֿיזיש און פּסיכיש אייגנס, אין גוף און נשמה. פֿאַר אונדז איז די ווונד תּמיד אָפֿן, און בלוטיקט נאָך אַנאַנד. קיין שום מאַטעריעלע סיטואַציע, קיין שום סאָציאַלע פּאָזיציעס, קיין שום מדינת-ישׂראל, קיין שום נאָבל-פּרײַזן וועלן ניט טרייסטן, ניט היילן. ניטאָ מער אונדזער טײַער ייִדישקייט פֿון אַ מאָל, וואָס מע קען

מיט גאָרניט פֿאַרטרעטן, פֿאַרגיטיקן, טרייסטן. קיין שום בײַער צוויט אויף אַ בוים, אַ גערעטעוועטן פֿון אַ שׂריפֿה, וועט ניט טרייסטן אַ פֿאַרברענטע, אָפּגעבראָכענע צווײַג.

פֿאַראַן מאָמענטן ווען כ׳בין מקנא די אומגעקומענע, וואָס האָבן ניט איבערגעלעבט, זענען פֿאַרשוווּנדן מיט זייער גוף און ניט-געלעסטערטע נשמות. ס׳איז נאַריש אַזוינס צו טראַכטן, נאָר ס׳קומט דאָך אויפֿן זינען. וואָס קען אונדז טרייסטן אַ סאַברײש פֿאָטערלאַנד מיט אַלץ דעריך, פֿאַר וועמען ניט נאָר מיר זענען פֿרעמד, נאָר זיי פֿאַרשווײַכן דעם זכּרון דערפֿון? וואָס גייען אונדז אָן די מיליאָנען אויפֿגעקומענע אָלרײַט-ייִדן, פֿאַר וועלכע אַ גאָלדפֿאַדען, אַ פּרץ, אַ מאַנגער, אַ שלום-עליכם, זענען עקזאָטיזם אָן שום ווערט?

בײַע ייִדישע שבֿטים קומען אויף אין אונדזער צעפּרעמדטן פֿאָלק, און אַזאַ ייִד ווי איך, למשל, וואָס לעבט מיט רעמיניסענצן פֿון אַמאָליקן ייִדישקייט, פֿילט זיך ווי עמיצער וואָס זיצט כּסדר שבֿעה נאָך אַ מאַמען. קיין שום סיטואַציע, קיין שום באַקוועמליכקייט באַפֿרײַט מיך נישט סײַ פֿון די בענקשאַפֿטן פֿון אַמאָליקן וואַרשע, ווו כ׳בין געבוירן, סײַ פֿונעם פֿאַרדראָס קעגן כ׳ווייס אַליין ניט וועמען, פֿאַר וואָס מ׳האָט זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן און פֿאַרלירן אַזוי פֿיל נשמה-יתירהדיקס.

די היטלערס צי סטאַלינס — זיי איז טאָטאַל געלונגען אונדז צו פֿאַרטיליקן. זיי האָבן עס געטאָן פֿיזיש, און פֿאַרסמט די געמיטער בײַ די געבליבענע, זיי זאָלן באַגיין דעם גײַסטיקן זעלבסטמאָרד. און איצט גיי גלייב, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל.

אָבער אפֿשר? מיטן גלײַען שאַפֿט מען שטאָל פֿון אײַזן, מיט שלײַפֿן דימענטן שאַפֿט מען בריליאַנטן, אפֿשר איז דער גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק בלויז נסיון? אָבער נסיון ביז ווען? און אפֿשר קען געשען אַ נס, אפֿשר זענען דאָך פֿאַראַן ל״ו צדיקים?

— גלייבסטו אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט?

— ניין, איך בין אַן אַטעיִסט.

— אָבער גלייבסטו אַז דו ביסט סובסטאַנציעל דאָ?

דאָס קען ער ניט לייקענען:

— כ׳בין דאָ, געוויס.

— ווי אַזוי, פֿאַר וואָס, פֿון וואַנען, און וואָס איז דער ציל פֿון אַזוינס? ס׳מוז דאָך זײַן אַן עמיצער צי אַן עפּעס וואָס האָט דערמעגליכט דײַן עקזיסטענץ, און מיר זאָלן זײַן מסוגל צו רעדן וועגן דעם?

— דאָס איז זיכער, אָבער כ׳גלייב ניט, אַז דאָס איז געוועלטיקט פֿון אַ גאָט אַזוי ווי באַגרײַפֿט פֿון אַ מענטש.

— בכן געפֿעלט דיר ניט דער טעיִזם! אָבער אַזוי ווי עפּעס קען ניט קומען פֿון גאָרנישט, און אַפֿילו ווען אַלץ זאָל קומען פֿון נישטיקייט, קענסטו דאָך ניט זײַן אַן אַנטי־אַלץ. דיר געפֿעלט ניט דער נאָמען גאָט? רוף עס אָן אַנדערש, מיט וויפֿל רעליגיעזע, וויסנשאַפֿטליכע, מיסטישע צי פֿילאָזאָפֿישע טערמינאָלאָגיעס דו ווילסט. אָבער קענסט דאָך טאָטאַל ניט אַ פּריאָרי לייקענען אַז ס׳איז פֿאַראַן קיין אוניווערס מיט געזעצן, אַז דו ביסט דאָ, ביסט געבוירן און וועסט אומקומען ווי יעדער באַשעפֿעניש, פֿלאַנץ און ווער ווייסט וואָס אַלץ נאָך, אַפֿילו גאַלאַקציעס און אוניווערסן אויך! ס׳איז נאָר אַ פֿראַגע פֿון דימענסיעס און דויער.

זאָל דאָס אַלץ זײַן צופֿאַל, כאַאָס, נישטיקייט? קען מען דאָך ניט זײַן אַ פּריאָרי אַנטי־כאַאָס, אַנטי־צופֿעליקייט, אַנטי־נישטיקייט. ס׳איז דאָך לעקישעוואַטע נאַריש צו זײַן אַן אַנטי־אַלץ און פּטור, מ׳איז צופֿרידן מיטן אויפֿטו!

כ׳פֿאַרשטיי מע זאָל זײַן אַנטי־רעליגיעז, אַנטי־קלעריקאַל, אַנטי־קאַפּיטאַליסטיש, אַנטי־קאַרניוואָר, אַנטי־וואָס־מע־וויל, אַפֿילו אַנטי־אַנטיס, אָבער ס׳איז דאָך פֿאָרט וווּנדערליך צו זען, אַז ס׳זענען פֿאַראַן געזעצן וואָס מע קען לאַבאָראַטאָריש עקספּערימענטירן, און ס׳איז פֿאַראַן אַ מאַטעמאַטישע לאָגיק, אַז

די זון גייט תּמיד אויף פֿון דער זעלבער זײַט, אַז אַלע באַשעפֿענישן האָבן די זעלבע פֿיזיאָלאָגיע און אַפֿילו אבֿרים, אַנדערש פֿאַרוואַנדלט, מיטן זעלבן גורל, און אַזוי ווײַטער.

מע קען אויך זען אַז קיין שום מענטש, מעג ער זײַן ווי מעכטיק און רײַך, וועט נישט ענדערן עפּעס אין גאַנג פֿון אַ שטערן, אָדער מײַדן דעם טויט. וואָס-זשע טויג דאָס מעגאַלאָמאַניעווען מיט סקעפּטיציזמען און אַ מין פֿרײַדענקערישקייט, וואָס איז כּולו-נישטיקייט, אָן שום לאָגישן אַרגומענט?

וואָס מע קען און מע מוז יאָ טון, איז שלום מאַכן מיטן מעגליכן זײַן אויף אַ פּרעכטיקן פּלאַנעט; האָבן צוטרוי און ליבשאַפֿט צו דעם וואָס מוז בלײַבן אומבאַגרײַפֿט און אָן אַפֿילו אַ מעגליכקייט צו פּרוּוון וויסן ווער און וואָס דאָס איז; עקזיסטירן דעם צוגעטיילטן דויער אין די בעסטע באַדינגונגען נישט צעשטערנדיק מער ווי געמוזט, צו קענען געניסן פֿון אַ ווױלשטאַנד, זײַן געזונט און תּמיד צופֿרידן. מע קען מײַדן דאָס מוזן נערן זיך קאַרניוואָריש. ווײַזט אויס אַז פֿלאַנצן באַגערן אַנדערש זיך צו נערן. מע קען געפֿינען אַלע נייטיקע עלעמענטן אין פֿרוכטן צי אַנדערע געוויקסן. זעט העלפֿאַנדן און אָקסן: זענען זיי נישט גענוג שטאַרק, כאָטש זיי נערן זיך בלויז מיט געוויקסן?

מע מוז אָבער זײַן ערליך, און נישט לאָזן זיך עקספּלואַטירן פֿון זײַנס גלײַכן, ווי ס'פֿירט זיך אין די הײַנטיקע רעזשימען, מיטן כּמעט אוניווערסאַלן פּאַראַזיטיזם אונטער פֿאַרשיידענע תּירוצים. זיכער אַז נישט מער ווי צען פּראָצענט לײַט פּראָדוצירן אַלץ וואָס איז נייטיק פֿאַר אַ גילטיקער עקזיסטענץ פֿאַר אַלעמען. אַראָפּגערעכנט קינדער, מוטערס און עלטערע לײַט וואָס האָבן שוין זייערס אָפּגעטאָן, בלײַבט דער גרעסטער טייל פֿון די הונדערט מיט פּריווילעגיעס, אָן שום גילטיקע נויטווענדיקייטן. נעמט אַ טעלעפֿאָן-בוך און זעט וויפֿל לײַט פּאַראַזיטעווען. ליידער, די צען פּראָצענט וואָס האָרעווען נעבעך פֿאַר אַלע איבעריקע, זיי געניסן צום ווייניקסטן פֿון זייער פּראַצע, און זענען בהמות וואָס מע מעלקט, מע שינדט, מע פֿירט זיי אין שעכטהײַזער

און מע נערט זיי מיט שעצקע. מע קאַטעוועט, מע ממיתט, מע פֿאַרטשאַקעט מיט רעליגיעס, כּלומרשטע פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, ספּעקטאַקלען, ספּאָרטן, שאָוויניזמען, פּאַטריאָטיזמען, קונסטן און נאָך אַזעלכע איזמען.

נו, און איצט וועסטו זאָגן אַז דו ביסט נאָך אַלץ אַן אַטעיִסט, אָדער אַן אַנטי-עפּעס-אַנדערש? נאַריש איז דאָס פֿאַרמעגנטשליכן דעם צי דאָס וואָס איז פֿאַר מיר געטליכקייט, אים אַרײַננעמען אין רעליגיעס, פֿירן מיט אים חשבונות, פּאָלעמיזירן, וויסן וואָס ער וויל, וואָס ער איז, און פֿאַרוואַנדלען אים אין אַ מין טיראַן וואָס דאַרף מע זאָל אים דינען, בעטן, לויבן, לויפֿן, פֿאַרגעצן אים מיט פֿאָרמען, בילדער, סטאַטועס, צערעמאָניעס, ריטואַלן צי פֿאַנאַטיזמען, און אויסניצן אים ווי אַ תּירוץ צו קענען רייניקן ס'אייגענע געוויסן מיט כּאַבאַר-קרבנות, מצוות, חרטות, בעל-תּשובֿהניִשן, על-חטאָוען און אים נאַרן מיט היפּאָקריטישער פֿרומקייט. דאָס איז ניט נאָר זינדיקע נאַרישקייטן, נאָר פֿאַרברעכעריש, ווײַל פּיפּיקע לײַט ניצן אויס דאָס אַלץ צו פֿאַרטשאַקען דעם עולם-גולם אים צוזאָגנדיק יענע-וועלטיקע גן-עדנס כּדי בײַ אים אויסצושווינדלען דאָס ערדישע האָב-און-גוטס.

איך גלייב אַז ס'איז פֿאַראַן דאָס וואָס איז פֿאַר מיר אַ גאָט, וואָס געוועלטיקט איבער צי אין ווער ווייסט וויפֿל אוניווערסן. מיר איז פֿאַרטרויט אַ מיסיע: מײַן עפּעמערישע עקזיסטענץ. מײַן פֿליכט איז אָפּצודויערן מײַן חלק זײַן מיט צוטרוי, אָפּשײַ און ליבשאַפֿט. איך דאַנק אים ווען נאָר איך טראַכט דערפֿון, אַפֿילו ניט ווייסנדיק ווען איך טו עס. כ'זינדיק ניט, כ'דאַרף ניט קיין שום מחילה, כ'בעט ניט עפּעס אַנדערש ווי דאָס, וואָס כ'קען אַליין מיר באַזאָרגן. כ'קום ניט צו אים מיט תּפֿילות און אַפֿילו חניפֿה-לויב.

כ'טראַכט אָפֿט אַז עפּעס איז ניט ריכטיק אינעם גאַנצן אויפֿטו פֿון אוניווערסאַלן זײַן, ווײַל לעבן נערט זיך מיט לעבן, ווײַל ס'קענען עקזיסטירן שלעכטס און מיאוסקייט. כ'בין אָפֿט רעוואָלטירט ווי איובֿ, נאָר ניט ווי ער ווײַל זעלבסט געליטן; איך נעם זיך אַן

אַנדערעס עוולות, אָבער דערבײַ טראַכט איך, אַז יעדנס פּײַן איז אפֿשר דער רעזולטאַט פֿון אַן אייגענער שולד. איך זאָג: גאָט האָט גאָרנישט צו טון דערמיט. מיר זענען פֿרײַ אויף אַ פּלאַנעט אין אונדזער רשות. ווער לאָזט ניט לײַט זאָלן פֿאַרוואַנדלען דעם גאַנצן פּלאַנעט אין אַ גן-עדן? קאָנטראָלירן די דעמאָגראַפֿיע, זײַן געזונט, שיין אַפֿילו, און תּמיד שמייכלענדיק? נישט זײַן מער קאַרניוואָריש, זיך ליב האָבן איינס ס'אַנדערע, העלפֿן זיך נישט פֿאַרקריפּלען אייגנאַרטיקייט און געניסן פֿון אַלע מעגליכע תּענוגים, עקסטאַזן און אָרגאַזמען?

נאָר אַזוי איז מען באמת ווערט דעם נאָמען מענטש, און מע ווערט זיכער באַלוינט מיט ווױלזײַן און אַ לאַנגן דויער אין די בעסטע באַדינגונגען. אַדרבא, זאָל מיר ווער באַווײַזן אַז כ'בין ניט גערעכט, אַז כ'בין ניט אויפֿריכטיק, ערליך, אָן היפּאָקריזיע און ניט פֿאַרקריפּלענדיק סעמאַנטיק מיט העגעליאַנישע צי ענליכע אינטערפּרעטאַציעס.

~❀~

**אַ**ן אויסטערלישע קלאָץ-קשיא, יעדן פֿאַלס אין שײַכות מיט מיר: שאַף איך עפּעס מיט מײַן שרײַבן, צי מײַן שרײַבן שאַפֿט מיך? ניטאָ קיין יש-מאַין. אויב מחשבֿות און אינספּיראַציעס קומען אויף אין עמיצנס דמיון, איז עס אַ באַווײַז, אַז זיי זענען שוין פֿאַראַן. אפֿשר נאָך רויערהייט, אין זוים צי טרוים.

מיטן שרײַבן שניצט מען, הובלעוועט מען, פּאַסט מען צו אַספּעקטן, פֿאָרמען, קאָלירן — אָבער דער יסוד פֿון דעם אַלעמען איז זיכער שוין פֿאַראַן. אַ מחבר איז ניט קיין דערפֿינדער, נאָר אַן אַנטפּלעקער, אַ געפֿינער. ער איז אפֿשר טאַקע אָפּט אַ זוכער, אַ פֿאָרשער, אָבער ס'רובֿ זוכן די מחשבֿות דעם מחבר און ניט ער — די מחשבֿות. אַזוי דאַכט זיך מיר.

~❀~

**פֿ**אַר וואָס זאָל איך אַבסאָלוט דאַרפֿן און מוזן זיך גריבלען, דווקא טראַכטן און בכלל זיך פֿאַרנעמען מיט אַזוי פֿיל פּראָבלעמען און ענינים וואָס כ'באַריר אין מײַנע שריפֿטן? פֿאַר

וואָס ניט בלײַבן מנוחהדיק, וואַרטן ס'זאָל זיך ענדיקן מײַן באַשטימטער טערמין, בפֿרט אַז כ'וואַרט ניט אויף קיין שום הילף, קיין שום האָנאָראַרן און קיין שום רווחים? קענען רויִק שלאָפֿן, גיין שפּאַצירן ווען ס'גלוסט זיך? וואָס גייען מיר אָן די סאָציאַלע רעזשימען און די לעקישעוואַטע באַדינגונגען אין וועלכע לײַט עקזיסטירן, אַז זיי באַגערן עס? וואָס גייען מיר אָן די אַסטראָפֿיזיק, דאָס וויסן ווער און וואָס איז געטליכקייט, פֿאַר וואָס לעב איך, פֿאַר וואָס מוז איך שטאַרבן און נאָך אַזעלכע אויסטערלישע קאָפּ-דרייענישן?

אָבער ניין, בשום אופֿן ניט! אַ זלידנע אָנטשעפּעניש, אַ מין נכפּה, אַ דיבוק האָט זיך באַזעצט אין מײַן געמיט, און – דאַוואַי! טראַכט און שרײַב! טראַכט און שרײַב! פֿאַר וואָס מוז איך זײַן געשטראָפֿט מיט גראַפֿאָמאַנישע קאָמפּלעקסן?

די צרה – ס'איז נישטאָ וועמען דאָס צו פֿרעגן, נישט צו וויסן ווי אַזוי זיך אויסצוהיילן דערפֿון. און דערווײַל שרײַבט מען ווײַטער. אָט האָב איך ווידער אָנגעשריבן אַ פּאַפּירל – און טו מיר עפּעס!

~❀~

דער דרײַ-בענדלדיקער מלאך,<br>
הויפּטשעף פֿון דער וואַך בײַ דעם גן-עדן,<br>
פֿון דרימלען מיט אַ מאָדנעם טומל אויפֿגעוועקט,<br>
לויפֿט שנעל אַרויס פֿון וואַרעמען ס'געזעס –<br>
און בלײַבט געפּלעפֿט.<br>
טרעפֿט<br>
וואָס ס'ווערט פֿאַר זײַן דערשטוינטן בליק אַנטפּלעקט:<br>
אַ חבֿרה יונגוואַרג, דער מיט זעג,<br>
דער מיט האַק,<br>
שנײַדן אונטער, פּלײַסן זיך געשמאַק –<br>
דעם עץ-הדעת!

– „וואָס טוט איר דאָ, געמיינע יאַטן?<br>
אונטערהאַקן גאָר דעם עץ-הדעת? זעט אַ קאַטאָוועס!<br>
אַט גיב איך נאָך אַ פֿײַף און ס'קומט דער מלאך-המוות,<br>
וועט באַלד אַ רוח אין אײַער טאַטנס טאַטן!"...

— „גוטער מלאך, האָב ניט קיין פּאַראיבל,
מיר מיינען נאָר דעם מענטשנס גוטס!
דער בוים — וואָס ברענגט ער אים, דעם מענטשן, פֿאַר אַ נוץ?
חוץ צרות חווהן אונדזער באָבען און אָדמען דעם זיידן
(ביט דורך זײַן עפּל —קומען אויף דער שלאַנג זאָל אַ פּאָהיבל!—
פֿאַרטריבן זענען זיי ביז הײַנט פֿונעם גן-עדן?)".

— וואָס ווייסט איר, נארישע קונדסים?
זעט, מיט וויסנשאַפֿט — וואָס קען דער מענטש דען ניט באַווײַזן?
פֿון שלעכטס זיך אויסצוהיטן, פֿון קרענק זיך אויסצוהיילן,
פֿון טויט אַפּילו פּרוווט ער זיך אויסלייזן:
היגיענע, קאָסמאָס-שטראַלן, וויטאַמינען,
כּוחות פֿון נאַטור זײַן לוקס-געברויך צו דינען,
שווימען, פֿלאַטערן, אַפּילו טראַכטן מיט מאַשינען,
קאָמאַנדעווען מיט שטורעמס
און פֿאַנגען מיט די הענט אַ בליץ
און —"

— „אוי, גוטער מלאך, רעדסט פֿון היץ?
צי דו מאַכסט זיך בלויז אַ וויץ?
וואָס קומסטו דאָ אונדז שטערבלעכע דערציילן?
וואָס טויג דאָס אַלץ —
די מאַכערײַקע, וואָס דו רופֿסט פּראָגרעס,
ליגט ווי אַ פּעטליע אויפֿן האַלדז
און יעדע רגע איז אַ נס,
אַז דאָס אַלץ פֿאַרוואַנדלט אים, דעם מענטש, ניט אין אַ מת!
אַ מאָל האָט מתושלח אויסגעלעבט זיך זײַנע טויזנט יאָר;
הײַנט שרײַט מען: ניסים! אַז מע שטאַרבט ניט אינעם וויגל.
לאָז, גוטער מלאך, פּטור ווערן פֿונעם בוים,
וואָס איז אַ תּירוץ נאָר פֿאַר שלאַנגען,
מיט יצר-הרעס שוואַכע לײַט צו פֿאַנגען.
גאָט כּבֿיכול קען אַ מאָל באַגיין אַ פֿעלער,
אָדער בלויז אַ טעות מאַכן שאַפֿנדיק אַ וועלט!

דער זוים פֿון עץ־הדעת איז זיכער ניט אָהער געווען באַשטימט –
דער בוים מסתּם פֿונעם גיהנום קומט.
אַזאַ מין בוים בכלל צווישן ביימער שכנים,
בפֿרט נאָך מיטן עץ־החיים דאָ אין איינעם,
וועט אַלץ צוזאַמען,
סײַ די וואָרצלען, סײַ די שטאַמען,
מיט וויסנשאַפֿט פֿאַרסמען!
אפֿשר וועט זיך גאָט אַ מאָל באַזינען
און ברענגען אָדמען צוריק אינעם גן־עדן –
איז גלײַכער שוין פֿאַר ביידן
אַז יענער זאָל דערינען
דעם בוים, ווו ס׳וואַקסט די חכמה, ניט געפֿינען...״

~~

גאָט, געטליכקייט. כ׳ווייס ניט, ווײַל כ׳בין וואָרשײַנליך ניט מסוגל צו וויסן אַפֿילו, ווער, וואָס און ווי אַזוי אַלץ וואָס איז מאַניפֿעסטירט זיך אין אַלע פֿענאָמענען און אַספּעקטן. איז עס דורך אים, צוליב אים, איבער אים, אָדער דורך עפּעס וואָס ס׳איז אויסער מײַנע מעגליכקייטן דאָס צו באַגרײַפֿן? איינס איז אָבער זיכער אַבסאָלוט פֿאַר מיר: אַז ער איז פֿאַראַן. כ׳ווייס ניט ווי אַזוי דאָס געשעט, אָבער ס׳איז לויט מײַן באַגרענעצטן שׂכל אוממעגליך צו טראַכטן אַז אַזאַ אוניווערס, אַ פּלאַנעט, אַ זון, מיט אַלץ וואָס געשעט דערויף, צי אַרום מיר, אין מיר – זאָל זײַן סתּם אַ צופֿעליקייט, אַ הפֿקרע, אַ כאַאָטישע סתּם אַזוי.

ווער קען לייקענען רעאַליטעטן? ווער קען לייקענען אַז כ׳שרײַב דאָס דאָזיקע, אַז ס׳זענען פֿאַראַן אַבסאָלוטע געזעצן וואָס זענען גורם רעאַליטעטן, פֿעסטגעשטעלטע לאַבאָראַטאָריש, אַחוץ, ווירקונגען פֿון עפּעסן פֿון וועלכע מיר האָבן קיין שום מעגליכע אָנונג ניט? ערשט ווער ווייסט וויפֿל רעאַליטעטן ס׳זענען נאָך פֿאַראַן חוץ די וואָס מיר קענען תּופֿס זײַן? זיכער איז, אַז דאָס איז ניט אין אַספּעקטן, מיט אייגנשאַפֿטן און אין דימענסיעס וואָס אַ מענטש זאָל זיי קענען תּופֿס זײַן. אַבסאָלוט נאַריש איז דאָס

פּרוּוון אַרײַנגעמען דעם, וואָס איך רוף גאָט, אין רעליגיעזע אָדער פֿילאָזאָפֿישע צי וויסנשאַפֿטלעכע קאָנצעפּטן, דאָקטרינעס מיט טערמינאָלאָגיעס, און מיט זוכן פֿאַרשטענדעניש פֿאַר זײַנע צילן, באַגערן, פּלענער, ווילן ווילן וויסן וואָס ער פֿאַרלאַנגט, קומען מיט קרעדאָס, אַני־מאַמינס, ריטואַלן, פֿירן מיט אים דיאַלאָגן, שאַפֿן פֿאַר אים טעמפּלען, קאַלענדאַרן, קומען מיט לויב, מיט חניפֿה, קרבנות, חרטות און אַלץ וואָס קליין־קעפּלדיקע השׂגות קענען אויסטראַכטן מיט זייערע היפּאָקריטישע פֿרומקייטן און פֿאַנאַטיזמען. דאָס אַלץ האָט זיכער ניט קיין שום שײַכות מיט געטלעכקייט.

קען זײַן אַז ס'איז פֿאַראַן אפֿשר אַ גאָט, באַגרענעצט פֿאַר אונדזער אוניווערס, וואָס איז ניט מער ווי אַן אַטאָם אין עפּעס נאָך גרעסערס, וויכטיקערס. אָבער פּונקט אַזוי ווי מײַן קאָפּ, מײַן נשמה, איז האַר איבער די מיליאַרדן נוקלעאָנען, אַטאָמען, מאָלעקולן וואָס שאַפֿן אַ וועזן מיט אַלץ וואָס דערמעגליכט ס'זאָל קענען עקזיסטירן אין סימביאָז מיט די מילי־מיליאַרדן מיני־וועזנס, וועלכע זענען עפּעס פֿאַר זיך און דאָך – עפּעס פֿאַר מיר – געשעט אפֿשר אַזוי מיט אַ זונסיסטעם, אַ גאַלאַקציע, אַן אוניווערס און ווער ווייסט אין וועלכע מדרגות דערין, צי אפֿשר גאָר אויסער דעם אַלעמען.

איינס איז זיכער: פֿאַראַן אַ גאָט, וואָס יעדער קען אים רופֿן ווי ער וויל, רעליגיעז צי פֿרײַדענקעריש. און כאָטש איך ווייס ניט ווער, וואָס און ווו ער איז, ווענד איך זיך צו אים, שעפּטשענדיק צי שווײַגנדיק, טראַכטנדיק אַפֿילו, ווו איך זאָל ניט זײַן, אין אַלע אומשטאַנדן, אָן קיינעמס הילף, אָן קיין שום צערעמאָניעס צי באַשטימטע פֿאָרמען אָדער טערמינען.

איך ווענד זיך צו אים – ניט צו בעטן הילף, ניט מיר מוחל צו זײַן חטאָים, נאָר צו דאַנקען פֿאַרן קענען האָבן די מעגליכקייט צו זײַן, צו עקזיסטירן און צו קענען געניסן פֿון אַזוי פֿיל תּענוגים און עקסטאַזן אויף אונדזער פּרעכטיקן פּלאַנעט. איך ווייס, אַז אַבסאָלוט אַלע צרות, אַנגסטן, באַרישקייטן וואָס זענען גורם אַזוי

פֿיל שלעכטס זיך זעלבסט און אַנדערע אַרום זיך, זענען דער רעזולטאַט פֿון אונדזערע מענטשלעכע נאַרישקייטן. מיר האָבן אַ פּרעכטיקן פּלאַנעט אין אונדזער רשות, און זענען אַבסאָלוט פֿרײַ צו געניסן פֿון ווילזײַן אָדער לײַדן פֿון משוגעתן מיט שלעכטס און מיאוסקייטן.

פֿאַראַן ערטער אויפֿן פּלאַנעט וואָס מע מוז מײַדן, ווײַל ס׳קומען דאָרט פֿאָר קאַטאַסטראָפֿעס. מע דאַרף ניט פֿאַרקריפּלען אַלץ אַרום זיך, און מע דאַרף זען זיך צו פֿירן אַזוי, אַז דער לעבנס-שטייגער זאָל ניט גורם זײַן קיין קרענק און פּריצײַטיקן אומקום.

אויב עפּעס טויג ניט און שאַפֿט מיר פּײַן און צרות, קום איך זיך ניט באַקלאָגן און בעטן הילף בײַ אַן אומבאַגרײַפֿטן גאָט. פֿאַרקערט, איך שעם זיך דערמיט. אַנשטאָט צו בויען אַזוי פֿיל טעמפּלען, קלויסטערס און מעטשעטן, וואָלט מען געדאַרפֿט בעסער בויען קינדער-גערטנער און פֿאַרווײַלונגס-אַרענעס צו קענען געניסן פֿון עקזיסטענץ. בכן, אויב איך מײַנע שריפֿטן ווענד איך זיך אַזוי אָפֿט צו געטליכקייט, וואָס איך רוף „גאָטעניו", פּונקט ווי איך רוף „מאַמעניו" און „קינדעניו", ווי אַלץ וואָס מיר איז ליב און האַרציק טײַער, איז עס ווי כ׳וואָלט זיך געוועגדט צו עמיצן אַ נאָענטן, אַ געטרײַען. כ׳קען בײַקומען יעדן איובֿישן נסיון, ווײַל כ׳בין זיכער אַז ס׳איז ניט וואָר ס׳זאָל קומען פֿון גאָט. אַ מײַסטער קען ניט פֿײַנט האָבן זײַן ווערק; אַ נשמה קען ניט האַסן דעם גוף.

כ׳בין זיכער אַז עפּעס איז גוט פֿאָרגעפֿילט פֿון שפּינאָזען, אָבער ניט ווי עפּעס אַן אוניפֿאָרמירטע געטליכקייט, אַ מין פּאַנטעיִסטישע מאַסע: אַלץ, אַבסאָלוט אַלץ זאָל זיך קענען מאַניפֿעסטירן, אָבער מאַטעמאַטיש, געאָמעטריש פֿאָרמולירט, פּאַראַגראַפֿירט, אַפֿילו ווען אין פֿאַרשיידענע עסענצן, סובסטאַנצן, ענערגיעס און ווער ווייסט אין וויפֿל נאָך אַנדערע אומבאַגרײַפֿטע ווירטואַליטעטן.

מײַן גאַנצע לאַנגדויערדיקע עקזיסטענץ איז ניט קיין תּפֿילה, נאָר אַ הימן, אַ דאַנק צו גאָט, כאָטש איך ווייס ניט צו ווענען זיך

געוועגדס. ווער בין איך עס אינעם אוניווערס, כ׳זאָל אורטיילן צי דער, צי דאָס איז באַגערט, גוט, צי ס׳דאַרף ווערן טאָלערירט צי פֿאַרטיליקט, געלויבט צי געהאַסט? ווער קען זיך אַזוי פֿאַרנאַרישן מיט לעסטערן געטליכקייט, זיך פֿאַרשטעלנדיק אַז ער ווייסט עפּעס וואָס גאָט האַסט און וואָס ער האָט גערן צי ניט? ווער קען בעסער וויסן פֿון אים, וואָס איז גילטיק און וואָס ניט, צי דעמס רעליגיע איז גוט און יענעמס ניט? טאָלערירט ער דען ניט אַפֿילו אַטעיִסטן?

זאָל קיינער זיך ניט דערוועגן אַפֿילו צו קומען זיך באַקלאָגן, אויב ס׳קענען זיך מאַניפֿעסטירן נויט, מגיפֿות, מלחמות, אַפֿילו נוסח היטלעריזם צי סטאַליניזם אָדער אַנדערע געמיינע און שרעקליכע פֿענאָמענען. אין דעם איז שולדיק דער מענטש, נאָר דער מענטש מיט זײַנע פֿירונגען און סאָציאַלע רעזשימען, זײַנע אידיאָטישע השגות, זײַנע עגאָיִזמען, זײַנע אויסטערלישע, לעקישעוואַטע און פּערווערזע קאָמפּלעקסן.

דער פּלאַנעט איז גרויס און רײַך, און פֿאַראַן גענוג אַל-דאָס גוטס די גאַנצע מענטשהייט זאָל קענען געניסן פֿון ווילזײַן אָן גאָטס הילף. זאָלן לײַט נאָר ניט זײַן אידיאָטיש און זיך פֿירן מעשה-בהמות, טאָלערירן טעראָר, טיראַניעס, רעזשימען וואָס פֿאַרשקלאַפֿן אַ טייל פֿון דער מענטשהייט לטובֿת די אַנדערע.

ס׳איז נאַריש צו האָפֿן אַז עפּעס אַ משיח וועט אַ מאָל קומען מאַכן אַן אָרדענונג אויפֿן פּלאַנעט. אויב לײַט וועלן מיט אייגענע כּוחות, מיט אייגענעם ווילן, ניט פֿאַרוואַנדלען צוריק דעם פּלאַנעט אין אַ וואָרן גן-עדן, איז עס נאָר זייער זינד, און מע קען זאָגן אייגנס נאָר: אַ שיינע, ריינע כּפּרה.

לעקישעוואַטע מעדיאַ-מאַסע: ס׳איז אָנבאַלאַנגט אין דיר, און נאָר אין דיר, אַז ס׳זאָל ווערן אַנדערש. זאָל קיינער ניט קומען מיט תּפֿילות און בקשות צו הימלען, צו געטער וואָס געוועלטיקן מיט אוניווערסן און אַנדערע דימענסיעס, גרעסערע ווי דאָס, וואָס אַ מענטש קען זיך פֿאָרשטעלן. מיר האָבן אין אונדזער רשות אַ פּלאַנעט מיט פֿרײַהייט צו קענען טון וואָס מיר באַגערן. אויב

מיר זענען ניט גליקלעך און אויב מיר לײַדן פֿון פֿאַרשײדענע צרות, איז עס נאָר אונדזער שולד.

מאַגנאָטעיִזם, פּאָליטעיִזם, העגאָטעיִזם, פּאַנטעיִזם און אַפֿילו אַטעיִזם, ייִנג און יאַנג, מאַזדאַ, בודאַ, טאַאָ, זאָראַאַסטער, צעאוס, יופּיטער, בראַמאַ, ווישנו, סיוואַ, קריסטיאַניזם און ווער קען אַלץ אויסרעכענען, פֿון פּרימיטיוון אַנימיזם ביזן ייִדישן אחד, מיט אַלע טעאָלאָגיעס, טעאָגאָניעס, מיטאָלאָגיעס – אַלע, אַלע האָבן זיך נאָר אַן אַנטראָפּאָמאָרפֿיזם, אַפֿילו מיטן פּאַגאַניזם, נוסח געץ צי שאַמאַן, ניט רעדנדיק פֿון די געטער-דינאַסטיעס נוסח צעאוס צי יופּיטער מיט זײַן משפּחה, אָדער אַיזיס מיט אָזיריסן מיט זייערע שעפֿן און לאָקאַלע אונטער-געטער באַגרענעצטע פֿאַר עלעמענטן און פֿונקציעס.

נאָר אַפֿילו דעם אַבסטראַקטסטן אחד-גאָט בײַ ייִדן איז אויך ניט פֿרעמד ס'דאָזיקע. ערשטנס דאָס פּראָקלאַמירן זיך אַליין פֿאַר דעם וויכטיקסטן גאָט, ווײַל מע רעדט דאָך פֿון אַנדערע געטער, און טראָץ דעם פֿאַרבאָט אים פֿאָרצושטעלן אין אַ בילד, איז ער דאָך אין אַ הימל מיט מלאָכים, ער זאָגט, ער באַפֿעלט, ער דיקטירט, ער באַלוינט, ער שטראָפֿט, איז זיך נוקם; פֿאַראַן אַ טײַוול וואָס רייצט זיך אויך מיט אים, זוכט אַ נסיון פֿאַר זײַנס אַ מענטש, פֿאַרלאַנגט קרבנות, באַדאַרף ריטואַלן,צערעמאָניעס, טעמפּלען און אַ דינערשאַפֿט. אַפֿילו די פֿילאָזאָפֿן, חכמים וואָס מאַנעווירן מיט וויסנשאַפֿט און דיאַלעקטעווען, נוסח קאַנט למשל, דיאַלעקטיק וועגן טעיִזם און דעיִזם; געטע: „איין גאָט, דער וואָס פֿון אויסן שטאַמט"; העגעל, מיט זײַן פֿענאָמענאָלאָגיע און אַזוי פֿיל ווערק צו באַווײַזן די עקזיסטענץ פֿון גאָט און צו באַרעכטיקן קריסטיאַניזם.

ווער קען אויסרעכענען דאָס אַלץ וואָס איז געזאָגט און געשריבן געוואָרן וועגן די פֿאַרשײדענע פֿאָרמען און אַספּעקטן פֿון געטלעכקייט? גאַנצע ביבליאָטעקן זענען ניט גענוג. געטלעכקייט

איז אַן עסק פֿאַר קאַריערעס, פֿאַר קלאַסנקאַמף, פֿאַר אינטערעסן-עקספּאַנסיעס, פֿאַר פּילפּוליזם, פֿאַר אַ גאַנצער אינדוסטריע מיט ביזנעס מיט אַ ריזיקן פֿאַרנעם. דאָס אַלץ איז באַגלייט מיט קרײַצצוגן, מיט דזשיהאַדס, סתּם שׂינאה און מערדערײַען, אַז עס איבלט און ס'איז גורם פּחד און אַנגסט.

קיינעם קען ניט אײַנפֿאַלן אַז עס קען זײַן אַנדערש אינעם אוניווערסאַלן אַלץ, וואָס זאָל ניט קענען ווערן באַגרײַפֿט פֿון באַגרענעצטן שׂכל בײַם מענטש: עפּעס וויכטיקערס פֿון דעם, וואָס דער האָמאָ-סאַפּיענס איז מסוגל זיך פֿאָרצושטעלן און וואָס געוועלטיק איבער, אין און מיט אַלץ וואָס איז, וואָס איז געווען און וועט נאָך זײַן.

קען מען אפֿשר נעמען דעם פּראָבלעם געטליכקייט צו מאַכן, קודם וואָס-ווען, אַ ביסל אָרדענונג מיט אַ גילטיקן לעבנס-שטייגער פֿאַרן מענטש, מיט גילטיקע סאָציאַלע רעזשימען, מיט עטיק, מיט היגיענע און מיט ספּיריטועלע פֿאָרשונגען, אָן צו זוכן דעם וואָס-ווער-פֿאַר וואָס, און קודם קענען לעבן נאָרמאַל און שטאַרבן מנוחהדיק?

פֿאַר וואָס ניט אײַנזען, אַז דער צי דאָס וואָס געוועלטיקט איבער אַזאַ פֿענאָמען ווי וועלט מיט אַזוי פֿיל גאַלאַקציעס, אפֿשר קאָסמאָסן, אומענדן, אייביקייטן, איבער די אַלע רעליגיעס, דאָקטרינעס און אַפֿילו מחשבֿות וועגן דעם – מע ווייסט ניט וואָס-ווער, אָבער ס'איז זיכער אַ קליין-קעפּלדיקע השגה צו קומען צו אים, פֿאַר אים, מיט מיני-עקזיסטענציעלע פּראָבלעמען, מיט דינען –ער דאַרף דען דינערס?–, מיט אײַנרעדן זיך טעאָגאָניעס, מיט שנאָרן מחילה פֿאַר באַגאַנגענע זינד און בעטן הילף צו באַגיין געמיינהייטן קעגן אַנדערע. קען מען זיך פֿאָרשטעלן ער זאָל דאַרפֿן חניפֿה-הימנען און פּראָסעליטיזם, ווי עפּעס אַ קרעמער וואָס זוכט קונים?

דאָס אָרגאַניזירן די עקזיסטענץ אויפֿן פּלאַנעט איז אַ פּראָבלעם פֿאַרן מענטש, וואָס מוז זיך צופּאַסן צו אומשטאַנדן און נאַטור-פֿענאָמענען, אומבאַגרײַפֿטע געשעענישן וואָס קיינער ווייסט

נישט פֿאַר וואָס זיי מאַניפֿעסטירן זיך.

אַ באַוווסטזיניקער מענטש מוז זײַן פֿרום נאָר מיטן האָבן טאָטאַלן אָפּשײַ פֿאַר דעם צי דאָס וואָס קען ניט האָבן קיין נאָמען. ער מוז ליב האָבן און זײַן דאַנקבאַר פֿאַר דער מתּנה עקזיסטענץ, וואָס ער האָט די זכיה צו באַקומען; פֿאַרשטיין אַז, אויב ער איז דאָ מיט אַ באַגרענעצטן דויער איז עס ניט סתּם צופֿעליק, נאָר זיכער מיט אַ ציל און פֿליכטן. ניט פֿאַרשטייענדיק דעם פֿאַרוואָס קען ער אָבער, לויטן שׂכל-הישר און לאָגישן אויספֿיר אַ טראַכט טאָן: איך בין דאָ – וועל איך עס זײַן טאָטאַל, גוט, אין די בעסטע באַדינגונגען, מיט אַן אימפּעראַטיוון צוטרוי, אַז זיכער איז דאָס מיט אַ כּי-טובֿ. בכן איז די גאַנצע וועלט אַ בית-המקדש און יעדער מענטש אַ כּהן-גדול, יעדנס לעבן איז אַ הייליקייט וואָס מע טאָר מיט גאָרניט ניט שענדן.

ס׳אייגענע זײַן איז הייליק, פֿיזיש צי פּסיכיש, און פֿאַרשטייט זיך, מוז האָבן אָפּשײַ פֿאַר אַ צווייטנס עקזיסטענץ. מע טאָר ניט צעשטערן מער ווי געמוזט זיך צו קענען נערן און באַזאָרגן זיך מיט אַלץ וואָס איז נייטיק כּדי צו קענען אָפּדויערן אין די בעסטע באַדינגונגען.

לעבן מוז זײַן אַן אוניווערסאַלער יום-טובֿ. אויב ס׳גילטן שלעכטס און מיאוסקייטן אין אַלע אַספּעקטן, איז עס די שולד פֿון מענטש און נאָר פֿון אים.

ס׳איז ניט צו פֿאַרשטיין די פֿאַרקריפּלטקייט פֿון דער הײַנטוועלטיקער השגה צו קריכן דווקא אין די הימלען, זוכן געטליכקייט, גריבלען זיך אין אַבסטראַקציעס, פֿאָרשן וויסנשאַפֿטן צו דערגיין עפּעס וואָס זאָל צופֿרידן שטעלן אַמביציעס, שאָוויניזמען, סנאָביזמען און נאָך אַזעלכע **איזמען** מיט זייערע משוגענע **איסטן**.

פֿאַר וואָס ניט פֿאַרוואַנדלען דעם פּרעכטיקן בלויען פּלאַנעט אין אַ גן-עדן? הלמאַי געזוכט רפֿואות פֿאַר כאָליערע, סידאַ און ווער ווייסט וואָס, און ניט געפּרוווט געפֿינען עפּעס אַ סערום קעגן דעם מעגאַלאָמאַנישן משוגעת, וואָס הערשט ווי אַ פּערמאַנענטע מגיפֿה

אויפֿן פּלאַנעט זיבנט טויזנטער דורות?

אַז ס׳קען זײַן אַנדערש און בעסער – איז דען ניט אַ גענוגנדיקער באַווײַז דאָס, וואָס עמיץ קען טראַכטן דערפֿון און עס פּרוּוון איבערגעבן אַנדערע? ווי אַזוי ניט גלייבן אַז ס׳מוז זײַן עמיץ צי עפּעס וואָס באַגערט עס זאָל אַזוי ווערן? ווײַל ווי אַזוי וואָלט איך געקענט דאָס טראַכטן? כ׳ווייס ניט ווער ס׳דיקטירט מיר די מחשבֿות, כ׳פּרוּוו עס גאָר ניט וויסן. וואָרשײַנליך איז עס געוואָלט.

דעם מענטש איז געגעבן ווי אַ הערלעכע מתּנה צו קענען פֿרײַ טון וואָס אים געפֿעלט אין זײַן באַגרענעצטן, אָבער מעגליך לאַנגן דויער. פֿאַר וואָס ניט אויסניצן ס׳דאָזיקע לטובֿת גוטס, שיינס, און געפֿינען פֿרייד און גליק תּמיד, אומעטום? אַנשטאָט דעם, פֿאַרקריפּלט מען זיך זעלבסט, יחידיש, און אַלץ אַרום זיך מיט אויסטערלישע פֿאָביעס, קאָמפּלעקסן, מעגאַלאָמאַניעס, משוגעתן און באָך אַזעלכע ווילדע שטיק, וואָס מאַכן אָן אַ חורבן אין אייגענעם זײַן און אין אַלץ אַרום זיך. וואָלט כאָטש די יוגנט געקומען צום שׂכל, זיך פֿאַראייניקט איבער אַלע גרענעצן און קאָנטינענטן, און געפּרוּווט עפּעס ענדערן!

צוריקקומענדיק צום אָנהייב פֿון מײַן דרשה, זעט מיר אויס מאָדנע וואָס געוויסע רעליגיעס האָבן גענומען פֿון דאָ און דאָרטן מיטאָלאָגיעס צי לעגענדאַרישע אײַנרעדענישן. אָט למשל, אַז די קריסטן האָבן גענאַשט בײַ די אַמאָליקע כינעזישע פֿעאָדאַלע רעליגיעס דעם באַגריף פֿון דער דרײַ-אייניקייט: אַ גאָט אין הימל מיט זײַנס אַ זון אויף דער ערד, געבוירן דורך אַן ערדישער בתולה. אַזוי איז אויפֿגעקומען די דינאַסטיע טשעו. געוויס זענען דאָ פֿאַראַן אינטערעסירטע לײַט אויסצוניצן דעם דאָזיקן סדר-עולם. ס׳איז לײַכטער צו זײַן אַ פּאַראַזיט ווי אַליין מוזן עפּעס טון מיט די אייגענע הענט.

דאָס מינדסטע קעמערל אין אַ קרישטאָל, אַ פֿלאַנץ צי אַ באַשעפֿעניש, איז מער דערפֿינדעריש און געלערנטער ווי דער גרעסטער חכם אין דער מעגאַלאָמאַנישער וויסנשאַפֿט פֿון מענטש. ווײַל דאָס ביסל וואָס דעם מענטשן איז מעגליך צו דערקענען, ניצט ער ס׳רובֿ אויס צו נעגאַטיווע צוועקן, בשעת אַלץ אין דער נאַטור שאַפֿט מעגליכקייטן פֿאַרן פּאָזיטיוון נערן זיך, שיצן צי אָנגרײַפֿן אַפֿילו לויט יעדן וועזנס פּראַגמאַטישע השגות, מיט קענטעניש און לאָגיק.

ווער לערנט ווירוסן צו געפֿינען אַנטידאָטן קעגן פּעניצילין און אַנדערע אַנטיביאָטיקס וואָס זענען געפֿערליך פֿאַר זיי? ווער לערנט פֿייגל צו לאָזן זיך אין באַשטימטער צײַט אין אַ געוויסער ריכטונג, אָן קאָמפּאַסן? דער געבוי פֿון אָרגאַניזם מיט זײַנע פֿאַרשיידענע פֿונקציעס, קאָמוניקאַציעס, פֿאַרבינדונגען, אַפֿילו מיט דער מעגליכקייט אַז איך זאָל קענען דאָס טראַכטן און פֿאַרשרײַבן פֿאַר אַנדערע, איז זיכער קאָמפּליצירטער פֿון די בעסטע קאָמפּיוטערס, אָרדינאַטאָרן און אַלע טעכנישע מאַכערײַקעס וואָס לײַט זענען מסוגל צו שאַפֿן.

ניטאָ מיט וואָס צו שטיין אין גרויסן. די כּלומרשטע קולטור און ציוויליזאַציע פֿאַרקריפּלט דעם מענטש. זי דערמעגליכט אים צו דויערן לענגער כּדי מע זאָל קענען מער לײַדן, מער צו ווערן עקספּלואַטירט, מער צו ווערן לעקישעוואַטע פֿאַרפֿירט פֿון אויסטערלישע אידעאָלאָגיעס, און דער קלימאַקס דערפֿון איז — היטלעריזם, מיט זײַן ציקלאָן-גאַז-סיסטעם און קרעמאַטאָריעס, כּדי צו קענען אומברענגען וואָס מער לײַט מיטן פֿאַרברענען לעבעדיקערהייט קינדערלעך, וואָס אַפֿילו ווילדע באַשעפֿענישן מיט אויסטערלישע מאָרד-אינסטינקטן קענען ניט באַווײַזן. פֿוקסן וועלן פֿאַרטיליקן אַלע עופֿות אין אַ שטײַג צוליב באַגער צו מאָרדן, אָבער אַ לייב צי אַ טיגער וועט טויטן נאָר צוליב נערן זיך; אַנדערש טשעפּעט ער ניט קיין באַשעפֿענישן אַרום זיך. נאָר דער מענטש האָט אויסגעטראַכט אָקסן-קאַמפֿן, קאָמפּעטיציעס וואָס מאַטערן, באָקס, געיעג און קאַפּיטאַליזם צו זאַמלען בערג

מיט פֿאַרמעגן, אויסניצנדיק געמיין אַנדערע, וואָס הונגערן ס׳רובֿ, פֿאַרפֿירטע מיט רעליגיעס און פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, צי מיט פּאַטריאָטיזמען, שאָוויניסטישע פֿאַרמעסטן, סנאָביזמען און סתּם אידיאָטישע קאָמפּלעקסן.

ווער לערנט די אַטאָמען ווי זיך צו אָרגאַניזירן, מיט זייערע פּאָזיטיווע פּראָטאָנען, נעוטראָנען און נעגאַטיווע עלעקטראָנען? פֿאַר וואָס נעמט אַן אַטאָם פֿון הידראָגען איין פּראָטאָן און איין עלעקטראָן וואָס קרײַזט אַרום אים ווי אַ סאַטעליט, און אַן אַטאָם פֿון אוראַניום מוז האָבן צוויי און ניינציק פּראָטאָנען, צוויי און ניינציק עלעקטראָנען, און דאַכט זיך הונדערט זעקס און פֿערציק נעוטראָנען, צו שאַפֿן אַ קאָמפּליצירטע איינקייט? איז עס צופֿאַל אָדער ווילן?

ווײַזט אויס אַז אין אַטאָמען וואָס זענען שוין אָרגאַניזאַציעס פֿון אַנדערע עלעמענטן, איז שוין פֿאַראַן באַגער און סיסטעמאַטיזאַציע אויף פֿאַרשיידענע מדרגות. דאָס קען פֿירן צום געדאַנק, אַז אין דעם הידראָגען-אַטאָם איז שוין פֿאַראַן אַ ווילן מיט אַ קענטעניש. ערשט אַ פּשוטע פֿלאַנץ, וואָס קען פֿאַרוואַנדלען זונשטראַלן אין כלאָראָפֿיל דורכן פּשוטן פֿאָטאָסינטעז, באַווײַזט, פּונקט ווי פֿיל אַנדערע, אַז די פּראָסטע עלעמענטן זענען קליגער און געלערנטער פֿונעם חכם מענטש, וואָס ניצט אויס זײַן מעגליכקייט פֿון גילטיקער עקזיסטענץ בלויז לטובֿת צרות און אַנגסטן.

זאָל דער מענטשן-מין זײַן אַ מין ווירוס, וואָס קומט צעשטערן די ביאָ-ספֿערע? און ווער ווייסט ווער ס׳זוכט צו קענען פּטור ווערן פֿון דעם דאָזיקן חולאַת דורך פֿריצײַטיקן אומקום, צו קענען גיכער פּטור ווערן פֿונעם פּראָגרעס פֿון די ציוויליזאַציעס מיט זייערע קולטורן?

אויב מעגליך, ניט אַרײַנגעכאַפּט דאָס לייענען פּאָעזיע ווי מע כאַפּט אַרײַן אַ סאַנדוויטש אין אַ וואָקזאַל צי אַ גלעזל אין אַ קאַפּע. אַלצדינג דינט צו עפּעס אָדער צו עמיצן. פּאָעזיע איז אַ נשמה-יתירהדיקער פּראָבלעם. מע דאַרף זײַן מנוחהדיק גרייט, ניט געלייענט כאַפּ-לאַפּנדיק, געפֿינען אַ באַקוועם אָרט אָן טאַראַראַם, זײַענדיק מסוגל צו געניסן פֿון עפּעס האַרמאָניש-צאַרטס מיט עמאָציע. בעסער נאָך ווען מע קען זיך שאַפֿן אַ סבֿיבֿה מיט געהעריקער באַלײַכטונג און אַ באַגלייטונג פֿון אַ צוגעפּאַסטער מוזיק, קוים-קוים געהערט – דאָס אַלץ שאַפֿט אַ מתיקותדיקע שטימונג, אַ נשמה-תּענוג. אויב דאָס אַלץ געשעט ניט אַזוי, הייסט עס אָדער אַז די פּאָעזיע וואָס דו לייענסט איז ניט קיין פּאָעזיע, אָדער דו ביסט ניט מסוגל צו געניסן פֿון דעם דאָזיקן טעם-גן-עדן.

פֿאַרשטייט זיך, ס׳קענען אויך זײַן דעקלאַמאַטאָרישע, רעטאָרישע, אַגרעסיווע פּאָעזיעס, ווי למשל די נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע הימנען, אָדער כאָראַלע צי רעליגיעזע פּאָעזיע – דערצו דאַרף מען זײַן מסוגל צו פֿילן זיך גוט ווי עמיץ אין אַ מאַסע. איך בין אַן אינטימיסט. אַ שטיינדעלע אַליין איז ניט קיין מאָזאַיִק, אָבער עס קען זײַן אַ שטיינדעלע פֿאַר זיך, אויך עפּעס ווי אַ גאַנצע זאַך.

~❁~

איך ווענד זיך צו מײַנע עווענטועלע לעזערס וואָס וועלן לייענען מײַנע שריפֿטן, זיי זאָלן זיך ניט וווּנדערן אויב זיי וועלן געפֿינען, אַז איך חזר אָפֿט איבער מחשבֿות, און אַפֿילו כמעט גאַנצע דרשות. דער ענטפֿער דערויף איז, אַז אין מײַן עלטער מוז איך זיך צעטײַלן מיטן פֿאַרעפֿנטלעכן מײַנע שריפֿטן. כ׳נעם זיי אַזוי ווי זיי קומען. כ׳קען ניט רעדאַקטירן, מאַכן אַ סדר מיט אַ לאָגישן סיסטעם, ווי אַ בוך דאַרף אויסזען ווי געהעריק. מײַן זכרון איז קיין מאָל ניט געווען מיט אַלעמען, בכלל. אַפֿילו ווען איך בין געווען יִנגער האָב איך קיין מאָל ניט געדענקט עפּעס פֿון מײַנע טעקסטן.

בפֿרט איצט איז דאָך שוין אָפּגערעדט!

אָבער איך מיין אַז דאָס איז ניט וויכטיק. וואָס קען דאָ געשען אויב די זעלבע פּראָבלעמען מיט די זעלבע אַרגומענטן חזרן זיך איבער עטליכע מאָל? וויכטיק איז דאָך די מחשבֿה, דאָס געזאָגטע! זאָל זײַן אַז סטיליסטיש, לויט נאָרמאַלע כּללים, בין איך ניט קיין גוטער מחבר. וואָרשײַנליך וועל איך שוין ניט זײַן קיין היגער ווען אַלע מײַנע כּתבֿים וועלן זײַן פֿאַרעפֿנטליכט, אויב איך וועל עס נאָך באַווײַזן. בכן איז דאָך פֿאַר מיר ניט קיין פֿראַגע פֿון אַ ליטעראַרישער קאַריערע, און פֿאַר דעם וואָס וועט עס לייענען קען עס חלילה ניט שאַטן. זאָלן מײַנע שריפֿטן זײַן ווי באַטיצן פֿון אַ טאָגבוך, פֿון עמיצן וואָס לײַדט פֿון אַמנעזיע, און פּטור!

בכלל בין איך אַ צעשטרײַטער, אָן אַן אָרדענונג־סיסטעם. כ'האָב אַזוי פֿיל אָנגעפּאַטשקעט פּאַפּיר, אַז ס'איז ניט מעגליך צו באַהערשן דאָס געשריבענע.

כ'בין אַ צעשטרײַטער, אָבער גראַמט ניט ס'דאָזיקע מיט „צעדרייטער". כ'בין, גלויב איך, בײַם קלאָרן זינען, אויב מע קען אַזוינס זאָגן וועגן מײַנע מעשׂים און מחשבֿות מיטן אונטערנעמען זיך דאָס וועלן עפּעס ענדערן דעם סדר־העולם פֿון אונדזערע סאָציאַלע רעזשימען, און אַפֿילו יחידישע השׂגות אין שײַכות מיט אַ גילטיקער עקזיסטענץ אין אַלע היבזיכטן. גילטיק לויט מײַן השׂגה, פֿאַרשטייט זיך.

~❀~

אַזוי גוט ווי מע דאַרף, מע מוז באַפֿרײַען אַ שיינעם, געזונטן בוים פֿון פּאַראַזיטן, ליאַנעס, שוואָמערײַען, מאָכן און אינזעקטן, דאַרף מען, מוז מען באַפֿרײַען דעם מענטש פֿון די סנאָבישע, פּערווערזע אינטעלעקטואַליזמען, רעליגיעס און סאָפֿיסטיש־וועלטלעכע דאָקטרינעס. אַפֿילו פֿון דער געשיכטע, וואָס באַשטייט כּמעט אין גאַנצן פֿון היסטאָרישע אומגליקן, קאַטאַסטראָפֿעס, מלחמות, משוגעתן.

ווער דאַרף די פֿילאָזאָפֿישע האָרשפּאַלטערס וועגן די

פֿאַרשיידענע מינים עקזיסטענציאַליזמען, און נישט נאָר זיי: אַזוי פֿיל **איזמען** מיט **איסטן**, אַבסטראַקציעס, כימערעס, פֿאַנטאַזיעס, אילוזיעס אויסגעניצטע פֿון פּיפּיקע אויסטויגערס וואָס עקספּלואַטירן זייערס גלײַכן, שאַפֿן זיך לײַכטע פּרנסות מיט פֿאַרשיידענע קאַריערעס און פּריווילעגיעס?

צו וואָס אַזוי פֿיל גײַסטיקייט, אַזוי פֿיל אינטעלעקטואַליזם, אַזוי פֿיל דיאַלעקטעוועט? פֿאַר וואָס ניט קודם פֿאַרנעמען זיך מיט אַ גילטיקער, ממשותדיקער עקזיסטענץ אויפֿן פּלאַנעט, גילטיק פֿאַר אַלעמען, אָן הונגער, אָן היפּאָקריטן, אָן קריגערײַען, אָן רעוואָלטן, אַנגסטן, טיראַניעס און שלעכטס, מיאוסקייט — פֿיזישע און פּסיכישע — אאַז״וו? ווער דאַרף קריכן אויף דער לבֿנה, זוכן אַסטראָפֿיזיש וואָס ס׳טוט זיך אויפֿן אוראַנוס צי אין ווײַטע גאַלאַקציעס?

אַזוי פֿיל פֿילאָזאָפֿיעס: פֿענאָמענאָלאָגן, עקזיסטענציאַליסטן, אידעאַליסטן, פּאָזיטיוויסטן, תּמיד מיט נײַע **נעאָס** און ווערסיעס, נײַע אינטערפּרעטאַציעס פֿאַרשלייערטע מיט פֿראַזעאָלאָגיעס, מיט ליטעראַטורן און ווייס איך וואָס נאָך!

פֿאַר וואָס נישט קודם זײַן פּשוט, לאָגיש, אויסגעהאַלטן, פּראַקטיש און ערליך? פֿאַר וואָס מוזן לײַט זײַן דווקא משוגע, פֿאַרסמען זיך פֿיזיש און פּסיכיש, און אויך אַלץ אַרום זיך, מיט אַזוי פֿיל נאַרישקייטן און געפֿערליכע מעשׂים און מחשבֿות?

יוגנט! אפֿשר וועסטו זײַן דער אולטימער באַפֿרײַער פֿונעם מענטשן-מין, און אפֿשר פֿון דער גאַנצער ביאָספֿערע? בעמט, יוגנעלײַט, ווי אַ סימבאָל אַ בעזעם, און קערט אויס דאָס אינטעלעקטועלע מיסט. טוט זיך אויס נאַקעט, פֿרײַ פֿון די געלאַטעטע שמאַטעס וואָס פֿאַרשלייערן אײַערע יונגע גופֿים! טובֿלט זיך ווי אין אַ קלאָרן קוואַל אין פּשוטן שׂכלדיקן זײַן: נאָרמאַל, פּראַגמאַטיש, און דויערט אָפּ אײַער עקזיסטענץ ווי דער צי דאָס וואָס געוועלטיקט אינעם אוניווערס פֿאַרלאַנגט פֿון אײַך: פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ליבשאַפֿט, ערליכקייט, לאָגיק, טאָלעראַנץ, פּראַגמאַטיזם, און דאָס אַלץ ניט פֿאַרקריפּלט מיט קיין פֿאַלשער

סעמאַנטיק, נאָר קלאָר פֿאַרשטאַנען און אָנגעווענדט. וועט דער בוים, וואָס כ'האָב גענומען פֿאַר אַ משל, באַפֿרײַט פֿון אַלע פּאַראַזיטן וואָס זוכן כּלומרשטע סימביאָזן, זיך צעשפּרייטן, גרינען, בליִען, שאַפֿן תּמיד נײַע פּירות און שענקען אָרט פֿאַר נעסטן ווי טרילנדיקע פֿייגל זאָלן זײַן ווי געווּנטשענע געסט. און דאָס אַלץ לטובֿת גאָט, וועלט, מענטש און אַלץ אַרום זיך.

הלוואַי זאָל דאָס מקוים ווערן אַ מאָל, און וואָס גיכער אַלץ בעסער, אָמן!

היט מיך, גאָטעניו, פֿון נסיון מיט צו פֿיל עלאָקווענץ און דווקא אַרגומענטן, פֿון רעטאָרישע אַנטיפֿראַזעס, דיאַלעקטישע פּאַראַפֿראַזעס, איראָנישע פּעריפֿראַזעס, באָמבאַסטישע פֿראַזעאָלאָגיעס. זאָלן מײַנע מחשבֿות געפֿינען סינטאַקסן ניט ספּעריש-קײַלעכדיקע, וואָס מע ווייסט ניט ווו דער אָנהייב און ווו דער סוף, נאָר לאַקאָניש-פּרעציז, פֿײַליש-שאַרף, געשלײַדערט פֿון מחשבֿה-פֿײַל-און-בויגן און גלײַך, דירעקט און אָפֿן, אָבער תּמיד אין ציל געטראָפֿן.

זאָל מײַן פֿאַרפֿאַסעניש זײַן מחברט פּאַליטאָניסטיש, אַפֿילו ווען אין שײַכות מיט ערנסטע פּראָבלעמען. פֿאַר מיר איז דאָס אַ סטיליסטישע אַקראָבאַטיק, ניט אָנצוגיין פֿאַר אַ פּעדאַנט. ווײַל לײדער –צי אפֿשר גאָר בעסער– ניט באַגרענעצט אין דיסציפּלינען און ניט קיין סאַטעליט בײַ עפּעס צי עמיצן, חוץ בײַ אויפֿריכטיקייט און ערליכער ליבשאַפֿט צו גאָט און צו לײַט, בין איך פֿרײַ צו זינגען און צו זאָגן ווי מיר געפֿעלט. דאָ געלירִיקט ווי בײַ פּאָעטן, דאָ געדרשנט ווי בײַ פּראָפֿעטן, און געחוזקט אין פּאַמפֿלעטן.

גענוג מיט די פּאַלעאָנטאָלאָגישע רעליגיעס און דאָקטרינעס, פילאָזאָפישע דינאָזאָרן, מיט זייערע גרויס־גופישע אינטערעסן און קליינקעפּלדיקע השגות פון ערליכקייט, יושר, לעבנסציל און אפילו כלומרשטע געטליכקייט.

ווער קומט באַפרייען דעם וואָרן גאָט, צי געטער, פון אַלע רעליגיעס מיט זייערע טעאָלאָגיעס, טעאָגאָניעס, פאַנאַטיזמען, צערעמאָניעס, ריטואַלן און קרבנות, מיטן על־חטאוון תמיד און בעטן פאַרצייִונג פאַר נישט־באַגאַנגענע זינד?

ווער קען באַפרייען דעם מענטש פון די כלומרשטע פּראָגרעסיזמען, ליבעראַליזמען און פּערוועזע דעמאָקראַטיעס, וואָס האָבן נאָר איין ציל: פאַרטיידיקן אינטערעסן און פּריווילעגיעס?

מע פאַרטשאַקעט נאָך אַנאַנד דעם עולם־גולם מיט גײַסטיקייט, מיט אינטעלעקטועלע אַקראָבאַטן, מיט דיאַלעקטישע קונצן־מאַכערס. מע פאַרפירט לײַט מיט מעשים און מחשבות וואָס האָבן צו טון מיט פּראָבלעמען אָן שום גילטיקן ווערט פאַר אַ באָרמאַלער עקזיסטענץ. אַזוי פיל צרות ווו מע גיט זיך אַ קער און ווענד; אַזוי פיל נויט, אַזוי פיל אַרבעטסלאָזיקייט, אַזוי פיל הונגער, אַזוי פיל מגפות, מלחמות, עקספּלואַטאַציעס! און פון וואָס רעדט די פּרעסע? וואָס ווייַזט די טעלעוויזיע? וואָס הערט מען אויף דער ראַדיאָ? פון עקספּעדיציעס ערגעץ אין די וויסטענישן, ווו לייַט פאַרלירן זייער לעבן און געזונט אין די זאַמדן; פון פאָרשונגען צו זען וואָס טוט זיך אויף אוראַנוסן, אָדער צו מעסטן די היץ פון ווענוסן און נאָך אַזעלכע נאַרישע פלוידערייַען, אַנשטאָט זיך צו פאַרנעמען מיט פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שייַכות מיט ווױלזייַן, אַז מענטשן זאָלן ניט לייַדן פון הונגער און נויט.

פאַר וואָס זאָל זײַן אַזוי שווער אַז לייַט זאָלן קומען צום שכל־הישר?

ניטאָ קיין שום טאָטאַלער אומקום. תּמיד איז אַלץ אין עוואָלוציע. ווער ווייסט אויב מיט אונדזער גופֿיש זײַן, צי אפֿשר מיטן זײַן פֿון גאַנצן פלאַנעט, פֿון זונסיסטעם צי פֿון אונדזער גאַלאַקציע, זענען מיר ניט בלויז כריזאַלידן, ווּ ס׳רײַפֿט אַ פֿלאַטערל, אַ שלאַנג צי אפֿשר גאָר אַ מלאך? אויב נאָרמאַל אָפגעדויערט די באַשטימטע צײַט, מוז אומקום פֿון אונדזער איצטיקן אַספעקט ניט זײַן קיין קאַטאַסטראָפֿע, נאָר אַ דערוואַכונג פֿון אַן איצטיקער חלום־עקזיסטענץ מיט אַ נײַ געבוירן ווערן אין אַן עפעס פרעכטיקס, אַ באַגערטס פֿון אַן אומבאַגרײַפֿטן גאָט.

~❀~

דער חומש מיט זײַנע סימבאָלן מוז ניט זײַן אַ מין אַפּאָלאָגיע פֿון מעשה־בראשית, ניט אַ מין פּראָטאָקאָל מיט שילדערונגען פֿונעם באַשאַף, נאָר דער סימבאָל פֿון פּראָטעסט און רעוואָלט קעגן מײַסטער.

אַ באַוווסטזיניקער מענטש מוז זיך שטעלן פֿאַרשיידענע פֿראַגעס. פֿאַר וואָס מוזן זײַן אין אַ גן־עדן פֿאַרבאָטענע פֿרוכטן, שלאַנגען וואָס זאָלן קומען רייצן און צורעדן צו טון עפעס וואָס געפֿעלט ניט דעם מײַסטער? פֿאַר וואָס מוז קיִן טויטן זײַן ברודער? פֿאַר וואָס שיצט גאָט דעם מערדער? פֿאַר וואָס איז גאָט גורם ניט־פֿאַרגינערישקײט מיטן פֿאַוואָריזירן הבֿלן און רייצן זײַן ברודער? פֿאַר וואָס זאָלן געטליכע ווערק קענען זינדיקן? פֿאַר וואָס געשטראָפֿט אָדמען, ער זאָל מוזן האָרעווען זיך צו דערנערן, און חווה זאָל לײַדן מיטן געבוירן? פֿאַר וואָס באַגערט קרבנות – לעבעדיקע באַשעפֿענישן? פֿאַר וואָס אַלע ברואים באַשאַפֿן ווי אַ פאָר, און אָדמען בלויז זכר, מוזנדיק נעמען עפעס פֿון אים אין שלאָף צו שאַפֿן זײַן נקבֿה? פֿאַר וואָס אַבֿרהמס נסיון מיט דער עקדה? און מע קען דאָך געפֿינען אַזוי פֿיל געשילדערטע פֿענאָמענען וואָס דאַרפֿן גורם זײַן פראָטעסט און רעוואָלט, צווייפֿל אין דער אָמנימעכטיקייט פֿונעם געוועלטיקער אינעם באַשאַף.

ס׳איז אויסטערליש ווי אַזוי דאָס קען נאָך ביז הײַנטיקן טאָג זײַן גלייבלער בײַ אַזוי פֿיל לײַט, ווי די מעשׂה־בראשית פֿון חומש וואָלט געווען אַ געשעעניש אָן שום צווייפֿל, און ס׳זאָל אויסזען ווי אַ חטא דאָס ניט מסכּים זײַן דערמיט. אַזוי איז מיט אַלע רעליגיעס און מיטאָלאָגיעס. זעענדיק וואָס ס׳געשעט אינעם אוניווערס מיט אַלץ וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אין אַלע דימענסיעס און היגזיכטן, מוז מען פֿעסטשטעלן אַז נאָך דער באַוווּסטזיניקער מענטש איז, טראָץ זײַן עפּעמערישקייט, די קרוין פֿון באַשאַף מיט זײַן מעגליכקייט צו קענען טראַכטן אַז ס׳וואָלט געדאַרפֿט זײַן אַנדערש ווי ס׳איז דער סדר־העולם.

צוריקקומענדיק צום אָנהייב פֿונעם געזאָגטן, בלײַבט דאָך אומפֿאַרשטענדליך פֿאַרוואָס מוז ביז הײַנטיקן טאָג קיין האָסן הבֿלן? זינט מיליאָנען דורות חזרט זיך איבער דער זעלבער מאָרד־ספּעקטאַקל, ניט נאָך יחידיש, נאָר קאָלעקטיוו, און גאָט שטיצט תּמיד קינען מיט מאַכט און עשירות. מע קען אַ סך לערנען פֿון די חומש־סימבאָלן, און נאָר בײַ ייִדן איז פֿאַראַן אַן איובֿ־לעגענדע מיט נבֿיאים, מיט מאָראַלישע געזעצן. ניט אומזיסט זענען פֿאַראַן אַזוי פֿיל ייִדן אין אַלע רעוואָלטן קעגן אומרעכט, פֿאַר יושר און באַגער פֿון אוניווערסאַלער באַפֿרײַונג פֿון שלעכטס, רעליגיעז דורך משיחן צי פֿרײַדענקעריש דורך מאַרקסיזם־סאָציאַליזם. דעריבער קען מען נעמען דעם חומש פֿאַר אַן אויסדרוק פֿון אַ סימבאָלישן פּראָטעסט קעגן דעם מעשׂה־בראשית.

~❀~

פֿאַר דעם פֿאַר וועמען עקזיסטענץ איז אַ פּאָסטולאַט וואָס מע קען אָפּפֿרעגן, איז זעלטן ווען פֿאַראַן אַ רפֿואה. זעלבסטמאָרד וועט תּמיד טשאַטעווען אויף זײַן לעבן. עקזיסטענץ איז אַן „אַ פּריאָרי״, אַן אַקסיאָם פֿאַר וועלכן עס גילטן ניט קיין שום העגעליזמען, מיט טעזעס, מעגליכע אַנטיטעזעס און קאָמפּראָמיס־סינטעז. די איינציקע אַנטינאָמיע פֿאַר לעבן איז טויט. מיט דעם דיאַלעקטעוועט מען ניט. ס׳איז אַ פּראָבלעם פֿאַר

מאַזדאַ, פֿאַר הינדויִזם און פֿילאָסאָפֿן נוסח-שאָפּענהויער צי סאַרטר.

נידער מיט אַלע לעבנס-נעגאַציעס, מיט ניהיליזם, פּעסימיזם, טורגעניעוויזם און נירוואַניזם! לעבן דאַרף זײַן, מוז זײַן אַ פּערמאַנענטער יום-טובֿ. האַמלעט איז נעבעך אַ קראַנקער מענטש מיט זײַן „זײַן אָדער ניט זײַן". אַזוינס קענען זיך פֿרעגן עקזיסטענציאַליסטן, פֿענאָמענאָלאָגיסטן, נאָך אַזעלכע **איססן**. בודיסטישער נירוואַניזם און שעקספּירישע קלאָץ-קשיות: צי האָט עקזיסטענץ אַ זין – זעגען אַן אַבסורד. לוינט זיך דער גאַנצער אויפֿטו „לעבן"? נידער מיט די קהלתן און די שאָפּענהויערס מיט זייערע פּעסימיזמען, צווייפֿלען און פֿאַרצווייפֿלונגען!

הערט אַ מעשׂה! אַן עווענטועל הונדערט-יעריקע מעגליכקייט צו געניסן פֿון אַזוי פֿיל תּענוגים פֿאַר אַלע חושים, קרעאַטיווע עקסטאַזן און אַפֿילו אָרגאַזמען, חוץ נאָך אַזוי פֿיל שיינקייט, מוזיק, פּאָעזיע, חכמה, הומאָר, טאַנץ אַפֿילו, וואָס ניט? נו, איז דאָס ניט אַ מתּנה פֿון באַשאַף? דאַרף מען ניט, מוז מען ניט דאַנקען די געטליכקייט, צי ווי מע וויל עס רופֿן, פֿאַר דער זכיה, בפֿרט אַז מע קען אײַנזען אַז קיינער ווייסט ניט וואָס עס געשעט מיטן אומקום, וויסנדיק אַז קיין שום זאַך, קיין שום עלעמענט גייט ניט טאָטאַל פֿאַרלוירן. ווער ווייסט צי ס׳זענען ניט פֿאַראַן נאָך רעאַליטעטן מיט אַנדערע אַספּעקטן? אַ לישקע שטאַרבט ניט אינעם כריזאַליד, נאָר וואַכט אויף ווי אַ זומער-פֿייגעלע, אַן איריזירט פֿלאַטערל.

אַלע צרות, אַנגסטן און פּײַנען שטאַמען נאָר פֿון אַ שלעכט-אָרגאַניזירטער עקזיסטענץ. מע שטאַרבט ניט נאַטירליך, נאָר מע באַגייט כּמעט תּמיד זעלבסטמאָרד פֿאַר דער צײַט. לײַט זענען נאַרישע, פּערוועזע, לעקישעוואַטע, געמיינע, סנאָבישע, שלעכטע, פֿאַרקריפּלטע נפֿשות. לעבט מען נאָרמאַל, לאָגיש, אויסגעהאַלטן ווי געהעריק, יחידיש און סאָציאַל היגיעניש, פֿרום מיט פֿאָלגן די נאַטור און צוטרוי צום באַשאַף – קען מען זיכער לעבן מער ווי הונדערט יאָר און אײַנשלאָפֿן מיט אַ שמייכל,

דאַנקענדיק פֿאַרן אָפּגעדויערטן טערמין. נידער מיטן פּעסימיזם, און הוראַ פֿאַרן ווילזיַין מיטן בטחון! פֿאַרשטייט זיך, דערצו מוז מען עפּעס טון: ניט לאָזן זיך נאַרן און פֿאַרפֿירן, און תּמיד אַלץ מיט קוראַזש און ענטוזיאַזם.

~❀~

דאַכט זיך אַז אַ ניַיע פֿילאָזאָפֿישע חולאַת פֿאַרשפּרייט זיך מגיפֿיש צווישן די אינטעלעקטועלע האָרשפּאַלטערס, די פּראָפֿעסיאָנעלע דענקערס וואָס זוכן תּירוצים צו שאַפֿן ניַיע קאַטעדרעס מיט פּאָסטנס פֿאַר פּראָפֿעסאָרן, מיט מעגליכקייטן פֿאַר דיסערטאַציעס פֿון ניַיע ווערק.

ווי די סידאַ פֿאַרן גוף איז די עפּיסטעמאָלאָגיע פֿאַרן גיַיסט. מע וויל עס אַפֿילו פֿאַרוואַנדלען אין אַ וויסנשאַפֿט, און ספּעציאַליסטן געפֿינען שוין טערמינאָלאָגיעס, מיטן צוטשעפּען ניַיע **איזמען** פֿאַר ניַיע **איסטן**. און דאַוואַי! מאָדערנע לאָגיק, קריטישע מעטאָדאָלאָגיע, וויסנשאַפֿט פֿון וויסנשאַפֿטן, פֿונקציאָנאַליזם, נעאָ-פּאָזיטיוויזם און וואָס נאָך – בין איך ניט מסוגל זיך צו דערמאַנען.

הכּלל, מיט דיאַלעקטיק, מיט עקוואַציעס, מיט טעאָרעמען, קען מען פּונקט ווי אין מאָדע האָבן תּמיד ניַיע מאָדעלן פֿאַר סנאָבן, אָבער די נויטווענדיקייט פֿון אַ ניַיער לאָגיק צו באַוויַיזן אַז צוויי מאָל צוויי איז פֿיר – אומבאַגריַיפֿלעך איז אַזוינס פֿאַר מיר.

~❀~

זאָלן פּראָפֿעסיאָנעלע דענקער און פֿילאָזאָפֿן זאָגן צי טראַכטן וואָס זיי ווילן. איך בין ניט מסכּים מיט פּלאַטאָנען, און טוט מיר עפּעס!

וואָס הייסט אַז די אידייען זענען אויסער די זאַכן וואָס זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר? אָן אַ פֿלאַכקייט פֿון האָלץ מיט פֿיס וואָס האַלטן זי אונטער, איז ניטאָ קיין אידייע פֿון אַ טיש. טיש איז טאַקע ניט בלויז האָלץ מיט טשוועקעס, נאָר אַ ווערק רעאַליזירט דורך אַ

נויטוועגדיקייט מיט דער הילף פֿון אַ פּלאַן, העגט און געצייַג. אַלץ צוזאַמען איז טיש. מע קען ניט אָפּטיילן די אידייע פֿון עפּעס קאָנקרעטס – פֿון דעם רעעלן, אַפֿילו ווען ס׳איז נאָך ניט רעאַליזירט. זאָגן אַז דיווירקלעכקייט איז נאָר אַ שאָטן פֿון דער אַבסטראַקטער אידייע – איז אַן אַבסורד. די אידייע איז דער אָנהייב פֿון עפּעס וואָס קען זייַן ווירטועל. ניטאָ קיין אָנטאָלאָגישע אידייע, אויסער פֿון טרוימען צי אַבסורדן. מע קען זאָגן אַז ס׳איז פֿאַראַן אַן אָנהייב פֿון יעדן עפּעס אין דער מחשבֿה דערפֿון.

אַזוי קען זייַן מיט משיחס קומען ווי אַ סימבאָל פֿון צוקונפֿטיקן סאָציאַליזם, מיטן פֿאַרשווינדן פֿון קלאַסנקאַמף און קלאַסן-פּריווילעגיעס. ס׳קען אויסזען פֿאַר געוויסע לייַט פֿיקטיוו. פֿאַר מיר איז עס אַ ווירטועלער פֿענאָמען וואָס קומט, וואָס וועט מוזן ווערן רעאַליטעט. די מחשבֿה פֿון טיש איז אַ טייל פֿון טיש, איידער אַפֿילו ער ווערט נאָך רעאַליזירט. די מחשבֿה פֿונעם סאָציאַליזם איז אַ טייל פֿון קומענדיקן סאָציאַליזם.

די אידייען וואָס שטיצן זיך נישט אויף פּראָטאַגאָרס געדאַנק: אַז אָנטאָלאָגיש, ווירטועל, פּראַגמאַטיש איז דער מענטש וויכטיק און מוז זייַן די מאָס פֿון אַלץ וואָס האָט אַ שייַכות מיט מענטשלעכער עקזיסטענץ – דאַרפֿן פֿאַרנעמען ס׳וויכטיקסטע אָרט אינעם באַוווסטזייַן. ער קען ניט זייַן די מאָס פֿאַר קאָסמאָסן, אומענדן, אייביקייטן. ער מוז זיך באַנוגענען מיט זייַן באַגרענעצטער אָנטאָלאָגיע, ניט קריכן משוגענערהייט אין אַסטראָפֿיזישע ספֿערעס מיט זוכן די עלטער-מעטריקע פֿון אוניווערס צי מעסטן די היץ פֿון אוראַנוס, נאָר טון זייַן פֿליכט ווי אַ נאָרמאַלער מענטש, מיט זאָרגן און טון אַלץ צו קענען אָפּדויערן אין ווילשטאַנד, געזונט, מנוחהדיק, וואָס לענגער, בעסער און שענער, אָן קאָמפּלעקסן, פּאַראַנאָיעס, היפּאָקריזיעס און וווּלגאַריטעטן, שלעכטס און מיאוסקייטן און נאַרישע אַמביציעס.

פּלאַטאָן מיט זייַנע אַקאַדעמיעס און דיאַלאָגיזירטער דיאַלעקטיק איז כּולו-פֿיקציע, אָן שום פּראַקטישער נויטוועגדיקייט. ניט אומזיסט זאָגט מען: אַ פּלאַטאָנישע ליבשאַפֿט. אַזוי איז אויך מיט

זײַן פּלאַטאָנישער מעטאַפיזיק. אַז פּלאַטאָנס תּלמיד, אַריסטאָטעל, האָט געפּרוווט שאַפן אַ מעטאַפיזישן רעאַליזם, איז עס אויך אויסטערליש.

פיזיק איז וויסנשאַפט. מעטאַפיזיק איז דאָס אַלץ וואָס מע האָט נאָך ניט אַנטפּלעקט, דערקענט. מע מוז אָבער אײַנזען אַז די פיזיק איז אויך מעטאַפיזיש, טראָץ וואָס מער אַנטפּלעקונגען און אָנווענדונגען, ווײַל דעם תּמצית פונעם אוניווערסאַלן אַלץ, מיט אַלע סיבות און פענאָמענען, וועט תּמיד בלײַבן פאַרהוילן. דאָס זענען געטליכע סודות. בכן, איז מעטאַפיזיק אַן אַבסטראַקציע. מע ניצט עלעקטריציטעט — וואָס איז אַן עלעקטראָן?

ס'איז אומזיסט די מי צו פּטרן אַזוי פיל צײַט און פאַרמעגן צו קריכן אויף די גלײַכע ווענט. בעסער אָנגעווענדט די אַלע מעגליכקייטן אויסצובעסערן די עקזיסטענץ אויפן פּלאַנעט, וואָס קען ווערן אַ גן־עדן.

אַזוי פאַרשטיי איך, פּשוטער בשר־ודם, וואָס עס מיינט אַזוינס מעטאַפיזיק. זאָלן קומען די געלערנטע ספּעצן חוזקן פון מײַן אופן זיך מישן אין זייערע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלינען. מילא, דאַרף מען ניט!

≈❁≈

**א**ויב וועגן אַ מחברס ווערק, וואָרט צי מחשבה איז ניטאָ וואָס צו זאָגן, פאָלעמיזירן אַפילו מיט אַמפּערניש, ווידערשפּרעכיק — פאַר גרויסע, און עפּעס צו לערנען פאַר קליינוואַרג, טויג עס ניט פאַר קיינעם, חוץ פאַר אייגענע מעגאַלאָמאַנישע אַמביציעס.

≈❁≈

**כ**'האָב פײַנט דעם אינטעלעקטועלן דערווישיזם, דאָס זיך גײַסטעווען נאָך אַנאַנד דעם באַוווסטזײַן מיט דיאַלעקטעווען סאָפיסטיש פאַרשיידענע פילאָזאָפישע צי רעליגיעזע דאָקטרינעס כּדי צו באַרעכטיקן ניט־גילטיקע סאָציאַלע לעבנס־שטייגערס. מע וויל האָבן אַ רויִק געוויסן און קענען פּאַראַזיטעווען ניט־טוענדיק

עפּעס אַנדערש ווי פּראָדוצירן דענקעניש און בענקעניש. מבולט עס מיט ליטעראַטור, דיסערטאַציעס, ס׳רובֿ אַלטע מחשבֿות פֿאַרשלייערטע מיט אַ בעאַ-, און אַ מאָל סתּם געבאַטשקעט פֿאָנעמען, געפּאַטשקעט קונסט, צי געבאָמקעט כּלומרשטע מוזיק: סורעאַליזם, פֿונקציאָנאַליזם, עפּיסטעמאָלאָגיע, לעטריזם, קאַקאָפֿאָניזם אאַז״וו.

פֿאַר מיר איז דאָס פּסיכישער דערווישיזם: מע דרייט זיך עקזיסטענציאַליסטיש ביז קאָפּשווינדל, און מע בלײַבט אויפֿן אָרט. אַלץ איז ווי געווען. שוואַרצע, רויטע רעזשימען ענדערן גאָרניט; קלאַסן-פּריווילעגיעס האַלטן אָן ווי תּמיד, און עולם-גולם אַפּלאָדירט פֿאַר די שיינע רייד וועגן פּראָגרעס, פֿאָלקס-דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם, נאַציאָנאַל-סאָציאַליזם מיט אַלע גוטע פֿענאָמענען וואָס דאָס איז גורם. משיח איז נאָך ווײַט; מע זעט אים קוים, קוים פֿון דער ווײַטנס, און קיינער באַגערט ניט בכלל ער זאָל קומען צעשטערן די אָרדענונג. אָבער ניטאָ קיין געפֿאַר. אַזוי פֿיל באַוואָפֿנטע לײַט היטן, ס׳זאָל חלילה גאָרנישט זיך ענדערן! וואָדקע און דראָגן ווערן צוגעשטעלט ווי באַגערט פֿון די מעדיאַ-מאַסעס פֿיזיש, און אינטעלעקטועלע גײַסטיקייט – פּסיכיש. איז דריידלט זיך, דערווישן! אײַער איז די וועלט!

~❀~

**א**ינעם פּלאָנטערקנויל פֿון אַזוי פֿיל געקניפּטע, ספּיראַל-געדרייטע, געפֿלאָכטענע און געמישטע רעליגיעס, וועלטלעכע דאָקטרינעס מיט טעאָריעס און רייד, רייד, רייד, אַרגומענטן, אַפּאָלאָגיעס, אַפֿירמאַציעס, פּאָסטולאַטן, סענטענצן, אַקסיאָמען, עקזעגעטיזמען, פֿאַנאַטיזמען, אַלץ צונויפֿגעהאַלטן, באַהאָפֿטן, דאָ ווי אַ בונד, דאָ ווי אַ שטריק, דאָ ווי אַ גאַרטל, דאָ ווי אַ פּעטליע אַפֿילו, פֿאַרשנורעט, צונויפֿגעטשעפּעט – ווו בעמט מען אַן אַלעקסאַנדער, וואָס זאָל באַפֿרײַען פֿון דעם גאָרדישן פּראָבלעם? אַ מאָל איז עס אויך ווי אַ לאַבירינט. טאָ ווי אַזוי געפֿינען דעם גילדענעם פֿאָדעם פֿון פּשוטן, קלאָרן, ערליכן שׂכל-הישר, פֿרײַ פֿון עגאָיִזמען, אינטערעסן, אַמביציעס און

פסיכאָפּאַטישע קאָמפּלעקסן? ווי זיך אַרויסבאַקומען בשלום פֿונעם אינטעלעקטואַליזם, דעם גזלנישן צעלייגער וואָס טשאַטעוועט אויפֿן פּשוטן מענטש?

≈❁≈

**א**ויסער אין געפֿענגעניש פֿון אַ קרײַז, אַ ספֿערע, קען מען צייכענען, זיך פֿאָרשטעלן אַ ליניע, איינציק־אַליין געצויגן צי פּאַראַלעל מיט אַנדערע ביז, ביז, ביז – אַן אַ מעגליכן סוף, אומענדלעך.

אַזוי מיט מאַטעמאַטיק: מע קען תּמיד צושטעלן אַ ציפֿער צו אַ זעראָ, ניט זײַענדיק מסוגל צו גרייכן אַן ענדגילטיקן טאָטאַל. און אַזוי איןביידע ריכטונגען: מער און ווייניקער. זאָל אַזוי זײַן מיט ליניעס, וואָס זענען די קוואַנטישע פּונקטן? קען אַ מאַטעמאַטישע קוואַנטיטעט זײַן קרײַזיק צי ספֿעריש, אָן אָנהייב צו סוף?

נאַ דיר אַ נײַע קאָפּדרייעניש מיט האָר־שפּאַלטערײַ! איך מוז עס אומבאַדינגט וויסן; ווען ניט, וועל איך ניט קענען רויִק לעבן און מנוחהדיק שטאַרבן.

≈❁≈

**ה**אָב איך אָנגעגורט די לענדן קריגעריש און דרייסט, געלייגט אַ שמרעגגן קנייטש צווישן די אויגן, און באַוואָפֿנט מיט אַ מענעריש־שווערדישן באַשלוס אַוועק צום שרײַבטיש. איר, שריפֿטן מײַנע, שוין לאַנג ווי איר מאַכט פֿון מיר חוזק מיט אײַער כּלומרשטן קינסטלערישן ווערט. כ׳לאָז זיך מער ניט טשאַקען פֿון אײַערע גראַמען־פּאַטשערקעס און ניט פֿאַרפֿירן פֿון אײַערע חנדלעך. מײַן רעפּוטאַציע איז אין קאָן! וואָס איז עס פֿאַר אַ קאָמעדיע דאָ? לאָזן זיך פֿירן פֿאַר דער נאָז פֿון די מוזיש־ווײַבערישע שטיק?

אַנו, אָהער די ערשטע זאַך! גענומען לייענען און שטרײַכן מיט אַ בלויען בלײַפֿעדער. ניין! דאָס ניט! נאַריש! לעקישעוואַטע! אַ ביסל בלוי... דאָך, עפּעס פֿאַראַן דערין. נו, זאָל דאָס בלײַבן. צווישן

אונדז – ניט שלעכט. נו, טאַקע, מע קען ניט זאָגן – דאָס דערמאָנט עפּעס... עס זיפּצט זיך. עפּעס שליסן זיך די אויגן, עפּעס פֿײַכטן וויִעס. אומבייטיק דאָס אַלץ! אָבער צוריקגערעדט: צו וואָס זיך אײַנרײַסן מיט זיך זעלבסט? כ'שרײַב דאָך סײַ ווי סײַ פֿאַר זיך, ניט פֿאַר קיינעם. העט, כ'לאָז עס אַלץ אַזוי ווי עס קומט.

וואָסי? שוין נאַכט? געבליבן טראַכטן אין דער פֿינצטער? ניט אָנגעצונדן ליכט אַפֿילו? ביימער שאָרכן, שושקען סודות, און פּאַריז פֿינקלט ווי מיט איידלשטיינער אַ בלויער סאַמעט. ווי אַ פֿוקס, אַ נאַרישער-סענטימענטאַלער, פֿאַרסערנאַדעט פֿון די הינער, גיי איך צוריק אַרונטער שלאָפֿן, אַ ביסל ווי פֿאַרשעמט, אַ ביסל ווי צופֿרידן. יעדנפֿאַלס – ניט קריגעריש, און טאַקע מיט אַ שמייכל. כ'וועל שוין קיין קנאַקער-העלד מיט אײַך ניט זײַן, מוזעס מײַנע, און ווײַטער זיך לאָזן פֿירן בײַ דער נאָז. פֿאַר וואָס זאָלן מוזעס אויך ניט זײַן ווײַבעריש שיין און פֿאַרטשאַקען לײַט מיט זייער חן? אָט שוין באַלד זיבן און פֿופֿציק יאָר ווי מײַן ווײַבל... נו, סטאָפּ!

~※~

פֿאַר וואָס, חוץ זעלטענע אויסנאַמען, דרייען זיך פּלאַנעטן אין קרײַזן און אָרביטן תּמיד אין דער זעלבער ריכטונג? פֿאַר וואָס זענען די רינגען אַרום געוויסע פּלאַנעטן, ווי סאַטורן למשל, פּלאַטשיק און ניט צעשפּרייט? פֿאַר וואָס איז מאַגנעטיזם ס'רובֿ קאָנצענטרירט בײַ די פּאָלוסן? ווי אַזוי ווייסט מען אַז די היץ אויף דער זון איז פּונקט זעקס טויזנט גראַד? ווער זאָל וויסן צי ס'איז צעלזיוס אָדער אַנדערש...

ווי מע קען זען, האָב איך פֿאַרשיידענע זאָרגן וואָס לאָזן מיך ניט רויִק שלאָפֿן. זיך נעמען שטודירן אַסטראָנאָמיע מיט אַסטראָפֿיזיק? האָב איך מורא אַז אַלע גאַלאַקציעס וועלן חוזקן פֿון מיר, און דאָס סטעלאַרע געלעכטער קען נאָך חלילה דערגיין ביז צום רבונו-של-עולם, און ווער ווייסט ווי אַזוי מע וועט מיך באַשטראָפֿן דערפֿאַר.

~※~

כּבֿוד דעם מענטש, דאָס העכסטע, שענסטע, בעסטע, הייליקסטע און וואונדערלעכסטע צווישן די פֿענאָמענען פֿונעם אוניווערס. כּבֿוד דעם מענטש מער ווי דעם אָמנימעכטיקן געוועלטיקער פֿון קאָסמישן אַלץ. כּבֿוד דעם מענטש, וואָס איז וויכטיקער ווי גאָט כּבֿיכול זעלבסט, צי געטער, אַפֿילו ווען מײַנע רייד, ניט־ווילנדיק, זאָלן זינדיקן חלילה. כּבֿוד דעם מענטש, אָבער ניט יעדן צווייפֿיסיקן באַשעפֿעניש וואָס לײַט רופֿן עס אַזוי, נאָר דעם באַוווסטזיניקן מענטש וואָס טראַכט, טרוימט, רעוואָלטירט זיך און באַגערט, אַז דאָס וואָס איז זאָל קענען ווערן געענדערט.

אַ באַגרענעצטער אין דויער און אין מעגליכקייטן, וויסנדיק אַז זײַן גורל איז פֿאָרויס געחתמעט מיט אומקום, שטעלט ער זיך אַנטקעגן דעם אָמנימעכטיקן, וואָס קען אפֿשר טון ס׳זאָל זײַן אַנדערש ווי דער סדר־עולם איז, מיט אַזוי פֿיל שלעכטס און מיאוסקייט.

ווער קען שטערן געטליכקייט, עקזיסטענץ זאָל ניט דווקא מוזן אָנקומען צו מאָרד, אַגרעסיעס, האַס, כּדי צו קענען זיך נערן, עקזיסטירן? פֿאַר וואָס מוזן אָנקומען צו צופֿעליקייטן, פּראָבאַביליטעטן, אַזוי פֿיל זאָמען זאָלן גיין לאיבוד כּדי איין פֿלאַנץ זאָל שפּראָצן? אַזוי פֿיל ספּערמאַטאָזאָידן כּדי איין באַשעפֿעניש זאָל זיך אַנטפּלעקן? און אפֿשר –ווער ווייסט– וויפֿל קאָסמאָסן זאָלן אומקומען איין גילטיקע וועלט זאָל אפֿשר קענען זײַן?

כּבֿוד דעם מענטש, ווײַל אין אים און נאָר אין אים מאַניפֿעסטירט זיך דער באַגער פֿון שלימות, פֿון רחמנות, פֿון יושר, רעכט, ליבשאַפֿט און טאָטאַלן גליק אָן מעגליכע צעשטערונגען דאָס זאָל קענען געשען.

פֿאַר וואָס זאָלן קענען גילטן פּײַן, יסורים, אַנגסטן, פּחד, אַגרעסיוויטעט? פֿאַר וואָס מוזן זײַן ציין, נעגל, גיפֿט, דערנער, סאַדיזם, וואַמפּיריזם, פּאַראַזיטיזם, עגאָיִזם, האַס און ווילד משוגעת, רציחות, טאָרטורן? ווו איז דער לא תרצח אינעם כּי־טובֿ פֿון באַשאַף? זאָל אַ גאָט ניט זײַן מסוגל צו געפֿינען אַן אַנטידאָט

קעגן אַזוי פֿיל שלעכטס און מיאוסקייט? ווער איז מעכטיקער פֿון אים, פֿון זײַנע באַגערן? ווער איז מסוגל צו שטערן אַז אַלץ זאָל זײַן כולו-ליבשאַפֿט, תּענוג?

כּבֿוד דעם מענטש! ער קען דאָך טראַכטן פֿון דעם אַלעמען, זיך רעוואָלטירן, פּראָקלאַמירן זײַן פּראָטעסט. זײַענדיק אַליין עפּעס אינעם באַשאַף, ווי אַזוי קען זיך ס'דאָזיקע מאַניפֿעסטירן? וועקט זיך עפּעס אין אַ געטליכן געוויסן דורכן מענטש, אין ווען ס'טליִעט עפּעס פֿון אים זעלבסט?

~✿~

**ווער** קען אַלץ געדענקען און אויסרעכענען זינט די גריכישע חכמים ווי אַריסטאָטעל, פּיטאַגאָר און אַזוי פֿיל אַנדערע, ביז דערנאָך: ברונאָ, גאַליליי, קאָפּערניק, קעפּלער, ניוטאָן, פּלאַנק, אײַנשטיין, מינקאָווסקי און ווער ווייסט וויפֿל נאָך? ערשט – מיליאַרדן ליכטיאָרן-דיסטאַנצן, פּראָטאָנען, עלעקטראָנען, גראַוויטאַציעס, העליום, הידראָגען, פּאַרטיקולן, גאַלאַקציעס, פֿאָטאָספֿערע, כראָמאָספֿערע, עקוואַציעס $E = MC2$, עלעקטראָ-מאַגנעטיזם, קאָסמישער אויפֿרײַס, פּערמאַנענטער מעשה-בראשית...

אַז מע לייענט זיך אָן מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען וואָס כ'בין ניט מסוגל צו באַגרײַפֿן, מיט זייער אַסטראָפֿיזיק, ראַדיאָ-אַסטראָנאָמיע, מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס, מיט קעפּשווינדלערישע גרייסן און ענערגיעס, זעט די מענטשליכע עקזיסטענץ אויס אַזוי לעכערליך נישטיק, אַזוי פּרעטענציעז מעגאַלאָמאַניש, אַזוי אידיאָטיש דאָס טומלען און ווימלען מיט אינטערעסן, פֿאָביעס, קאָמפּלעקסן, אַגרעסיווע אַמביציעס, ווי דאָס פּרווון געוועלטיקן איבערן פּלאַנעט צי איבערן זונסיסטעם –אַ שטויבל אינעם אוניווערס– מיט אַלע רעליגיעס, וויסנשאַפֿטן, פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, מיט דעם גאַנצן טאַראַראַם, מיט אַזוי פֿיל משוגעתן, כּלומרשטן פּראָגרעס, לעקישעוואַטע בוקלעאַרע מאַכערײַקעס, מיט דעם אַלעמען וואָס צעחושט און פֿאַרסמט פֿיזיש און פּסיכיש, און פֿירט אַלץ האַסטיקער צו דער טאָטאַלער קאַטאַסטראָפֿע מיטן אומקום פֿון דער ביִאָספֿערע.

נו, ווערט טרויעריק צו זען ווי באַריש מע פֿאַרתּכלעוועט עקזיסטענצן. וואָס קען אַ מענטש אויפֿטון אין דעם אַלעמען? וואָס קען ער פֿאַרשטיין? ער מוז האָבן צוטרוי, ביט צעשטערן מער ווי געמוזט און אָפּדויערן אין די בעסטע באַדינגונגען זײַן חלק מעגליכן דויער.

אָט שרײַב איך ס'דאָזיקע. פֿאַר וואָס, צוליב וואָס, בפֿרט אין מײַנע יאָרן? אוי-וויי, ווער רייצט זיך עס מיטן מענטשליכן באַוווּסטזײַן, לאָזנדיק אים טראַכטן, אַן אומבאַהאָלפֿענער צו דעם אַלעמען? וועמענס פּערווערזע שפּיל איז עס? ווער דאַרף אומבאַדינגט וויסן דעם סוד פֿונעם אוניווערס מיטן קאָסמישן אַלץ, בפֿרט אַז די וויסנשאַפֿט דינט ס'רובֿ עפּעס מער צו קענען צעשטערן, מער עקספּלואַטירן זײַנס גלײַכן, מער זאַמלען פֿאַרמעגן וואָס מע קען ניט מיטנעמען אין קבֿר? פֿאַר וואָס אַזאַ ווילד משוגעת? ווי אַנטלויפֿט מען פֿון דעם אַלעמען? ווי אַזוי ניט זען דעם גילטיקן סימבאָל פֿון עץ-הדעת מיטן פֿאַרלירן דעם גן-עדן?

ווו נעמט מען עמיצן וואָס זאָל צונויפֿזאַמלען אַלע פּשוטע, לאָגישע אמתן, באַפֿרײַט פֿון אַלע פּסולתן, דאָגמעס, קאָמענטאַרן, ווי גאָלד באַפֿרײַט פֿון גרודעס, און אַרײַננעמען אין אַ קליין ספֿרל דאָס, וואָס קען ווײַזן די מענטשן אַ וועג צוריק צום שׂכל-הישר? ווער דאַרף אַזוי פֿיל ביבליאָטעקן מיט ליטעראַטור, אַזוי פֿיל פֿילאָזאָפֿן, אַזוי פֿיל וויסנשאַפֿטלער, אַזוי פֿיל אינטעלעקטואַליזם, אַזוי פֿיל קולטור, אַזוי פֿיל ציוויליזאַציע און – אַזוי פֿיל משוגעת, אַזוי פֿיל זעלבסטמאָרד, אַז מע נעמט אין אַכט אַז יעדעס דריטע בעט אין די שפּיטעלער איז פֿאַר אַ פּסיכיש קראַנקן, אַז פֿערציק טויזנט קינדער שטאַרבן יעדן טאָג פֿאַר הונגער, אַז אַפֿילו אין די רײַכסטע שטעט ווילדעווען פֿאַרברעכנס, הערשט נויט, און די יוגנט וואָס וואָלט געדאַרפֿט זײַן די קרוין פֿון באַשאַף, מוז אָנקומען צו דראָגן צו קענען געפֿינען אַ טרייסט אין זייער פֿאַרלוירנקייט, אָן שום אויסזיכט עפּעס זאָל זיך בעסערן?

~❀~

**אַ** קופּע ציגל וועט זיך קיין מאָל פֿון זיך אַליין ניט פֿאַרוואַנדלען אין אַ געבײַדע: ס'מוז זײַן אַן אַרכיטעקט, ס'מוזן זײַן הענט וואָס טוען עפּעס מיט זיי. מעג עס זײַן אַ בודע, אַ שטאַל, אַ טעאַטער צי אַ פּאַלאַץ, מוז עס האָבן פֿאָרויס אַ פּלאַן: ווער, וואָס, פֿאַר וואָס, פֿאַר וועמען, צוליב וואָס, ניט צו וויסן אַפֿילו דערווײַל – אָבער אַנדערש קען עס ניט לאָגיש זײַן.

דער נירוואַנאַ-אידעאַל איז ניט נאָר ס'ליגן פֿון אַ קופּע ציגל, לאָז זײַן כאָטש ווי אַ קערן ליים אין אַ ציגל, נאָר ס'זאָל חלילה קיינעם ניט אײַנפֿאַלן דערמיט עפּעס צו בויען, און אויב געבײַדע – איז צוריק ווערן קופּע ציגל. אַ דאָקטרינע פֿון סטאַטישער נישטיקייט, אָן טעם און אָן ריח, אין אַנטינאָמיע מיטן יִידישן יהי – ס'זאָל ווערן, אַפֿילו אַ יש-מאין, און אַ כּי-טובֿ ווי אַ לוין. ס'דאָזיקע קען זײַן גילטיק ניט נאָר פֿאַר אַ קערן ליים אין ציגל, צי פֿאַר אַ ציגל איידער ס'ווערט אַ געבײַדע, נאָר פֿאַרן גאַנצן קאָסמישן אַלץ. ס'מוז זיכער זײַן אַן אַרכיטעקט און ס'מוז זיכער זײַן עמיץ וואָס באַגערט אַז דאָס אַלץ זאָל געשען.

~❀~

**צו** קענען גיין, דאַרף מען האָבן פֿיס. צו קענען זען, דאַרף מען אויגן. צו עסן זופּ, דאַרף מען אַ לעפֿל. בכן, דאַרף מען האָבן מאַטעמאַטיק, לאָגיק און מאַרקסיזם צו קענען גילטיק פֿאָרשן אָדער פֿילאָזאָפֿירן. אָבער אַזוי גוט ווי פֿיס אַליין ווייסן ניט ווי מע גייט, אַן אויג קען נאָר קוקן ניט וויסנדיק וואָס מע וויל זען, און אַ לעפֿל האָט ניט קיין אַנונג ניט וועגן קוכער, ניט וועגן טעם פֿון דעם וואָס מען עסט – זענען מאַרקסיזם, מאַטעמאַטיק און לאָגיק ניט קיין וויסנשאַפֿטן, ניט קיין פֿילאָזאָפֿיעס, נאָר דאָס זענען מכשירים, אינסטרומענטן וואָס האָבן אַ שײַכות מיט דער קענטעניש פּראַגמאַטיש זיי צו מאַניפּולירן. פֿאַלט עס אַרײַן אין ערלעכע הענט, איז גוט און ווויל. ווען ניט, פֿעלשט מען און מע פֿאַרקריפּלט מיט דעמאַגאָגיע די רעזולטאַטן, און דאָס – תּמיד צוליב אינטערעסן. כ'רעד ניט פֿון קאַליקעס, בלינדע,

אימפּאָטענטע צי משוגעים, אָבער ס'רובֿ פֿאַלט עס אַרײַן צו עקזעגעטן, שאַמאַניזירטע גורוס, וואָס מאַניפּולירן דאָס אַלץ מיט טעאָריעס און לײדער אױך מיט פּראַקטישע אָנווענדונגען כּדי לײַט זאָלן זיך לאָזן פֿאַרטשאַקען, פֿאַרנאַרן, און ס'רובֿ איז עס ווי מיט אַ פּערוועזע, פּיפּיק-ראַפֿינירטע שפּין, וואָס לײגט אַרײַן אין אירע נעצן עפּעס צו רײצן דעם אַפּעטיט פֿון אַ צוקונפֿטיקן קרבן. יענער וויל אַ שמעק טון, און ווי באַלד אַ קאָנטאַקט – איז אויס! אַזוי פֿירן זיך די דראַגן-שווינדלערס מיט די קינדער. מע טײלט אומזיסט דראַגן און דערנאָך איז מען אַ פֿאַרלוירענער, מע מוז זײ קויפֿן און מ'איז פֿאַרשקלאַפֿט.

ווען לײַט זאָלן קענען פֿאַרשטײן און זען וויפֿל שפּין- און דראַג-סטראַטעגיע עס ליגט אין די רעליגיעס, אין די וויסנשאַפֿטן, אין די פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס מיט זײער קולטור, מיט זײער עסטעטיק און אַפֿילו מיט זײער עטיק, אין אַלע לאָזונגען וועגן דעמאָקראַטיע, ליבעראַליזם, גלײַכהײט, פֿרײַהײט און ברודערשאַפֿט כּלומרשטע; ווען זײ זאָלן גוט אַנאַליזירן דאָס אַלץ וואָס זײ הערן און לײענען, און אײַנזען די באַשײַמפּערליכע רעזולטאַטן וואָס ס'קומט דערפֿון אַרויס: די קלאַסן-פּריווילעגיעס מיטן קלאַסן-קאַמף, מיט די שטרײַקן, מיט די קריזיסן, מיט דער אַרבעטסלאָזיקײט, מיט דעם אונטערשײד צווישן פֿרעכער גבֿירישקײט פֿון אײן זײַט און איבלדיקער נויט פֿון דער צווײטער זײַט – וואָלט אפֿשר אין דעם פֿאַל עפּעס געקענט זיך ענדערן.

נאָר דערצו דאַרף מען זײַן בײַם קלאָרן שׂכל און ניט צוגעבן קײן פֿרומען **באָם** צו יעדן דעמאַגאָגישן **בים**. גוט איז אַז **פּראָגרעס** גראַמט זיך ניט מיט אַ פֿאַרקריפּלטן **מת**, נאָר מיט אַ גילטיק-באַגערטן **נס**. אַלץ זאָל קענען זײַן ווי געהעריק, מענטש זאָל ניט זײַן אומגליקליך, נאָר קענען האָבן אַן עקזיסטענץ וואָס זאָל באַרעכטיקן דעם כּי-טובֿ פֿון באַשאַף.

סאָציאַלע און עטנישע קאָנפֿליקטן זענען אַ חולאת ווי אַלע קרענק, אָבער געפֿערלעכער פֿון אַלע קאַנסערס, סידאַס און משוגעתן. מע טאָר ניט פֿאַרגעסן אַז די גאַנצע ביאָספֿערע איז אַ פּלאַנעטאַרע ענטיטעט; דער פּלאַנעט — עפּעס פֿון זונסיסטעם; די זונסיסטעם — פֿון אַ גאַלאַקציע; גאַלאַקציע — פֿון איך ווייס אַליין ניט וואָס.

אויב עפּעס אין אַ נוקלעאָן, אין אַ מאָלעקל צי אין אַ דריז פֿון אַ גוף איז ניט ווי געהעריק, שטעלט עס אין געפֿאַר די באַשעפֿעניש. קען מען זיך לײַכט פֿאָרשטעלן, אַז די אידיאָטישע לעבנס-שטייגערס פֿונעם חכם מענטש מישטיינס געזאָגט שטעלן אפֿשר אין געפֿאַר דעם אוניווערס. ס'איז אפֿשר ניט קיין אַבסורד, קיין פּאַראַדאָקס. אַ קערן ליים נאָך אַ קערן ליים אין אַ ציגל קרישלט זיך; אַ ציגל נאָך אַ ציגל אַפֿילו; אַ שטויבעלע גראַניט אין עפּעס שטאַרקערס פֿון אַ ציגל, און אומגעריכט איז אויס מיט דער געבײַדע. יעדער מענטש, יעדער באַוווסטזיניקער נאָרמאַלער דענקענדיקער מענטש, דאַרף טראַכטן דערפֿון.

אַלע מענטשן זענען ווי פֿאַרשיידענע פּלאַנצן אין זעלבן גאָרטן, יעדער מיט זײַן אַספּעקט, זײַנע אייגנאַרטיקייטן און ראָלעס, און פֿילן דאַרפֿן זיי זיך ווי די ציגל פֿון איין געבײַדע. דאָס האַלטן זיך אייביק מוז זיך מאַניפֿעסטירן מיט קרובֿהשאַפֿט-געפֿילן, מיט זיך העלפֿן, לערנען, ליב האָבן — אָן קיין שום מעגאַלאָמאַניעס און יחסנות. אַז לײַט וועלן דאָס דאָזיקע ענדליך באַגרײַפֿן, וועט מען אײַנזען אַז דער פּלאַנעט קען זײַן אַ וואָרער גן-עדן.

מע מוז אַבסאָלוט נעמען אין אַכט אַז אַ מענטש, ווי יעדע באַשעפֿעניש און יעדער עפּעס-אַנדערש, איז נאָר אַן עלעמענט אין דער ביאָספֿערע, און ס'מינדסטע גרעזל איז זײַן משפּחה. בכן, דאַרף מען זיך אָרגאַניזירן אַזוי, אַז אַלץ זאָל זײַן בסדר, אָן אַנאַרכישע מעשׂים, אָן גאַלאָפּירנדיקע דעמאָגראַפֿישע עקספּאַנסיעס, אָן צעשטערן עפּעס מער ווי געמוזט צו באַדאָרפֿן, צוליב סנאָביזם אָדער נאַרישע קאָמפּלעקסן. נעמען ווי אַ בײַשפּיל אַ טערמיטן-נעסט, אַ בינשטאָק, אַ מוראַשניק: זיי זענען מיט

מיליאָנען דורות עלטער פֿונעם מענטש; זייער אופֿן זײַן איז זיכער גילטיקער ווי אונדזערע סאָציאַלע רעזשימען מיט די קלאַסן-פּריווילעגיעס בײַם לעקישעוואַטן האָמאָ-סאַפּיענס.

ווער ווייסט צי די מעשׂים און מחשבֿות אַפֿילו פֿונעם נאַרישן מענטש זענען ניט אַ געפּאַר פֿאַרן פּלאַנעט, אפֿשר פֿאַרן זונסיסטעם צי פֿאַר אונדזער גאַנצער גאַלאַקציע? ווי גרויס איז אַ ווירוסל קעגן אַ מענטש צי אַ וואַלפֿיש? דאָך, קען עס גורם זײַן אומקום. ס׳וואָלט געווען גוט ווען לײַט זאָלן טראַכטן וועגן דעם. ס׳זעט טאַקע אויס נאַריש דאָס פֿאַרגלײַכן מענטשליכע אינטערעסן מיט גאַלאַקציעס און מיט קאָסמאָסן. מע מעג אָבער טראַכטן דווקא אַזוי, און אַפֿילו נאָך ווײַטער. צי איז דען גאָט אַליין ניט דער אוניווערס, נוסח שפּינאָזאַ, צי אַפֿילו אין דרויסן, אָבער אין סימביאָז מיט אים? ווער ווייסט, צי ניט אַכטונג טוענדיק וואָס און ווי אַזוי איך עס, אָדער טוענדיק עפּעס וואָס איז ניט גילטיק, שטעל איך ניט אַ מאָל אין געפֿאַר דעם רבונו-של-עולם?

פֿאַרשטייט זיך, פֿאַר אַזעלכע אַפּיקורסישע מחשבֿות ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ פֿײַערדיקע ריטער ס׳וואַרטן אויף מײַן ... . אָבער אַן אל-מלא-רחמים פֿאַרשטייט זיכער אַז כ׳טו עס לטובֿת דעם אוניווערסאַלן אַלץ, מיט אים בתוכם. בכן, וועל איך אפֿשר געניסן פֿון מילדערנדיקע אומשטאַנדן און מע וועט מיך פּיצקעווען מיט אַ ווייכן קאַנטשיק.

~❀~

פֿאַר וואָס די משוגענע אַמביציעס פֿון איין עטנישער גרופּע, דווקא אײַנצושלינגען אַ צווייטע? ניט נאָר אַזוי צווישן נאַציעס, נאָר פֿעלקער מיט פֿאַרשיידענע לאָקאַליזמען און אייגנאַרטיקייטן פֿירן זיך אויך אויף דעם זעלבן אופֿן.

דאָס זעלבע געשעט אויך בײַ ייִדן אין ישׂראל. ייִדן זענען תּמיד געווען צעטיילט אין פֿאַרשיידענע שבֿטים. הײַנט זענען פֿאַראַן ספֿרדים, אַשכּנזים, תּימנער, פֿאַלאַשן און נאָך אַנדערע. און אַפֿילו צווישן די אַשכּנזים גופֿא זענען תּמיד געווען און זענען נאָך הײַנט

פֿאַראַן ליטוואַקעס, פּוילישע, גאַליציאַנער, בעסאַראַבער. אַדרבא! וואָס מער בלומען אין אַ גאָרטן, וואָס מער אייגנאַרטיקייטן, וואָס מער פֿאָלקלאָר, אַפּילו מאכלים, טענץ, געזאַנגען!

ניטאָ קיין איין נאַציע — אַמעריקע, ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך, שווייץ, און ווער קען אויסרעכענען אַלע אַנדערע לענדער — וואָס זאָל ניט זײַן צונויפֿגעשטעלט פֿון פֿאַרשיידענע עטנישע גרופּעס מיט זייער אייגנאַרטיקייט, מיט זייערע מאכלים, קאָסטיומען, טענץ, מיט זייער אופֿן עקזיסטירן.

פֿאַר מיר זעט אָבער אויס קאָמיש דער באַגער פֿון די ספֿרדישע סאַברעס-סאַרדינקעס, צו וועלן אײַנשלינגען דעם אַשכּנזישן גײַסטיקן וואַלפֿיש.

~❁~

סורעאַליזם — אַ משוגעת, אַ פּרווידיאַנישע דאָקטרינע כּדי זיך צו באַפֿרײַען פֿון אַלע לאָגישע, ממילא האַרמאָנישע אימפּעראַטיוון, לאָזן גאַלאָפּירן די כאַאָטישע מחשבֿות ווי זיי מאַניפֿעסטירן זיך, אָן קיין שום באַרעכטיקטן קאָנטראָל. אַזאַ מין טעאָריע איז אַנטינאַטירליך, ווײַל ס'איז לײַכט צו זען, אַז אַלץ וואָס שאַפֿט זיך אין דער נאַטור איז סימעטריש, האַרמאָניש אין אַלע הינזיכטן, פֿון אַ בינשטאָק-קעמערל ביז מוזיקגאַמעס צי אַ בלימל. מחשבֿות זענען ציגל, ליים, שטיינער, פֿאַרבן, אָבער נאָר געבײַדעס, בילדער, סטאַטועס, מעלאָדיעס זענען גילטיק. דער מעשׂה-בראשית קומט טאַקע פֿון אַ כאַאָס, אָבער עס מוז זײַן אַ יהי פֿון אַ מײַסטער. באשר אַ פֿרויד איז דער גורו דערפֿון איז עס ניט קיין אַבסאָלוטע תּורה. סורעאַליזם איז אַן אַ-רעאַליזם. ער קען זײַן אַ סימפּטאָם פֿאַרן דיאַגנאָז פֿון אַ פּסיכיאַטער, אָבער ס'קען ניט זײַן קיין לעבנס-שטייגער פֿון כּולו-אַבסורד, אַזוי ווי לעטריזם איז ניט קיין ליטעראַטור, און פּאַטשקערײַ פֿון אַ משוגענעם אָדער פֿון אַ מאַלפּע קען מען ניט פֿאַרגלײַכן מיט אַ בילד פֿון אַ באָטיטשעלי צי אַ לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי. דאָס זעלבע איז גילטיק פֿאַרן דאַדאַיִזם און פֿאַרן עקספּרעסיאָניזם. דאָס אַלץ

זענען טעאָריעס וואָס מאַסקירן אָדער קאַליקע-קינסטלערס, אָדער פֿילע קאַריעריסטן וואָס ווילן זיך ניט אָדער קענען זיך ניט עפּעס אויסלערנען. דאָס איז קרעמערישע ווירטואָזיטעט, כּלומרשטע קונסט מישטיינס געזאָגט, קאַטערינקע-מוזיק אַנשטאָט מוזיק פֿון סאָליסטן מבֿינים אויף אַ מאָצאַרט צי אַ סטראַדיוואַריוס-טאַלאַנטעט. נאַרישע פּאַטשקערײַען פֿאַר נאַרישע קענערס מיט נאַרישע עקזעגעטן פֿון נאַרישע אַריוויסטן אין אַלע היגזיכטן: עקאָנאָמיש, עטיש און עסטעטיש. קאָמיש דאָס פּרוּוון אַרײַנטײַטשן מיט קאָמפּליצירטער גײַסטיקייט און בייזער מאָלערײַ מאָראַלישע, סימבאָלן אין צעקריצלטע שטיינער, צי פֿילאָזאָפֿישע מחשבֿות אין שטיקער קרום האָלץ צי דראָטן-פּלאָנטער. אַז אָך און וויי צו אַזאַ מין קולטורעלער ציוויליזאַציע!

~❀~

פֿאַר וואָס זאָל מען, איידער צי אין דער זעלבער צײַט ווי מע זוכט רפֿואות, ניט זוכן מיטלען ווי אַזוי צו מײַדן קרענק, צרות, פּײַן און אַנגסטן, און ס׳דאָזיקע – פֿיזיש, פּסיכיש, מאַטעריעל, סאָציאַל און בכלל אין אַלע הינזיכטן וואָס האָבן אַ שײַכות מיט עקזיסטענץ?

ס׳איז דאָך לײַכטער צו געפֿינען אַן אויסוועג גובֿר צו זײַן די צרות פֿון אַלקאָהאָל, טאַבאַק און אַ סך אַנדערע משוגעתן, און געפֿינען אַ מיטל פּטור צו ווערן פֿון די דאָזיקע גוטע זאַכן, דורך שאַפֿן אומשטאַנדן לײַט זאָלן ניט מוזן אָנקומען צום פֿאַרשיכּורן זיך אָדער פֿאַרטויבן מיט דראָגן.

~❀~

ווי אַזוי קען מען תּופֿס זײַן, אַז אַן אוניווערס מיט אַן וועונטועלן מײַסטער פֿון באַשאַף זאָל קענען טאָלערירן אַז אַן עפּעסל, אַ געפֿערליכער ווירוס בצורת מענטש, זאָל קענען צעשטערן אַ בײַאָספֿערע אויף אַ פּלאַנעט, מיט זיך זעלבסט, עגאָפֿאָביש, מיט אַזוי פֿיל אויסטערלישע מעשׂים און מחשבֿות, לעקישעוואַטע פֿירונגען, שלעכט צו זיך אַליין און צו אַלץ אַרום

זיך – און ניט רעאַגירן, נאָר גלײַכגילטיק צוזען ווי ס'קומט אַלץ האַסטיקער די ענדגילטיקע קאַטאַסטראָפֿע?

דאַרף מען זײַן אַן אַטעיִסט אָדער אײַנזען אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, אָבער ער איז אומבאַהאָלפֿן צי פֿערוועז און זוכט דעם אומקום פֿון מאָדנעם באַשעפֿענישל וואָס ווערט וואָס אַ מאָל מער נײַגעריק און אַלץ אויסטערלישער משוגע? זאָלן די קאָנווולסיעס פֿונעם מענטשן-מין זײַן פֿאַר אים אַ מין צירק-ספּעקטאַקל, און מיר, מעגאַלאָמאַנישע חכמים – גלאַדיאַטאָרן צי סתּם משוגעים וואָס ממיתן זיך איינס ס'אַנדערע אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים?

און ערגער נאָך: ער דערמעגליכט מע זאָל קענען טראַכטן ס'דאָזיקע. איז עס גערייצט זיך, געשטראָפֿט אָדער געחוזקט?

~❀~

אַריסטאָקראַטן זענען די, וואָס דערמעגליכן אַז לײַט זאָלן קענען זיך נערן: אַלע האָרעפּאַשניקעס וואָס טוען אַלץ כּדי מענטשן זאָלן קענען האָבן היימען; זיי שאַפֿן מיט זייער מי מעגליכן ווילזײַן, אַלץ וואָס מע דאַרף כּדי צו קענען עקזיסטירן אין אַלע אומשטאַנדן.

אַריסטאָקראַטקעס זענען די מוטערס וואָס געבוירן און נערן קינדער, און פֿאַרזאָרגן זיי צאַרט, מיט תּענוג פֿון משפּחה-לעבן, מיט ליבשאַפֿט.

אַריסטאָקראַטן זענען די, וואָס העלפֿן אין יסורים, וואָס היילן פֿיזיש און פּסיכיש קראַנקע צי שוואַכע.

אַריסטאָקראַטן זענען די, וואָס שאַפֿן ספּיריטועלע עקסטאַזן מיט עסטעטיק, מיט הומאָר, מוזיק, געזאַנג, טענץ, געאייניקטע מיט פֿרײַנדשאַפֿט און מיט קעגנזײַטיקער הילף און פֿאַרשטענדעניש.

פּאַראַזיטן זענען אַלע די וואָס ניצן אויס די אומבאַהאָלפֿנקייט, איגנאָראַנץ און נאַיִוויטעט פֿון לײַט צו עקספּלואַטירן דאָס אַלץ לטובֿת עגאָיִסטישע אינטערעסן, ס'רובֿ מיט אַראָגאַנץ, ציניזם אָדער היפּאָקריטיש, מיט כּלומרשט פֿרומע מינעס, וועלנדיק אָנגיין פֿאַר בעל-טובֿות, אינטעלעקטועלע יאַ-טעבע-דאַמס, פֿאַרן

אייבערשטן פֿון שטייסל.

פּאַראַזיטן זענען אויך די, וואָס ווילן זיך מאַכן פֿאַר יחסנים מיט טיראַניעס, אוזורפּאַטאָרישע רעזשימען, מיט טעראָר, דורך אָרגאַניזירטע סיסטעמען וואָס דערלאָזן ניט קיין שום ווידערשטאַנד, צי מיט דעמאַגאָגישע אַרגומענטן אויסצוניצן די באַזוּויטעט פֿון פּשוטע, ערליכע לײַט. אַזוינס איז אַ חרפּה פֿאַרן באָמען מענטש, בפֿרט אַז די דאָזיקע אַדללײַט פֿון די פֿינאַנצן, אינדוסטריעלע פֿירשטן צי בלוי-בלוטיקע פּרינצן, טראָגן דעם הולטײַעווען און נעמען צו הילף רעליגיעס; פֿילאָזאָפֿיעס, ספּאָרט צי כּלומרשטע קונסט-ספּעקטאַקלען מיט אַלע פּאַטריאָטיזמען און שאָוויניזמען – זענען ניט גליקלעכער פֿון די, וואָס זיי עקספּלואַטירן. זיי זענען אָפֿטער פֿיזיש און פּסיכיש פֿאַרקריפּלט, און סוף-כּל-סוף מוזן זיי אומקומען, ווערן באַגראָבן אין דער זעלבער ערד ווי אַלץ וואָס לעבט.

אַ קעניג, אַ גאַסן-קערער, אַ פּגר פֿון וואָס פֿאַר אַ באַשעפֿעניש ס׳זאָל ניט זײַן – דער סוף איז תּמיד דער זעלבער. די געפּוצטע קאַסטנס מיט די געצאַצקעטע מצבֿות ענדערן גאָרנישט. די זעלבע ווערעם, מיקראָבן און ווער ווייסט וואָס נאָך מאַכן ניט קיין אונטערשייד צווישן אַ צאַר אין זײַן פּאַלאַץ צי אַן אוכניעם-פּויער וואָס שלעפּט זײַן עקזיסטענץ מיט צרות, פּײַן און אַנגסט, אָדער אַפֿילו אַ שטשור וואָס פּגרט אין אַ רינשטאָק.

ווען לײַט וואָלטן פֿאַרשטאַנען דעם באַגריף פֿון דעם אַלעמען, וואָלטן זיי געננומען אַ משל בײַ די טערמיטן צי מוראַשקעס, וואָס זענען עלטער פֿונעם מענטשן-מין און האָבן זיכער שוין זינט לאַנג אַלץ בעסער פֿאַרשטאַנען, און דאַן וואָלט עקזיסטירן אויף אונדזער פּלאַנעט ניט געווען קיין אָפּקומעניש, נאָר אַ פּערמאַנענטער יום-טובֿ פֿאַר אַלעמען.

~❀~

געפֿונען אומגעריכט אין אַ בוך פֿון ד״ר וויקטאָר פֿאָשע די ווײַטערדיקע שורות: „האָט ניט צו מיר קיין טענות וואָס איך חזר איבער צו אָפֿט זי זעלבע עצות. איך טו עס באַוווסטזיניק; אויף אַ טשוואָק מוז מען קלאַפּן אַ סך מאָל ביז מע שלאָגט אים אַרײַן״. חוץ דעם, אין אַ בוך פֿון פּראָפֿעסאָר קורט טעפּערווײַן וועגן הינטערבאַוווסטזײַן, זאָגט ער אַז כּדי עפּעס זאָל ווערן אײַנגעקריצט אין זכּרון דאַרף מען עס איבערחזרן 21 מאָל אין 21 טעג! תּמיד ס׳אײגענע. פּראָפֿ׳ טעפּערווײַן איז דער פּרעזידענט פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַקאַדעמיע פֿאַר אינטערדיסציפּלינאַרער מעדיצין!

מײַן שרײַבן האָט גיכער צו טון מיט סאָציאַלער פּסיכאָ־סאָמאַטיק, און מײַנע אַרגומענטן וואָלטן געדאַרפֿט זײַן פֿאַר פּסיכאָפּאַטן. אויב מײַן ליטעראַטור, אין מײַן טעראַפּיע, איז ווי אַ פּלאַצעבאָ, ווי מע טוט אָפֿט אין שפּיטעלער, געבנדיק אַ העלפֿט קראַנקע אָנשטאָט אַ מעדיצין אַ פּשוט ביסל וואַסער, קען דער רעזולטאַט דאָך זײַן גוט, ווי ס׳געשעט קליניש — די צאָל געהײלטע איז אָפֿט די זעלבע. בכן זאָלן מײַנע שריפֿטן זײַן אַ פּלאַצעבאָ־ליטעראַטור, אַבי לײַט זאָלן ווערן געהײלט פֿון זײערע פֿיזישע, פּסיכישע, מאַטעריעלע און ספּיריטועלע צרות.

דעריבער איז ניט געשטוינט אויב איך קום תּמיד מיט די זעלבע טעמעס, די זעלבע טענות, די זעלבע אַרגומענטן, יאָ צי ניט געענדערט אין פֿאָרמען אָדער זין. וויפֿל מאָל דאַווענען פֿרומע לײַט און זאָגן ווידער און אָבער די זעלבע תּפֿילות?

~※~

„חזירים — לײַט פֿון אַלע פֿעלקער, זיך געאײניקט,<br>
פֿון אומעטום, מיט רעזשים שוואַרץ צי רויט;<br>
ס׳וויל עמיץ אונדזער וועלט זאָל זײַן גערײניקט:<br>
אויס מיט רינשטאָקן, מיט זומפּן, קויט!<br>
קומען, אויסגעטשוכעט, בײַע דורות<br>
מיט בעזעמער אין יונגע, שטאַרקע הענט —

פֿילאָזאָפֿיעס-בלאָף צי פֿרומע תּורות
טאָלערירן מער שוין ניט געקענט,
און ווילן וועלט באַפֿרײַט זאָל זײַן
פֿון טיראַניעס, שלעכטס און פּײַן!..."

אַזוי אַלאַרמירט מען לײַט,
געאַנט אַז אַ רעוואָלט זיך גרייט.
אָבער מיר, יוגנט, אויך געאײניקט,
מיט אילוזיעס מער ניט זײַן געבלענדט.
גענוג מיט שקר-אַנגסטן אונדז געפּײַניקט,
און ניט מער פֿאַרשקלאַפֿט בײַ קיינעם,
באַוווּסטזיניק אין איינעם,
מיט אונדזער ווילן וועט
צ'ריק אַ גן-עדן ווערן דער פּלאַנעט.

~❀~

אַז מע האַקט האָלץ, פֿאַלן שפּענער; אַז מע שאַפֿט אַ סטאַטוע – פֿאַלט לײם צי גראַניט ווי איבעריקס, פֿאַרלוירנס, לאיבוד. אַפֿילו אַז גאָט וויל איין פֿלאַנץ זאָל שפּראָצן, גייען לאיבוד אַזוי פֿיל זוימען! איין באַשעפֿעניש זאָל ווערן – גייען פֿאַרלוירן אַזוי פֿיל ספּערמאַטאָזאָ‌ידן: אין די מיליאַרדן! ווער ווייסט צי ס'איז ניט אַזוי מיט וועלטן, מיט אוניווערסן?...

ס'זאָל אַ מאָל קענען דערשײַנען אַ פֿולקומע וועלט –און שלימות איז קיין מאָל ניט ענדגילטיק!– ווער ווייסט וויפֿל מוזן אומקומען, זײַן אָפּפֿאַל, ווערן מיסט, שטויב, קאָסמישער קויט.

ערשט ווער ווייסט צי אונדזער פּלאַנעט איז שוין ניט אַ רויז אין קאָסמישן גאָרטן, און מיר, פּערוועזע לײַט, זענען עס די ווירוסן צי אינזעקטן וואָס צעשטערן איר פּראַכט; מיר – די ווערעם אין די פּירות, וואָס זענען גורם זייער פֿוילעניש? מיר פֿאַרוואַנדלען אַ גן-עדן אין אַ מיסטיקייט-גיהנום. מיסטיקייט? קויט, אומקום טויט –

מיסטיק, מיסטעריעס מיטן וואָרצל **מיסט**? מיסטיקט ניט דאָס אַלץ אפֿשר נײַע רויזן זאָלן קענען זיך אַנטפּלעקן? רייצט ניט דער עפּל

אַפּעטיטן כּדי זוים מיט קערן, ביט פֿאַרדיײַעטע, זאָלן קומען צוריק צו ערד, אין זייער באַגערטן, נויטווענדיקן עלעמענט?

ווי אויסטערליש, געהיים, מיט אַזוי פֿיל סודות די וועלט! עזאָטעריש דער באַשאַף! דערצו, נאָר קענען טראַכטן דערפֿון!

≈❀≈

**א**ין וואָס געפֿינט זיך אַ גאָרניט? ווי גרויס איז נישטיקייט? וואָס ווערט מיטן יחידישן צי אוניווערסאַלן „ביט-זײַן" נאָכן האָבן געוועזן? זינט ווען און ביז ווען קען דויערן אַן אייביקייט?

וואָס איז געווען צי האָט געקענט זײַן איידער ס'האָבן זיך מאַניפֿעסטירט נישטיקייטן, צײַט-און-אָרט-לאָזיקייטן, יש-מאַין?

פֿון וואַנען שטאַמט דער אַין?

געוועלטיקט עפּעס צי עמיצער מיט דעם אַלעמען פֿון אַ דרויסן, צי איז עס דערינען, ווי דער מענטש אין זיך? אויב אַ דרויסן – וואָס קען זײַן אַ דרויסן? אויב **עמיץ** צי **עפּעס** – וואָס, ווער קען עס זײַן? פֿאַר וואָס געשעט דאָס אַלץ?

ווי געפֿינט מען אַנעסטעזיעס, אַמנעזיעס און ספּיריטועלע דראָגן צו קענען מנוחהדיק שלאָפֿן, אָדער גיין שפּאַצירן אַן קאָפּ-דרייעניש?

≈❀≈

**וו**עלט, פּלאַנעט, אוניווערס, קאָסמאָס, ביז'אָספּעריע מיט אַלץ וואָס איז דערויף און דערין, באַוועגט זיך, נערט זיך, מערט זיך, קומט אויף און קומט אום, עוואָלויִרט, פֿאַרוואַנדלט זיך מיט צי אָן מוטאַציעס; בײַט אַספּעקטן, פֿאָרמען, קעמפֿט צו קענען עקזיסטירן מיט צי אָן סימביאָזן, אָסמאָזן און ציקלען אָדער סעזאָנען; דאָ מיט תּענוג, דאָ מיט קאַטאַסטראָפֿעס און יסורים, אאַז"וו א"וו.

נעמענדיק ווי אַ זיכערקייט צי אַ פּאָסטולאַט, אַז ס'איז דאָ אַן עמיץ צי אַן עפּעס וואָס געוועלטיקט אין דעם צי אויסער דעם, ווי אַזוי מע זאָל עס ניט רופֿן, רעליגיעז צי פֿרײַדענקעריש – מוז מען

דאָך טראַכטן: פֿאַר וואָס געשעט דאָס אַלץ? פֿאַר וואָס טוט מען ס׳דאָזיקע? איז מעגליך אַז אַלץ זאָל זײַן נאָר צופֿעליקייט? מיט פּערמאַנענטע ניסים? אָן שום פּלאַן? אָן שום ציל? פֿאַר וואָס-זשע איז מעגליך מאַטעמאַטיק? לאָגיק? לאַבאָראַטאָריש-זיכערע געזעצן? און פֿאַר וואָס קען מען טראַכטן פֿון דעם אַלעמען?

זאָל אַזאַ פֿענאָמען ווי דער אוניווערס זײַן נאָר צופֿאַל? שפּיל? נסיון? שטראָף צי לוין? קומען אויף רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס. מע זוכט תּירוצים זינט ווער ווייסט ווען און ווי אַזוי — און ס׳בלײַבט בשום אופֿן ניט פֿאַרענטפֿערט.

דאָס אַלץ רייצט ס׳געמיט. עפּעס אינעם באַוווּסטזײַן איז תּמיד רעוואָלטירט, וויל ניט, קען ניט זײַן ראַבאָטיזירט — אַן אינסטרומענט אַפֿילו אין געטערס הענט. ס׳העלפֿן ניט קיין רעליגיעס צי אַנדערע סיסטעמען וואָס זאָלן שענקען מנוחה אינעם פּערמאַנענטן פּראָטעסט. פֿאַר וואָס דער אייביקער אויפֿקום און אומקום? איז דאָס ניט אַלץ מיט קוואַנטישע פּעריאָדן, ווי עפּעס אַן אָטעמען פֿון אַ ריזיקייט? ווער ווייסט צי דער „ביג-באַנג" פֿונעם איצטיקן אוניווערס אין עקספּלאָזיע איז ניט אַן אָטעמען פֿון עפּעס צי עמיצן — מיטן זעלבן סיסטעם ווי פּלאַנק האָט עס באַוויזן פֿאַר אַלץ וואָס מאַניפֿעסטירט זיך.

פּלאַנק, אײַנשטיין, באָר, ענערגיע-שטראַלונגען, עלעקטראָן, פֿאָטאָן, אַטאָם, ליכט און ווער ווייסט וואָס נאָך אין דער פֿיזיק — אַלץ געשעט קוואַנטיש און פּעריאָדיש און, לויט הײַזענבערגן, מיט אומזיכערע אַקציעס, אַזוי מיקראָ- צי מאַקראָ-קאָסמיש און תּמיד. ווער ווייסט צי דאָס געשעט ניט אַזוי אויך גײַסטיק, פּסיכיש, ספּיריטועל?

אָבער ווי אַזוי קען זײַן גילטיק קוואַנטישע צופֿעליקייט מיט מאַטעמאַטיק און לאָגיק? העגעל, און אַלע פֿאַר אים און נאָך אים — מיט די מאַזדאַ צי טעזע-אַנטינאָמיעס? אַלץ איז תּמיד פּראָבאַביליטעט, אַזוי אין מעכאַניק ווי אין פּסיכיק? מע קען נאָר אורטיילן און מאַכן עווענטועלע אויספֿירונגען סטאַטיסטיש, אָבער ניט יחידיש?

מע קען ניט וויסן ניט די גרייס, ניט ס'אָרט ווו ס'געפֿינט זיך אַן עלעקטראָן אין מאָמענט ווען מע פֿאָרשט אים. אַזוי זאָל זײַן אויך מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען? דאָס זאָלן זײַן די רעזולטאַטן פֿון רעלאַטיוויזם און פֿון קוואַנטיזם? ווי אַזוי קענען אָבער צוויי און צוויי ניט זײַן פֿיר? ווי אַזוי קען ניט זײַן אָפֿן צי פֿאַרמאַכט אַ טיר?

אוי, מײַן קאָפּ! ווער צי וואָס וויל מיך ניט לאָזן צו רו מיט די אַלע פּראָבלעמען, און ניט דערלויבן מיר ניט צו לעבן, ניט צו שטאַרבן מיט אַ רויִק געמיט?

אוי, נאַרישע חווה און פֿאַרשאָלטענע שלאַנג! ערשט דער פֿערפֿידישער גאָט וואָס שטעלט אַרײַן אַן עץ-הדעת אין אַ גן-עדן! די זיידעס האָבן געגעסן זויערע פּירות, און ביז הײַנט זענען אונדזערע ציין הײַליק!

~❀~

גוף פֿילט דאָרנס שטאָך,
און דאָך,
מיט נשמה און מיט יעדן חוש
רויז, זע, דיך כ'קוש,
ווײַל זינט כ'לעב
מיט רויזן זײַן נאָר כ'שטרעב.

~❀~

בראַוואָ, באַנטשע שווײַג!

פּאָעטן, פֿילאָזאָפֿן, טעאָלאָגן, סאָציאָלאָגן און נאָך אַזעלכע **לאָגן** און **איסטן** מיט זייערע **איזמען**, דיאַלעקטיש, רעטאָריש-עלאָקווענט – אַלץ פֿאַנטאַסטיש-שיינע רייד, אָבער וועגן אילוזאָרישע גן-עדן-גליקן: מיראַזשן, וויזיעס, אידעאַלן, געבראָטענע טײַבעלעך אויף טעלערלעך פֿון הימל – אַבסטראַקטע זײַפֿן-בלאָזן, איריזירטע אינעם דמיון פֿאַר עווענטועלע ווירקלעכקייטן וואָס אָט-אָט קומען זיי אָן, זענען באַלד דאָ... אַ ביסל נאָר געליטן! אָנגעשטרענגט זיך, צוגעלייגט אַ

האַנט, אַ פּלייצע. נאָר אַ שלעפּ דעם יאָר! קוראַזש! העי, אוכניעס!

פּשוטע, נאַיִווע גוטע לײַט!... טאַקע פֿײַן, גוט. אָבער דו ביסט, באַנטשע, געוועכט: אַ סובסטאַנציעלע, ממשותדיקע בולקע, באַלד אין דער האַנט, וואָס מע קען פֿאַרזוכן און שטילן דעם הונגער...

≈❀≈

נו, באשר, אַז איך ווייס ניט פֿאַר וואָס איך טראַכט און פֿאַרשרײַב מײַנע מחשבֿות, ניט פֿאַר וועמען, זאָל איך לאָזן ליידיק מײַן זײַטל פּאַפּיר און גיין שפּאַצירן אָדער כאַפּן אַ דרימל? זיכער ניט. ווייס איך פֿאַר וואָס כ׳עטעם, כ׳נער זיך, און בכלל פֿאַר וואָס כ׳לעב צי כ׳וועל שטאַרבן?

פֿאַראַן אַן אוניווערסאַלער ווילן אַלץ זאָל זײַן און ווערן, מיט אַ באַגרענעצטן און דאָך מעגליכן אופֿן צו קענען עפּעס ענדערן און פֿאַרפֿולקומען, כאָטש תּמיד אין נסיון פֿון מוזן מאַכן אַן אויסוואַל צווישן גוטס און שלעכטס — און אַלץ וואָס איז, מיט מיר בתוכם, איז אַ פֿראַגמענט דערפֿון. בין איך ווי דער, וואָס מאַכט פֿון ליים ציגל, אָדער טראָגט ציגל צום בויער פֿון געבײַדעס. וועט עס זײַן אַ שטאַל צי אַ פּאַלאַץ? ווער איז דער אַרכיטעקט? ווער וועט וווינען דערין? ניט פֿאַר מײַנע השגות!

ערשט גיי ווייס צי כ׳בין ניט גאָר אַ קערנדל אינעם ליים וואָס אין עמיצנס הענט. מײַן פֿליכט איז זײַן און טון וואָס כ׳קען און מוז, ווי לאַנג נאָר געדויערט. ווען ניט — איז פֿריצײַטיקער אומקום מיט אַנגסט מײַן שטראָף.

≈❀≈

ווי אַ האַמער וואָס שלאָגט כסדר דעם טשוואָק, ער זאָל מוזן אַרײַן ווו באַגערט, זענען אָפֿט די מחשבֿות אין מײַנע שריפֿטן — ווידער און אָבער די זעלבע טעמע, די זעלבע אַרגומענטן: איין מאָל, צען מאָל, אַזוי נאָך אַנאַנד, כסדר, ניט טראַכטנדיק אַפֿילו אַז ס׳וועט אַזוי געטון.

ס׳איז אפֿשר ניט פּאַסיק פֿאַר לאָגיק, סטיל צי אַנדערע קריטערן,

אָבער ערשטנס, געדענק איך ס׳רובֿ ניט אַז כ׳האָב שוין אַזױנס געטראַכט און געשריבן. צװײטנס, אין מײַנע יאָרן איז יעדע רגע װיכטיק, און כ׳טאָר ניט פֿאַרלירן קײן צײַט מיט זוכן, פֿאַרגלײַכן, קאָרעגירן, ענדערן. װיכטיק איז: דאָס געזאָגטע זאָל װערן פֿאַרשטאַנען. מיר איז ליבער אָנצוגײן פֿאַר אַ בטלן, אַבי לײַט זאָלן װיסן װאָס אַזױנס כ׳טראַכט, זאָג און שרײַב.

כ׳האָב ניט בדעה צו זײַן אַ מחבר פֿון ליטעראַטור מיטן זוכן פּרעסטיזש אד״גל. כ׳װיל נאָר באַרעכטיקטע אַרגומענטן, גוט מאָטיװירטע, פֿאַר אַן אידעאַלער עקזיסטענץ.

≈❁≈

אלה תּולדות פֿאַר מעגאַלאָמאַנען,
נאָר פֿון ראַפֿינירטע לײַט פֿאַרשטאַנען:
„איך װעל קײן מאָל ניט טאָטאַל
פֿון דער װעלט מיט טױט פֿאַרשװינדן.
אין לײַטס נשמות מיט מײַן אידעאַל
האָב איך פֿונקען אָנגעצונדן,
און פֿונק מיט פֿונק צוזאַמען
זענען תּמיד גורם פֿלאַמען,
װאָס קײן שטורעם װעט ניט לעשן קענען –
געמױזעכצן מיט שׂריפֿות צו פֿאַרברענען;
אַ לײַכטטורעם, אַן עמוד-אש צו זײַן
פֿאַר יונג און אַלט אין װעג
צו אַ לאַנג געחלומטער עפּאָכע״.
סטײַטש? צו אַן עפּאָכע פֿירן װעגן?
װער קען אַזױנס פֿאַרשטײן?
נאַרישקײט, מע טאָר אַזױנס ניט פֿרעגן.
אַ מעגאַלאָמאַן קען זיך אָן לאָגיק אויך באַגײן.
ער דאַרף ניט אַרגומענטן – שטאָל און אײַזן
פֿון זײַנע רײד דעם אמת צו באַװײַזן.
מיט מחשבֿות פֿון אַזאַ פּאַרשױן
זענען פֿעלקער אין היפּנאָז;

בכן איז ווי באַגערט
זײַן מעטעמפּסיכאָז
איבעם המון,
און אים די אייביקייט געהערט.
נו, זאָל זיי ווויל באַקומען, און מיט מזל־ברכה
ווינטש איך זיי הצלחה.

~❀~

איך זע אַזוי פֿיל ביכער שטייען אַרום מיר, און קען ניט פֿאַרשטיין: צו וואָס אַזוי פֿיל שרײַבערס? פֿאַר וואָס צעשטערט אַזוי פֿילביימער פֿאַרוואַנדלטע אין פּאַפּיר? דער זין, די חכמה פֿאַר אַן איינציק־גילטיקער עקזיסטענץ – קען דאָך אַרײַן אויף איין צעטל פּאַפּיר: אָפּצודויערן טאָטאַל די מעגליכע לעבנסצײַט לאָגיש, ערליך, עטיש און עסטעטיש שיין; ניט פֿאַרתּכלעווען קיין רגע צײַט, ניט קיין שום מי, צוליב נאַרישע אַמביציעס, סנאָביזמען; ניט זײַן אַ פּאַראַזיט פֿאַר קיינעם; ניט צעשטערן די עקאָלאָגיע אַרום זיך, ניט אומברענגען מער ווי אַבסאָלוט געמוזט; ניט באַלעסטיקן ס׳געמיט מיט אומניצלעכע קענטעענישן צי געשיכטעס; ניט טאָלערירן קיין שום שלעכטס צי מיאוסקייט. ניט שקלאַף, ניט האַר, און געניסן פֿון אַלע מעגליכע פֿיזישע און פּסיכישע תּענוגים און קרעאַטיווע עקסטאַזן. ליב האָבן מוזיק, ליריק, הומאָר, טאַנץ, פֿאָלקלאָר, און תּמיד הערשן איבער זיך זעלבסט.

ווער דאַרף אַזוי פֿיל היסטאָריע וואָס איז ס׳רובֿ היסטעריע, מיט תּמיד געמיינע געשעענישן? ווער דאַרף אַזוי פֿיל גריבלעענישן אין תּמצית און אין אורזאַך צי דעטערמיניזם פֿון גאָט, וועלט, לעבן און טויט, וויסנדיק אַז ס׳איז אוממעגליך אין עקסטרעמיס עפּעס צו דערגיין דערפֿון? ווער דאַרף אַזוי פֿיל יאַכנע־נײַגיריקע ליטעראַטור מיט פֿרעמדע אַוואַנטורעס? ווער דאַרף אַזוי פֿיל טעאָלאָגיעס, טעאָגאָניעס, פֿילאָזאָפֿיעס, האָר־שפּאַלטענישן און כּלומרשטע קונסט?

לעבן פּשוט, ערליך, און ניט לאָזן זיך פֿאַרסמען גוף און נשמה מיט

זאָרגן און אַמביציעס, אויסער דעם וואָס איז אַבסאָלוט נויטווענדיק פֿאַרן געזונט און ווילזײַן. אַ מבול מיט קולטור, ציוויליזאַציע, פּראָגרעס! ווּ נעמט מען אַ תּיבֿה?

קוק איך אויף די פּאָליצעס מיט ביכער און טראַכט: הלמאַי קומען מיט נאָך אייגענע שריפֿטן, צולייגן נאָך עפּעס צו די ספֿרים, נאָך זאָגעכץ, דענקענײש און בענקענײש? און אָט איז צוגעקומען נאָך אַ זײַטל מחבריזם. אַ קאָמפּלעקס, די גראַפֿאָמאַניע!

~❀~

מיט דעם אַטעיִזם געשעט ווי מיט די אומפּאַרטיייִשע, וואָס שאַפֿן אַ פּאַרטיי פֿון זייערע לײַט. די וויסנשאַפֿט איז געוואָרן אַ רעליגיע; די פֿיזיק איז געוואָרן מעטאַפֿיזיש. פֿאַר וואָס נישט טראַכטן אַז רעליגיעס, וויסנשאַפֿטן, פֿילאָזאָפֿיעס, טעיִזם צי אַטעיִזם זענען אַלע נאָר אַספּעקטן פֿון זעלבן פֿענאָמען, וואָס מאַניפֿעסטירט זיך דורך פֿאַרשיידענע פּריזמען?

אין דעם דאָזיקן אוניווערסאַלן עפּעס ליגט מײַן באַגריף פֿון געטליכקייט, וואָס קען ניט זײַן סתּם נאָר אַן עלעמענט פֿון דער מענדעלעיעוו־ליסטע, אַן ענערגיע צי גאָר עפּעס וואָס האָט נאָך ניט קיין נאָמען, ווײַל מע קען ניט האָבן קיין שום אַנונג דערפֿון. צו דער דאָזיקער געטליכקייט, כאָטש אומבאַקאַנט, טו איך אָפּט תּפֿילה אָן קיינעמס הילף, עצות, טעמפּלען, טראַדיציעס, צערעמאָניעס, ריטואַלן צי טעאַטראַלע אָדער אַנדערע טראַגלאָדיטישע מאַכערײַקעס.

כ׳קען ניט פֿאַרשטיין די מעגאַלאָמאַניע פֿון לײַט, רעליגיעזע צי װעלטליך־וויסנשאַפֿטליכע, וואָס ווילן דווקא באַגרײַפֿן דעם אוניווערסאַלן אַלץ מיט זײַן ביאָגראַפֿיע און פּאַספּאָרט. פֿאַר וואָס ניט אײַנזען אַז דער מענטש איז אַ נישטיקער עפּעס, אַ פֿראַגמענט פֿון אַ ריזיקייט וואָס קען ניט אַרײַן אין זײַנע השגות, אינטויִציעס, פֿאַנטאַזיעס צי באַגערן? וואָס קען אַ שטויבעלע וויסן פֿון די הימאַלאַיאַס, אַ טראָפּן טוי פֿון אָקעאַנען?

איינס איז אַבסאָלוט זיכער: פֿאַראַן אַ רעאַליטעט, אַ ממשותדיקע,

וואָס מע קען זען און פֿילן מיט די חושים, און אַנדערע רעאַליטעטן וואָס מע קען זען אין חלום צי אין דמיון. פֿאַראַן אַבסאָלוטע געזעצן וואָס גילטן, אויסגעפּרוווטע לאַבאָראַטאָריש און אָבסערוואַטאָריש: פֿאַראַן אַ מאַטעמאַטיק, אַ לאָגיק וואָס קען רעכענען, וועגן און מעסטן, אָבער מיט דעם אַלעמען איז מען תּמיד אין וועג. ביז צו באַגרײַפֿן עקסטרעמען אין קיין שום הינזיכטן. מע ווייסט ניט פֿון וואַנען אַלץ קומט, פֿאַר וואָס ס'איז און וואָס ס'וועט זײַן דערמיט צי דערפֿון. לאָגיש קען מען קומען צום אויספֿיר אַז אַזאַ מין פֿענאָמען ווי קאָסמאָסן זענען אפֿשר שטויב; אומענדן און אייביקייטן – נישטיקייט צי פֿיקציעס.

אין עמיצנס אַ מחשבֿה קען ניט זײַן עפּעס סתּם צופֿעליקס. ס'מוז זײַן עמיץ צי עפּעס דערין, צי אין אַ דרויסן, וואָס וויל באַשטימט אַז דאָס, וואָס מוז, זאָל זײַן און ווערן, און דאָס – לויט גילטיקע פּלענער און באַגערן. לײַט ווילן עס רופֿן: געטליכקייט, אַנדערע – אַטעיִזם, סובסטאַנצן, מעכאַנישער פּאַנטעיִזם צי ווער ווייסט נאָך ווי אַזוי. אָבער פּרוּוון דאָס אַרײַנבעמען אין אַ רעליגיע צי אַן עקוואַציע איז קליינקעפּלדיק און נאַריש. זאָל עפּעס אונדזער פּלאַנעט זײַן פּריווילעגירט, און דער מענטש – אַ יחסן?

וואָס-זשע טון? טראַכטן לאָגיש און פּראַגמאַטיש. מיר זענען דאָ אויף אַ פּלאַנעט וואָס קען זײַן אַ גן-עדן, ווײַל מיר האָבן אַ פֿרײַען ווילן מיט אַ מעגליכקייט צו באַלעבאַטעווען אין דער בּיאָספֿערע מיט אַלע עלעמענטן וואָס מיר פֿאַרמאָגן אין אונדזער רשות. מע קען און מע מוז אויך טראַכטן: אַז אויב מיר זענען דאָ, איז עס באַגערט, און זיכער מיט פֿליכטן, אין אַ סיסטעם וואָס מיר קענען ניט תּופֿס זײַן.

בכן, איז געפֿאָלגט מיט צוטרוי, און געטון אונדזער פֿליכט מיט עטעמען, נערן זיך, לעבן און שטאַרבן אַפֿילו, אָבער דאָס אַלץ טון טאָטאַל, פֿולקום, אָן פֿאַרקריפּלונגען, אָן ווידערשטאַנד, און מע ווערט באַלוינט מיט תּענוגים, פֿרייד, גליק, עקסטאַזן און אָרגאַזמען אַפֿילו. טוט מען ניט אַזוי ווי באַגערט – ווערט מען געשטראָפֿט פֿיזיש און פּסיכיש מיט אַנגסטן, יסורים און פֿריצײַטיקן אומקום.

אַנשטאָט צו גריבלען זיך אין טעאָלאָגיעס, טעאָגאָניעס, ספּיריטועלע האָר-שפּאַלטענישן, בעסער און קודם מאַכן אַ לײַטישע אָרדענונג אין דער באַלעבאַטישקייט פֿון די היימען. ניט קריכן וויסנשאַפֿטליך אויף די גלײַכע ווענט, נאָר פּראָגראַמירן פּראַקטיש וואָס מע דאַרף צו קענען פֿירן אַ לײַטישע עקזיסטענץ. ניט פֿאַרתּכלעווען קיין צײַט און מי מיט נאַרישע, געפֿערלעכע צי סתּם אידיאָטישע סנאָביזמען. נעמען אין אַכט דעם מאַרקסיזם מיט זײַנע אַרגומענטן, און אײַנפֿירן רעזשימען אָן קלאַסן-פּריווילעגיעס, אָן קלאַסנקאַמף, אָן שום מעגליכע תּירוצים פֿאַר פּאַראַזיטיזמען. באַפֿרײַען ס׳געמיט פֿון אַלץ וואָס איז אַ נאַרישע לאַסט, מיט געשיכטעס, אַסטראָ-פֿיזיק, געפֿערליכע קאָמפּעטיציעס, אומניצליכע מאַכערײַקעס, דאָס אַלץ וואָס האָט ניט קיין שום ווערט פֿאַר אַ גילטיק אָרנטליך לעבן. מאַכן אַן אינווענטאַר פֿון דעם וואָס מע האָט; אײַנזען ווו זענען די ערטער פֿון פּלאַנעט וואָס זיי קענען גורם זײַן קאַטאַסטראָפֿעס, כּדי ניט צו שאַפֿן קיין ריזיקעס פֿאַר עקזיסטענץ; מײַדן דעמאָגראַפֿישע עקספּלאָזיעס, אַגרעסיווע עקספּאַנסיעס; אַלץ זאָל זײַן לאָגיש, עטיש און עסטעטיש, מיט ליבשאַפֿט, טאָלעראַנץ און אַבסאָלוטער ערליכקייט. און דעמאָלט קען מען – מוז מען זײַן רעליגיעז אָן דאָגמעס, אָן ריטואַלן, אָן טעמפּלען, אָן פּראָסעליטיזמען.

מע קען תּפֿילה טון צו דעם עמיץ, צו דעם עפּעס, ניט וויסנדיק ווער און וואָס ער איז, אָבער וויסנדיק אַז יעדע תּפֿילה איז קודם צו זיך זעלבסט, צום אייגענעם געוויסן. אויב ביסט זיך זעלבסט עפּעס ניט מוחל, מיט אויפֿריכטיקע מעשׂים, מחשבֿות און חרטה, וועט קיין שום גאָט דיר ניט מוחל זײַן די חטאָים. עס העלפֿן ניט קיין חניפֿה, קיין אויסקויפֿן זיך מיט כּאַבאַר-קרבנות. די אוניווערסאַלע געטליכקייט, וואָס איך רוף זי אויך „לעבן", וועט זיכער זיך ניט פֿאַרנעמען מיט דײַנע אינטערעסן, מיט דײַנע פֿירונגען, צו וויסן וואָס דו עסט, ווי אַזוי דו קליידסט זיך צי דו בוקסט זיך אָדער ניט. ס׳איז אַ קליינקעפּלדיקע לעסטערונג צו קומען מיט בעטן, מאָנען, פֿאָדערן הילף, טובֿות, לוין צי מחילות פֿאַר באַגאַנגענע געמיינקייטן צי אַמביציעזע באַגערן.

נאָר אַזוי איז מען באמת פֿרום און באַלױנט אויף דער וועלט מיט לעבנספֿרייד, מנוחה און אַן אומקום זאָט מיט תּענוגים, אָן פּײַן, אַנגסטן: ניט וואַרטנדיק אויף יענע-וועלטיקע גן-עדנס און תּחית-המתים-פֿיקציעס; זײַן באַשיידן און דאַנקען דעם באַשאַף פֿאַרן באַקומענעם דויער, זײַענדיק איבערגעצײַגט אַז, וואָס ס'זאָל ניט געשען, מוז עס זײַן מיט אַ פּי-טובֿ.

~❀~

ניט צו פֿאַרשטיין די גויִשע מענטאַליטעטן, מיט זייער טשעפּען זיך תּמיד צו ייִדן. אָט למשל – וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט אונדזער גוטער פֿרומער ייִד ישו מיטן קריסנטנטום, ווי עס ווערט פֿאַרשטאַנען פֿון די גויִים? די עוואַנגעליעס זענען דאָך מיטאָלאָגיעס געשאַפֿענע מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער נאָך זײַן אומקום. ער איז דאָך געווען אַ גוטער, פֿרומער ייִדישער אַנאַרכיסט נוסח טאָלסטאָי, אָן גרעפֿישע פּריווילעגיעס און אָן אַ רײַכער משפּחה, געקומען פֿון די ייִדישע איסיִיסטישע קיבוצים, ניט וועלנדיק טאָלערירן קיין קרעמערס אין טעמפּלען, אָבער זאָגנדיק אפֿשר: „גיט צעזאַרן, דעם אָקופּאַנט, וואָס אים קומט". האָט ער דאָך געלעבט ווי אַ גוטער ייִד, און איז אומגעקומען דורך די רוימער ווי עס קומען אום זינט תּמיד רעוואָלטירטע קעגן אָקופּאַנטן מיט זייערע קאָלאַבאָראַטאָרן.

די אַלע הימלישע און ערדישע ניסים, מיטן תּחית-המתים, זײַנען געבוירן ווערן דורכן גײַסט בײַ אַ מוטער פֿון קינדער וואָס ווערט פֿאָרט ווײַטער באַטראַכט ווי אַ בתולה, כאָטש זי איז געווען דאָס ווײַב פֿון אַ סטאָליער וואָס האָט געהאַט אַנדערע קינדער און האָט טאָלערירט ס'זאָל אַזוינס קענען געשען אין זײַן היים – האָט ניט קיין שום שײַכות מיט דעם, וואָס איז באמת געשען.

דער שרעקליכער פּאַראַדאָקס איז זייער – די גויִמס – אָנווענדונג פֿון די אייגענע עוואַנגעליעס, ווו יעזוסעס ליבשאַפֿט און מחילה איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין נקמה, רציחות, פֿאַרן ניט וועלן אײַנשטימען מיט די דאָגמעס פֿון משיחישן קומען, מיט זיך מקריבֿ

זײַן פֿאַר אַלע באַגאַנגענע און אַפֿילו צוקונפֿטיקע זינד פֿון יעדן איינעם.און אַזוי מיט אַנדערע פּאַגאַניזמען, ריטואַלן און קרעדאָס.

ווי אַזוי דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט פֿאַר ישוס משפּחה –ווײַל אַפֿילו אַלע אַפּאָסטאָלן זענען דאָך געווען ייִדן!– פֿילט דאָס ייִדישע פֿאָלק זינט טויזנטער יאָרן. ליבשאַפֿט איז פֿאַרוואַנדלט אין האַס, און מחילה – אין אינקוויזיציעס, קרײַצצוגן, רציחות, פּאָגראָמען אד״גל. דערצו זיך כּלומרשט צוגעאייגנט דעם לא-תרצח מיט אונדזער תּורה, וואָס זיי קענען בשום-אופֿן ניט פֿאַרדײַען. און גיי זײַ אַ חכם און פֿאַרשטיי עפּעס מיט ציוויליזירטע לײַט!

מיטן איסלאַם איז נאָך עפּעס אַנדערש. פֿאַר וואָס איז דער שטיין פֿון יצחקס עקידה געוואָרן אַ הייליקייט בײַ זיי? ווײַל אַבֿרהם איז דאָך טאַקע דער פֿאָטער פֿוןביידע ברידער, יצחק און ישמעאל. ערשט נעמענדיק אין אַכט ווי אַזוי ער האָט זיך געפֿירט מיט זײַן געליבטער, הגר, און מיט איר קינד, זײַן זון – איז ניטאָ מיט וואָס אים צו פֿאַרהייליקן. אָבער וואָס איז די שמחה מיט דער עקידה? איז דאָס אַ נקמה-סימבאָל פֿאַר האָבן פּריווילעגירט זײַן זון יצחקל, און דערנאָך געמוזט אים פֿירן צום הר-מוריה? פֿאַר וואָס זיך צוגעאייגנט די קבֿרים פֿון אַלע אָבֿות? וואָס פֿאַר אַ שײַכות מיט יעקבֿן און זײַנע קינדער ביז הײַנט האָבן די הײַנטיקע מוסולמענער, אַראַבער און אַנדערע? אַדאַפּטירט סײַ דעם חומש, סײַ די קריסטלעכע ווערסיעס פֿון ייִדישקייט, נאָר אַנשטאָט זיך צו פֿירן ווי געהעריק מיט עמיצן וואָס שטאַמט פֿונעם זעלבן פֿאָטער, קאָכט די יוכע מיט שׂנאה אין בלוט, און נאָר געמאָרדעט, פֿאַרפֿאָלגט, נישט טאָלערירט אַ צווייטנס גלויבן, ניט נעמענדיק אַפֿילו אין אַכט די סוראַס פֿון אייגענעם קאָראַן, וואָס הייסט נישט הייבן קיין שווערד קעגן עמיצן פֿון מאָנאָטעיִסטישע דאָקטרינעס. איז דאָוואָי די הייליקע דזשיהאַדס, און אַזוי ביז הײַנטיקן טאָג.

זענען טאַקע די סימבאָלן בײַ ייִדן אַ טאָפּלטער דרײַעק פֿון בויען, בײַ קריסטן – אַ מאַרטירער-קרייץ, בײַ די מוסולמענער – אַ יאַטאַגאַן-שווערד. ווי ס'זאָל ניט זײַן, זענען מיר, ייִדן, תּמיד

אויסגעשטעלט צו ווערן באַרויבט און געמאָרדעט פֿון אַלעמען, פֿיזיש, מאַטעריעל און גײַסטיק. אין נאָמען פֿון די זיך צוגעאייגנטע ייִדישע פּרינציפּן, האַסט מען און מע פֿאַרפֿאָלגט מיט רציחה די לײַט וואָס ווילן דווקא פֿאַרשפּרייטן מאָראַל, ליבשאַפֿט, פֿרײַהייט און גלייכהייט פֿאַר אַלע; וואָס האָבן ווי אַ סימבאָל אַז אַלע מענטשן שטאַמען פֿון זעלבן אָדמען, אָן יחסנות; אַז זאָלסט ליב האָבן דעם גר, מוזן באַפֿרײַען דעם שקלאַף, ניט קאָכן דאָס שעפּעלע אין דער מילך פֿון זײַן מוטער, ניט טון אַ צווייטן וואָס דו ווילסט ניט מע זאָל דיר טון, אָפּהיטן דעם שבת, מײַדן געצנדינסט און האָפֿן מיט די נבֿיאים אַז משיח וועט קומען און די שווערדן וועלן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַקעראײַזנס. נישט רעדנדיק שוין וועגן די לוחות, די יסודות פֿון יעדער סאָציאַלער עטיק.

~❀~

פֿאַר וואָס זאָל דער רבונו-של-עולם האָבן זיך צוגעטשעפּעט צום ייִדישן פֿאָלק, מיטן דווקא לייגן עס אויף דער עקידה מיט אַ מעסער אויפֿן האַלדז, ניט תּמיד זעענדיק אַ מלאכס האַנט; מיטן דווקא עקשנותדיקן באַגער ייִדן זאָלן צוריק פֿאַרוואַנדלען דעם פּלאַנעט אין אַ גן-עדן, רעליגיעז מיט משיחיזם צי וועלטלעך מיט סאָציאַליזם. איז ניט צו פֿאַרשטיין.

פֿאַנאַטיזם איז אָבער וואָרשיינליך אַן אוניווערסאַלער מגיפֿה-ווירוס, ווײַל ייִדן זענען ניט טאָטאַל פֿרײַ פֿון דעם אַנשיקעניש. און ווער ווייסט צי דאָס גילט ניט אין הימלען?

גוט וואָלט געווען ווען מיר ייִדן זאָלן פּטור ווערן פֿונעם אַתּה-בחרתּניזם מיט דער געטליכער מיסיע, ווײַל ס׳רובֿ איז עס פֿאַר אונדז ניט מיסיע, נאָר מיתה-משונה, און ווײַזט אויס אַז אויך די גויִים דאַרפֿן אַ שעיר-לעזאזל, אַ פּעמאַנענטן קרבן, מיט זייער דאָקטרינע פֿון אויסקויפֿן זיך פֿאַר געמיינע פֿירונגען, זינדיקע רעזשימען און סתּם חטאָים.

דערינען ליגט אפֿשר דער סוד פֿון ייִדישער עקזיסטענץ, וואָס לעבט איבער אַזוי פֿיל ריזיקע אימפּעריעס מיט טיראַנען: טיטוסן,

טאָרקוועמאַדעס, המנס, צארן, היטלערס, סטאַלינס, וואָס העלפֿן דעם רבונו-של-עולם מיט אונדזער נסיון. ס'איז אַ מין סעלעקציע, אַ לײַטערונג, אַ צענטריפֿוגאַלער עקספּערימענט. די וואָס קומען איבער, האַלטן אויס — זענען שטאַרקער, עקשנותדיקער, וויכטיקער. ס'איז אַ טראַגישע שפּיל, מיט מער שטראָף ווי לוין.

אפֿשר איז דער שמע-ישראל אַן אַלאַרם, אַ פּראָטעסט: הער, פֿאָלק ישראל, אונדזער גאָט איז איינציק — איינציק מיטן האָבן אונדז אויסדערוויילט צו זײַן דער אייביקער קרבן, האַלב געקוילעט, וואָס וואַרט אויף אַ נס פֿון אַ מלאכס האַנט, וואָס ליידער קומט ער נישט. אָבער דערווײַל ווערן מיר געהאַסט און פֿאַרפֿאָלגט תּמיד און אומעטום, טראָגן אונדזער ריזיקן בײַשטײַער אין אַלע אומשטאַנדן, אין אַלע היגזיכטן, צום אוניווערסאַלן ווילזײַן פֿון אַלע פֿעלקער.

≈❀≈

פֿרויד איז זיכער דער קעפּלער, דער גאַליליי, דער ניוטאָן, דער קאָפּערניק פֿונעם מעטאַפֿיזישן אינעם מענטש, צי אפֿשר אין אַלץ וואָס לעבט, וואָס איז צי קען זײַן. זיכער גילטן, ווירקן פּסיכישע געזעצן אַזוי גוט ווי פֿיזישע, און זענען גורם מחשבֿות, עמאָציעס און אויפֿגעצוווּנגענע מעשׂים פֿאַר חושים. אַזוי ווי אַלץ צוזאַמען איז געקניפּט און געבונדן, מוז מען דערגיין דעם סוד, דעם אופֿן פֿון דער פֿיזיק, פּסיכיק און עקאָנאָמיע אין שײַכות מיט זיי, און שאַפֿן אַ סינטעז וואָס זאָל זײַן אַ גילטיקער לעבנס-שטייגער פֿאַרן יחיד ווי פֿאַרן כּלל, אָן קאָנפֿליקטן, אָן קאָמפּלעקסן, אָן אַפּאַטיעס נוסח נירוואַנאַס, אָן פּעסימיזמען און אָן פּאַניק.

דער אוניווערס איז פֿול, קאָמפּאַקט מיט קאָנקרעטע צי כּלומרשט אַבסטראַקטע עפּעסן, מיט ווײַטע און נאָענטע קאָנטאַקטן פֿון אימפּולסן און ווירקונגען אין אַלץ און אויף אַלץ דערין. זיכער — אין פּערמאַנענטער שפּאַנונג, געררייצט צי געצערטלט, מיט תּענוג צי מיט אַנגסט. אָבער זיכער זענען גערעכט די אַסטראָלאָגן: די

לבנה ווירקט אויף אָקעאַנען; פֿאַר וואָס ניט אויף אַ טראָפּן טוי צי אויף דעם וואַסער אין אַ באַשעפֿעניש? אַ שטורעם אויף דער אייבערפֿלאַך פֿון דער זון שטערט ראַדיאָ-עמיסיעס; פֿאַר וואָס ניט דעם פּסיכיזם פֿון לײַט?

אין דעם אַלעמען מוז זײַן עפּעס אַ היפּער-קראַפֿט וואָס געפֿינט אַ מאָדוס וויוועגדי, אַ קאָמפּראָמיס צווישן די אַלע ענערגיעס, און נאָר אַזוי מײַדט מען אײַנשטייניזם, אַז אַלץ צוזאַמען זאָל ניט ווערן צוגעצויגן צו דער גרעסטער מאַסע, און אַ שטויבעלע צי אַ פֿלאַטערל זאָלן קענען שוועבן טראָץ מאַגנעטיזמען און אַלע גראַוויטאַציעס.

אַלץ איז רעלאַטיוו אַ סאַטעליט בײַ עפּעס גרעסערס, און קען דאָך פֿרײַ זיך באַוועגן אין זײַן אָרביט-געפֿענגעניש. ווער קען אויף זיכער אָפּלייקענען אַז, אַזוי גוט ווי אַטאָמען זענען מיני-אוניווערסן אין אַלץ וואָס איז, איז אונדזער גאַנצער קאָסמישער אַלץ נישט מער ווי אַן אַטאָם אין די אומבאַגרײַפֿטע דימענסיעס?

בעסער וואָלט געווען, ווען דער חכם מענטש זאָל איבערלאָזן די דאָזיקע פּראָבלעמען פֿאַר גאָט צי געטער, און יוצא זײַן מיט זײַן מעגליכער עקזיסטענץ. דאָס דראַפּען זיך אויף די גלײַכע וויסנשאַפֿטליכע, פֿילאָזאָפֿישע צי רעליגיעזע ווענט וועט גורם זײַן אַז ער וועט זיך ברעכן האַלדז און נאַקן און אומקומען אין אַ משוגעים-הויז, טראָץ זײַנע מאָראַלישע צוואַנגיאַקעס.

~※~

פֿאָנעמען זענען נאָטן פֿאַר לשונות. אַ „דאָ" קען האָבן אַ קלאַנג, אָבער ער קען זײַן מינאָריש צי מאַיאָריש, קען זײַן קורץ צי לאַנג, קען זײַן פֿראַגמענטירט אָדער געפּאָרט אין אַ סטרוקטור פֿון אָקטאַוון. מיט פֿאָנעמען קען מען טאָן דאָס זעלבע, און אַזוי קען שפּראַך ווערן מוזיק.

~※~

לעבן איז אַ לאַבירינט, זיך אײַנרעדנדיק אַז מ׳איז אין אַ דרויסן. דאָס איז דער גורל פֿאַרן מענטשן מיט זײַנע וויסנשאַפֿטן, זײַנע פֿילאָזאָפֿיעס, זײַנע רעליגיעס און בכלל אַלע זײַנע השׂגות. דער לאַבירינט קען זײַן פֿון קאָסמישע דימענסיעס, אָבער יעדער לאַבירינט איז טראַגלאָדיטיש.

אוממעגליך איז צו געפֿינען אַ וועג צו אַ טיר אָדער אַ טויער, אָדער אַפֿילו אַ פֿענצטער, און מינאָטאַורוסן טשאַטעווען אומעטום. וווּ געפֿינט מען דעם גאָלדענעם פֿאָדעם, וואָס מע זאָל לאָזן הינטער זיך כּדי צו געפֿינען אַן אויסוועג אַרויסצובאַקומען זיך צוריק דערפֿון? דאָס קען זײַן דער פּשוטער, לאַגישער שׂכל־הישר.

≈❁≈

ווער קען מיט זיכערקייט באַווײַזן אַז אונדזער גאַנצער אוניווערס איז ניט אַ מין איי, געוואַרעמט פֿון אַ געטליכקייט, און אויספּיקן דערפֿון וועט זיך אַ מאָל — וואָס? אַ פֿעניקס? אַ שלאַנג? און אפֿשר גאָר אַ גאָט, אַן אומבאַגרײַפֿטער עפּעס, וואָס אַ מענטש איז ניט מסוגל זיך פֿאָרצושטעלן? וואָס אַזוינס זענען דימענסיעס און דורות פֿאַר אומענדן און אייביקייטן? וואַרעמט זיך עפּעס אין קאָסמאָס אַן איי — אַן אייביקייט? קען זײַן, פֿאַר עמיצן איז עס אַ ווײַלע. דער פֿאַרגלײַך מיט אַן איי איז זיכער גילטיק. איז דען נישט אַלץ, אַפֿילו אין אָרביטן, אָוואַליש?

≈❁≈

מיר זענען תּמיד אין אַ מיטן, אין אַ צווישן. מענטשליכע השׂגות קענען בשום אופֿן ניט באַגרײַפֿן עפּעס זאָל ניט זײַן געציילט צי געמאָסטן מיט אַ טאָטאַליטעט, אַ סך־הכּל. ס׳איז תּמיד פֿראַגמענטאַריש. מעג אַ פּראַקציע האָבן קאָסמישע דימענסיעס, אַזוי מיט אָרט, מיט צאָל און מיט דויער. דאָס קען זײַן גילטיק אין ביידע ריכטונגען גרייס: גרויס און קליין. ס׳קען ניט זײַן עפּעס גרויס וואָס זאָל ניט אַרײַנגענומען ווערן אין נאָך גרעסערס, און ס׳קען ניט זײַן עפּעס קליינס, וואָס מע זאָל ניט צעטיילן ביז פֿאַרשווינדן.

אָבער דאָס וואָס מע קען תּופֿס זײַן איז געגוג, מע זאָל קענען אָפּלעבן אונדזער חלק צײַט אין די בעסטע באַדינגונגען. ניט פֿאַראַן קיין אַסטראָפֿיזיקער מיט קיין אַסטראָנאָמען און טעלעסקאָפּן בײַ מיקראָבן, פֿליגן צי העלפֿאַנדן אָדער וואַלפֿישן; ווער רעדט שוין בײַ בינען, מוראַשקעס צי טערמיטן, וואָס זענען זיכער אַ סך קליגער און פּראַגמאַטישער ווי דער חכם מענטש.

~❁~

אַזוי פֿיל זוימען, ספּערמאַטאָזאָידן מוזן גיין לאיבוד איין פֿלאַנץ, איין באַשעפֿעניש זאָל קענען זיך אַנטפּלעקן! אַזוי פֿיל אויסגעפּיקטע קראָקאָדילעכלעך און אַזוי פֿיל שנאָבלען טשאַטעוועט אויף זייער מינדסטן ריר, און זיי מוזן זײַן אין אײַלעניש זיך צו קענען ראַטעווען! וויפֿל עופֿהלעך אין די נעסטן, מיט אָפֿענע פּיסקלעך, וואַרטן אויף מוטערליכע שנאָבלען מיט שפּײַז, און וויפֿל גיריקע שפּאַרבערס און אַנדערע רויב-מחבלים כאַפּן זיי אויף, ווײַל זיי דאַרפֿן נערן אויך זייער קליינוואַרג! ערשט די פֿישעלעך אַנטקעגן די העכט אין טײַכן! די הײַפֿיש ים-טיגערישע אין אָקעאַנען, וועלף מיט שאָף, און וואָס ניט!?

אָבער מענטש מיט מענטש איז נאָך ערגער. יענע באַשעפֿענישן מוזן אָנקומען צו מערדערײַ כּדי זיך צו נערן. קיין שום באַשעפֿעניש וועט ניט אײַנפֿאַלן צו עקספּלואַטירן עמיצן פֿון זײַן מין און לעבן ווי אַ פּאַראַזיט אויף אַ צווייטנס חשבון. חוץ דעם, האָט דער מענטש אויסגעטראַכט געיעג, פֿישפֿאַנג, אָקסן-קאַמפּן און סתּם פֿאַרשיידענע כּלומרשטע ספּאָרטן, ספּעקטאַקלען מיט אַרענעס ווו לעבעדיקע באַשעפֿענישן ווערן פֿאַרתּכלעוועט אומזיסט און אומנישט.

ווו איז די געטליכע ליבשאַפֿט צום אייגענעם באַשאַף? ווו איז יושר, רעכט צו לעבן? פֿאַר וואָס אַזאַ מאָרד-וואַקכאַנאַליע צווישן אַלץ וואָס לעבט? און מינעראַלן? קריסטאַלן? וואָס האָט הידראָגען צום אָקסיגען אָדער העליום? וואָס וויל זשאַווער פֿון אײַזן? וואָס זוכן שטראַלונגען מיט זייערע

עקספּאַנסיעס? וואָס שלעפּן מאַגנעטיזמען, ציִען צו זיך מיט מאַסעגרייס? פֿאַר וואָס האַלטן זונען געפֿאַנגען סאַטעליטן אין אויפֿגעצווונגענע אָרביטן? אוי, ווי איז אונדז, אַפֿילו מיטן קענען טראַכטן נאָר דערפֿון. אָבער אַ מענטש איז פֿריַ דאָס צו קענען באַוויַזן.

דער אויספֿיר איז טרויעריק. אַפֿילו געטליכקייט מוז אָנקומען צו סעלעקציע מיט צופֿעליקייטן, פּראָבאַביליטעטן. גורל מוז אָנקומען צו עמיצנס אומקום. ס'מוזן זיַן פּרעדאַטאָרן וואָס זענען גורם פּחד, אַנגסט, יסורים. עמיצנס ווילזיַן, לעבן און תּענוג מוז זיך נערן מיט אַ צווייטנס פּיַן און טויט. אָבער טיגערס צי מיַז פֿרעסן זיך ניט צווישן זיך, אויסער לייבן, וואָס פֿרעסן אויף אַ מאָל זייער אייגן קליינוואַרג. אַפֿילו ווירוסן, מיקראָבן, אַטאַקירן אַנדערע, אָבער דער מענטש איז אַן אויסטערליש באַשעפֿעניש. ער איז ניט נאָר פּאַראַזיט פֿאַר זיַנס גליַכן, נאָר ער איז גורם זיַן אייגענעם אומקום, און ערגער נאָך: ער באַגייט זעלבסטמאָרד.

נעכטן האָב איך געלייענט אַ בוך וועגן אַסטראָנאָמיע און אַסטראָפֿיזיק, און ניט געקענט שלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט. דאָס דאָזיקע – צוליב אַ סך סיבות. קודם ווער איך געוואָר, אַז אונדזער פּלאַנעט דרייט זיך וואָס אַ מאָל לאַנגזאַמער, און יעדע הונדערט מיליאָן יאָר פֿאַרלירט זיַן ראָטאַציע אַ טאָג מיט 17,51 סעקונדעס, און אַז אין 5200 מיליאָן פּשוטע אָדער ליכט-יאָר אַרום וועט ער זיך אין גאַנצן אָפּשטעלן. אויס מיט טאָג און נאַכט, אויס מיט סעזאָנען. די היץ צי די קעלט, כ'געדענק ניט אַקוראַט, וועט זיַן אַזוי גרויס, אַז ס'וועט ניט זיַן מעגליך קיין שום עקזיסטענץ פֿאַר אַ באַשעפֿעניש צי אַ פֿלאַנץ.

טראַכט איך מיט פּחד: טאָמער וועט אין אַ פֿינף מיליאַרד יאָרן אַרום אויף אונדזער פּלאַנעט ניט זיַן קיין מעגליך לעבן, בליַב איך געפּלעפּט און פֿאַרצווייפֿלט. לוינט זיך די מי צו פֿאַרעפֿנטליכן מיַנע שריפֿטליכע מיַסטערווערק, אָדער אויסשטעלן מיַנע

בילדער? ווער ווייסט דעמאָלט זיי לייענען אָדער באַטראַכטן? וואָרשיינליך האָבן לײַט שוין אינטויִטיוו דערפֿילט ס'דאָזיקע אומגליק, וואָס טשאַטעוועט אויף אונדז. זיי פֿרעגן זיך **שוין איצט** ניט ווו מע קען זיך פֿאַרשאַפֿן מײַנע ביכער. ווי איך זע, איז זיינט תּמיד באַרעכטיקט מײַן סקעפּטיציזם אין שײַכות מיט דער וויסנשאַפֿט און דער פֿילאָזאָפֿיע. ניטאָ קיין מזל! פּונקט מיר דאַרף קומען אונטער דער האַנט אַרײַן אַזאַ מין בור!

מײַן ווײַב פּרוּווט מיך טרייסטן, אַז ביז וואָס-ווען קען מען נאָך עפּעס אויפֿטון און געניסן פֿון דער וועלט אַפֿילו אַזוי ווי זי איז, מיט אירע לעקישעוואַטע רעזשימען און צעחושטע לײַט, אָבער ס'העלפֿן מיר ניט אירע רייד, און אַפֿילו די רעקאָמענדאַציעס פֿון דאָקטאָר קוע, מיט זײַנע אויטאָסוגעסטיעס. כ'זאָג: אויטאָסוגעסטיעס. דאָס הייסט ניט סוגעסטיעס אין אַן אויטאָמאָביל, נאָר מיט אינזיכיסטישע אײַנרעדענישן. תּמיד איז מיר שוין אַזוי באַשערט – זאָרגעניש און אַנגסט.

וואָס זאָגט איר? פֿינף מיליאַרד יאָר איז נאָך אַ שפּאָר ביסל דויער? האָט איר אַ טעות! כ'לעבן, אַז איך זע ווי ס'לויפֿן אַדורך די טעג, די וואָכן און די יאָרן אַפֿילו!... אָט געווען אַ מאָרגן, און שוין – אַ נעכטן! געפּרוּווט אָפּשטעלן דעם זייגער – אַן רעזולטאַט. דער אימפּעט, דאָס אײַלעניש פֿון דער צײַט, איז אויסערגעוויינטלעך. אַ נס וואָס פֿאַראַן שלאָפֿלאָזע נעכט, ווען ס'דאַכט זיך אַז ס'האַמעוועט אַ ביסל דאָס לויפֿעניש. פֿאַראַן משוגעים וואָס נודיען זיך מיט זייער דויער, זוכן צײַטפֿאַרטרײַב, ווי געוואָרפֿן דאָס גרעסטע פֿאַרמעגן וואָס מע קען האָבן דורך די טירן און פֿענצטער! איז עס ניט אַן אידיאָטישער אַבסורד?

וואָס זאָגט איר? כ'זאָל זען אַ פּסיכיאַטער וואָס וועט געפֿינען אַן ענטפֿער פֿאַר מײַנע זאָרגן? כ'וועל נאָך אַ מאָל זיך נעמען אַ לייען טון העגעלן מיט זײַן אידעאַליזם, און ער וועט מיר געבן אַ פּאַליאַטיוו-סינטעזע. כ'זאָל ניט אָנגיין פֿאַר אַ משוגענעם.

פֿע-נאָ-מע-נאָ-לאָ-גיע. איז עס ניט עפּעס פֿון דער שפיל, וואָס קען הייסן: פֿאָנעמענאָלאָגיע? אַבסטראַקטיק מיט אַ סך דיאַלעקטיק און וויסנשאַפֿטליך-פֿילאָזאָפֿישע עפּיטעטן וואָס נעמען אַ פּשוטן מענטש און מאַכן אים פֿאַר אַ פּיש-פּיש-פּיש, אַקאַדעמיש געגרינצט, מיט אַ שווערד און אַ שיינעם הוט אויפֿן געלערנטן קאָפּ. ס׳קען זײַן אַזוי מיט היסטאָריע, וואָס איז געשיכטלעכע היסטעריע, און מיט נאָר אַ סך **איזמען**, **לאָגיעס**, און זייערע **איסטן** און **לאָגן**. וואָס קען מען ניט באַווײַזן צו טון מיט אַ גריכישן לאָגאָס. ס׳קען אויך הייסן: אַ „פּרעפּיקסן-שפּיל”. פּרעפּיקסן — דאָס דערמאָנט פֿוקסן. זיי זענען ממזריש קלוג... צו מאַכן קאַריערעס.

ס׳איז גוט, ס׳איז נויטווענדיק אַ מאָל שטורמיש אַ טרייסל צו טון אַ בוים. איך וואָלט גערן געוואָלט זײַן דער ווינט, וואָס קען עס באַווײַזן. ניט דאָס מערבֿ-ווינטל וואָס גלעט און צערטלט, נאָר דער אמתדיקער ווינט, וואָס קען אַרונטעררײַסן אַ דאַר ווי אַ פֿעדערל, איבערקערן וועגענער און לײַט, מאַכן פֿונעם שטויב אַ דריידלזײַל ביז כמאַרעס, צעטראָגן סטויגענעס היי, קלאַפּן מיט לאָדנס ווי מיט געבונדענע פֿליגל און מאַכן הוידען כוואַליעס אין אַ טאָבן; אַ טרייסל טון אַ דעמב אַזוי, אַז וואָרצלען זאָלן אַ ציטער טון. אַ ווינט אַן אמתער, וואָס חוזקט פֿון זעפּירן איידעלע. אָט אַזאַ מין ווינט ווילט זיך מיר זײַן, און אַ טרייסל טון די ביימער וואָס איך האָב ליב. יאָ, פֿון אַלץ וואָס פֿויל און האַלט זיך קוים — באַפֿרײַען מײַן באַליבטן בוים. ס׳איז אַ געזונטע ליבשאַפֿט, וואָס היילט און טרייסט, באַפֿרײַט פֿון פֿוילע צווײַגן, פֿאַרוועלקטע בלעטער און ווערעמדיקע פּירות. דאָס אַלץ טוט וויי אַ מאָל, אָבער ליב זענען מיר דער וואַלד, דער גאָרטן מיט זייערע ביימער.

פֿאַר וואָס זאָל דער פּראָגרעס פֿון דער טעכניק זײַן תּמיד נאָר לטובֿת די קאַפּיטאַליסטישע אינטערעסן, און גורם זײַן אַרבעטסלאָזיקייט פֿאַרן רובֿ פּשוטע האָרעפּאַשניקעס אַרבעטער? ס׳רובֿ עולם-גולם צאָלט שטײַערן. מיט די שטײַערן שאַפֿט מען אוניווערסיטעטן, מע בילדעט אינזשעניערן. יענע שאַפֿן מאַשינען, ראָבאָטן, און דאָס פּראָפֿיטירט תּמיד די פֿאַבריקאַנטן, וואָס דאַרפֿן ווייניקער אַרבעטסהענט. אַזוי אַרום שאַפֿן לײַט די ריטער, מיט וועלכע זיי ווערן אַליין געשמיסן. אויב פּראָגרעס – פֿאַר וואָס ניט לטובֿת אַלעמען, צו פֿאַרלײַכטערן מי און האָבן מער ווילזײַן און פֿרײַע צײַט? טאַקע. אָבער וואָס-זשע וועלן טון די בערזעס מיט די בענק?

~❀~

מע קען ניט פֿאַרגלײַכן קרישטאָלן מיט פֿלאַנצן צי באַשעפֿענישן, ווי עפּעס אַ פּרימיטיוון פֿענאָמען פֿון לעבן. קרישטאָלן עוואָלוצירן ניט, קענען זיך ניט מערן און פֿרוכפּערן, האָבן תּמיד נאָר איין אײנציקן אַספּעקט. נעמט הונדערט גראַם וואַסער, מעג עס זיך קריסטאַליזירן אין אײַז און צוריק ווערן וואַסער, וועט דערצו ניט צוקומען אַפֿילו אַ מינדסטער גראַם. בשעת פֿלאַנצן און באַשעפֿענישן נערן זיך מיט עלעמענטן פֿון זייערע סבֿיבֿות און זענען מסוגל צו עקספּאַנסיעס, פּראָליפֿיקאַציעס און אַפֿילו צו מוטאַציעס מיט אַנדערע.

אפֿשר איז לעבן אויך באַגרענעצט אין מעגליכקייטן ווי דאָס זענען די קריסטאַליזאַציעס. ווער קען עס וויסן וואָס קען געשען אין אַ ווײַטערדיקער עוואָלוציע פֿונעם אוניווערס?

~❀~

דער כּלומרשט קלוגער האָמאָ-סאַפּיענס איז פֿיזיש און פּסיכיש פֿאַרקריפּלט: אַ וואָרער משוגענער, און איז אַ סכּנה פֿאַר אייגענער עקזיסטענץ ווי אַ געפֿערליכער אַנאַרכישער ווירוס פֿאַר דער גאַנצער ביָאָספֿערע פֿון פּלאַנעט.

דער מינדסטער שפּראָץ, ס׳מינדסטע בלימל, דער מינדסטער ווירוס און ביז צו די גרעסטע באַשעפֿענישן, זעבען האַרמאָניש געבויט, האַרמאָניש געצירט. געזען ווי ס׳זעט אויס אַ ווירוס פֿון סידאַ? אַ קאָלירט זומער-פֿייגעלע, אַ רויז! אַ מינדסט באַשעפֿענישל אין די אָפּגרונטן פֿון ים, צי די פֿאָרם פֿון אַ הײַפֿיש — אַלץ איז סימעטריש, לאָגיש געבויט, מיט אַ לאָגיש-צוגעפּאַסטן לעבנס-שטייגער, יעדער לויט זײַן מין.

נאָר דער מענטש, שוין טאָטאַל צעחושט, שאַפֿט כּלומרשטע קונסטן, מאָראַלן, עקזיסטענץ-רעזשימען — טאָטאַלע אַבסורדן אין אַבסאָלוט אַלע היבזיכטן: די פּיקאַסאָס-פּאָרטרעטן, די קאַקאָפֿאָנישע מוזיק, ווי דער קלאַסן-קאַמף, ווי דער לעטריזם פֿון דער צאַרא-ליטעראַטור, זײַנע רעליגיעס און פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, מיט די מאָרד-מכשירים וואָס זעבען גורם מיתה-משונהס, ביז דערגרייכן מיט ענטוזיאַזם צו דעם נוקלעאַרן פֿעסטיוואַל פֿון אוניווערסאַלן אומקום, מיטן פֿאַרוואַנדלען דעם פּלאַנעט אין אַ ראַדיאָאַקטיוון לבֿנה-מדבר. דער מענטש, אַ פֿאַרזעעניש וואָס צעשטערט אַלץ וואָס ער באַרירט מיט זײַנע מעגאַלאָמאַנישע פּאַראַנאָיאַ-קאָמפּלעקסן, איז אַן אומגליק פֿאַרן באַשאַף, און ס׳איז ביט צו באַגרײַפֿן ווי אַזוי אַ געטליכקייט —רופֿט עס ווי איר ווילט— האָט טאָלערירט ביז איצט ס׳זאָל אַזוינס זיך קענען מאַניפֿעסטירן.

אפֿשר וועט געשען אַ נס און אַ יוגנט וועט זיך אויסטשוכען די כּמעט שוין בלינדע שליפּיעס, און אַ געשריי טון: „גענוג, געמיינע לײַט! אַרויס פֿון אונדזער גאָרטן! דאָריפֿאָרן! באַפֿרײַט פֿון אײַערע ציוויליזאַציעס און קולטורן, לאָמיר ווי די פֿלאַטערלעך אַרויס פֿון כריזאַלידן, פֿאַרוואַנדלען צוריק אין אַ גן-עדן דעם וווּנדער-שיינעם בלויען סאַטעליט פֿון דער שטראַלנדיקער זון, וואָס האָט ביט קיין שום אַנובג וואָס ס׳קען אַזוינס זײַן חושך און קעלט. תּענוגדיק לעבן ווערן זאָל סינאָנים פֿון אונדזער דויער אויף דער וועלט!"

ביטאָ קיין שום אויסוועג, קיין שום תּירוץ. מע מוז זײַן רעליגיעז. רעליגיעז אָבער ניט פֿאַנאַטיש. אָן קיין שום ריטואַלן, צערעמאָניעס, טעמפּלען, אָן די גאָטס סטראַפּטשעס, קלעריקאַליזמען, אָסטראַציזמען, מיט מענטליך-מיצוות, מחילה-שנאָרעניש פֿאַר באַגאַנגענע געמיינהייטן.

קיין שום וויסנשאַפֿט, קיין שום פֿילאָזאָפֿיע וועלן קיין מאָל ניט באַווײַזן צו וויסן וואָס, ווער, ווי אַזוי, פֿאַר וואָס אאַז״וו איז אַלץ אינעם באַשאַף. וואָס אַזוינס איז לעבן? וואָס אַזוינס איז טויט? וואָס זענען אַלע פֿענאָמענען, אַספּעקטן, ענערגיעס, עסענצן, סובסטאַנצן און ווער ווייסט וואָס נאָך פֿאַר אַ דינאַמישע עפּעסן מיט זייערע עוואָלוציעס אין אונדז און אַרום אונדז? די אַלע זאַכן זענען פֿאַרהוילן, טראָץ דעם וואָס מיר קענען זיי אַ ביסל מאַניפּולירן און אויסניצן פּראַקטיש צי טעאָרעטיש זייערע ווירטועלע עקזיסטענצן, זייערע געזעצן און מוטועלע סימביאָזן צי אָסמאָזן. טראָץ זײַן גאַנצער חכמה וועט דער מענטש קיין מאָל ניט גרייכן די מדרגה פֿון קענטעניש וואָס ס׳באַווײַזט אַן אַטאָם, אַ ספּין, אַן עלעקטראָן, אַ פֿאָטאָן אָדער אַ קעמערל אין אַן אָרגאַניזם צי אין אַ גרעזל.

וואָס-זשע טון? אײַנזען אַז מ׳איז אַקטיוו אַפֿילו מיטן בלויזן עטעמען און בערן זיך, אין אַ געשעעניש וואָס איז וועלט, מיט אירע געזעצן און עוואָלוציעס. טעיִסטן, אַטעיִסטן, מאָנאָטעיִסטן, פּאָליטעיִסטן, גאָט צי ווי מע וויל אים אָנרופֿן — קיינער קען ניט לייקענען אַז אַלץ ווערט געוועלטיקט מיט אַ סדר, אַ פּלאַן.

פֿאַראַן אַ בײַאָספֿערע אויף אונדזער פּלאַנעט; מיר זענען דערין, מיטן זעלבן גורל ווי אַלץ וואָס לעבט. בכן מוז עס זײַן מיט די זעלבע פֿליכטן. מיר האָבן די מעגליכקייט און די אייגנשאַפֿטן צו קענען הערשן אויף אונדזער פּלאַנעט — איז אַדרבא, אויסגעניצט דאָס אַלץ צו קענען עקזיסטירן אין די בעסטע באַדינגונגען, מיטן טאָטאַלן דויער, ניט וויסנדיק אַפֿילו וועמען צו דאַנקען: דעם צי דאָס וואָס דערמעגליכט מיר זאָלן קענען זײַן, געניסן פֿון אַזוי פֿיל מעגליכע תּענוגים, אָרגאַזמען, עקסטאַזן אין אָן אַ שיעור אַספּעקטן.

דאָס מוז זײַן אונדזער רעליגיע. ניט זײַן געזונט, ניט זײַן שיין און גוט, נאָר געמיין, שלעכט, פּערווערז, היפּאָקריטיש, עגאָיִסטיש, אַגרעסיוו, מעגאַלאָמאַניש, פּטרן די עקזיסטענץ מיט אידיאָטישע מעשׂים און מחשבֿות, סנאָבישע אַמביציעס, פּירונגען וואָס צעשטערן אומבייטיק די עקאָלאָגישע אָרדענונג אַרום זיך, און אומקומען פּריציײַטיק — דאָס זענען די זינד וואָס לעסטערן מענטש און געטליכקייט.

איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל פֿעסטגעשטעלט די גילטיקייט פֿון אַזאַ לעבנס-שטייגער מיט אַדעקוואַטע רעזשימען און סיסטעמען, דאַרף מען ניט קיין תּמיד נײַע פֿילאָזאָפֿיעס, רעליגיעס, סעקטעס, טעאָגאָניעס און אויסטערלישע פֿאָרשונגען, מיטן קריכן אין די קוים געאַנטע ספֿערעס מיט אַסטראָפֿיזיק, ראַדיאָ-טעלעסקאָפּן, אַטאָם-שפּאַלטונגען און מאַטעמאַטישע עקוואַציעס, טעאָרעמען, פּאַראַלאַקסן און נאָר אַזעלכע אַקאַדעמיזמען, מיט תּירוצים צו פֿאַרתּכלעווען מי, צײַט און פֿאַרמעגן, ס׳רובֿ לטובֿת אינטערעסן אָדער אַגרעסיווע באַגערן, צי פּשוט מיט אַמביציעס צו זײַן אינטעלעקטועלע ספּעצן אין דענקעניש, בענקעניש, אַבי צו קענען מאַכן אַ לײַכט לעבן ניט טוענדיק פֿיזיש קיין פֿינגער אין וואַסער, אָדער טון עפּעס לײַטיסש, ווי אַלע אַנדערע, כּדי צו פֿאַרזיכערן ס׳אייגענע און דאָס סאָציאַלע ווילזײַן.

אַזוי פֿאַרשטיי איך זײַן רעליגיעז, פֿרום, אָרנטלעך און קאָרעקט, לטובֿת זיך און דעם כּלל. ס׳איבעריקע איז ליטעראַטור אָן שום ווערט.

~❁~

פֿילאָזאָפֿיע, מאַטעמאַטיק, זענען מעטאָדעס צו מעסטן, פֿאַרגלײַכן, ציילן, וועגן, אַנאַליזירן און מאַכן אַן אויספֿיר, ווי אַ רעזולטאַט פֿון זייערע פֿאָרשונגען. די פֿאַרשיידענע פֿילאָזאָפֿיעס זענען פֿאַרשיידענע סיסטעמען, אָבער תּמיד אין שײַכות מיט דעם, וואָס דאַרף צי מוז ווערן געפֿאָרשט. מע קען ווי הוסערל דאָס בעמען פֿאַר אַ וויסנשאַפֿט, אָבער אין דעם פֿאַל קען מען יעדן

פֿענאָמען בעמען פֿאַר אַ וויסנשאַפֿט: עסן, שלאָפֿן, שטיין און גיין, שפּיַיען אַפֿילו. זאָל דאָס הייסן פֿענאָמענאָלאָגיע, אָדער שלאָפֿאָלאָגיע?

כ׳ווייס ניט פֿאַר וואָס זינט העגעלן ווערן אַלע דאָקטאָרינעס, פֿילאָזאָפֿיעס און באַוועגונגען באַטראַכט ווי זיי וואָלטן געשטאַמט פֿון זיַינע טעאָריעס: עקזיסטענציאַליזם, פֿענאָמענאָלאָגיע, סאָציאַליזם מיטן מאַרקסיזם נוסח מאַרקס, ענגעלס, צי לענין, טראָצקי, סטאַלין און מאַאָ-טסע-טונג אַפֿילו; סטרוקטוראַליזם, פּסיכאָאַנאַליזם, אַפֿילו לינגוויסטיק מיט עטנאָלאָגיע — אַלץ, אַלץ איז העגעליאַניש. געשטאַנען אויף די פּיס, אויפֿן קאָפּ, אידעאַליזם, פּראַגמאַטיזם, עוואָלוציאָניזם און ווער ווייסט וויפֿל נאָך **איזמען** מיט זייערע **איסטן**, מיט צי אָן אַ **נעאָ** — געהעגעלט אויף טיש און אויף בענק. יעדן איז דאָך אַלץ פּשוט: אויב פֿאַראַן אַ יאָ-טעזע, מוז זיַין אַ ניין, מיט אַ קאָמפּראָמיס פֿון סינטעזע. עפּעס איז מען אַ דיַיטש מיט פּאָזיטיוויזם און פּראַקטישע סיסטעמען, צי ניט?

אַ שאָד אפֿשר וואָס מיַין טאַטע האָט מיך ניט געקענט שיקן אין אוניווערסיטעטן אַנשטאָט אין פֿאַבריקן. איך וואָלט אפֿשר געווען אַ לייַטישער קענער אין די אַלע פֿילאָזאָפֿישע דאָקטאָרינעס. נאָר ס׳קען זיַין אַז ס׳איז בעסער אַזוי, וויַיל מיר זעט עס אויס ווי פּלאַפּלעריַי מיט פּילפּוליזם, ווי געשטויסן וואַסער. כ׳פֿאַרשטיי ניט ווי אַזוי ס׳קענען זיַין אַזוי פֿיל טעאָריעס, אַקסיאָמעס, סענטענצן און כּלומרשטע אמתן, ווען ס׳וואָלט געדאַרפֿט גענוג זיַין מיטן פּשוטן שכל-הישר: לאָגיק, ערליכקייט און אַ נאָרמאַלער, פּראַקטישער אופֿן לעבן, אָן היפּאָקריזיעס, עטיש און עסטעטיש. קודם-כּל מוז זיַין אַ ביסל אָרדענונג אין דער היים און געזיכערט מיט אַלץ וואָס איז נויטווענדיק צו קענען פֿירן אַ לייַטישע עקזיסטענץ.

אַנשטאָט דעם גריבלט מען זיך אין אסטראָפֿיזיק, אין נוקלעאַרישע שפּאַלטונגען, אין פּסיכאָאַנאַליטישע ספּיריטועלע פֿאָרשונגען וואָס זענען אָן שום ווערט פֿאַרן ווירטועלן ווילזיַין. פֿאַרקערט: דאָס

פֿירט צו קאַטאַסטראָפֿעס עקאָנאָמיש, צו משוגעת – פּסיכיש. זענען דען קאַנט און ניטשע, חוץ אַ סך אַנדערע וואָס כ׳געדענק ניט זייערע נעמען, ניט אַראָפּ פֿון קלאָרן זינען? זענען דען סאָציאַלע רעזשימען, שוואַרצע צי כּלומרשט רויטע, ניט גורם טעראָר, אַגרעסיעס, צרות און אַנגסט, מיט אַ דאַמאָקלעס-געפֿאַר פֿון אומקום פֿאַר דער גאַנצער ביאָספֿערע דורך אַ נוקלעאַרע קאַטאַסטראָפֿע-מלחמה? אַ שאָד וואָס ס׳איז נישטאָ ווו צו אַנטלויפֿן פֿון די ציוויליזאַציעס, עוואָלוציעס, עפּיסטעמאָלאָגיעס, סציענטיזמען מיט זייערע אינפֿאָרמאַטיק, קיבערנעטיק און סתּם אויסטערלישע פּסיכאָפּאַטיעס.

~❀~

גאָט, נאַטור, מענטשן – געוואַלד, ראַטעוועט! ציוויליזאַציעס באַלאַגערן אונדז! קולטור רינגלט אונדז אַרום! נאָך אַ ביסל פּראָגרעס און מיר קומען אַלע אום ווי משוגענע הינט!

~❀~

ווי אַזוי פֿאַרשטיין און תּופֿס זײַן אַז די כּלומרשטע מענטשהייט, וואָס געפֿינט זיך אין קעגנוואַרט פֿון אַזוי פֿיל פּראָבלעמען ווי גאָט, וועלט, לעבן, טויט; וואָס האָט אין איר רשות אַזוי פֿיל עלעמענטן און מעגליכקייטן אַלץ צוזאַמען זאָל קענען עקזיסטירן מנוחהדיק און באַקוועם, זאָל דווקא זײַן משוגע און זיך אַליין שאַפֿן אַזוי פֿיל קאָנפֿליקטן, צרות, נויט, פּײַן און פּריצײַטיקן אומקום? זאָל דאָס דאָזיקע משוגעת מוזן דווקא תּמיד דויערן? זאָל זיך קיין מאָל ניט אַנטפּלעקן קיין אָנפֿאַנג פֿון אַ שׂכל-הישר, פֿון פּשוטער לאָגיק? מוז דער כּלומרשטער האָמאָ-סאַפּיענס פּגרן צעחושט אין קאָלעקטיווע קאָנוווּלסיעס, קריזיסן און זעלבסטמאָרד-קאָמפּלעקסן, יחידיש און קאָלעקטיוו?

~❀~

װען איך װאָלט געהאַט גענוג מוט און געדולד צו טראַכטן אַ ביסל מיט װײניקער אימפּעט און צו שרײַבן אַ ביסל געלאַסענער, װאָלט איך געקענט האָבן רײנע זײַטלעך, ביט פֿאַרפּאַטשקעטע, אױסגעבעסערטע, פֿאַרריכטע, און כ'װאָלט מיר אײַנגעבערענגט אַ סך מי און זאָרג.

אַזױ זאָגט די לאָגיק. זי רײצט און דענערװירט מיך מיט אירע אַרגומענטן. װאָס זאָל איך טון, אַז כ'בין פּשוט באַפֿאַלן װי פֿון הײשעריקן מיט עטלעכע טעמעס און מחשבֿות גלײַכצײַטיק?

דער זכּרון איז װי לױפֿעדיק װאַסער: ער האַלט גאָרניט אױף לענגער װי אַ װײַלע. איך האָב מורא עפּעס צו פֿאַרגעסן. אַזױ װי דאָס זײַטל זעט אױס לײַטיש, קען איך האָפֿן אַז אפֿשר, אפֿשר... כ'װעל פּרוװן, יעדנפֿאַלס.

דאָס דאָזיקע האָב איך פֿאַרצײכנט דעם 13טן מײַ 1962. הײַנט, דעם 10טן נאָװעמבער 1987, זעט עס מיר אױס װי אַן אילוזיע. כ'װעל שױן קײן לײַט קײן מאָל ניט זײַן. יעדעס מאָל, װען ס'קומט מיר אונטער דער האַנט, זוך איך עפּעס אױסצובעסערן, צוצוגעבן, אַראָפּנעמען. װאָרשײַנליך װעלן די אַלע פּאַפּירלעך פֿאַרװאַנדלט װערן אין מיסט, און די גאַנצע מי װעט זײַן לבֿטלה, אָן שום װערט.

~

אָט אַזױ שרײַבט אַ שרײַבער,
נאָך אַנאַנד שרײַבט נאָך און נאָך.
מיט טאַלאַנט — אַ בערן-טרײַבער;
האָפּט אױף נאָבעל-פּרײַז דאָך.
ער שרײַבט כּסדר, װאָך נאָך װאָך;
פֿון שם-טובֿס בײגל האָט נאָך ס'לאָך.

~

װי הערץ, דער פֿילאָזאָף האָט עס שױן באַמערקט, זענען די פֿאָרמולעס אין מאַטעמאַטיק, פֿאַר זיך זעלבסט, אַן אױסערגעװײנטלעכע געהײמעניש, טראָגן אין זיך דעם סוד פֿון

געוואַלדיקע באַגריפֿן, און כאַטש זיי שטעלן מיט זיך אויסערלעך פֿאַר בלויז ציפֿערן, אותיות, סימנים, סימבאָלן, אַנטהאַלטן זיי אפֿשר אויך דעם מעטאַפֿיזישן סוד פֿון נשמות און –פֿאַר וואָס ניט?– פֿון גאָט זעלבסט.

דאָס וואָרט האָט אויך דעם מעגליכן כּוח, אָבער ס'איז ווייניקער מעטאַפֿיזיש. אין מאַטעמאַטיק, זענען די צאָלן און עקוואַציעס ווי קאַלטע גזלנים, שטעלן פֿעסט מיט אַ שטאָלענער לאָגיק, און עס העלפֿן ניט קיין שום סענטימענטאַלע אַרגומענטן: 2 און 2 איז 4; אַ פֿיגור איז אַזוי און אַזוי, און אַלץ לאָגאַריטמיש שיין און זיכער.

אויב גאָט כּבֿיכול איז אַ מאַטעמאַטיקער, זענען מיר אַלע פֿאַרלוירן. ליידער, זעט עס אַזוי אויס צו זײַן, ווײַל בלויז פֿון אַסטראָנאָמישן צי פֿיזישן שטאַנדפּונקט, זעט מען דאָר, אַז זיי, די וויסנשאַפֿטלער, זענען אויפֿן וואָרן וועג. גלוסט זיך אַזוי צו האָפֿן אַז ס'איז פֿאַראַן עפּעס אַ ניצוץ פּאָעזיע אין די דאָזיקע האַרטע עלעמענטן אָן הערצער, מיט בלויז ראָבאָטיזירטע מוחות! לויטן פֿאַרגעפֿיל, נעמט אָן אַ שוידער ווען מע טראַכט וואָס פּאָעזיע קען ווערן אויב די מאַטעמאַטיק זאָל זיך נעמען צו איר. זעט נאָר וואָס זי טוט מיט די צאַרטסטע טענער פֿון מוזיק. געפּאַלמעסט מאָצאַרטן צי מײַן מאַמעס וויגליד, צעטרייבערט דעם דאָ-רע-מי מיטן לאַ אין אַזוי פֿיל פֿראַגמענטן ווי עס טוען עס די קאַקאָפֿאָנישע כּלומרשטע קאָמפּאָזיטאָרן.

מאַטעמאַטישע ציפֿערן זעען אויס ווי די פּלאַקאַטן וואָס האָבן אין זיך ביטראָגליצערין צי נאָך אַזעלכע אומשולדיקע פֿליסיקייטן. זיי שטייען רויִק אויף דער פּאָליצע, אָבער קענען אויפֿרײַסן אַ וועלט, חרובֿ מאַכן סך-הכּלען פֿון מיליאָנען לעבנס. אותיות, ווערטער, רייד זענען דאָך איידעלער, און אפֿשר שרעקליכער. ציפֿערן קענען זיך טועה זײַן, אָבער ווערטער שאַפֿן צווייפֿל, אייפֿערזוכט, פּחד און גליק אויך. ווערטער קען מען מורמלען, שעפּטשען; מע קען רופֿן, מע קען שרײַען. זיי פֿאַרטראָגן אינטאָנאַציעס און קענען אויך זײַן ליריש, צאַרט, בשעת ציפֿערן אין מאַטעמאַטיק קענען ניט קיין שום סענטימענטן. תּמיד 2 מאָל 2 איז 4, 10 מאָל 10 איז 100

און אַזוי ווײַטער.

ווערטער קענען זײַן חסידיש; מאַטעמאַטיק איז תּמיד מתנגדיש.

≈❀≈

תּמיד די זעלבע ליד
נאָר מיט אַ נײַעם ניגון.
פֿון אַזאַ געזאַנג שוין מיד;
בעסער, לײַט, געשוויגן.
גענומען אַלטע פּאָסטולאַטן און אָן שאַנד,
יאָ צי ניט מיט נעאָס פּערמאַנענטע,
געשלייערט מיט דיאַלעקטיק, אַנדערש נאָר אַנאַנד –
ס׳איז תּמיד דאָך די זעלבע יענטע.
אַזוי, מיט דענקערישע ספּעצן
ווי מיט פֿילאָזאָפֿן נײַע
און מיט אינטעלעקטועלע געצן
סנאָבן זענען זיך מחיה.

≈❀≈

ריטם איז אָרדענונג אין צײַט. סימעטריע איז אָרדענונג אין אָרט. ווי אַ לײַטישע באַלעבאָסטע, מוז אַ מענטש תּמיד האָבן אונטער דער האַנט אַ לאָגישן בעזעם, ס׳זאָלן זיך נישט וואַלגערן שמאָדער־אָנגעוואָרפֿענע עפּעסן אָן אַ סדר, ס׳געמיט זאָל ניט מוזן ברעכן האַלדז־און־נאַקן.

וואָס פֿאַר אַ נאָמען מע זאָל נישט געפֿינען פֿאַר קאַקאָפֿאָנישער מוזיק, אויסטערלישע פֿאָרמען און אַספּעקטן פֿאַר כּלומרשט מאָדערנער עסטעטיק, איז עס תּמיד פּסיכאָפּאַטישער סנאָביזם, אָן קיין שום אויסנאַם. אַ געזונט האַרץ שלאָגט זײַן קאַדענץ אין ברוסט רויִק צי עמאָטיוו, אָבער תּמיד ריטמיש, מיט זײַן קאַדענץ, ווי עס באַווײַזט אַן עלעקטראָקאַרדיאָגראַמע: האַסטיקער, געלאַסענער, אָבער תּמיד מיט די זעלבע פּעריאָד־ריטמען, אַזוי ביזן לעצטן שלאָג אין ברוסט.

אַזוי מוז זײַן אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט עסטעטיק, האַרמאָנישע

פּענאָמענען אין אָרט און דויער: מיט מוזיק, מיט אַרכיטעקטור, מיט פּאַנאָראַמעס, פאָרמען, קאָלירן אין מאָלערײַ, סקולפּטור, אַפּילו אין רעציטאַציעס. אַלץ מוז זײַן מאַטעמאַטיש, סימעטריש, פּראָפּאָרציאָנעל אין ביואַנסן אַפּילו. יעדע אַסימעטריע איז קאַקאָפאָניע, און אַנשטאָט צו שאַפֿן חן און שמייכל רייצט זי, טוט וויי. פּיקאַסאָס פּרויען-פּאָרטרעטן זענען עסטעטישע קאַטאַ-סטראָפעס.

~❀~

צאַרטע אַנטילאָפּעס — שאַרפֿע הערנער;
פּרי שיין און שלעכט דער זוים;
זיסע פּרוכט און ביטער — קערנער.
אַזוי מיטווירקליכקייט און טרוים.

~❀~

גײַסטיקייט איז ס'אָטעמען פֿונעם מוח, אָבער דער מוח מוז אָנקומען צום מאָגן ער זאָל אים נערן, צו די נירן זיי זאָלן אים רייניקן, צו די לונגען זיי זאָלן פֿאַר אים אָטעמען און צום האַרץ עס זאָל ברענגען תּמיד פֿריש בלוט. געטליכקייט איז אפֿשר דער גײַסט פֿונעם קאָסמישן אַלץ, אָבער צוזאַמען מיט סובסטאַנצן — איז עס וועלט. יעדער פּענאָמען איז אַן אַקטיוויטעט פֿונעם גאַנצן. ווער ווייסט צי דער גאַנצער אוניווערס איז עפּעס מער ווי אַ ריזיקע באַשעפֿעניש, און ווער ווייסט אין וואָס, צי אין עפּעס?

אַ באַוווסטזיניקער מענטש, מיטן בלויזן טראַכטן און פֿילן אַז ער איז עפּעס אויך דערין, דאַרף ער וויסן, ווי באַלוינט מיט אַ זכיה, צו זײַן דאַנקבאַר דעם באַשאַף און גלײַכצײַטיק טראָגן אַ פֿאַראַנטוואָרטליכקייט ביט צו פֿאַרקריפּלען ביט זיך זעלבסט, ביט עפּעס אַרום זיך, כּדי ביט צו צעשטערן די האַרמאָנישע גאַנצקייט פֿון דעם אוניווערסאַלן אַלץ.

~❀~

ווי פֿאַר עפּעס פֿיזישס זענען די אָרט-דימענסיעס ניט פֿיר קאַרדינאַלע ריכטונגען, נאָר זעקס: מזרח, מערבֿ, צפֿון, דרום, אויבן און אונטן – אַזוי מוז עס אויך זײַן מיט אַבסטראַקטע פּסיכישע פֿענאָמענען: שׂכל, לאָגיק, ליבשאַפֿט, צוטרוי צום באַשאַף, ערליכקייט און לעבנספֿרייד. אָן די דאָזיקע באַגריפֿן מוזן זיך מאַניפֿעסטירן כאַאָס, קאָנפֿליקטן, פּאַטאָלאָגישע רייצונגען און יסורים מיט אַ פֿאַטאַלן אומקום.

פֿאַרשטייט זיך, האָרשפּאַלטערס קענען אַנאַליזירן אַלץ געאָמעטריש און תּופֿס זײַן אַספּעקטן, פֿאַרשיידענע פֿאָרמעס: ספֿעריש, פּיראַמידאַל, פּלאַטשיקער דרײַעק, פּאָליגאָניש, פּאָליעדריש, ספֿערעס מיט פֿאַסעטן צי קרײַז-רונדיק, אפֿשר נאָך מער צעפּיצלט. דאָס מוז ברענגען צו פּסיכאָפּאַטישע פּראָבלעמען. בינען זענען יוצא מיט זעקס מעגליכע קאָנטאַקטן. ס'אויג פֿון אַ פֿליג מוז האָבן ווער ווייסט וויפֿל פֿאַסעטן: מע זאָגט אַז אפֿשר צוואַנציק טויזנט. דער מענטש מוז זיך באַגנוגענען מיט די זעקס אויבן-דערמאָנטע ריכטונגען פֿיזיש און פּסיכיש. ווי לאַנג דער באַוווּסטזיניקער מענטש וועט ניט יוצא זײַן מיט זײַנע מעגליכקייטן, פֿליכטן און ראָלע אין באַשאַף, נאָר דווקא מעגאַלאָמאַניש זיך האַלטן פֿאַרן אייבערשטן פֿון שטייסל און וועלן דווקא זײַן אַ שותּף צום מײַסטער פֿון אוניווערסאַלן אַלץ, וועלן קיין שום סאָציאַלע רעזשימען, מיט צי אָן דאָקטוירים פֿאַר גוף און נשמה, גאָרניט העלפֿן.

די בולימיע אין אַלע הינזיכטן, מיט די קראַנקע אַמביציעס אין אַלץ וואָס מע קען פּרוּוון תּופֿס זײַן, קען ניט האָבן קיין אַנדערן רעזולטאַט ווי כראָניש צי קריטיש משוגעת. נאָר רעקאָרדן! נאָר קאָמפּעטיציעס! נאָר פֿאַרמעסט! דער גרעסטער סאַטעליט קען ניט אַרויס פֿון זײַנע אויפֿגעצווּנגענע אָרביטן. אַפֿילו מיט זונען און גאַלאַקציעס איז אַזוי. ווי אַזוי זאָל אַן עפּעמעריש באַשעפֿעניש בצורת חכם-מענטש דאָס באַווײַזן צו קענען טון? אַן אַבסורד!

ווער ווייסט צי פֿאַרן מענטש איז זײַן באַוווּסטזײַן ניט אַ מין נסיון? אין דער הינזיכט איז אַבֿרהם מיט דער עקידה, איובֿ מיט זײַנע

צרות – אַ בפּירושער סימבאָל. אַזוי פּיל חכמה פֿאַראַן אין ייִדישקייט! אָבער פֿאַר לײַט איז עס אָדער אַ קוריאָזיטעט, אָדער אַ תּירוץ צו קענען האַסן צוליב אינטערעסן, פּאָליטיק אָדער סתּם בײַרישע עגאָיִזמען.

דאָס צוטשעפּען ייִדישקייט צו דעם אויבן געזאָגטן, איז אפשר ניט אויפֿן אָרט, אָבער כ׳האָב שוין אַזאַ מין נטיה אָדער אַ פֿעלער: אין וואָס איך זאָל ניט אָנהייבן, מיש איך שטענדיק אַרײַן געטליכקייט מיט ייִדישקייט אין אַלע פּראָבלעמען. ס׳וועט קיינעם ניט שאַטן חלילה, און בכלל קען מען דאָך טראַכטן אַזוי ווי שפּינאָזע: דער פּאַנטעיִזם נעמט דאָך אין זיך אַרײַן אַלץ וואָס מע קען זיך נאָר פֿאָרשטעלן.

~❀~

**ווי** אויסטערליש דאָס זאָל ניט אויסזען, פֿאַרשרײַב איך ס׳דאָזיקע זײַענדיק בײַם קלאָרן באַוווסטזײַן, ניט זוכנדיק קיין שום שרײַבערישע אַקראָבאַטיק צי אָנצוגיין פֿאַר עמיצן וואָס וויל זײַן אינטערעסאַנט אָדער סתּם מאָדנע. כ׳בין ניט פֿאַרפֿירט פֿון קיין שום אַלקאָהאָל, קיין מעדיצין צי אַנדערע דראָגן. כ׳שווער בײַ אַלץ וואָס איז מיר הייליק און טײַער, אַז דאָס וואָס כ׳וועל זאָגן אָט-אָ דאָ באַלד איז אַבסאָלוט וואָר, אַזוי גוט ווי ס׳איז הײַנט דער 25סטער יאַנואַר 1988, ס׳איז טאָג און דער זייגער איז נײַן מיט צען מינוט אין דער פֿרי.

כ׳האָב זיך נישט לאַנג צוריק ערשט אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף נאָך אַ נאַכט מיט אויסערגעוויינטלעכע חלומות, געשעענישן, פּייזאַזשן וואָס איך קען ניט פֿאַרשטיין ווי אַזוי זיי קומען מיר אין דמיון. ניט אַנדערש, ווי די אַלע נוקלעאָנען, אַטאָמען צי מאָלעקולן וואָס שטעלן צונויף מײַן גוף האָבן אַ מנעמישע פֿעיִקייט צו געדענקען עפּעס פֿון אַנדערע אָרגאַניזמען אין וועלכע זיי זענען געווען אַ טייל. ווען מײַן באַוווסטזײַנס-קאָנטראָל שלאָפֿט, דערמאָנען זיי זיך דאָס אַלץ. אַנדערש קען איך בשום אופֿן ניט באַגרײַפֿן ווי אַזוי עס זאָלן מיר קומען אין חלומות אַזעלכע מקומות, געבײַדעס,

פּייזאַזשן און געשעעענישן.

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. אויסן בין איך צו דערציילן אַז מיט מײַן גאַנץ שרײַבן, זינט שוין באַלד אַכציק יאָר, געשעט עפּעס אויסטערלישס. ווען, ווו איך זאָל זיך ניט געפֿינען: בײַ טאָג צי בײַ נאַכט, אין וועג צי זײַענדיק פֿאַרנומען מיט עפּעס — אַז ס׳באַפֿאַלט מיך אַ מוז צו שרײַבן, איז עס ווי אַ פֿיזיאָלאָגישע באַדערפֿעניש: איך מוז עס טון, האָבנדיק תּמיד פּאַפּירלעך מיט זיך. און דאָס געשעט תּמיד ווי עפּעס אַ דיבוק, אַן אַבסאָלוט פֿרעמדער, וואָלט מיך געצוווּנגען דאָס צו טון: דיקטירט באַפֿעלעריש. איך קען בשום אופֿן ניט פּטור ווערן דערפֿון ביז ס׳איז פֿאַרשריבן.

דאָס פֿאַרשריבענע, וואָס כ׳געדענק אַבסאָלוט קיין מאָל ניט, אַפֿילו ניט קיין צוויי ווערטער דערפֿון, זעט מיר זעלבסט אויס ווי פֿון אַ פֿרעמדן. כ׳לייען עס יעדעס מאָל דערשטוינט, כ׳קריטיקיר אַ מאָל צי באַוווּנדער, אָבער ווי אַ טאָטאַל פֿרעמדער. וואָרשײַנליך וועט מען מיר ניט גלייבן אַז ס׳קען אַזוינס געשען, אָבער איך שווער אַז ס׳איז ריינער אמת.

ווער ווייסט ווי אַזוי און פֿאַר וואָס עפּעס צי עמיץ האָט זיך צוגעטשעפּעט, באַזעצט אין מיר און ניצט מיך אויס זיך צו מאַניפֿעסטירן, נעמט מיך פֿאַר אַ מין מעדיום אָדער עפּעס אַנדערש? אָפּט פֿאַרשאַפֿט עס מיר תּענוג; אָפּט רייצט עס און שטערט מיר צו שלאָפֿן. אָפּט אויך שרעקט עס, ווי כ׳וואָלט געווען אין אַ מין היפּנאָז, מיט כּמעט ספּאַזמישע, היסטערישע קאָמפּלעקסן.

כ׳האָב געזען עטלעכע דאָקטוירים. זיי האָבן ניט געפֿונען עפּעס אומנאָרמאַלס, חוץ אַ קליינע פּולסירונג, אַ לאַנגזאַם שלאָגן פֿון האַרץ, פֿינף און פֿערציק אין דער מינוט, און מײַן געוויינטלעכע טעמפּעראַטור איז 35.2. אָבער ווײַזט אויס אַז עפּעס אויסטערלישס איז יאָ פֿאַראַן אין מיר. איך דעמאַגנעטיזיר די בילעטן וואָס עפֿענען אויטאָמאַטיש דעם מעטראָ־דורכגאַנג. מײַן עלעקטרישע פּאָטענץ איז ניט נאָרמאַל, ניט ווי בײַם רובֿ לײַט.

זאָל די דאָזיקע אייגנשאַפֿט האָבן אַ שייַכות מיט די פֿענאָמענען וואָס זענען מיר גורם אַפֿט זאָרגן און אַ מאָל – פּחד? ווער, וואָס האָט אַ ווילן צי אַן אינטערעס מיך דווקא צו נעמען פֿאַר עפּעס אַ יונה און פּרעדיקן, פּראָקלאַמירן, וואָרענען, שטראָפֿן לייַט וואָס זענען מיר ניט נאָר אַבסאָלוט פֿרעמד, נאָר אָן קיין שום אינטערעס און וואָס כ'האָב זיי באמת אָפּט פֿייַנט מיט זייערע אידיאָטישע לעבנס-שטייגערס, יחידישע פֿירונגען און סאָציאַלע רעזשימען?

זאָלן זיי זיך שלאָגן משוגענערהייט קאָפּ אין וואַנט, קריכן מעגאַלאָמאַניש אין די סטעלאַרע ספֿערעס צי וואַלגערן זיך אין ערדישן טינוף מיט זייערע פּערווערזע עטיק און עסטעטיק, זייערע רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, וויסנשאַפֿטן און פּסיכאָפּאַטישע מיתה-משונהס. אָבער ניין! טראָץ מייַן טיפֿער עלטער, מוז איך ווייַטער פּאַטשקען, שרייַבן און זוכן טאַקע צו פֿאַרעפֿנטליכן די מיר פֿון עמיצן צי עפּעס אויפֿגעצוווּנגענע מחשבֿות, ניט קענענדיק געפֿינען קיין שום אויסוועג און אופֿן ווי דערפֿון צו קענען אַנטלויפֿן.

פֿאַרשרייַב איך דאָס אַלץ פֿאַר אַ קינפֿטיקן פּסיכאָלאָג צי פּסיכיאַטער. כ'ווייס דאָך אויך ניט ווער ס'האָט מיר דיקטירט אַפֿילו דאָס דאָזיקע וואָס כ'האָב נאָר וואָס פֿאַרשריבן. ניין, כ'דאַרף ניט קיין אַספּירין צי אַ קאַלטן קאָמפּרעס. כ'האָב ס'מייַניקע אָפּגעטון, פֿאַרשריבן, און כ'קען גיין מיך ראַזירן, נעמען אַ באָד און טרינקען מייַן קאַווע.

~✿~

ניט אַרייַנקריכן אין דער עפֿנטליכקייט ווי אַ מייַזל דורך אַ ווינקללאָך ערגעץ אין אַ בוידעם-שטיבל, נאָר אַרייַן ווי אַ מאַסטאָדאָנט, צעשטערנדיק טיר-און-טויער, ווענט און פֿענצטער, אַז שטויבן זאָל די וועלט, און לייַט פֿון נייַע דור-הפּלגהס זאָלן ציטערן ווי פֿאַר אַ מבול צי אַ סדום-ועמורה-קאַטאַסטראָפֿע. גאָט, צי ווי מע וויל עס רופֿן, קען ניט, טאָר ניט און וועט ניט דערלאָזן

אַז אונדזער בלויער פּלאַנעט, דער איינציקער וואָס איז ווי אַ גן-עדן, זאָל ווערן צעשטערט פֿון אַ מין אויסטערליש באַשעפֿעניש בצורת מענטש, אין וועלכן ס'טליִעט דאָך אַ ניצוץ געטליכקייט, אַ שם-המפֿורש געפֿאַנגען אין אַ גולם.

איז – נידער מיט די ראָבאָטן, און לעבן זאָלן משה רבנו, פּראָמעטעוס און אַפֿילו איקאַר! דער וואָס וועט אַזוינס קענען באַווייַזן, איז זוכה צו טראָגן דעם נאָמען **האָמאָ-סאַפּיענס**, צו זייַן אינעם צלם-אלוהים. אַ פּלאַנעט ווי אונדזער בלויער גן-עדן טאָר ניט, קען ניט, וועט ניט זייַן הפֿקר!

באַשר דורות משוגעים געוועלטיקן מיט אַ פֿרייַען ווילן? אָבער ס'איז עפּעמעריש. ציטערט, לייַט! משיח וועט זיך ניט אַרייַנגנבֿענען שטילערהייט, נאָר קומען ווי אַ שטורעם, מיט חורבן, צעשטערן תּפֿיסות און אַלץ וואָס האַלט געפֿאַנגען דעם באַוווסטזיניקן פֿרייַען מענטש. קען זייַן אַז איך וועל עס ניט דערלעבן צו זען, אָבער פֿאַראַן אַ ריזיקע יוגנט, און פֿאַר זיי איז נאָענט די צייַט פֿאַר אויסערגעוויינטלעכע געשעענישן. הוראַגאַנען גרייטן זיך אין הימלען, און ביי די טויערן פֿון רוים רירט זיך עמיצער אין זייַנע דרימלען.

אויב עפּעס פֿון דער זון, אַרויסגעשטראַלט צענטריפֿוגיש, אַנטלאָפֿן, טרעפֿט אין וועג אַ ווידערשטאַנד פֿון אַ פּלאַנעט, ווי אונדזערער למשל, פֿאַרוואַנדלט עס זיך אין ליכט, וואַרעמקייט, און מיט פּאָטאָ-סינטעז שאַפֿט זיך אַ גן-עדן, מיטן מענטש צווישן אַנדערע באַשעפֿענישן און פֿלאַנצן דעריבער. אין אים אָבער ליגט עפּעס פֿון אַנטרונענעם שטראַל, און אים ציט צוריק צו דער זון אָדער צו אומענדן. פּרוּווט ער, אין דמיון – פּסיכיש, און מיט מיסילן – אַסטראָפֿיזיש, זיך רייַסן צו אומבאַגרייַפֿטע ווייַטן. ניט הייכן, ווייל ניט פֿאַראַן קיין הייכן אינעם אוניווערס. פֿילן זיך ווי עפּעס געשטערט אינעם אייַלן ווייַטער, ווייַטער. וווהין? ביז ווען? פֿאַר וואָס?

גאַלאַקציעס צי אַנדערע ענערגיעס טשאַטעווען מיט זייערע אימפּעריאַלע מאַסע-מאַגנעטיזמען אײַנשטייניש אויף אים, אָבער קיינער קען ניט וויסן וועלכער חושך-תּהום וועט אים פֿאַרשלינגען אין וועג, און וואָס פֿון אים קען ווערן. אַפֿילו מיט פּראָבאַביליטעט-טעאָריעס קען מען גאָרניט וויסן אָדער אויפֿטון. מאַטעמאַטישע סטאַטיסטיק-קונצן קענען ניט העלפֿן.

אוי, האַמלעטיזם! פֿאַר וואָס זאָל מען מוזן צי קענען האָבן זאָרגן דערמיט? פֿאַר וואָס זאָל זיך קענען ס׳דאָזיקע מאַניפֿעסטירן אין עפֿעמערישן, נישטיקן מענטש?

~❀~

פֿאַראַן אַזוי פֿיל מינים פּלאַנצן, באַשעפֿענישן אין דער ביִאָספֿערע, אַלץ געלעבט אין סימביאָז, אָסמאָז, קאַטאַליז — און דאָך פֿאָרט זיך יעדער מין תּמיד מיט זײַנס גלײַכן. ווײַזט אויס, די נאַטור באַגערט די אָריגינעלע אייגנאַרטיקייט פֿאַר יעדן. פֿאַר וואָס-זשע בײַם מענטש בכלל, בײַ ייִדן בפֿרט, דאָס מישן זיך און שאַפֿן היברידן, וואָס באַרײַכערן ניט, נאָר פֿאַרקריפּלען דעם אָריגינעלן מין. אַסימילאַציע איז זינד!

~❀~

ווי אַזוי באַגרײַפֿן אַזאַ מין משוגעת, אַזעלכע אַבסורדן? לײַט זענען נאָך ניט אין אָרדענונג מיט אייגענער עקזיסטענץ אין קיין שום הינזיכטן, ניט פֿיזיש, ניט פּסיכיש, ניט ספּיריטועל, ניט עטיש צי עסטעטיש, ניט מיט זייער פֿאַמיליע, ניט מיט זייער פֿאָלק, ניט מיטן עקאָלאָגישן אַרום און בכלל מיטן פּלאַנעט — און מע פֿאַרתּכלעוועט אַזוי פֿיל מי, צײַט און פֿאַרמעגן מיטן קריכן אין די אַסטראַלע ספֿערעס זוכן כ׳ווייס אַליין ניט וואָס.

די רעליגיעס פֿאַרטשאַקען עולם-גולם מיט יענע-וועלטיקע גליקן וואָס זאָלן זיי באַלוינען פֿאַר ערדיש-בהמישע עקזיסטענצן און זיי זאָלן זיך ניט רעוואָלטירן קעגן די אַלע וואָס עקספּלואַטירן זייערע אידיאָטישע השגות. און די אַנדערע איז עס מיט תּירוצים

פֿאַר אַגרעסיעס, העגעמאָניעס, אימפּעריאַליסטישע מעגאַלאָ-מאַניעס און מאַטעריאַליסטישע קאַניבאַליזמען פֿאַרשלייערטע מיט פֿאַרשיידענע טערמינאָלאָגיעס, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר ציוויליזירטע לײַט, אַבי ניט טון אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער ווי מע דאַרף, כּדי עקספּלואַטירן אַנדערע און מאַכן זיך לײַכטע קאַריערעס.

ס׳איז ווי געפּרוּווט בויען פּיראַמידעס אָנהייבנדיק פֿונעם שפּיץ, מיטן פֿונדאַמענט אין דער לופֿט. ווי אַזוי קענען כּלומרשט וויסנשאַפֿטלעכע פֿילאָזאָפֿן באַרעכטיקן אַזעלכע מעשׂים און אַפֿילו מחשבֿות – איז ניט צו פֿאַרשטיין. און אפֿשר בין איך ניט באַרמאַל? אין אַ משוגעים-הויז זענען די וועכטער און די דאָקטוירים אין דער מינדערהייט; מסתּמא דאַרפֿן די חסר-דעהס געוועלטיקן. אַזוי זיכער אויך מיט שיכּורע: ניט זיי וואַקלען זיך אומגעלומפּערטע, כּאָר די וועלט איז קרום און שווינדלט אין זייערע שליפֿיעס. און די שלוקערץ-אַרגומענטן זייערע זענען סינאָנים פֿון לאָגיק און חכמה.

ווי אַזוי קענען מיליאַרדן לײַט האַלטן פֿאַר באָרמאַל אַזעלכע רעזשימען מיט אַזאַ מין לעבנס-שטייגער? ווי אַזוי קען אַ גאָט צי אַ נאַטור טאָלערירן, דערלאָזן צו אַזאַ פֿאַרקריפּלונג פֿון עפּעס אין באַשאַף? ס׳איז ניט צו פֿאַרשטיין!

~❀~

**ד**אָס וואָס איז די אינקוויזיציעס מיט די מיסיאָנערן פֿון אַלע רעליגיעס, צאַרן, די היטלערס, סטאַלינס און אַלע שונאי-ישׂראל ניט געלונגען, דאָס הייסט: אומצוברענגען דאָס ספּעציפֿישע, אָריגינעלע ייִדישע פֿאָלק, האָבן די לעבן-געבליבענע אַליין געטון און טוען עס כּאָר כּסדר קאַמיקאַדזיש: זיך אַסימילירן, אויסרײַסן מיט אייגענעם ווילן, אייגענע הענט, אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט וואָרער ייִדישקייט, חוץ אַ סוראָגאַט-פֿרומקייט מיט אַ מין אויבערפֿלעכלעכער אָנגעהעריקייט דערווײַל צום היסטאָרישן פֿאָלק ישׂראל.

דורך געמישטע חתונות ווערן אָפּגעהאַקט די מעגלעכע צווײַגן פֿון

אונדזער שטאַם. פֿאַר וואָס איז דאָס אַזוי, קען איך בשום אופֿן ניט תּופֿס זײַן. זאָל עס זײַן דער פּחד פֿאַר דעם, וואָס קען באַר געשען? לײַט מיינען אַז מע קען מײַדן ייִדנהאַס מיטן רעזיגבירן, מימעטיזירן און אַסימילירן זיך, און שאַפֿן קינדער היברידן, ניט אַהין ניט אַהער.

פֿאַר די היטלערס און סטאַלינס איז דאָס ניט קיין תּירוץ צו מײַדן רציחות. מע האָט עס געזען ווי סטאַלין האָט געמאָרדעט אַ טראָצקי, אַ ליטווינאָוו, אַ זינאָוויעוו, פּונקט אַזוי ווי אַ כאַריקן. און די היטלערס? פֿאַר זיי איז אַ מאַקס זשאַקאָב, אַ בערגסאָן, געווען פּונקט ווי אַ פּשוטער ייִד פֿון פּוילן.

אויב ס׳האָט געדאַרפֿט געשען אַזוינס, און ס׳וואָלט געווען אַ פֿראַגע פֿון זיך ראַטעווען פֿיזיש, וואָלטן דאָך ייִדן זיך געשמדט און די קירכעס וואָלטן געראַטעוועט מאַסן ייִדישע קינדער און דערוואַקסענע. ס׳וואָלט געקענט גילטן אַ מין מאַראַניזם ווי אַ מאָל אין שפּאַניע. אָבער אַצינד – פֿאַר וואָס דאָס אַנטלויפֿן פֿון אייגענעם שטאַם, פֿאַרלייקענען טויזנט-יעריקע אָריגינאַליטעטן, און אַזוי ווערן ייִדן אויסטערלישע היברידן, ניט אַהין ניט אַהער?

**ווי** ווילדגראָז אין אַ גאָרטן, ווי ליאַנע-פּאַראַזיטן אויף אַ בוים, האָבן זיך גויִים צוגעטשעפּעט צו ייִדישקייט, צו אונדזער תּורה און צו אונדזערע נבֿיאים. אָבער אַזוי ווי זיי קענען עס ניט פֿאַרדײַען, פּאַראַזיטעווען זיי מיט זייערע אינטערפּרעטאַציעס. ניט נאָר פּרווון זיי זיך צואייגענען ניט-באַגרײַפֿטע סימבאָלן, נאָר אין זייער נאָמען פֿאַרפֿאָלגן זיי אונדז, מאָרדן, פּאָגראָמירן זינט טויזנטער יאָרן.

קיין שום פֿאָלק האָט זיך ניט געקענט באַפֿרײַען פֿון פּאַגאַניזמען. און אַפֿילו בײַ אַזעלכע חכמים ווי בײַ די הינדוסן און כינעזער, מוזן זײַן פֿאַרמעגנטשלטע מיטאָלאָגיעס. די הינדוסן האָבן אַ גאַנצע קאָלעקציע מיט פֿאַרשיידענע געטליכע סטאַטועז, און די כינעזער

האָבן דינאַסטיעס וואָס שטאַמען דירעקט דורך אַ געטליכן זון, ווי ביי די קריסטן. פֿאַר די גריכן, רוימער און אַלע אַנדערע, מוז זיך מאַניפֿעסטירן מיטאָלאָגיש געצנדינסט. אַזוי האָבן אויך געטון די קריסטן: זיי פֿאַרגעצן תּמיד נאָך דעם ניצוץ ייִדישקייט וואָס טליִעט אין זייערע עוואַנגעליעס. זיי קענען ניט תּופֿס זײַן קיין אַבסטראַקטע געטליכקייט, און קאָנקרעטיזירן זי אַנטראָפּאָ-מאָרפֿיש מיטן צווייגענען איר מענטשלעכע השגות.

ייִדן זענען אויך ניט פֿרײַ פֿון די דאָזיקע פֿאַנאַטיזמען. אויב אָן בילדער צי סטאַטועס, דיאַלאָגירט מען מיט גאָט, מע פֿירט זיך מיט אים ווי עפּעס מיט אַן אייגענעם אָדער עמיצן וואָס דאַרף מע זאָל אים דינען, אים פֿאַרטיידיקן, אויסקויפֿן זיך, חנפֿענען און טאָקע קענען נאַרן מיט פֿאַלשע חרטות, אָדער גאָר זוכן צו אויסקויפֿן זיך מיט כּפּרות, צי קומען זיך באַקלאָגן מיט אַ כּל-נדרי.

ווי ס׳זעט אויס, איז דאָס ייִדישע פֿאָלק דאָך טאָקע עפּעס אַ מין אויסטערלישער פֿענאָמען, ווי דורך אים וואָלט זיך מאַניפֿעסטירט אַ געוויסן ביי אַ געטליכקייט, וואָס איז אַליין אומבאַהאָלפֿן און איז ניט מסוגל צו שאַפֿן עפּעס וואָס זאָל זײַן פּערפֿעקט, מוז אָנקומען צו פּראָבאַביליטעטן און קען ניט מײַדן מאָרד, אַנגסטן, פּײַן, אַזוי ווי ס׳גילט אין דער גאַנצער בײַאָספֿערע. קומט אָן עמיצער און פּראָקלאַמירט אַז געטליכקייט קען ניט זײַן פֿאַרגעצט אין קיין שום סובסטאַנצן, אַז בלוט איז הייליק און נערן קען מען זיך נאָר מיט פֿלאַנצן וואָס באַגערן מויל און רייצן חושים ווי נאָר רײַף צו באַפֿרײַען בײַע זוימען, אַז דער מענטש איז באַשאַפֿן אין צלם-אלוהים, אַז נבֿיאים פּרעדיקן נאָך אַנאַנד ליבשאַפֿט, פֿרײַהייט, יושר, רעכט פֿאַר אַלעמען, ניט בלויז פֿאַר זייער פֿאָלק. דאָס דאָזיקע מיט אַלע נבֿיאים, אַלע פּראָפֿעטן, אַפֿילו ישו פֿון נצרת, דעם גוטן פֿרומען ייִד וואָס די גויִים פֿאַרשטייען ניט.

זעענדיק ווי ס׳פֿירט זיך אויף די וועלט מיטן ווילזײַן, קען מען זיך דאָך לײַכט פֿאָרשטעלן אַז משיח מוז ערשט קומען כּדי צו באַפֿרײַען פֿון שלעכטס און מיאוסקייט אַלע מענטשן אָן אויסנאַם, אָן פּריווילעגיעס. דער דאָזיקער משיחיזם מאַניפֿעסטירט זיך ניט

נאָר רעליגיעז, נאָר אויך וועלטליך, דורכן מאַרקסיזם מיטן סאָציאַליסטישן אידעאַל, אַזוי גוט ווי דורכן הילליזם. אַז דער אוניווערסאַלער אחד מאַניפֿעסטירט זיך אין שפּינאָזישן פּאַנטעיִזם ווי אין איַינשטייַנישע עקוואַציעס; אַז די וויכטיקייט פֿונעם מענטש ווי אַ יחיד איז באַוויזן דורך פֿרוידן, און אַזוי אויך מיט די לוחות, די באַזע פֿאַר אַ גילטיקער קאָעקזיסטענץ צווישן ערליכע לייַט – בכן, איז אפֿשר טאַקע ס׳ייִדישע פֿאָלק מיט זיַין צעשפּרייטקייט דער פּערמענט צווישן נאַציעס, אַן אומבאַדינגט נויטווענדיקער וויטאַמין וואָס דערמעגליכט דעם מענטש פּרווון באַפֿריַיען פֿונעם קיִניזם מיט זיַינע שינאה-קאָמפּלעקסן.

ווער ווייסט צי די עוואָלוציע פֿונעם מענטש אין דער ביִאָספֿערע און ממילא אינעם אוניווערס פֿירט זיך ניט אַזוי אין הסכּם מיט אַריסטאָטעלס צי אַפֿילו טייאַר-דע-שאַרדענס טעאָריעס וועגן דער עווענטועלער פֿאַרגייַסטיקונג פֿון מאַטעריאַליזם אין ספּיריטואַליזם, פֿון סובסטאַנץ צוריק צו עסענץ. קען זיַין אַז ייִדישקייט איז אַ פֿאַקטאָר דעריִן.

פֿאַרשטייט זיך אַז דאָס איז פּרינציפּיעל. אַזוי גוט ווי די גויִים באַגריַיפֿן ניט ייִדישקייט און איר ראָלע אין מענטשן-מיט, זענען אויך ניט אַלע ייִדן צדיקים צו באַגרייַפֿן ס׳דאָזיקע. ליידער ווירקט מער ס׳גויִישקייט אויף ייִדן ווי ס׳ייִדישקייט אויף גויִים. אָבער ווי פֿירט זיך מיט געטליכע מעגליכקייטן? וויפֿל זוימען גייען לאיבוד איידער פֿלאַנץ זאָל קענען שפּראָצן? וויפֿל ספּערמאַטאָזאָיִדן ווערן פֿאַרלוירן איידער באַשעפֿעניש זאָל קענען זיך אַנטפּלעקן? פֿאַר וואָס ניט אַזוי מיט אַלץ, אין אַלע הינזיכטן? דער ציל איז זיכער גילטיק, און דערגרייכן וועט אים זיכער אַ מאָל דער מענטש.

געוויס וואָלטן ייִדן מוחל געווען דעם פֿייַנעם אתה-בחרתניזם וואָס קאָסט אַזוי טיַיער דעם ייִדישן פֿאָלק זינט אַזוי פֿיל דורות. אָבער גיי דיסקוטיר מיט עמיצן וואָס מע קען ניט באַגרייַפֿן און מע קען ניט גרייכן! די גריכן האָבן זייער **יאָניזם**; מיר האָבן דעם **יונהיזם**, מיט אַ מיסיע וואָס איז אָפֿט אַ מיתה-משונה, אָבער ווי אַזוי קען מען אַנטרינען פֿון אַזאַ מין שליחות? אַפֿילו דערטרונקען

אין ים, וועט זיך שוין תּמיד געפֿינען עפּעס אַ וואַלפֿיש אײַנצושלינגען און אויסשפּײַען אַ יונה ווו מע דאַרף, צי מע מוז!

~❀~

פּראָלעטאַריער! דער קאַפּיטאַליזם, מיט זײַן פּערווערזן עגאָיִזם, וויל ניט, קען ניט, וועט ניט ווײַכן פֿון זײַנע צילן: וואָס מער רײַכטימער צו זאַמלען, וואָס מער פּראָפֿיטן צו געווינען, וואָס מער פּטור ווערן פֿון לײַט, פֿאַרטרעטן שטרײַקערס מיט מאַשינען, קיין מאָל גאָרניט שענקען פֿון זייער עשירות. וואָס איר וועט ניט אויסקעמפֿן מיט עקשנות, וועט איר בשום אופֿן ניט באַקומען.

וואָלטן זיי פֿאַרשטאַנען אַז לאָזנדיק כאָטש שיריִים פֿון די פּראָפֿיטן וואָלטן זיי אויסגעמיטן רעוואָלטן! אָבער גיי טענה מיט עמיצן וואָס זיצט געפּאַנצערט מיט שטאָל, אַ באַוואָפֿנטער אויף זײַן קאַסע!

וואָלטן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז יעדער האָרעפּאַשניק האָט אַ גוף, אַ האַרץ, אַ נשמה און אַ ווײַב מיט קינדער וואָס מוזן ווערן גענערט; אַז זאַטע לײַט פֿאַבריצירן מער און בעסער, און אַז יעדער וואַמפּיריזם מוז זיך ענדיקן מיט ווידערשטאַנד און קאַטאַסטראָפֿעס! אָבער גיי רעד צו אַ שטאָלענער קאַסע וואָס קען ניט לײַדן עמיץ זאָל קומען עפּעס פֿאַרלאַנגען וואָס זיי ווילן ניט געבן.

מיט טענות קומען באַך אַנאַנד? פֿאַר זיי איז שווער דערויף צו ענטפֿערן אַנדערש ווי מיט מאַשין־געווער.

~❀~

ווי זאָל אַ פּשוטער מענטש קענען פֿאַרשטיין עפּעס אינעם שׂכל פֿון די ראַפֿינירטע געלערנטע לײַט, אַז ווען ס׳האַנדלט זיך אין אַזאַ קלאָרן איינפֿאַכן פּראָבלעם ווי מאַטעמאַטיק, געפֿינט מען אַזעלכע האָר־שפּאַלטערס וואָס טיילן אײַן מאַטעמאַטיק: אינטויִציאָניסטן, לאָגיציסטן, פֿאָרמאַליסטן, פֿיניטיסטן, אינפֿיני־טיסטן, און צווישן יעדער טעאָריע — מדרגות! דאָס אַלץ צו באַווײַזן אַז צוויי מיט צוויי איז פֿיר, אָדער אַז אַ קוואַדראַט איז

אַנדערש פֿון אַ קרײַז. קומט אָבער צו מעסטן אַן עליפּטישע פּיראַמידע, איז דאָ אַן אַספּירין ניט גענוג: מ'ע דאַרף אַ צוואַנגיאַקע!

~❁~

ווער אין פּוילן קלערן האָט אַ מאָל געקענט
אַז אַ ייִדישער פּאָעט
אַן אײנזאַמער, פֿאַרטרערטער,
זײַנע אותיות די ייִדישע און ווערטער
אַן אומעטיקער באַטראַכטן וועט
מיט אַ זיפֿץ: איז שרײַבן ייִדיש נאָך כדאַי?
אַז קײנער, קײנער, קײנער
פֿון ייִדן ייִדישע ניטאָ שוין מער,
און זײַן לײענער
איז ער זעלבסט נאָר אײנער;
פֿון יענע ייִדן טײַערע
פֿאַר וועלכע פּרץ האָט געשריבן –
זקנים עטליכע געבליבן.
גופֿים היטלער האָט פֿאַרטיליקט און פֿאַרברענט,
און די וואָס ביסימדיק זענען אַנטרונען
האָבן פֿאַר נשמות זעלבסטמאָרד אויסגעפֿונען
און זיך זעלבסט פֿאַרלענדט.
אַזוי מקויים איז דעם אכזרס אידעאַל:
ס'פֿאָלק דאָס ייִדישע פֿאַרשווינדן זאָל טאָטאַל –
מאָניש, ברוך שולמאַן, ס'גאָלדענע ציגעלע,
גאָלדפֿאַדענס בת־מלכּה בײַם קינדס וויגעלע,
ייִדל מיטן פֿידל, אינטערנאַציאָנאַל,
חסידישער משיח, סאָציאַלער אידעאַל –
טראָץ צרות מיט האַלערטשיקעס און נויט,
געקעמפֿט, געהאָפֿט, געזונגען און געבויט,
און אַלץ – אומגעקומען, טויט.

~❁~

דעם מענטשן איז אויפֿגעצווּנגען דער אימפּעראַטיוו פֿון פֿיר פֿאַען: פֿרום פֿאָלגן אָדער פֿריצײַטיק פֿאַרשווינדן. זײַענדיק אַ נישטיקל אינעם קאָסמישן אַלץ, טראָגן זײַנע מעגאַלאָמאַניעס, קען ער גאָרניט אויפֿטון קעגן אוניווערסאַלע געזעצן: די גראַוויטאַציעס, אָדער די אייגנשאַפֿטן פֿון די עלעמענטן. ער האָט ניט קיין שום השפּעה דערויף. ער קען קאַליע מאַכן עפּעס אין זיך, מיט זיך, אַרום זיך, אָבער גאָרניט טון אַז די זון זאָל ניט אויפֿגיין מזרח-זײַט און פֿאַרגיין אין מערבֿ, ס'זאָלן ניט זײַן קיין סעזאָנען אָדער נאַטור-קאַטאַסטראָפֿעס. ווער רעדט פֿון ענדערן עפּעס אין עוואָלוציעס, אין אַ זונסיסטעם צי אַ גאַלאַקציע.

בכן מוז ער נעמען אין אַכט זײַן סיטואַציע, זײַן מעגליכע עקזיסטענץ און דויער, און דאָס אַלץ מיטן פֿעסטשטעלן אַז ער איז באַשאַפֿן ווי אַלע אַנדערע וועזנס, וואָס זענען פֿון די זעלבע עלעמענטן, לויטן זעלבן פּראָגראַם, מיטן זעלבן גורל און מיט אַ זיכער באַגערטן זעלבן ציל. ער מוז פֿאַרשטיין, אַז ער איז זיכער ניט אויפֿן פּלאַנעט צופֿעליק, נאָר מיט אַ ראָלע און מיט פֿליכטן. בכן האָט ער ניט קיין אַנדער ברירה ווי צו פֿאָלגן פֿרום, דאָגמאַטיש צי אַטעיִסטיש, פֿרײַדענקעריש צי ווי מע וויל עס אָנרופֿן. ס'ענדערט אַבסאָלוט גאָרניט אין דעם אַלעמען.

ער איז געבוירן, דויערט אַ געוויסע צײַט, נערט זיך, עטעמט, טראַכט צי ניט, און קומט אום. וואָס-זשע קען ער, דאַרף ער, מוז ער טון כּדי זײַן עקזיסטענץ זאָל אויסזען גילטיק, אָן צרות פֿיזישע, פּסיכישע, מאַטעריעלע צי ספּיריטועלע? ער מוז שלום מאַכן מיטן גורל און פֿאָלגן. אויב זײַן – איז עס טאָטאַל אויסגעניצט, פֿולקום געגעבאָסן פֿון אַלע מעגליכע באַקוועמליכקייטן, אינטעגראַל אויסגעפֿילט פֿליכטן. מיט זײַן עקזיסטענץ איז דער מענטש מחויבֿ ניט צו לעסטערן, שענדן, פֿאַרקריפּלען, צעשטערן, ניט זיך זעלבסט, ניט עפּעס מער ווי אַבסאָלוט נויטווענדיק צו קענען עקזיסטירן אין די בעסטע באַדינגונגען, און פֿאַרשווינדן מיט אַ רויִק געוויסן אין אַ ניט-פֿאַרקריפּלטן גוף, אַפֿילו ניט וויסנדיק וואָס, ווער ער איז, פֿון וואַנען געקומען און וווהין ערגעץ אַוועק.

פֿאַר וואָס? צוליב וואָס? עמיצער וועט עס אפֿשר אַ מאָל באַגרײַפֿן, אָבער דערווײַל איז זײַן מוח נאָך אין די וויקעלער. וואָרשײַנליך דער קאָסמישער גײַסט, וואָס איז זיכער דער עלעמענט לעבן, וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אין אַלע מעגליכע אַספּעקטן, פֿענאָמענען, עסענצן, סובסטאַנצן, פֿאָרמען, קאָנקרעט, אַבסטראַקט, צי אין נאָך ניט באַגרײַפֿטע ענערגיעס, מיסטישע עפּעסן וואָס מ'איז ניט מסוגל צו פֿאָרמולירן מיט אַ פּאָנעם צי אַ מחשבֿה.

פֿאָלגן אָדער פֿריצײַטיק פֿאַרשווינדן. פֿאַר ניט פֿאָלגן, כאַאָטיש דעזאָרגאַניזירן גוף און נשמה מיט אַבסורד-פּירונגען, אויסטערלישע קאָמפּלעקסן, פֿאַרגיפֿטן זיך זעלבסט און שטערן עמיצן צי עפּעס אַרום זיך – ווערט מען באַשטראָפֿט מיט יסורים, קרענק, אַנגסטן און פּחד פֿאַרן טויט. די עקזיסטענץ איז פֿאַרוואַנדלט אין אַ קאָשמאַר, מיט אַמביציעזע אַגרעסיעס, מעגאַלאָמאַניעס, סתּם פּערווערזע מאַניעס און מאַנקאָליעס.

אַ מענטש מיט אַ קלאָרן שׂכל קען ניט טון אַנדערש ווי פֿאָלגן די נאַטור, ניט קריכן אויף די גלײַכע ווענט, ניט זײַן ווי דער משוגענער הונט וואָס דערווישט אין אַ קרײַז וועלנדיק כאַפּן זײַן עק. רופֿט עס פֿרומקייט צי ראַציאָנאַליזם – ס'ענדערט אַבסאָלוט גאָרניט אין דעם פּראָבלעם. זיך באַלעסטיקן מיט פֿאַנאַטיזמען, דאָגמען, פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס און נאָך אַזעלכע פֿײַנע דיאַלעקטישע שמײַדערײַען איז נאַריש, פּערווערז און אָן שום רעזולטאַט. זײַן נאָרמאַל, ערליך, גוט, איז דער אייצניקער אויסוועג, די איינציקע רפֿואה פֿאַר אומרויִקע נשמות. פֿאָלגן אָדער פֿאַרשווינדן!

≈❃≈

מײַן אַמנעזיע שפּילט זיך מיט מיר ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. אָט גערייצט די מחשבֿה, און מיר-ניט דיר-ניט נעלם געוואָרן. ווער ווייסט וויפֿל געניאַלע מײַסטערווערק איז ניט באַשערט געווען דער זשעדנער וועלט איבער דער דאָזיקער חולאַת! אַ שאָד, אַ שאָד!

און ס'פֿאַרדריסט מיך טאַקע.

נאָר זאָרג ניט, וועלט! טראָץ מײַן אַמנעזיע, וועט דיר גאָר ניט פֿעלן. מײַן רעזערוו פֿון קלוגע מחשבֿות איז גרעסער ווי די נאַפֿט-אוצרות בײַ די אַראַבער. ס'וועט דיר ניט פֿעלן קיין ליטעראַטור, חלילה!

~❁~

**א**ין מאָסקווע ווי אַ מאָל אין פּראָג –
חכמים נײַע אויפֿגעקומען.
אַ נײַעם גולם מאַכן זיך גענומען.
וואָס מיר שפּײַז צי היים!
געמײַסטערט און געקנעטן ליים,
עלעקטראָניש מאַכערײַקעט מיט מעטאַלן,
אַלץ ראָבאָטיזירט לויט גולם-אידעאַלן.
נו, ריכטיק! געמאַכט! פֿון נאָענט און ווײַט
אַהער קומט, גוטע לײַט!
איצט, גולם, דו, מאַרש! איינס און צוויי!
נאָר געפּלעפּט די מײַסטערס גאָר.
דער גולם שטייט. מיט גיין – אַ נעכטיקער שוין טאָג.
קוועטש דאָ, און דאָרטן דריי –
ס'בלײַבט דער גולם אויפֿן אָרט.
אַרום איראָניש עולם לאַכט:
–נאַיִווע, די יוונים!
צי טאַקע קאַליקעס, נאַראָנים?
פֿאַרשעמטע די חכמים
ווייסן ניט, אַפּנים,
וואָס ס'איז פּשוט קלאָר:
אַז אָן אַ שם-המפֿורש איז אַ גולם טויט,
און פֿאַרבײַטן קען אים ניט קיין טראַנזיסטאָר
אין קיין שום רעזשים, שוואַרץ צי רויט!

~❁~

מיט מײַן װאָרשײַנליך באַגרענעצטן שׂכל קען איך בשום אופֿן ניט פֿאַרשטײן: פֿאַר װאָס זענען, זינט ס'האָט זיך מאַניפֿעסטירט דער פֿענאָמען דענקעניש ביז הײַנט, פֿאַראַן אַזױ פֿיל פֿילאָזאָפֿן מיט זײערע פֿאַרשײדענע דאָקטרינעס, אַזױ פֿיל רעליגיעס מיט זײערע פֿאַנאַטיזמען און גנאָסטישע זיכערקײטן, און אַזױ װײניק סאָציאַל-פּראַגמאַטיקער? הלמאַי זוכט מען צו װיסן װאָס ס'טוט זיך אין הימלישע ספֿערעס, די סיבות פֿונעם אוניװערס מיט דער אַסטראָנאָמיע, אַסטראָפֿיזיק, מאַטעמאַטישע חשבונות פֿון דױער, דיסטאַנצן, עװאָלוציעס אד"גל, און מע פּרוּװט ניט קודם מאַכן אַ ביסל אָרדענונג מיט יושר, רעכט און לאָגיק אױפֿן פּלאַנעט?

מע גריבלט זיך און מע פֿאַרשװענדט אַזױ פֿיל דױער און פֿאַרמעגן מיט פֿאָרשן און שאַפֿן מאַכערײַקעס װאָס קאָסטן ריזיקע סומעס, און לײַט שטאַרבן דאָ פֿאַר הונגער אין די מיליאָנען. די מענטשהײט איז כאַאָטיש צעטײלט אין קלאַסן מיט פּריװילעגיעס און אַנדערע מין שקלאַפֿערײַען. װי אַזױ האָבן זיך געקענט מאַניפֿעסטירן אױף אַ נאַרישן אופֿן אַזױ פֿיל לעבנס-שטײגערס, אומעטום, זינט טױזנטער דורות?

װאָלט דען די װיסנשאַפֿט מיט איר פֿילאָזאָפֿיע ניט געדאַרפֿט קודם זיך פֿאַרנעמען מיטן מאַרקסיזם, דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, מיט די עקאָנאָמישע באַדינגונגען װאָס האָבן פֿאַרקריפּלט די גילטיק-ערלעכע עװאָלוציע װאָס האָט געזאָלט זײַן דער ציל פֿון אַ באַװוּסטזיניקער עקזיסטענץ?

מילא, ס'קען זײַן אַז מיט די רעליגיעס איז אפֿשר נאָך אַ ביסל אַנדערש. אַחוץ װאָס די פּריװילעגירטע קלאַסן האָבן, היפּאָקריטיש און ציניש, תּמיד געװעלטיקט דיקטאַטאָריש צי כּלומרשט דעמאָקראַטיש לטובֿת זײערע אינטערעסן און אױסגעניצט די רעליגיעס װי אָפּיום פֿאַר די עקספּלואַטירטע, איז געװען אױך אַ פּחד פֿאַרן טױט. דערצו האָבן זיך געשאַפֿן גורוס, שאַמאַנען, הײליקע, װאָס האָבן לײַכט געזוכט צו מאַכן אַ לעבן מיט הימלישקײט, געטליכקײט. דאָס דאָזיקע גילט נאָך ביז הײַנט, אומעטום, לײדער.

ס׳טײַטש, ווי אַזוי קענען כּסדר אויפֿקומען אַלץ נײַע פֿילאָזאָפֿיעס, בשעת -ווי מע קען עס כּמעט תּמיד פֿעסטשטעלן- אַלע דאָקטרינעס חזרן איבער דאָס זעלביקע. טייל טשעפּען צו אַ נעאָ און אַנדערע קומען מיט זייערע תּורות ווי זיי וואָלטן אַנטפּלעקט ווער ווייסט וואָס. שפּינאָזע און ברונאָ, מיט זייערע „נאַטוראַס נאַטוראַנטעס"; לײַבניץ און ברונאָ מיט די מאָנאַדן, סענט-אַגוסטין מיט די עקזיסטענציאַליסטן – אַזוי פֿיל יענטעס פֿאַרשיידן געשלייערט! דאָס אַלץ זעט אויס ווי אומניצליכער פּלפּוליזם, אַפֿילו ווען מע רופֿט עס דיאַלעקטיק.

פֿאַר וואָס פֿאַרתּכלעוועט דווקא אַזוי פֿיל מי מיט די אַלע פֿילאָזאָפֿיעס און רעליגיעס, אַז אַלע אויפֿריכטיקע לײַט קענען דאָך אײַנזען אַז אין אונדזער פּסיכישן צושטאַנד זענען מיר ניט מסוגל אַלץ צו וויסן. דערצו נאָך איז בכלל ניט נייטיק אַלץ צו וויסן. פֿאַר וואָס ניט קודם יוצא זײַן מיט דער מתּנה פֿון מעגליכער עקזיסטענץ אויף אונדזער שיינעם פּלאַנעט, מיטן קענען געניסן אַזוי פֿיל תּענוגים מיט אַלע חושים, מיט שעפֿערישע עקסטאַזן אַפֿילו אין טראַכטן, טרוימען, זינגען, טאַנצן, שפּילן זיך? דאָס אַלץ – מיט צוטרוי צום אומבאַגרײַפֿטן באַשאַף און צום עווענטועלן מײַסטער דערפֿון, וואָס פֿאַר מיר איז עס ס׳לעבן, גאָט, און פֿאַר אַנדערע מעג מען עס אָנרופֿן ווי זיי ווילן.

ווילט איך אַז דאָס אַלץ זאָל קענען געשען אין אַ לאָגיש-ערליך אָרגאַניזירטער געזעלשאַפֿט, מיט אמתער גלײַכהייט, פֿרײַהייט און ליבשאַפֿט – טאָ לאָזט די האַמלעטן מיט זייער יאָ-צי-ניט זײַן, די דאָן קיכאָטן מיט זייערע מילגעפֿעכטן, און אַלע, אַבסאָלוט אַלע פֿילאָזאָפֿיעס און טעאָגאָניעס, כּדי זיך אײַנצוואָרדענען אויף אונדזער פּלאַנעט ווי אין אַ גילטיקער, ליבער היים: ערליך, פּראַקטיש, אָן איבעריקער מי, אָן צעשטערן דעם עקאָלאָגישן אַרום.

ווען ס׳וואָלט געווען אָנבאַלאַנגט אין מיר, וואָלט איך פֿאַרבאָטן צו לערנען געשיכטע, פֿילאָזאָפֿיע, רעליגיע. געשיכטע איז פֿול מיט קאַטאַסטראָפֿעס, און טאַקע נאָר אומגליקן, רעוואָלטן, מלחמות,

רציחות, משוגעתן. פֿילאָזאָפֿיע איז רעטאָרישע פּלאַפּלערײַ: געשטויסן וואַסער און געמאָלן ווינט. וויכטיק איז עטישע עקזיסטענץ, אָרגאַניזירט מיט ערליכקייט, לויאַליטעט, אָן קונציקע פּריווילעגיעס און אַקראָבאַטישע תּירוצים צו פּאַראַזיטעווען אויף עמיצנס חשבון.

אויף איין זײַטל פּאַפּיר קען מען פֿאַרשרײַבן דאָס אַלץ אין עטליכע אימפּעראַטיווע פּאַראַגראַפֿן. פֿאַרשטייט זיך, מיט אַזעלכע רייד קען מען נאָר אָנגיין ווי אַ בטלן, אַ צעחושטער וואָס פּלאַפּלט נאַרישקייטן וועגן פֿיקציעס, אוטאָפּיעס און פֿאַנטאַזיעס. אָבער איך טו ס׳מיײַניקע און פֿאַרשרײַב עס, און וועל עס פֿאַרעפֿנטליכן, מיט גאָטס און מײַן אייגענער הילף, אָמן!.

~❀~

רעדן ייִדיש איז זיכער ניט גענוג. מע דאַרף אויך קענען טראַכטן ייִדיש, און אַפֿילו שווײַגן ייִדיש. ייִדיש איז ניט אַ שפּראַך ווי אַלע שפּראַכן. אין מאַמע-לשון ייִדיש ליגן אַזוי פֿיל אוצרות, ראַפֿינירטע חכמה, צאַרטע אויסדריקן פֿאַר ליבשאַפֿט, סובטילע ניואַנסן און אינטאָנאַציעס, פּרעציזע טערמינאָלאָגיעס פֿאַר עמאָציעס און מחשבֿות, וואָס זענען וויכטיקער און גילטיקער פֿון אַלע פּינקטליכע לאַטײַנישע נעמען פֿאַר אַלע באַשעפֿענישן, פֿלאַנצן און חולאַתן, געשאַפֿענע וואָרשײַנליך בשעת די מעשה-בראשית, ווען גאָט האָט נאָר געקענט צוויי שפּראַכן: העברעיִש און לאַטײַניש.

ייִדיש איז אַן אָריגינעלער מאָזאַיִק פֿון אַזוי פֿיל אידיאָמען און דיאַלעקטן, אָבער אַזוי געענדערט, אַז דאָס שאַפֿט אַן אייגנאַרטיקע לינגוויסטישע מאָרפֿאָלאָגיע. חוץ דעם איז ייִדיש ניואַנסירט ווי מוזיק. מע קען ברומען אַ ניגון אויף ייִדיש אָן פֿאָנעמען. אויף וועלכער שפּראַך קען מען זאָגן: „גאָטעניו", „מאַמעניו", „מוזיניקל מײַנס" צי אַפֿילו „אַ שיינע ריינע כּפּרה", אָדער „ער לערנט תּמיד און קען מכּות"? אויף וועלכער שפּראַך קען מען זאָגן: „אַז מע וואַרפֿט אַ שטעקן אין דער וואַנט, בלײַבט

ער שטעקן", אַז "תּכריכים מאַכט מען אָן קעשענעס", אָדער "דרייַ זאַכן וואַקסן אין דער נאַכט: פּראָצענטער, דירה-געלט און אַלטע מיידן", אָדער "מאַכן פֿון שניי גאָמלקעס", צי "לערנען אַ פֿלאָקן טאַנצן"?

ייִדיש איז עטימאָלאָגיש, לינגוויסטיש, אַן אויסנאַם. מע קען זאָגן אַז ס'איז אַפֿילו **ממזריסטיש, היימיסטיש**, אָבער תּמיד – דאָס ריכטיקע וואָרט אויפֿן ריכטיקן אָרט.

נאָר צו וואָס דאַרף מען אַרגומענטן? פֿאַר מיר איז ייִדיש עפּעס פֿון מייַן גוף, פֿון מייַן נשמה.

~❁~

**ע**לעקטריציטעט מאַניפֿעסטירט זיך נאָר אין קרייַזן. אָפּגעהאַקט דעם צירקל – פֿאַרשווינדט די ענערגיע. ווי אַזוי מאַניפֿעסטירט זיך ס'דאָזיקע אין ספֿערעס? ווו זענען אין דעם פֿאַל די פּאָזיטיוון און די נעגאַטיוון? צי זענען בליצן ניט אַ באַגער צוריקצוקומען פֿון עלעקטריציטעט צום ערדישן קאָנטאַקט, כּדי דער קרייַז צי די ספֿערע זאָל ווידער ווערן נאָרמאַל? און ווי איז דעם, וואָס שטערט דעם קאָנטאַקט? ער ווערט אַ בליץ-אָפּלייטער.

זענען כמאַרעס ניט עפּעס ערדישס וואָס באַגערט דעם ווידערקער צו עפּעס הימלישס? אפֿשר מוז זייַן דעריבער באַגערט דער קרייַז אינעם הוירא-טאַנץ, מיטן און דאָס פּרווון זיך צו געפֿינען האַנט בייַ האַנט אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע.

ווי גוט וואָלט געווען ווען אַלע לייַט און פֿעלקער וואָלטן זיך צוזאַמענגענומען, געאייניקט אין אַ טאַנץ אַרום דעם פּלאַנעט! ס'וואָלט זיך זיכער מאַניפֿעסטירט אַן אוניווערסאַלע פֿרייד. ווער ווייסט צי ס'איז ניט עפּעס אַ מין גראַוויטאַציע-פֿרייד, וואָס ליגט אין אַלע אָרביטן, אין אַלע דימענסיעס, אַרום אַלע זונען? ווי אַזוי באַקומט מען זיך אַרייַן אין דעם קאָסמישן צי פּלאַנעטאַרן קאַראַהאָד?

~❁~

לייען איך אַז ס'זענען פֿאַראַן בינאַלע שטערן, דאָס הייסט: שטערן צי זונען, וואָס זענען געפּאָרט, און אַז אין אַ געוויסן מאָמענט דערשײַנען נאָוואַס ־ריזיקע, ליכטיקע־ וואָס נאָך אַ געוויסער צײַט ווערן זיי אויפֿגעריסן און צוריק נאָרמאַל. פֿאַר וואָס זאָל עס ניט זײַן אַ מין סטעלאַרע ליבשאַפֿט צווישן צוויי זונען צי עפּעס ענליכס, מיט אַ באַהעפֿטונג, אַ שוואַנגערשאַפֿט און אַ געבוירן פֿון ווער ווייסט וועלכע סאַטעליטן צי עפּעס ענליכס?

לויט דעם ענגלענדער דזשינס טעאָריע, איז אַזוי געשען מיט אונדזער זונסיסטעם. איין זון האָט באַגעגנט ־צופֿעליק צי געוואָלט־ אַ צווייטע, ווי אַ מין דאָן־זשואַן אַ געליבטע צי אַ פּראָסטיטוטקע, האָבן זיי זיך באַהאַפֿטן און צעשיידט, און אונדזער זון איז מיט מזל געלעגן געוואָרן און געבוירן פּלאַנעטן, מיט אונדזער פּלאַנעט בתוכם. ווײַנען מיר, הייסט עס, אויף אַ פּלאַנעט וואָס איז רעגיסטרירט געוואָרן מיט אַ מעטריקע, אָדער אַ ממזר אָן אַ טאַטן.

לויט אַ לאַפּלאַסן, צי אַ האַנרי פּואַנקאַרע, איז דאָס די היײַנטיקע קאָסמאָגאָנישע השערה. אַזוי דאַכט זיך מיר. לויט דער לעצטער היפּאָטעזע פֿון אַ ספּעץ ווי דאָווילערס, איז דער פּאָרל־סיסטעם אַן אוניווערסאַלער פֿענאָמען. ס'מוזן תּמיד זײַן אַן ער מיט אַ זי, מיט אַ באַהעפֿטן זיך און אַ געבוירנשאַפֿט. אַ טרײַע ליבשאַפֿט צי אַ צופֿעליקע באַקאַנטשאַפֿט – אומעטום דאָס זעלבע, בײַ אַטאָמען ווי בײַ גאַלאַקציעס, און בײַ באַשעפֿענישן מיטן מענטש בתוכם.

באַגעגענען זיך צוויי שטערן, ליכטיקע צי פֿינצטערע, נוסח בופֿאָן צי נוסח דזשינס, און באַלד – צוויי עמיסיעס פֿון סובסטאַנצן, און ס'ווערן געבוירן סאַטעליטן. אַ מאָל – צווילינגען.

פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז גענומען בײַ די ספּעצן זינט דעקאַרטן, קאַנטן, סוועדענבורגן און אַנדערע וואָס כ'האָב אפֿשר שלעכט פֿאַרשטאַנען. פֿאַר מיר זענען אַלע מיטאָלאָגיעס, רעליגיעס און וויסנשאַפֿטלעכע קאָסמאָגאָניעס נאָך פּאָסטולאַטן, נאַרישע קאָפּ־דרייעינישן, אַזוי לאַנג ווי מע מאַכט ניט אַ ביסל לײַטישע אָרדענונג אויפֿן פּלאַנעט. איידער פֿאַרתּכלעווען מי, צײַט

מיט פֿאַרמעגן צו שאַפֿן ראַדיאָ־טעלעסקאָפּן און מיסילן, וואָלט מען געדאַרפֿט זען צי קינדער שטאַרבן ניט פֿאַר הונגער און מגיפֿות.

לײדער זענען מענטשן משוגע, און דאָס איז אַ געפֿערליכע מחשבֿה. אויב מענטשן קענען זײַן משוגע, ווער ווייסט וואָס ס'קען זיך מאַניפֿעסטירן בײַ אַ גאַלאַקציע! אַז אין דער קאָסמאָגאָניע מיט די זונען און פּלאַנעטן איז עפּעס טאַקע פֿאַראַן אַזוינס, קען מען דאָך פֿעסטשטעלן מיט די זוניקע עקספּלאָזיעס, די פּלאַנעטאַרע קאַטאַסטראָפֿעס, די קאָנוווּלסיעס, עפּילעפּסיעס, פּאַראַנאָיע־קריזיסן אין קאָסמישע דימענסיעס, דער קין־הבֿל־סיסטעם, דער יעקבֿ־עשׂיו־רעזשים, די ישׂראל־ישמעאל־אינצידענטן, און בכלל אַלע קסענאָפֿאָביעס, ראַסיזמען, היטלעריזמען.

אויסטערליש אַז עפּעס דערין זאָל קענען טראַכטן פֿון דעם אַלעמען. נאָר ווי ס'זאָל ניט זײַן – מ'איז פֿאַרקראָכן אין אַ וואָרשײַנליך צעדרייטן קאָסמישן אַלץ, און ס'איז ניטאָ ווּ צו אַנטלויפֿן.

≈❀≈

**אַ** בוים מוז זײַן קודם גוט געוואָרצלט אין דער ערד, זיך צופּאַסן צו קלימאַטן און סעזאָנען, און פּרוּוון מיט תּמיד נײַע צווײַגן אַלץ העכער שטײַגן, האָבנדיק תּמיד אין זינען, אַז בײַ גרינס מיט צוויט אין פֿרילינג איז שיין און פֿאַרדינט טאַקע קאָמפּלימענטן פֿון פּאָעטן און סאָלאָווייען, אָבער דער עיקר איז תּכלית: רײַפֿן פּירות מיט נײַע זוימען.

חוץ דעם איז פֿאַר אַ בוים געפֿערליך, בפֿרט ווען ער איז נאָך לײַכט געוואָרצלט אין זאַמדיקן באָדן, צו שטיין אַליין. דער מינדסטער שטורעם איז פֿאַר אים געפֿערליך: ער קען אים אויסרײַסן און פֿאַרטראָגן צו אַל־די רוחות. מיט אַנדערע צוזאַמען אין אַ גאָרטן, אַ סאַד צי אַ וואַלד, איז מען איינס מיטן אַנדערן געשיצט. דאָס קען זײַן אַ משל פֿאַר לײַט אַפֿילו.

≈❀≈

דער אוניווערסאַלער אַלץ איז זײַן פּלומרשט אייביקן דויער, קומט אויף און קומט אום מיט יעדער רגע און נאָך אַנאַנד, כּסדר. דויער אין אייביקער פֿאַרוואַנדלונג מיניעט מיט אַן עפּעמערישן זײַן, כּסדר תּיכּף צו ווערן געוועזנס. אַזוי איז וואָרשײַנליך מיטן קאָסמישן אַלץ, מיטן אַטאָם און אפֿשר מיט געטליכקייט, זײַענדיק פּאַנטעיִסטיש נוסח שפּינאָזאַ.

אַלץ קומט תּמיד אום מיט יעדן מאָלעקולס אַ פֿאַרשווינדן, און ווערט באַנײַט מיט יעדער שאַפֿונגס-געבורט. ווי אַזוי איז מען מסוגל באַהערשט צו ווערן פֿון דער השגה, אַז אַ טאָטאַלער מענטש איז אַ מאַסע פֿון מאָלעקולן, קעמערלעך, וואָס קומען כּסדר אום און קומען כּסדר אויף? ווי אַזוי איז דאָס ניט אין ווידערשפּרוך מיט פּאַסטערס באַווײַז, אַז ס׳קען ניט זײַן קיין ספּאָנטאַנע לעבנס-אַנטשטייונג? ווי אַזוי קענען אַזוי פֿיל פּשוטע עלעמענטן, אַרײַנקומענדיק אין גוף, זיך פֿאַרוואַנדלען אין לעבן? בכן, ווו איז די גרענעץ צווישן לעבן און טויט? וואָלף פֿרעסט שאָף, וואָס ווערט פֿאַרדײַעט אין תּיכּף לעבעדיקן וואָלף.

קען דאָך פֿאָרט זײַן אַ מעגליכקייט אַז עפּעס, אויסער סובסטאַנצן און ענערגיעס, ניצט אויס די דאָזיקע עלעמענטן צו באַזעצן זיך דערין: אַ מין שם-המפֿורש אין אַ ליימענעם גולם. און אַזוי געשעט עס אָן אויפֿהער, תּמיד, אומעטום. **זײַן** הייסט תּמיד **ווערן**. זענען דאָך בערגסאָן און טייאַר-דע-שאַרדען גערעכט אין געוויסע הינזיכטן. אַ ווערן ביז וואַן? ביז וואָס? און פֿאַר וואָס? לײַט קענען נאָך עפּעס וויסן פֿון גולמס ליים און זײַן אַספּעקט, אָבער בשום אופֿן ניט עפּעס פֿונעם שם-המפֿורש.

ביטער און געפֿערליך איז, וואָס דער טעכנישער פּראָגרעס האָט באַוויזן צו פֿאַרוואַנדלען גולמס אין ראָבאָטן וואָס קענען זיך באַוועגן, צעשטערן און בויען אַפֿילו, אָבער קיין ניצוץ פֿון אַ נשמה איז דערין נישטאָ. דער מענטשן-מין אַליין איז געוואָרן ראָבאָטיזירט, און מאַניפּולירט נוקלעאַרע ענערגיעס וואָס וועלן אומברענגען די בי׳אָספֿערע אין אַ מין קאַמיקאַדזע-קאַטאַסטראָפֿע, ווײַל ס׳איז ניטאָ קיין ווילן און קיין קאָנטראָל מיט

אַ ציל, מיט אַן אידעאַל. אפֿשר וועט געשען אַ נס, אַ נײַער פּראַגער מהר״ל וועט זיך באַווײַזן און באַהערשן דעם סטיכישן אַנאַרכיזם מיט זײַן טעראָר, מיט זײַנע כּלומרשטע פּראָגרעסן, ליבעראַליזמען, דעמאָקראַטיעס, ציוויליזאַציעס, קולטורן, מיט זייער כּלומרשטער עטיק און פֿאַרקריפּלטער עסטעטיק. ליידער זענען ניסים זעלטענער ווי קאַטאַסטראָפֿעס. מע קען שוין זאָגן ווידוי.

אָבער אַזוי ווי אַלץ וואָס איז —נוסח פּלאַנק און אַנדערע ספּעצן אין די אַלע דיסציפּלינען—, איז אויף אַ רגע און עס פֿאַרשווינדט באַלד, מע געפֿינט עס מער ניט, ניט אין אַספּעקט און ניט אויפֿן אָרט, קען דאָך זײַן אַז דאָס וואָס געשעט מיט אונדזער ציוויליזאַציע, מיט אונדז, מענטשן, אויפֿן פּלאַנעט, מיט אונדזערע כּלומרשטע באַגריפֿן פֿון דויער און אַפֿילו אייביקייטן, איז נאָר אַ רגע אין עפּעס גרעסערס און וויכטיקערס, ווי דאָס וואָס מיר קענען תּופֿס זײַן. דעריבער קען מעגליך זײַן אַז אַלץ וואָס מיר באַגרײַפֿן האַלט אין פֿאַרשווינדן. און אפֿשר וועט זיך באַנײַען עפּעס? נאָר ליידער וועלן מיר דערפֿון גאָרניט וויסן.

≈❁≈

**ו**ילסטו האָבן אַ בריליאַנט —
איז דימענטן געשליפֿן!
און ווילסטו פּערל? — ניט געאַנט
אָן טויך אין אָקעאַנענס טיפֿן.
מיט בלויז באַגערן
וועט דיר עפּעס קיין מאָל ניט געהערן.
געדולד, עקשנות, מי —
און רעאַליזירט איז דײַן יהי.

≈❁≈

**א**ינעם מענטש מאַניפֿעסטירט זיך אפֿשר ס׳געטליכע געוויסן.
קעגן וואָס? קעגן ועמען? פֿאַר וואָס? ווי אַזוי זאָלן קענען זײַן אַזוי פֿיל נאַטור-קאַטאַסטראָפֿעס, גילטן אַזוי פֿיל שלעכטס?

מילא, לײַט זינדיקן, זיי ווערן געשטראָפֿט פֿאַר זייערע שלעכטע מעשׂים. אָבער וואָס זענען שולדיק אַ גרעזל, אַ ווערעמל, געשטראָפֿט מיט פֿײַער, לאַווע, שטורעמס, געוויסערן, און ווער ווייסט וואָס נאָך? זאָל דער אוניווערס זײַן הפֿקר, מיט סטיכיעס, אַנאַרכישע געשעענישן, און צווישן דעם אַלעמען – דאָס ערגסטע: מענטש קעגן זײַנס גלײַכן, וואָס דאָס איז ניט בנימצא בײַ קיין שום אַנדערע באַשעפֿענישן, וואָס וועלן ניט אַטאַקירן עמיצן פֿונעם זעלבן מין?

ווי אַזוי קען אַזוינס געשען? אויב גאָט איז אומבאַהאָלפֿן, צו וועמען זיך ווענדן? ווי אַזוי קען אַן אוניווערס זײַן אַזוי הפֿקר, אָן ווירטועלן קאָנטראָל, אָן הימלישן פּלאַן, בלויז אינצידענטן, צופֿעליקייטן, ווו ס׳זאָל מעגליך זײַן שלעכטס און מיאוסקייט?

מענטש, באַוווסטזיניקער מענטש, דו מוזסט אַליין נעמען דײַן גורל אין די אייגענע הענט. ניט פֿאַרלאָזט זיך אויף קיינעם! מײַדן מעגליכע קאַטאַסטראָפֿעס אין געוויסע ערטער, אין געוויסע אומשטאַנדן. מיט שׂכל, לאָגיק, מיט אַלע מעגליכקייטן אַכטונג טון אויף אַלץ וואָס דו קענסט באַווײַזן אויסצופֿירן אין דײַן באַגרענעצטן דויער, אויף דײַן באַגרענעצט אָרט. האָף ניט אויף קיין ניסים, ניט אויף עמיצנס הילף. ניטאָ קיין לאָגיק, רעכט און יושר אינעם אוניווערס. פֿאַראַן נאָר קאַמף, משוגעת, טעראָר, אַנאַרכיע.

לאָגיש קענען דאָך עלעמענטן אינעם זעלבן גוף ניט קעמפֿן קעגן דעם אייגענעם אָרגאַניזם, קעגן אייגענעם דויער. איז אָבער פֿאַרקערט: די גאַנצע מענטשהייט, וואָס קען באַטראַכט ווערן ווי איין גוף, עפּעס פֿון זעלבן מין, באַגייט נאָר עגאָפּאָביש זעלבסטמאָרד.

ווײַזט אויס אַז אַ געטליכקייט איז אומבאַהאָלפֿן. ווער איז גורם די אַנאַרכיע, די סטיכיעס, די קאַטאַסטראָפֿעס אין אַלע דימענסיעס, דעם קאַמף צווישן עלעמענטן? ווי אַזוי קען אַ מענטש טראַכטן פֿון דעם אַלעמען און זוכן, מאָנען הילף, יושר, רעכט פֿאַר עקזיסטענץ, צי קענען וויסן כאָטש דעם זין, פֿאַר וואָס ער מוז אומקומען? פֿאַר

וואָס מוזן זײַן אַזוי פֿיל פּײַן, אַנגסט, יסורים, פּחד? זאָל אינעם מענטש זיך האָבן מאַניפֿעסטירט עפּעס אַ געטליך געוויסן, אַ געטליכער פּראָטעסט? אַ געטליכער רעוואָלט? אָבער רעוואָלט קעגן וואָס? קעגן וועמען? ווי אַזוי ניט מקנא זײַן דעם שטיין, צי אַ קערן זאַמד, וואָס קען ניט טראַכטן פֿון דעם אַלעמען?

קען ניט טראַכטן? ווער ווייסט וואָס ס'טוט זיך אין אַן אַטאָם? אַפֿילו מעטאַלן האָבן אפֿשר נשמות און וױרקן: מער, ווייניקער. אַ קיזלשטיין ווייניקער ווי אַן אוראַניום, אָבער עפּעס גײַסטיקס מוז זײַן דערין. ליידער איז אוראַניום טײַוואָליש שלעכט, און גרײַפֿט אַן שטראַלנדיק מיט ראַדיום-טויט אַלץ וואָס קומט מיט אים אין קאָנטאַקט. באַהאַלט עס די נאַטור אין גרודעס, קומט דער נאַרישער מענטש און באַפֿרײַט ס'טײַוואָלישע דערין, צו באַגיין זעלבסטמאָרד צוזאַמען מיט זײַנס גלײַכן און אַלץ אַרום אים.

אוי, געוואַלד! די וועלט איז משוגע! וווּ אַנטלויפֿט מען?

~❀~

זײַ מיר מוחל, ליטעראַטור, וואָס כ'האָב זיך אַן אומגעבעטענער געפּרוווט אַרײַנבאַקומען צו דיר, און דווקא געוואָלט דיך אַרומנעמען און גערן פּרווון געניסן פֿון דײַנע צאַרטע תּענוגים.

איז ערשטנס, ביסטו קיין מאָל ניט געוועזן קיין פֿרומע, אומשולדיקע צנועה, און די טיר פֿון דײַן הויז איז קיין מאָל ניט געווען פֿאַרשלאָסן פֿאַר קיינעם, ניט בײַ טאָג און ניט בײַ נאַכט.

צווייטנס, די געליבטע דײַנע, צי די כּלומרשטע געליבטע, זענען ס'רובֿ געוועזן מאַטשאָרניקעס, הולטײַעס, רופֿיאַנעס, אַלפֿאָנסן, ווילע יונגען, וואָס האָבן ס'רובֿ געזוכט צו מאַכן אַ לעבן פֿון דײַן חן און צויבער, און ניט שטענדיק זיך אויפֿגעפֿירט אַפֿילו דזשענטלמעניש, נאָר אָפֿט פֿאַרשײַט און פּערוועז.

דריטנס, ווייסט איין גאָט אין הימל, וויפֿל איך האָב דיך באמת ליב געהאַט. איך האָב דיך תּמיד ליב, ווער און ווי דו זאָלסט ניט זײַן. עס האָט מיך געצויגן צו דיר מיט טויזנט לײַדנשאַפֿטן און

קאָמפּלעקסן. כ'ווייס ניט, צי אַפילו ווען דאָס פּענצטער וואָלט געווען פאַרמאַכט און דער טויער מיט דער טיר פאַרשלאָסן, וואָלט איך ניט אויפגעבראָכן ווי אַ קאַסע-ברעכער דײַנע טירן און דיך געוואַלדיקט. געוואַלדיקט אָבער ניט געשענדט: מיט אַזאַ מין באַיִווער ליבשאַפט קען מען קיינעם ניט שענדן. אַפילו ניט די ליטעראַטור. אַ גאַסנמויד צווישן אַנדערע קונסט-גאַסנמיידן – יאָ. גאַסנמויד, ניט גאַסנמויד – פאַר מיר ביסטו מײַן דולציניייע, מײַן האַרצדאַמע, די באַגערטע און באַשערטע.

רוף מיך יאָלד, רוף מיך וויטישער, רוף מיך גולם, נאַר, קוני-לעמל – כ'האָב דיך ליב, איך קען אַנדערש ניט טון, ווי דיך ליב האָבן און לעבן פאַר דיר, צוליב דיר, ליטעראַטור, ייִדישע ליטעראַטור, מײַן שיר-השירימדיקע געליבטע! אַפילו ווען דו דערשײַנסט מיר אַ מאָל אין אַ הולך וואָס איז ניט דווקא אַזוי, ווי איך באַגער.

~❁~

קיין שום טאָלעראַנץ פאַר געצנדינסט! קיין שום מאַטעריעלע פאַרשטעלונגען פון געטליכקייט, קיין שום סימבאָל, קיין שום פּאַגאַניזם! גאָט איז אין מענטש; דער מענטש איז אפשר אין צלם-אלוהים צי מיט עפּעס פון אים, ווי אַלץ וואָס איז אָדער לעבט. בכן איז יעדע עקזיסטענץ טויזנטפאַכיק הייליק.

דער פּרינציפּ פון קרבנות, פון אויסקויפן זינד, איז אַ שרעקליכער אַבסורד. גאָטס וואָרט ליגט ניט אין שריפט. די שריפט איז אַ מיטל און ניט קיין ציל. בכן, איז ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל סימבאָליזירן גאָט. גאָט קען ניט, טאָר ניט זײַן און איז ניט פאַרבונדן מיט קיין שום מאַרטירנטום, מיט קיין שום פּײַנען, סיגופים, תעניתים צי אַסקעטיזם, נזיריזם, אָפּזונדערונגען. גאָט אַנטפּלעקט זיך נאָר אין פרייד, אין ליבשאַפט וואָס מאַניפעסטירט זיך ממש, ניט אין קיין אַבסטראַקטע רייד צי אין פּראָבלעמאַטישע רמזים, אַלעגאָריעס, פּאַראַבאָלן. ער איז אַ פּענאָמען פון גײַסטיקן און פיזישן תענוג, קרעאַטיווע עקסטאַזן, און בלויז אויב זיי זענען ניט גורם עמיצנס צער צי פאַרדראָס. דאָס אַלץ – ניט אין סימבאָלן, נאָר אַזוי אַז דאָס באַגערטע זאָל זײַן מאַטעריאַליזירט אין טאָג-טעגליכן פאַרנעם.

ניט זוכן קיין עקסטאַטישע וויזיעס, קיין הימלישע קעניגרײַכן, קיין גליק נאָכן טויט. דיווירקלעכקייט איז פֿאַר אונדז סובלימיזירט ביז גאָר: לעבן, ליבשאַפֿט, שיינקייט, יושר, גערעכטיקייט, דאָס איז אונדזער שותּפֿות מיט געטליכקייט, אונדזער תּפֿילה טון, אונדזער דאַנקען דעם באַשאַף. און ס'איבעריקע איז בלאָף, ליטעראַטור.

~❀~

מיט ציטאַטן קען מען אַזוי פֿאַרקריפּלען עמיצנס מחשבֿות, אַז דער ציטירטער מחבר זאָל אַרויסקומען אין גאַנצן אַנדערש ווי ער איז, אַזוי אַז ער זאָל ניט דערקענען זײַן אייגענעם טעקסט. מיט קאָמענטירן און ציטירן, דעמאַגאָגן לײַכט פֿאַרפֿירן. מיט אַ שטיינדל אַרויסגענומען פֿון אַ מאָזאַיִק קען מען בשום אופֿן ניט וויסן עפּעס פֿון אַ פֿרעסקע.

~❀~

אויב ריזיקע אימפּעריעס, מעכטיקע פֿעלקער, זענען פֿאַרשוווּנדן פֿון דער וועלטס-אַרענע, און ייִדן זענען געבליבן נאָך טויזנטער יאָרן נסיונות, פֿאַרפֿאָלגונגען און מיתה-משונהס, איז עס ניט דווקא דורך אַ געטליכן נס צי אַן אַתּה-בחרתּניסטישן גורל. ייִדן זענען געבליבן ווי אַ בויטווענדיקער עלעמענט פֿאַר די גויִים, צו קענען אויפֿהאַלטן פּריווילעגיעס און צוואַרפֿן דעם עולם-גולם אַ שעיר-לעזאזל וואָס פֿאַרענטפֿערט אַלע געמיינע שטיק, עקספּלואַטאַציעס, מלחמות און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן.

די פֿירנדיקע קלאַסן פֿון קריסטנטום, איסלאַם, מיטן מאַרקסיזם, פֿאַשיזם, היטלעריזם, סטאַליניזם און נאָך אַזעלכע איזמען, מאַכן זיך ניט קיין צימעס מיט די עוואַנגעליעס, דעם קאָראַן, דעם קאָמוניזם צי אַלע אַנדערע אמונות-דאָקטרינעס. דאָס אַלץ איז פֿאַר דעם קאַפּיטאַליזם, צי סתּם פּערוועזן קלאַסן עגאָיִזם, אַ תּירוץ אויסצונוצן עולם-גולם מיט דעמאַגאָגישע לאָזונגען, לענקען דעם רעוואָלט, דעם צאָרן פֿון לעקישעוואַטן עולם-גולם קעגן דעם איינציקן וואָס איז הפֿקר און מע געפֿינט אים לײַכט אומעטום: דעם ייִד.

די פערוועזיטעט דערגייט ביז ראַפינירטע מדרגות, ביזן אַרײַנבאַרן ייִדן אין כּלומרשטע פּריווילעגיעס, זיי פּאַרטרויען אַנפירנדיקע פּאָסטנס, כּדי דערנאָך צו האָבן עמיצן אונטער דער האַנט: „זעט ווער ס'איז שולדיק אין אײַערע צרות!", און דערבײַ — פּאָגראָמען, פּאַרטרײַבונגען, ראַבירן ס'אָנגעזאַמלטע האָב און גוטס. דאָס אַלץ — מיט פרומע טאַרטיף-מינעס, צו ראַטעווען נעבעך די אָרעמעלײַט, וואָס די שײַלאָקס זוכן אויסצוניצן און רײַסן בײַ זיי שטיקער פלייש, אָדער צאַפּן בלוט צו מצות, צי אויסנאַרן געלט און כּבֿוד.

פּטור געוואָרן מיט הריגות צי גירוש פון ייִדן-דינאַמיזם, וואָס איז אַ וויכטיקער עלעמענט אין דער עקאָנאָמיע און אין אַנדערע מאַטעריעלע צי ספּיריטועלע הינזיכטן, איז — ויקם מלך חדש, וואָס איז נעבעך גאָט די נשמה שולדיק. ווערט מען צוריק ליבעראַל, פּראָגרעסיוו, סאָציאַל-דעמאָקראַטיש. ייִדן קומען צוריק, לאָזט מען זיי בויען און שאַפן אַזוי לאַנג, ווי דער נעפּל איז נויטווענדיק, כּדי עולם-גולם זאָל היילן די ווונדן און מאַניפעסטירן אַ ווילן צו זען מיט אָפענע אויגן וואָס ס'טוט זיך אַרום אים.

דער רעזולטאַט פון דער אוניווערסאַלער עקאָנאָמיע איז דאָך אָבער תּמיד געבויט אויף יסודות פון קלאַסן-עקספּלואַטאַציעס, עגאָיזם, קאָנקורענץ, וואָפן-געיעג, וואָפן-אינדוסטריעס, אימפּעריאַליזם, אַגרעסיעס און פּריווילעגיעס, מיט נײַע שלייערן פאַר אַלטע קאַניבאַליזמען, איז — אַהער מיט ייִדן. און אַנטי-סעמיטיזם ווערט אַנטי-ציוניזם. מע פאַרטיידיקט די מאָראַלישע ווערטן פון דער עטישער מענטשהייט, משטיינס געזאָגט, און ווער איז ווידער שולדיק? ייִדן!

אָט אין דעם ליגט דער סוד פונעם אייביקן ייִדס עקזיסטענץ. ס'איז מער אָנבאַלאַנגט פון די גוייִם ווי פון די ייִדן זעלבסט. ווײַל אַזוי גוט ווי אַלע תּורות, עוואַנגעליעס און דאָקטרינעס ליגן ניט אין דער לינקער פּאה בײַ אַנדערע קרײַזן, ליגט ניט ס'ייִדישקייט אין די קעפּ בײַם רובֿ ייִדן. ס'רובֿ ייִדן זענען ייִדן נאָר ווײַל די גוייִם

צווינגען זיי עס אויף. מימעטיזם, אַסימילאַציע, פֿילאָזאָפֿיעס, שמד, העלפֿן ניט. פֿאַר אַ היטלערן צי אַ סטאַלינען איז אַ ייִד תּמיד אַ ייִד, מיזג עס זײַן אַ בערגסאָן, אַ מאַקס זשאַקאָב, אַ סימאָן וױיל (די שמדניצע, ניט די מיניסטאָרשע), אַזוי גוט ווי אַ ייִד מיט אַ זשופּיצע מיט באָרד און פּאות, אָדער אין אַ דזשין מיט אַ קאָו-באָי-קאַפּעלוש, צי אין אַ צילינדער.

ניט דער פֿאַנאַטיזם האַלט אויף ייִדן זינט טויזנטער יאָרן, נאָר דער גויִשער אָפּאָרטוניזם וואָס דאַרף עס: אַ יעזוס, אַ מאַרקס, אַ טראָצקי – מע נעמט די תּירוצים בײַ די ייִדן טאַקע כּדי זיי צו פֿאַרפֿאָלגן; מע שמײַסט זיי מיט אייגענע ריטער.

ווײַל ס'ייִדישע פֿאָלק איז ניט נאָר אַ גוטער תּירוץ צו באַרעכטיקן גויִשע געמיינקייט, נאָר זיי ליווערן אויך עלעמענטן דערצו: היסטאָרישע, מאָדערנע – מע געפֿינט שוין מיטלען צו פֿאָרמירן אָפּטריניקעס וואָס העלפֿן זיי, די גויִם, וואָס חוץ אינסטיקטן פֿון יוכע און עגאָיִסטישן האַס צו יושר ווייסן זיי ניט און ווילן ניט וויסן פֿון עפּעס אַנדערש. עוואַנגעליעס, קאָראַנען, מאַרקסיזמען – וואָס פֿאַר אַ טרויעריקער חוזק!

אין אַלע אומשטאַנדן, צו יעדער צײַט –  
ייִד, האַלט די וואַליזעס תּמיד גרייט!  
ענדערן דײַן גורל, ייִד, וועט קיינער.  
היטן מוזסטו זיך די ביינער!  
גויִש' שׂנאה תּמיד אומגעהײַער,  
אַפֿילו ווען דײַן אומקום קאָסט זיי טײַער.

~❀~

מיר דאַכט זיך, אַז ס'רובֿ פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס נאָך שפּינאָזען זענען עקזעגעטישע קאָמענטאַרן פֿון זײַן הויפּטווערק „עטיק". קאַנט, העגעל, ניטשע, די עקזיסטענציאַליסטן – אַרגומענטירן מיטן עצם פֿון זײַנע מחשבֿות. אָבער אַזוי ווי איך, וואָרשײַנליך, בין דאָך עפּעס אַ גרעסערער חכם ווי זיי אַלע, מוז איך אויסבעסערן שפּינאָזעס פֿאַנטעזיִזם.

אַנשטאָט אַ געטליכקייט וואָס מאַניפעסטירט זיך פיזיש און ספּיריטועל אינעם מענטש, דאַכט זיך מיר, איז פאַראַן דער אוניווערסאַלער עפּעס וואָס איז **לעבן**. און אַפילו די געטליכקייט זעלבסט, וואָס ווערט אַזוי געאָמעטריש אַנאַליזירט און געשילדערט אין די אַקסיאָמען מיט אַלע פּאַראַגראַפן פון דער „עטיק", איז אויך נאָר אַן אַספּעקט דערפון. געטליכקייט איז די נשמה, דער מוח פון אונדזער לאָקאַליזירטן אוניווערס, ווי דער גייסט אין טערמיטן- צי מוראַשקע-נעסטן. ווי דער מוח אינעם מענטש, איז אונדזער וואָרשיינליכער גאָט דער געוועלטיקער אין אונדזער באַגרייפליכן קאָסמאָס, צי קאָסמאָסן. אָבער לעבן מאַניפעסטירט זיך ניט נאָר אין באַשעפענישן צי פלאַנצן אַפילו, נאָר אין אַבסאָלו אַלע פענאָמענען וואָס מע קען זען, פילן צי טראַכטן, צי אַפילו גאָר ניט זיך פאָרשטעלן. אַלע סובסטאַנצן, ענערגיעס, עסענצן – זענען נאָר פענאָמענען, אַספּעקטן פונעם דאַזיקן הויפּט-עלעמענט: לעבן. ווער ווייסט צי געטליכקייט, פונקט ווי נוקלעאָנען און אַטאָמען, איז ניט אַ מדרגה אין דער עוואָלוציע, אין דער עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן לעבן.

געטליכקייט איז אפשר אויך נאָר אַ מדרגה. דעריבער די וויכטיקייט צו טראַכטן אַז אַזוי גוט ווי אַ מאָלעקול אין גוף ווערט געוועלטיקט פון אַ מוח צי אַ נשמה, איז דער מוח, די נשמה, אָפּהענגיק פון מינדסטן אַטאָם אין גוף. אַ דריז, אַ בלוט-שטערונג, קען זיין געפערליך פאַר דמיון. אמת, דער מוח קען באַשטימען אַלץ זאָל אומקומען מיט זעלבסטמאָרד, אָבער אַלע צדדים האָבן זיך איינס ס'אַנדערע בייטיק ס'זאָלן ניט זיין קיין אינצידענטן. וואָרשיינליך מוז אין אַ קאָסמאָס אַלץ לעבן אין סימביאָז – פון מינדסטן עלעקטראָן ביז געטליכקייט.

קען זיין אַז דאָס איז עפּעס אַפּיקורסות און מע וועט מיך שמייסן דערפאַר, אָבער אַזוי דאַכט זיך מיר. און אויב מיר דאַכט זיך און איך קען עס פאַרשרייבן, מוז דאָך זיין עפּעס וואָס באַרעכטיקט דאָס. מענטש קען ניט זיין און איז ניט אַזוינס, וואָס איז אַבסאָלוט אויטאָנאָם. אין אים מאַניפעסטירט זיך תמיד עפּעס פון געטליכע

אַטריבוטן, אַ ניצוץ פֿון געטליכע עסענציעלע מחשבֿות. דורך דעם מענטשנס דענקען דענקט עפּעס די פּאַנטעיִסטישע געטליכקייט.

אויב אַזוי נעמט דאָך אָן אַ פּחד: עפּעס געטליכס אין אַ היטלערישן משוגעת? אין אַ סטאַלין צי עפּעס אַן אַנדערן ווילדן אַנטיסעמיטיזם צי פֿאַרברעכערישקייט? ווי אַזוי קען מען אַזוינס טראַכטן? כ׳האָב געלייענט וועגן דער נאַטורא נאַטוראַטאַ און נאַטורא נאַטוראַנס. אַלץ איז פּאַנטעיִסטיש: עסענץ, סובסטאַנץ, אָרט, ציַיט, באַוועגונג — אחד, איינציק. אַלץ איז אין גאָט; ממילא איז גאָט אין אַלץ. איז דאָך טאַקע אַ רעטעניש? ווי אַזוי זענען מענטשלעכע מעשׂים און מחשבֿות —עפּעס פֿון גאָט— אַ מאָל, כּמעט אָפֿט, פֿאַרברעכעריש? ווי אַזוי קענען זיַין רשעים? ווי אַזוי ברענט מען לויט לעבעדיקערהייט? ס׳נעמט אָן אַ פּחד צו טראַכטן אַזוינס. ס׳איז אפֿשר אַן אַבסורד; ס׳איז אוממעגליך גאָר אַזוינס זאָל קענען זיַין.

אָבער מע קען זיך פֿאָרשטעלן אַז ס׳מאַניפֿעסטירט זיך עפּעס פֿון דעם מין: צווישן שאָפּענהויערס פּעסימיזם און לייַבניצעס פֿרומען אָפּטימיזם אַז אונדזער וועלט איז זיכער די בעסט-מעגליכע פֿון אַלע וועלטן, איז פֿאַראַן אַן אַנדער וועג וואָס איז מסוגל צו פֿירן צו אַ גילטיקער עקזיסטענץ פֿאַרן ערליכן, לאָגיש-אויסגעהאַלטענעם מענטש. דאָס הייסט אַז געטליכקייט, וואָס מיר זענען ניט מסוגל צו באַגריַיפֿן, האָט אונדז געגעבן אַ פּלאַנעט מיט אַ מעגליכקייט צו טון וואָס מיר ווילן דערויף, פּונקט ווי אין אַ גוף זענען טיילן, אבֿרים און דריזן פֿריַי צו טון וואָס זיי ווילן, אָבער האָבן אין זינען די גאַנצע באַשעפֿעניש. וועמענס שולד קען עס זיַין, אַז לויט זענען שלים-מזלדיקע אידיאָטן און פֿאַרוואַנדלען דעם פּלאַנעט אין אַ וויסט גיהנום? אָבער נאָך שרעקליכער און נאַרישער — דאָס מיינען, אַז אַלץ וואָס קען זיך מאַניפֿעסטירן אין מעשׂים און מחשבֿות איז איינציק און קומט פֿון זעלבן מקור, פֿון זעלבן ווילן.

ווי ס׳זאָל ניט זיַין, איז שפּינאָזעס פּאַנטעיִזם צו מתנגדיש, מאַטעמאַטיש, געפּרווירן, מעכאַניש, אָן שום מעגליכע עמאָציעס: ניט

לאַכן, ניט וויינען, נאָר פֿאַרשטיין. בשום אופֿן ניט! פֿאַרשטיין, אָבער צו קענען לאַכן און וויינען!

וואָס זאָגט איר? מײַן מעגאַלאָמאַניע פֿאַרפֿירט מיך אין אַבסורדן מיט אוטאָפּיעס, טעאָריעס און נאַרישע אַרגומענטן? נו, זאָל עס זײַן אַ מין פּאָעטישע פּסיכאָפּאַטיע, צי אַ פּסיכאָפּאַטישע פּאָעזיע. בײַ מיר זענען אַלע פֿילאָזאָפֿיעס פֿאַרדעכטיק, ניט אויפֿריכטיק, דיאַלעקטישער פּלפּוליזם, אַ פֿלאַטערן אין דיאַלעקטישע ספֿערע-הייכן און ניט זען וואָס ס׳טוט זיך דאָ אונטן אויפֿן פּלאַנעט, ווו ס׳געוועלטיקן היפּאָקריזיע, עגאָיזם, פּאַראַנאָיע, פּריווילעגיע-יחסנות, לײַט קומען אום פֿון הונגער און איבערפֿרעסעניש.

≈❁≈

אויב ס׳איז מעגליך צו טראַכטן, אַז עקזיסטענץ קען זײַן בעסער, שענער ווי זי איז, מוז מען דאָס קענען באַווײַזן צו טון. פֿאַר וואָס מוזן לײַט זײַן אויסטערליש משוגע און זיך שאַפֿן מיט אייגענע הענט אַ גיהנום מיט אומקומען פֿאַר דער צײַט, מיט אַנגסט, פּײַן, יסורים פֿיזישע און פּסיכישע? פֿאַר וואָס מוז אַזוי שווער אָנקומען צו זײַן לאָגיש, ערליך און פּשוט פּראַגמאַטיש?

ס׳איז דאָך ניט צו פֿאַרשטיין אַז אַזאַ מין פֿענאָמען ווי וועלט, מיט אַלץ וואָס געשעט דערויף און דערין, זאָל זײַן עפּעס אַ משוגענער כאַאָס, אָן שום שכל, אָן אַ סיסטעם, טויט זאָל טעראָריזירן לעבן און גילטן זאָלן נאָר פּחד, אַגרעסיע, צווייפֿל און פֿאַרצווייפֿל. איינס פֿון די ביידע: אָדער דער באַשאַף, אָדער דער מענטש זענען ניט בײַם קלאָרן זינען.

ערגער איז נאָך דערמיט, וואָס דער וואָס געוועלטיקט מיט דעם צי איבער דעם אַלעמען, איז אַזוי פּערוועז אַז ער לאָזט מיך, עפּעס פֿון זײַן ווערק, דעם באַוווסטזיניקן מענטש, טראַכטן דערפֿון און זיך מאַכן עגמת-נפֿש, ערגערן. פֿאַר וואָס זיך גערייצט מיט אים און ניט געלאָזט זײַן ווי אַ שטיין וואָס ליגט ערגעץ, גרײַפֿט קיינעם ניט אָן און ווייסט ניט פֿון קיין-שום פּראָבלעמען.

≈❁≈

ביטאָ קיין טינוף וואָס זאָל ניט האָבן זײַנע גיריקע אַמאַטאָרן: באַקטעריעס, מיקראָבן, פליגן אַפילו, וואָס זענען זיך מחייה מיט דער שטינקעדיקער צואה.

פאַראַן אויך טינוף פונעם כלומרשטן גײַסט, און ממילא ליבהאָבער אויך פאַר דעם דאָזיקן מין ספּיריטועלע עפּעסן, מיט זייערע פּערווערזע אַפּעטיטן: אַנטיסעמיטן, ראַסיסטן, שאָוויניסטן, סאַטראַפּן, טיראַנען און סתּם געמיינע קרעציקע פאַרך־נשמות, וואָס פילן זיך מחיידיק דערין, ווי חזירים אין שטינקעדיקע קויטן. פאַראַן אַזאַ מין ליטעראַטור, אַזעלכע ספּעקטאַקלען, אַזאַ רעטאָריק, אַזאַ פילאָזאָפיע, אַזאַ מאָראַל, אַזאַ עסטעטיק, אַזעלכע לעבנס־שטייגערס, אַזעלכע סאָציאַלע רעזשימען וואָס זענען ווי מיסט פאַר שטשורעס, ווי קויטיקע בעטן פאַר וואַנצן. לײדער איז ס׳רובֿ מיטן־מענטשן מין אַזוי: פיזיש און פּסיכיש פאַרקריפּלט און געסמט זיך כּסדר מיט געמיינע אידעאָלאָגיעס, געוויינט אין שלעכטס ווי ווערעם אין אַ פּגר.

ניט נאָר מע רויעט מיט תּענוג אין די אויסטערלישע, געמיינע רעזשימען, נאָר אָט —ווי אין די כלומרשט סאָציאַליסטישע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס— פּראָדוצירט מען וואָדקע און מע פּראָפּאַגירט דעם מאַרקסיזם. אין די אָרעמע לענדער וווּ מע שטאַרבט פאַר הונגער, אַנשטאָט וווייץ, פלאַנצט מען אָפּיום, און כּמעט אומעטום — טאַבאַק, דראָג, אַלקאָהאָלן האַשיש, דערצו ספּאָרט־קאָמפּעטיציעס וווּ מע ריזיקירט מיטן געזונט און מיטן לעבן, פּאַראַזיטיזמען, פּערווערזע דעמאַגאָגישע אַרגומענטאַציעס, קלאַסן־פּריווילעגיעס, סתּם פוילע שטיק, און עולם־גולם מאַרשירט, אַפּלאָדירט: הוראַ, וויוואַט! מיט דעמאָקראַטיע, פּראָגרעס, בהמות אַפּלאָדירן זייער שוחט.

~❀~

דער אידעאַל פון וואָלף איז פרעסן שאָף. דער אידעאַל פון שאָף איז פרעסן גראָז. דער אידעאַל פון גראָז איז נערן זיך מיט זון, ווי דער טרוים פון קאַניבאַלן איז אפשר זיך צו נערן מיט מענטשנפלייש.

אָבער אַלע מינים אַנטיסעמיטן זענען ערגער פֿון קאַניבאַלן: זיי ווילן מאָרדן לשם רציחה, יוכע. אַזוי בײַ די כּלומרשטע קריסטן ווי בײַ די כּלומרשטע מוסולמענער, איז דאָ אַ מין קאָנוווּלסיווע שׂינאה צו ייִדן, ווי עפּעס אַ קין־זרע וואָלט זיי פֿאַרסמט די געמיטער מיט האַס.

כ׳זאָג: כּלומרשטע קריסטן און מוסולמענער, ווײַל זיי האַלטן זיך פֿאַר אַזעלכע. די ביידע רעליגיעס, וואָס האָבן אַ שורש פֿון ייִדישקייט, האָבן ניט קיין שום שײַכות מיט זייערע מאָרד־אינסטינקטן. ביידע פּריידיקן ליבשאַפֿט, טאָלעראַנץ. לאָגיש וואָלטן זיי געדאַרפֿט זײַן דאַנקבאַר דעם ייִדישן פֿאָלק. לויטזייערע אייגענע השׂגות און מיטאָלאָגיעס שטאַמען דאָך זייערע רעליגיעס פֿון ייִדישקייט. פֿאַר די קריסטן — האָט דאָך דער געטליכער זון געהאַט אַ ייִדישע מוטער, מרים. יעזוס און אַלע אַפּאָסטאָלן זענען דאָך געווען פֿרומע ייִדן. די מוסולמענער זענען דאָך ברידער וואָס שטאַמען פֿון זעלבן פֿאָטער. זיי אייגענען זיך דאָך צו די ייִדישע תּורה מיט די נבֿיאים, און — נאָר גיי רעד פֿון לאָגיק מיט לײַט, וואָס די יוכע פֿאַרכּליניעט זייערע געמיטער, אונטערגעהאַלטן מיט דעמאַגאָגישע מאָרד־אַרגומענטן געפּריידיקט פֿאַר עולם־גולם זינט טויזנטער יאָרן.

דער רעזולטאַט: אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען, דזשיהאַדס, היטלערס, סטאַלינס, און אומעטום אַן אויסטערלישע מאָרד־וואַקכאַנאַליע בושעועט קעגן די ייִדן. דערמיט איז די גויִישע וועלט ערגער ווי די וועלף וואָס באַפֿאַלן שאָף ווײַל זיי מוזן זיך מיט זיי נערן.

אָבער וואָס האָט מען צו די ייִדן? זייער פּאָזיטיווער אָנטייל אין דער עוואָלוציע פֿון דער כּלומרשטער מענטשהייט איז דאָך גרויס און וויכטיק אין אַבסאָלוט אַלע היגזיכטן און דימענסיעס. ניטאָ קיין שום דיסציפּלין וווּ זיי זאָלן זיך ניט האָבן אויסגעצייכנט מיטן באַרײַכערן די פֿעלקער וואָס האָבן זיי אויפֿגענומען: עקאָנאָמיע, קונסט, וויסנשאַפֿט, עטיק, פֿילאָזאָפֿישע ליטעראַטור און אַפֿילו מיליטעריש, אין אַלע אַרמייען וווּ זיי זענען געווען מאָביליזירט צי פֿרײַוויליק אַנגאַזשירט צו פֿאַרטיידיקן די לענדער וווּ זיי האָבן

געפֿונען אַ היים. און ווי אַזוי דאַנקט מען זיי אָפּ? מיט האַס און רציחה – און אַלץ אין ווידערשפּרוך מיט די אייגענע רעליגיעס, וואָס די גויים פּראָפּאַגירן מיט מעשים און מחשבֿות.

~※~

ספּערעקרייַזן זענען דער סימבאָל פֿון גילטיקער גייַסטיקער עקזיסטענץ: דאָס קיין מאָל ניט קענען גרייכן, אָנקומען צו אַ סוף וועג. ווייַל גרייכן ציל איז – אויס מיט דינאַמיק; איז סטאַטיק און ממילא טויט. נירוואַנאַ איז אַ קאַטאַסטראָפֿע, אַן אַבסורד!

דינאַמיק, באַוועגונג, איז דער הויפּט-אַטריבוט פֿון לעבן, און נישטיקייט איז סינאָנים פֿון טויט. אָבער ווער ווייסט וואָס ס׳איז אַזוינס נישטיקייט? איך קען מיר ניט פֿאָרשטעלן אַז עפּעס זאָל ניט זייַן. פֿאַר אונדזערע חושים מוזן זייַן, זענען דאָ, באַגרענעצטע מעגליכקייטן, און עפּעס וואָס איז עקסטרעם אַבסאָלוט, איז ניט מעגליך צו באַגרייַפֿן. אַזוי מיט אייביקייט, אומענד, מאַטעמאַטיק, סיבה און ציל פֿון אַלץ וואָס איז. און ממילא איז נישטיקייט עפּעס אויך פֿון דער רשימה.

אָבער אויב אַפֿילו דער מענטש קען טראַכטן פֿון דעם אַלעמען, און תּמיד באַגערן צו וויסן עפּעס פֿון אַ יענער זייַט, און זיך פֿילן באַגרענעצט מיט אומענדן און אייביקייטן, שוין ניט רעדנדיק פֿון אַ ספּפֿערע – איז גוט דאָך צו האָבן עפּעס דערווייַל, וואָס דערמעגליכט צו גיין פֿאָרויס נאָך אַנאַנד. די שענסטע מתּנה פֿון באַשאַף איז דער ספּפֿעריזם. אין אַ ספּפֿערע קען מען ניט געפֿינען קיין סוף, אַפֿילו ווען מע קומט צוריק צום אָרט פֿון וואַנען מ׳איז אַוועק. ווייַל ספּפֿערעס האָבן פֿאַרשיידענע ריכטונגען, און מיט ענדערן די ריכטונג ענדערט מען פּאַנאָראַמעס און האָריזאָנטן, און ביז וואָס-ווען איז אויס מיט עקזיסטענץ.

קיינער באַווייַזט ניט אַלץ צו גרייכן. אָבער ס׳איז בעסער אַזוי. ווי דעם מענטש וואָס דערגרייכט זייַן ציל! אויב דאָס געשעט ווען ער איז נאָך ניט קיין זקן, איז דער סוף פֿון זייַן עקזיסטענץ אָן אינטערעס און נודנע.

~※~

יעדע בלום מוז זײַן טאַקע שטאָלץ מיטן געהערן צו אַ גאָרטן, אָבער איר ראָלע אויף איר בײט איז זײַן נאָר בלום, און ווי מעגליך זײַן טאָטאַל שיין, מיטן באַוווסטזײַן אַז מיט איר איז דער גאָרטן פֿולקום. אַזוי מוז טראַכטן יעדער מענטש, וואָס איז קוים אַן עפּעס אין אַן אומבאַגרײַפֿטן אוניווערס, וועלכער איז אָבער זיכער אַ פּרעכטיקער גאָרטן, ווײַל ניט מעגליך דער באַשאַף זאָל ניט זײַן מיט אַ כּי־טובֿ. בכן, איז זײַן –מיט אַלע מעלות, אין אַלע הינזיכטן– אַן אימפּעראַטיוו פֿאַר יעדן באַוווסטזיניקן מענטש.

~❀~

פֿאַר וויפֿל לײַט זענען רייד און ליטעראַטור נייטיק צו פֿאַרשלייערן זייערע מחשבֿות!

~❀~

ניט מעגליך קיין עוואָלוציע אָן אומקום פֿון עפּעס אין פֿאָרמען, אַספּעקטן צי אַנדערש נאָך. אָבער אויב אומקום מוז זײַן, און דאָס געשעט פֿריצײַטיק, נאַריש פּראָוואָצירט, אומגעלומפּערט צי ברייזוויליק, איז עס גורם פּײַן, אַנגסט, יסורים. ס׳אומגליק פֿאַר די כּלומרשט ציוויליזירטע לײַט איז זייער יחידישער און קאָלעקטיווער זעלבסטמאָרד. מע פֿאַרגיפֿטיקט זיך פֿיזיש און פּסיכיש. פֿיזיש מיטן אופֿן נערן זיך און עקזיסטירן אין אידיאָטישע שטייגערס און רעזשימען, און פּסיכיש מיט ספּיריטועלע עגאָפֿאָביעס, אַסימילאַציעס וואָס זענען אַ מין היברידיזאַציעס וואָס פֿאַרקריפּלען. מאַקס זשאַקאָב, היינע, לאַסאַל, בערגסאָן, מאַרקס און וויפֿל אַנדערע „געניאַלע״ ייִדן־היברידן טראָגן, יאָ צי ניט געוואָלט, אָפֿענע צי פֿאַרבאָרגענע געלע לאַטעס אויף דער נשמה.

ערשט פֿאַר אַ היטלערן זענען דאָך ייִדן –געשמדטע, אַסימילירטע צי ניט– אַלץ ייִדן, און דער קאַרדינאַל לוסטיגער וואָלט געמוזט טראָגן די געלע לאַטע מיטן מגן־דוד ווי יעדער ייִד פֿון דער רי־דע־ראָזיע, און פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון ציקלאָן־גאַז, און ווערן

געבראָטן אין אַ קרעמאַטאָריע גן-עדן. ער האָט מזל, וואָס ער איז ניט געווען דעמאָלט ווען די היטלערישע משחיתים מיט זייערע פֿראַנצייזישע משרתים זענען געווען אויפֿן געיעג צו כאַפּן ייִדן.

~❀~

ווי אַ באַווײַז ווי אַזוי די ציוויליזירטע לײַט מיט זייער אינטעלעקטואַליזם, מיט זייער דיאַלעקטיק, קענען פֿאַרקריפּלען באַגריפֿן, קען מען נעמען לאָגיק, וואָס איז געוואָרן אַ לאָגיציזם, דאָס הייסט, אַ וויסנשאַפֿט וואָס באַרעכטיקט ניט איין מעגליכע לאָגיק, נאָר עטליכע, אַ פּלורי-לאָגיק. איז עס ניט נאָר אַ באַווײַז, אַז לײַט אין די הײַנטיקע קולטורעלע ציוויליזאַציעס זענען פּערוועזע היפּאָקריטן?

ווי אַזוי קען זײַן די אַריסטאָטעלישע לאָגיק און אַ ניט-אַריסטאָטעלישע? קאָמיש איז דער פֿאַרזוך אָפּצוטיילן לאָגיק פֿון אַריטמעטיק. ניט פֿון דער מאַטעמאַטיק, וואָס איז היפּאָקריטיש, מיט מעגלעכקייטן, היפּאָטעטיק, פּראָבאַביליטעטן און נאָך אַזעלכע תּירוצים פֿאַר פּשרות און קאָמפּראָמיסן. צוויי מאָל צוויי איז פֿיר, און פּטור? דאָס איז נאָר פֿאַר פּשוטע לײַט, ניט פֿאַר ספּעצן, האָרשפּאַלטערס, פּראָפֿעסיאָנעלע דיאַלעקטיקערס! לאָגיק אָנגעווענדט אין אַלע וויסנשאַפֿטן, פֿילאָזאָפֿיעס, אַפֿילו רעליגיעזע דאָקטרינעס? אַן אַבסורד! ניטאָ קיין אוניווערסאַלע לאָגיק! ס'איז ווי מיר וואָסער: איינער קאָכט טיי דערמיט, אַ צווייטער נעמט אַ באָד, אַ דריטער באַגיסט בלומען, אאַז"וו.

פֿאַר אַ קריסט איז לאָגיש אַז מאַריע, אַ סטאָליערס אַ ווײַב מיט קינדער, זאָל גלײַכצײַטיק זײַן אַ בתולה, פֿאַרשוואַנגערט מיט גאָטס גײַסט, און יעזוס זאָל אויפֿשטיין פֿון קבֿר און טיילן עפּעס פֿון זיך ביז הײַנטיקן טאָג אין אַלע האָסטיעס, שוין ניט רעדנדיק אַז מיט זײַן אומקום האָט ער אויסגעקויפֿט מחילה פֿאַר אַלע געוועזענע און קינפֿטיקע זינד פֿון יעדן פֿײַנעם פּאַרשוין. אַזוי געפֿינט מען אין יעדער רעליגיע, און לײדער אינעם רובֿ השׂגות, אַזאַ מין צוגאַנג צום פּראָבלעם לאָגיק.

הערט אַ מעשׂה – די ליסטע פֿון די מעגליכע לאָגיקן, וואָס ווערן אָנגעווענדט הײַנט אין דער וויסנשאַפֿט און אין דער פֿילאָזאָפֿיע: ס׳איז דאָ, חוץ לאָגיציזם, אַן אַלגעמיינע לאָגיק, אַ פֿאָרמעלע לאָגיק, אַ סענטימענטאַלע לאָגיק, אַ טראַנסצענדענטאַלע לאָגיק, אַ וויסנשאַפֿטליכע, אַ גענעטישע, אַ רעעלע, אַ לאָגיק פֿון היסטאָרישע געשעענישן, אַ ראַציאָנעלע, אַ פּרינציפּיעלע, אַ ריינע לאָגיק, אַן אָנגעווענדטע, אַן אַלגאָריטמישע, אַ סאָציאַלע, אַ קאָנווענציאָנעלע, אַן אינטויִטיווע, אַ מאָראַלישע, אַ סאָציאַלע, אַן אינטעלעקטועלע – און ווער קען אַלץ אויסרעכענען?

ניטאָ הײַנטיקע צײַטן קיין שום מעשׂים צי מחשבֿות בײַ עמיצן וואָס זאָל ניט זײַן באַרעכטיקט מיט לאָגיק. ניט עפּעס דאָרט: „ס׳איז לאָגיש", נאָר אַלץ מיט אַ וואָרער וויסנשאַפֿטליכער לאָגיק. איז ניט אַן אַבסורד אַזאַ מין אופֿן דענקען? בכן, קען מען זיך פֿאָרשטעלן אַ פּרינציפּיעלע לאָגיק, לאַבאָראַטאָריש כּמעט באַשטעטיקט מיט אַ באָרמאַלן ערליכן שׂכל, מיט עקספּערימענט. אָבער דאָס קען נאָר זײַן אין שײַכות מיטן מענטש. אין באַציִונג מיט אַנדערע באַשעפֿענישן איז דאָס אַלץ אַנדערש. גראָז, שאָף און וואָלף פֿאַרשטייען אַנדערש נויטווענדיקייטן פֿון זײַן לאָגיש. פֿאַר זיי האָט עס אַ שײַכות מיט נערן זיך. אַזוי קען וואַסער פֿאַר אַ פֿיש ניט זײַן דאָס זעלבע ווי וואַסער פֿאַר אַ קאַץ. איז דאָס אַלץ וואָס כ׳זאָג דאָ לאָגיש? לויט מײַן השׂגה, אַבסאָלוט זיכער. אָבער לײַט וועלן אויסגעפֿינען: ס׳איז לאָגיש באַוויזן אַז כ׳בין אַ משוגענער און רעד סתּם פֿון היץ.

זאָלן לײַט טראַכטן וואָס זיי ווילן. איך טו ס׳מײַניקע. מיטן ציטירן די קריסטליכע לאָגיק מיינט עס ניט באַרעכטיקן דעם איסלאַם, צי אַפֿילו די ייִדישע רעליגיע. ערשט ווער רעדט שוין פֿון אַלע אַנדערע מיטאָלאָגיעס בײַ אַלע כּלומרשט קלוגע פֿעלקער. דאָס פֿרומע נעמען פֿאַר גינגאָלד די רעליגיעזע לאָגיק מוז זײַן אַן עלעמענט פֿון ניט לאָזן פּאָלעמיזירן אָדער צווייפֿלען אין די גנבֿאָסן צי רעקאָמענדאַציעס פֿון די גורוס, שאַמאַנען און אַנדערע פּירערס.

דאָס אַלץ איז ניט גילטיק פֿאַרן באַגריף לאָגיק. אַ קילאָ איז אַ קילאָ פֿאַר אַלץ וואָס מע וועגט, ניט אַ ברויטקילאָ צי אַ שטיינקילאָ. אַ מאָס איז אַ מאָס. בכן, קען מען זאָגן אַז די אַלע אַנווענדונגען פֿונעם באַגריף לאָגיק זענען ניט לאָגיש. אַזוי קען מען אויך דיאַלעקטעווען וועגן לאָגיק – אָן קיין שום לאָגיק!

≈❁≈

פֿאַר וואָס מוז דווקא זײַן אַנטאַגאָניזם צווישן וויסנשאַפֿט, פֿילאָזאָפֿיע, רעליגיע און מאַרקסיזם? אַדרבא, וואָס מער דערקענטעניש דאַרף זײַן אַלץ מער רעליגיע, אַלץ מער מאַרקסיזם, און די פֿילאָזאָפֿיע דאַרף געפֿינען דעם סינטעז צווישן דעם אַלעמען. דאָס דאַרף זײַן דער יסוד פֿונעם פֿילאָזאָפֿישן דענקען.

אָבער אַלץ טאָר בשום-אופֿן ניט זײַן לטובֿת אינטערעסן, קלאַסן-פּריווילעגיעס. ווי אַזוי ניט לויבן און דאַנקען געטליכקייט, צי ווי מע וויל עס רופֿן, פֿאַר דער מעגליכקייט צו קענען טראַכטן און טון עפּעס אין שײַכות מיט די אַלע פּראָבלעמען?

וואָס-זשע איז דער אויספֿיר פֿון דעם אַלעמען? זײַן באַשיידן, ניט איבערטרײַבן מיט פֿאָרשונגען מער ווי נויטווענדיק, צו קענען דויערן טאָטאַל אין די בעסטע באַדינגונגען; ניט שאַפֿן זיך אַנגסטן, איבעריקע מי מיט סנאָבישע אַמביציעס, ניט פֿאַרלעצן קיין שום מאָראַלישע פֿליכטן, ניט טאָלערירן קיין אומרעכט, טעראָר, שקלאַפֿערײַ, טיראַניעס, יחסנות, פּאַראַזיטיזמען, העגעמאָניעס, פֿאַנאַטיזמען.

עקזיסטענץ זאָל קענען זײַן אַ פֿעסטיוואַל פֿון ווילזײַן, שעפֿערישע עקסטאַזן און תּענוגים, פֿיזיש און פּסיכיש. נאָר אַזוי קען מען זײַן באמת פֿרום, און האָבן די זכיה צו הייסן: באַוווסטזיניקער מענטש.

≈❁≈

ניסים קומען טאַקע פֿון הימל, אָבער מע מוז זיי צוגרייטן אויף דער ערד. דער בעסטער נס איז דער, וואָס איז גוט באַגערט און גוט פּלאַנירט. ווו מע פּלאַנצט ניט – שפּראָצט ניט. ווו מע בויט ניט – זענען ניטאָ קיין היימען. פֿידלען וואַקסן ניט אויףביימער. כ׳האָב ביז איצט נאָך ניט געזען, אַז עפּל אויף אַ בוים זאָלן קומען מיט ניסים. אַזוי אויך מיט ווייץ צי קאָרן. מע מוז אַקערן און זייען, און ברויט דערשײַנט ווי דורך אַ נס. דעם נס פֿון משיחס קומען וועט מען וואָרשײַנליך מוזן אויסקעמפֿן אויף באַריקאַדן.

≈❁≈

פֿאַר וואָס באַרעכטיקן ס׳עסן, זיך נערן מיט אַ געוויסער פֿאָרם לעבן: פּלאַנצן און פּירות למשל? ווו איז די גרענעץ פֿון מעגן אַסימילירן זיך פֿאַרשיידענע שטאָפֿן, ענערגיעס, וואָס זענען אויך אפֿשר לעבנס-אַספּעקטן? פֿאָטאָסינטעז יאָ פֿאַרן גרעזל, און גרעזל פֿאַרן שאָף – ניט? ערשט שאָף פֿאַרן וואָלף – רציחה! ווו הייבט זיך אָן עגאָיזם, און אַלטרויִזם, און רעספּעקט, טאָלעראַנץ צו עפּעס און צו עמיצנס עקזיסטענץ?

אפֿשר איז שלעכט פֿאַרשטאַנען דער סימביאָז אין דער ביִאָספֿערע, און אַנגעסט פֿאַרן טויט ווערט שלעכט געאַנט און פֿאַרטראָגן. עקזיסטענץ פֿון עפּעס צי עמיצן מוז גורם זײַן אַ צווייטנס אומקום. דערמיט איז דער באַוווסטזיניקער מענטש וויכטיקער, גרעסער און שענער פֿון אַלע געטליכקייטן, ווײַל ער איז רעוואָלטירט קעגן אַזאַ סדר-העולם.

אויב פֿאַראַן אָמנימעכטיקייט וואָס געוועלטיקט אינעם אוניווערס, פֿאַר וואָס זאָלן ניט מוזן גילטן ליבשאַפֿט, טאָלעראַנץ, נאָר שלעכטס, רציחה, פּחד און יסורים?

≈❁≈

אַזוי פֿיל מי און צײַט פֿאַרלירט מען מיטן לערנען ווי אַזוי צו קענען לײַטיש לעבן, און אַזוי ווײַניק צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי מע קען גילטיק, אָדער כאָטש לײַטיש, שטאַרבן. קיינעם פֿאַלט ניט אײַן אַ טראַכט צו טון אַז לעבן לעבט זיך אַליין. מער צי ווייניקער באַקוועם – מע לעבט אַלץ איבער. געפֿעלט מיר ניט עפּעס – קען איך ענדערן אָרט, צײַט און דאָס גלײַכן.

אָבער מיטן שטאַרבן איז ניטאָ קיין שום מעגליכע דילעמע, קיין שום קאָמפּראָמיס. מיט טויט איז אַלץ דעפֿיניטיוו. דעריבער מוז מען זײַן גרייט אָן אַנגסט, מיט אַ קלאָר געוויסן, און איבערהויפּט – ניט אומקומען איידער אויסגעלעבט דעם טאָטאַלן מעגליכן דויער. אַפֿילו אַ לאַנגע עקזיסטענץ איז קוים געגנוג דערצו.

אַוודאי, מע דאַרף ניט זײַן קאָמפּלעקסירט און טראַכטן באָר אַנאַנד וועגן אומקום. אָבער גלײַכצײַטיק דאַרף מען וויסן אַז דער אופֿן פֿון לעבן גרייט צו אויטאָמאַטיש דעם אופֿן פֿון אומקום. דעריבער מוז אַ באַוווסטזיניקער מענטש קענען באַהערשן סײַ זײַן לעבן, סײַ זײַן טויט.

~❀~

דער שׂכל-הישר, וואָס האַלט מיך אויפֿן אויג, טענהט צו מיר באָר אַנאַנד אַזוי: ווי לאַנג דו ווערסט ניט וויסן און באַגרײַפֿן די אורזאַך, דעם תּוך, דעם ציל פֿון מענטשלעכן און וועלטלעכן באַשאַף, מוזסטו האָבן אַ טאָטאַלן, בלינדן און גוטוויליקן צוטרוי צום באַשעפֿער, אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם, אויסדרוק צי אַנדערע אַספּעקטן עס זאָל זיך ניט מאַניפֿעסטירן דײַן אינטעלעקט, געפֿיל אָדער אינטויִציע. דײַן קומען, זײַן און פֿאַרשווינדן אויף דער ערד אין דער פֿון דיר באַקאַנטער אָדער באַגרײַפֿטערווירקליכקייט, מוז דיר אויסזען רעכטפֿאַרטיק און גוט, טראָץ דײַנעליידן, פּײַנען און שרעק. אַ פּריאָרי מוזסטו זײַן זיכער, אַז אַלץ איז באַשאַפֿן לטובֿת גוטס, ווי עס שטייט טאַקע אין בראשית: כּי-טובֿ!

עס איז ניט וואָרשײַנליך אַז אַ מוטער זאָל ניט ליב האָבן איר קינד, צי אַ מײַסטער זײַן ווערק. ווען מע היילט אַ קינד מיט

ריצנאייל און באַנקעס, מיינט עס דען ניט אַז זייַנע עלטערן זענען אים שׂונאים? בכן מוזסטו האָבן צוטרוי צום באַשעפֿער. און אויב עפּעס געשעט אַזוי צי אַזוי, איז דאָס ווײַל אַזוי איז עס בייטיק צו דער פֿולקומענקייט פֿונעם גאַנצן וואָס ס׳שטעלט מיט זיך פֿאָר דער אוניווערס. דאָס לעבן פֿון מינדסטן ווערעמל, דאָס שפּראָצן און וועלקן פֿון מינדסטן גרעזל, דאָס באַוועגן זיך פֿון מינדסטן קערנדל זאַמד, און אַוודאי די קאָמפּליצירטע עקזיסטענץ פֿון מענטש, מיט זײַן דענקעניש און שאַפֿונגס-אויטאָנאָמיע – דאָס אַלץ מוז זײַן זיכער פֿול מיט פֿרייד און גליק.

ווי דער אָנהייב פֿון באַשאַף פֿון עפּעס איז תּמיד באַגלייט מיט פֿיזישן און גײַסטיקן תּענוג אין באַהעפֿטן זיך, איז ניט צו באַגרײַפֿן, אַז אַלע אַנדערע אַקטן זאָלן ניט פֿאַרמאָגן קיין פֿרייד און גליק בײַם אויספֿירן די פֿונקציע, די פֿליכט צי מיסיע מיטן קומען, זײַן און פֿאַרשווינדן.

אַלע פּײַנען, און די שרעק פֿון טויט, ווי ס׳גאַנצע שלעכטס וואָס באַהערשט די מענטשלעכע וועלט, קומען פֿון אַ שלעכט-פֿאַרשטאַנען לעבן, אַטראָפֿירטע צי היפּערטראָפֿירטע אינסטינקטן, צעדרייטע פּסיכיק מיט אויסטערלישע פֿילאָזאָפֿיעס, לעבנס-שטייגערס און זינד, זינד, זינד קעגן זיך און קעגן זײַנס גלײַכן. קעגן גוף וואָס פֿאַרסמט די נשמה, און קעגן נשמה וואָס צעשטערט אַלץ וואָס קען בילדן אַן אידעאַלע סבֿיבֿה פֿאַר אַ גילטיק זײַן. זינד מיטן טראַכטן און טון, עסן און אָטעמען, קליידן זיך און רוען, און זינד איבער הויפּט מיטן ניט טרויען דעם באַשאַף, און מיטן מיינען אַז דער מענטש איז דאָס אייבערשטע פֿונעם שטייסל, ער איז די הויפּטזאַך פֿון אַלץ, וועלט איז זײַנע, און די באַשעפֿער זענען טאַקע באַשאַפֿן נאָר פֿאַר אים!

דו האָב צוטרוי! זײַ זיכער אינעם גרויסן אויפֿטו פֿונעם קאָסמישן אַלץ, אין אייביקן וועג צו אייביקער פֿולקומענקייט, אַפֿילו דורכן וועג פֿון קרײַזן און ציקלען. נאָר אַזוי שאַפֿן זיך ספּיראַלן וואָס שטײַגן תּמיד צו עפּעס שענערס, בעסערס, העכערס, גרעסערס און וויכטיקערס. און וואָס איז וויכטיקער? זענען ניט וויכטיק דאָס צוריקקומען פֿון יעדן פֿרילינג, דאָס רײַפֿן פֿון יעדן זומער, ווי

מע מוז קענען איבערטראַכטן דעם פּראָבלעם פֿון ליַידן און פֿון טויט. ווי אַ מענטש אויף אַ שיף מוז האָבן צוטרוי צום קאַפּיטאַן וואָס פֿירט זי, מוז מען האָבן צוטרוי צום פֿירער פֿונעם קאָסמישן אַלץ. אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם, מסתּם נאָך אומבאַגריַיפֿליך פֿאַר אונדז, דאָס מאַניפֿעסטירט זיך – באַטירליכערהייט איז אַלץ גוט און האַרמאָניש. דער שלעכט-פֿאַרשטאַנענער באַגריף פֿון טויט און ליידן צעשטערט די פּסיכיק פֿון מענטש, און דער פּחד צעשטערט זיַין פֿרייד.

אַלץ פֿאַרוואַנדלט זיך און מוז אומקומען! נו, איז וואָס? דו ברענגסט אום מיליאַרדן לעבנס. סוף-כּל-סוף צאָלסטו אָפּ דיַין חובֿ. און ווייסטו וויפֿל מאָל דיַין גרייס און וואָג דו פֿאַרלירסט אומבאַמערקטערהייט אין דיַין לעבנסציַיט? אויב דו דויערסט זיבעציק יאָר – וועלכעס קעמערל אין דיַין קאָמפּליצירטן גוף דויערט אַזוי לאַנג? אַלץ באַניַיט זיך, און אפֿשר אַפֿילו ברוטאַל. פֿילסטו די פּיַין פֿון די מאָלעקולן אין דיַינע אָפּגעשוירענע האָר צי נעגל? בלויז דיַינע נערוון-קעמערלעך באַניַיען זיך ניט אַזוי גיך, און אפֿשר אין גאַנצן ניט. און אַזוי ווי זיי זענען די פֿילערס און די טראַכטערס, שאַפֿן זיי דיר אילוזיעס פֿון פּיַין פֿאַר אומקום.

דיַין זיַין צי אומקום קען אָבער זיַין, און איז אפֿשר בלויז, פֿון זעלבן ווערט ווי דיַין געחלומטע וועלט. קומסטו דען ניט איבער אַלע טרוים-קאַטאַסטראָפֿעס און דויערסט וויַיטער, ווי נאָך אויפֿגעוואַכט? אַזוי איז עס אפֿשר אויך מיטן איצטיקן לעבן. עס קען אַזוי זיַין, און אפֿשר טאַקע ניט זיַין. מעגליך איז עס.

דיַינע ליידן? ליַיכט צו טראַכטן אַזוי און געבן עצות, מייַנסטו, ווען מע ליַידט פֿון ציינווייטיק. אָבער ציינווייטיק שטאַמט זיכער פֿון עפּעס אַ פּראָסטער מאַטעריעלער סיבה, פֿון שלעכטער דערנערונג, און אַזוי איז זיכער מיט אַלע אַנדערע קרענק און ווייטיקן. דיַינע סאָציאַלע און מאָראַלישע ליידן, דיַינע מלחמות און נויטן – סיבות פֿון פֿאַרקריפּלטע באַציִונגען פֿון מענטש צו מענטש, און אַלץ אַזוי!

כ׳בין זיכער אַז דער מענטשליכער גוף האָט אין זיך אַלע מעגליכקייטן פֿון אַ געזונט און לאַנג לעבן, מיט אַלע עלעמענטן צו קענען פֿאַרטיידיקן זײַן דערוויײַליקע עקזיסטענץ. דער וואָס געוועלטיקט אינעם אוניווערס האָט געלאָזט דעם לעבן אַ סך פֿעיִקייטן; דאָך, באַגרענעצט אין אַ געוויסער מאָס, ביט צו צעשטערן דעם גאַנצן פּלאַן אין וועלכן יעדע זאַך, יעדער עלעמענט, איז נאָר אַ פּיצל שרײַפֿל, צי גאָר אַ מיקראָסקאָפּיש טיילעכל פֿון אַ שרײַפֿל דערין.

געוויס: די זעלבע פֿענאָמענען וואָס מאַניפֿעסטירן זיך בײַם מענטש קענען זיך מאַניפֿעסטירן בײַ אַנדערע עלעמענטן, די וואָס מיר רופֿן לעבעדיקע צי ניט. שלעכטס קען זײַן אין פֿאָרם פֿון שטורעמס, מגיפֿות, וווּלקאַנען-אויסברוכן, קען פֿאָרקומען צווישן זונסיסטעמען אין קאָסמישן פֿאַרנעם. מע מוז אָבער סוף-כּל-סוף אײַנזען, אַז לייבן טויטן ניט אַלץ אַרום זיך, אַז הײַפֿיש שלינגען ניט אײַן אַלע שכנים. אַלץ זעט אויס צו זײַן עקווילי‌ברירט. פֿאַראַן צאַפּלען, קאָנוווּלסיווע ציטערן אינעם באַשאַף. און אַזוי ווי דער באַשאַף איז אפֿשר אין זײַן גאַנצקייט אַ לעבעדיק וועזן, איז נאַטירליך אַז ס׳זאָל זיך אים גלוסטן אַ מאָל אַ ריר טון אין אַ טאַנץ צי אַ שלוקערץ. זײַ דאָך זיכער אין האַרמאָנישן און זיכער גוטן אַלץ.

גוט איז צו טראַכטן אַז פּיטאַגאָר האָט דאָס באַגרײַפֿט, און געזען אין צוזאַמענשטעל פֿון דעם פּלאַנעטן-סיסטעם די מוזיקאַלישע גאַמע-אָרדענונג, אַזוי אַז נשמות זאָלן קענען הערן די ריטמישע מוזיק פֿון דער קאָסמישער וועלט. דאָס איז די גרעסטע דערגרייכונג פֿאַר דער מענטשלעכער נשמה. אין דער מדרגה פֿילט מען ניט מער קיין ליידן און קיין אַנגסט. יעדער קען עס גרייכן. דער אָנהייב פֿון דעם צושטאַנד איז דער צוטרוי צום באַשעפֿער און צום סדר-העולם.

ס׳קומט אויס ווי עפּעס אַ שטן, ווי דעם מלכס קאַרליק-לץ, שפּילט זיך מיט די שוואַכע, די קאַליע-געמאַכטע צי קאַליע-געוואָרענע טיילן פֿון דער וועלט. ווי אַ מײַסטער וואָס האָט געענדער די פֿולקומע ווערק, און שענקט זיי מער צײַט און מער ליבשאַפֿט,

האָט דער באַשעפֿער זיכער גערנער די שטאַרקע, זיכערע, מנוחהדיקע גײַסטער, און אַפֿילו ס׳ליים וואָס לאָזט זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ געשאַפֿענער סטאַטוע, די פֿאַרב וואָס לאָזט, וואָס ס׳וויל זײַן בילד, אָדער די מוזיק וואָס איז וווילגעקומען אויף דער סטרונע פֿון פֿידל – אַלץ מיט דער זיכערקייט צו פֿילן די פֿרייד פֿון מעגליכן זײַן.

איובֿ איז ניט גערעכט. אויב ער האָט געליטן, האָט ער זיכער מיט עפּעס געזינדיקט. דער שׂטן האָט נאָר געקענט אויספּרוון זײַן גוף. דעם מענטשס נשמה מוז זײַן אוממעגליך אָנצוגרײַפֿן און טאָטאַל באַזיגן. ער איז געשיצט מיט דער שענסטער מתּנה וואָס גאָט האָט אים געשאָנקען: טאָטאַלער צוטרוי צום באַשעפֿער און צו זײַן באַשאַף. דאָס איז דער אײנציקער אופֿן צו קענען אָפּדויערן אַ גילטיקע גליקלעכע עקזיסטענץ. און וואָס ביסטו, מענטש? ניט אַ טייל פֿון דעם? אפֿשר פֿון ביידע?

אַזוי טענהט מיט מיר כּסדר דער שׂכל-הישר. ליידער איז אָפֿט דער טומל אַרום מיר אַזוי גרויס, אַז כ׳הער ניט אַלץ וואָס ער זאָגט.

ווי אַזוי און פֿאַר וואָס קענען זיך און מוזן זיך מאַניפֿעסטירן צענטריפֿעטישע און צענטריפֿוגאַלע פֿענאָמענען אין אַלע דימענסיעס? ווי אַזוי קענען זיך מאַניפֿעסטירן ענערגיעס וואָס ווילן, פֿון איין זײַט, פֿאַרוואַנדלען דעם אוניווערס אין אַ צונויפֿגעדריקטער ספֿערע, נוסח אײַנשטיין, מיט מאַסע פֿאַרהעלטענישן און, פֿון דער צווייטער זײַט, אַן אויסשפּרייטונג, אַן אויסשטראַלנדיק אַנטלויפֿן. ווי אַזוי קען אַ שטויבעלע, אַ פֿלאַטערל, גובֿר זײַן פּלאַנעטאַרע, זוניקע, גאַלאַקטישע מאַסע-אַטראַקציעס? ווי אַזוי קען עפּעס זײַן גלײַכצײַטיק אין אַ סינטעז מיט גראַוויטאַציעס און מיט גראַוויטירן? ווו שטייט געשריבן אַז איך מוז דאָס אַלץ באַגרײַפֿן און וויסן? נו, דערויף בין איך דאָך עפּעס אַ חכם מענטש?

זיס איז דער האָניק
און יום-טובֿדיק – חלה.
וועמענס –פֿוןביידע–
איז גרעסער די מעלה?
ניט טעם און ניט אויסזען
פֿון ביידע גענומען,
כאָטש נחת פֿאַר אויגן
און תּענוג פֿאַר גומען.
דו ביסט, ייִד און מענטש,
מיט ביידע ניט יוצא;
גאָט און וועלט בענטש
מיט מאַכן המוציא!

~❀~

אויב ענערגיע, מאַסע, סובסטאַנץ, אָרט און צײַט זענען אַספּעקטן פֿון זעלבן עפּעס, צו וועלכע מע קען צוגעבן אומענד, אייביקייט, מאַטעמאַטישע טאָטאַליטעטן און אַפֿילו נישטיקייטן –מיט זייערע אומבאַגרענעצטע דימענסיע-מעגליכקייטן און קיין שום באַשטימטע היפּזיכטן, אָן צו קענען וויסן זייער שורש און זייער מעגליכן סוף– טאָ ווי אַזוי קען אַ מענטש האָבן די אַמביציע צו וועלן וויסן אין וואָס זיי געפֿינען זיך?

ערשט אויב צײַט, אָרט, קראַפֿט און שטאָף זענען דאָס זעלבע: אַספּעקטן, אייגנשאַפֿטן פֿון איין עפּעס, איז אָבער פֿאַראַן אַ שווערקייט מיטן באַגרײַפֿן ס'דאָזיקע. ענערגיע קען זיך מאַניפֿעסטירן אין שטאָף, אָבער מוז פֿאַרנעמען אַ באַשטימט אָרט. דאָס דאָזיקע אָרט קען ניט ווערן פֿאַרנומען פֿון אַ צווייטן עפּעס, אָבער פֿאַרשיידענע עפּעסן קענען גלײַכצײַטיק דויערן.

בכן, איז אָרט דאָך אַנדערש פֿון צײַט! ערשט, אַז דאָס אַלץ זאָל פֿאַרשווינדן, ווּהין קען עס אַוועק? וואָס וועט בלײַבן אויף זייער אָרט?

~❀~

ווי אזוי קענען אזוי פיל לײַט –מיליאַרדן!– לעבן אין פערמאַנענטן בלאָף מיט אילוזיעס, קאָמפּלעקסן, היפּאָקריזיעס, עגאָיזמען, פּאַראַנאָיעס אָדער סתּם לעקישעוואַטיזם? אַזוי יחידיש, אַזוי קאָלעקטיוו, און דאָס דאָזיקע אין כּמעט אַלע הינזיכטן, אומשטאַנדן און צײַטן. יעדער מיט זײַן זיכערקייט אַז ער איז O.K. מיט זיך זעלבסט און מיט יענעם. יעדער מיט זײַן ספּעציפּישן פֿאַנאַטיזם, און יעדער איבערצײַגט אַז אויב עפּעס איז גורם צרות, שלעכטס און מיאוסקייט – איז עס תּמיד יענער, אַ צווייטער; אַליין איז ער אַן אומשולדיק שעפּעלע, און די אַנדערע זענען וועלף!...

פֿאַר וואָס זאָל אַזוי שווער אָנקומען לײַט זאָלן אײַנזען אַז צוויי מאָל צוויי איז פֿיר; אַז אַ טיר מוז זײַן אָדער אָפֿן אָדער פֿאַרמאַכט?

אַזוי פֿיל חכמים, רעליגיעזע און פֿרײַדענקערישע, גריבלען זיך אין דיאַלעקטישע שאַלעמויזן, ווילן דווקא באַווײַזן אַז נאָר זיי האָבן געפֿונען דעם סוד פֿונעם אוניווערסאַלן ווילזײַן, פֿון ריכטיקן לעבנס-שטייגער, און ווער ס'איז ניט אײַנשטימיק מיט זייערע אַרגומענטן איז –אויב רעליגיעזע פּראָקלאַמירן עס– אַ הערעטיקער, אַן אַפּיקורס, און אויב וועלטליכע – סתּם אַ טיפּש אָדער אַ קאָמוניסטישער מחבל, אַן אַנאַרכיסטישער טעראָריסט צי אַ ווילדער רעאַקציאָנער. אָבער זעלטן ווער ס'באַגרײַפֿט די טערמינאָלאָגיעס סעמאַנטיש וואָר. יעדער טײַטשט עס אַנדערש. דער קאַניבאַל האָט ליב דעם מענטש – אָבער ווי אַ מאכל.

פֿאַר וואָס זאָלן אַזוי פֿיל לײַט ניט קענען קומען צום פּשוטן שכל הישר, ניט קענען זיך באַפֿרײַען פֿון זייערע פֿאַנטאַזמען, משוגעתן צי אילוזיעס, און אײַנזען אַז ס'איז מעגליך דער פּלאַנעט זאָל ווערן אַ גן-עדן, ווו יעדער זאָל קענען מנוחהדיק אָפּדויערן זײַן עקזיסטענץ אָן נויט, שרעק, אַנגסטן, קאַמף, קינאה-שׂינאה, אָן יחסנות, סופּעריאָריטעטן, סנאָביזמען, פּאַראַזיטיזמען, פּריווילעגיעס און עקספּלואַטאַציעס פֿון זײַנס גלײַכן מיט

פֿאַרשיידענע תּירוצים.

כ׳וויס, כ׳ווייס: ס׳איז אַן אַבסורד, אַן אוטאָפּיע, אַ דאָן־קיכאָטיזם, אַ בטלניזם אָדער אַ מנחם־מענדליזם, אַן אידעאָלאָגיע פֿון אַ צעמישטן. אָבער איך בין אַן עקשן, אַ פֿאַרפֿאַלענער אין מײַנע זיכערקייטן אַז ס׳קען און אַז ס׳וועט אַ מאָל אַנדערש זײַן. וועל איך כּסדר נאָך אַבאַנד אָבער און ווידער איבערחזרן דאָס אייגענע, ווי עמיץ וואָס שלאָגט מיט אַ האַמער אויף אַ טשוואָק: ער מוז אַרײַן אין האָלץ צי אין וואַנט! אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן – און גראַניט ווערט געלעכערט!

מעג עס יאָ צי ניט געפֿעלן, רייצן צו לאָזן הייבן מיט די פּלייצעס אָדער ווײַזן מיט די פֿינגער אויף די שלייפֿן: „אַ משוגענער בטלן" – אונדזער פּלאַנעט איז גרויס און פֿול מיט האָב און גוטס, גענוג פֿאַר אַלעמען, און ס׳איז לײַכט פּטור צו ווערן פֿון אַלע פּערוועזע עקאָנאָמישע רעזשימען מיט פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ליבשאַפֿט פֿאַר אַלע, אָן אַמביציעזע אַגרעסיעס, אָן מעגאַלאָמאַניעס און ראַסן־יחסנות. פֿאַרקערט, יעדנס פֿאַרשיידנקייט איז ווי די אָריגינאַליטעט פֿון בלומען אין אַ גאָרטן: וואָס מער – אַלץ שענער! די הײַנטיקע לעבנס־שטייגערס אומעטום זענען מגיפֿות אין אַלע הינזיכטן: פֿיזיש, פּסיכיש, מאַטעריעל, עקאָנאָמיש, ספּיריטועל אד״גל. אַלץ איז בלאָף. אַלץ איז פּאַטאָלאָגיש, שלעכט, מיאוס און געפֿערליך.

אויב לײַט וועלן זיך ניט אויסטשוכען פֿון די קאָשמאַרן מיט זייערע ציוויליזאַציעס, קולטורן, רעליגיעס, זייער עטיק און עסטעטיק – מוז קומען, קומט, איז שוין באַענט אַן אוניווערסאַלע נוקלעאַרע קאַטאַסטראָפֿע מיט אַלעמענס אומקום, און גאָט וועט זיכער זײַן צופֿרידן פּטור צו ווערן פֿונעם מענטשליכן ווירוס וואָס האָט געפּרוווט צעשטערן דעם כּי־טובֿ פֿון זײַן באַשאַף.

אלה תולדות אַהרן,
אַ ליגנער גוט איז אָפּצונאַרן,
אים זאָגן אַז ער איז גערעכט
און תּמיד איז זײַן שקר עכט,
גינגאָלד – זײַן רענדל בלײַ,
און אַז צוויי מאָל צוויי
איז זיכער דרײַ.
אין לאָגיק, אין גראַמאַטיק
אַ וואָרער חכם-עתּיק,
און בעסער נאָך:
מיט אַרגומענטן שטאָל און אײַזן
ווי ער וויל באַווײַזן
אַז אין אַ בייגל
ניט וויכטיק איז ס׳קאָנקרעטע טייגל
נאָר דאָס אַבסטראַקטע פּונעם לאָך.

איז וואָס פֿאַר אַן אַספּעקט, עסענץ צי סובסטאַנץ דאָס זאָל ניט זײַן – אַלץ איז זיכער אין זיך תּמיד דינאַמיש, מיט אויסשטראַלונגען און מאַגנעטיזמען, צענטריפּוגיש און צענטריפּעטיש. אַזוי וואָרשײַנליך ווירקן עלעמענטן אויף די חושים: אויגן מיט שטראַלן, אויערן מיט וויבראַציעס, און בכלל אַלץ וואָס קען גורם זײַן אַ קאָנטאַקט, און ממילא – אַ רעאַקציע.

דאָס קען זיך מאַניפּעסטירן אפֿשר אין אינטויִציעס, עמאָציעס, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, און ווער ווייסט צי אויך אינעם אוניווערסאַלן פֿאַרנעם. אויב אַ שטורעם אויף דער זון ווירקט אויף טעלעקאָמוניקאַציעס צי אַנדערש, וואָס מע קען פֿעסטשטעלן מיט אַפּאַראַטן, פֿאַר וואָס ניט אויף לעבעדיקע באַשעפֿענישן? איז ניט אַזוי מיט דער לבֿנה אויף אָקעאַנען? אין מײַן גאָרטן איז עס אויסגעפּרוווט מיטן פֿלאַנצן בלומען. אויב מע טוט עס אין דער צײַט פֿון דער פֿולער לבֿנה, וואַקסן זיי אין דער הייך מער ווי

געוויינטליך און האָבן ווייניקער פּעטאַלן.

אָבער ווי אַזוי פֿאַרשטייען אַז ריחות זאָלן זיך אויפֿהאַלטן אין דער לופֿט? אויף וואָס רוען צי פֿלאַטערן די עלעמענטן? אַז ס'איז ניטאָ אַ נאָז וואָס זאָל זיי פֿילן, זענען די ריחות און פּאַרפֿומען ניטאָ! ערשט, באַשעפֿענישן וואָס דערפֿילן זיי אויף ווײַטע מרחקים, ווי אינזעקטן אַפֿילו... אויף וואָס האַלט זיך דאָס אַלץ? איך מוז עס וויסן! ווען ניט, איז מײַן עקזיסטענץ ניט גילטיק!

אוי, גולם, גולם!

אַסימילאַציע איז זינד קעגן זיך זעלבסט, קעגן דער אייגענער עטנישער גרופּע און וואָרשײַנליך קעגן דעם באַגער פֿון באַשאַף און ממילא פֿונעם באַשעפֿער. אַלע מוטאַציעס זענען פֿאַרקריפּלונגען, הערעזיע קעגן דער נאַטור און ממילא קעגן דער ביאָספֿערע און אפֿשר קעגן דעם אוניווערס. פֿאַרשיידענע אברים, דריזן, שאַפֿן אַ גאַנצן מענטש; די זעלבע מענטשן שאַפֿן אַ פֿאָלק; פֿעלקער שאַפֿן נאַציעס; אַזוי איז מיט יעדן עפּעס אין דער ביאָספֿערע און אויך מיט פּלאַנעטן און גאַלאַקציעס, און ווער ווייסט ביז וועלכער מדרגה!

איז דען מעגליך אויסצורעכענען אין וויפֿל מינים באַשעפֿענישן, פֿלאַנצן, קרישטאָלן און פֿאָרמען, אַספּעקטן, עס קענען זיך פֿאָרמירן די מענדעלייעוו-עלעמענטן? וואָרשײַנליך איז דאָס דער ווונטש פֿונעם מײַסטער פֿון באַשאַף, וואָס באַגערט פֿאַרשיידנאַרטיקייטן. ווען ניט – פֿאַר וואָס וואָלטן זיי געקענט זײַן? דערצו איז ער נאָך אַ ווירטואָז אין פֿאָרמען, קאָלירן און אַ סך אייגנשאַפֿטן, חוץ די, וואָס חושים קענען אויפֿנעמען. ווער קען זיך דערוועגן אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם באַשעפֿער?

מוטאַציעס, אויב ניט אַליין עוואָלוציִרטע עפּעסן, זענען פֿאַרקריפּלונגען, און ממילא – זינד. די פּלומרשטע אויסבעסערונגען צוליב עקאָנאָמישע צוועקן זענען זיכער תּמיד געפֿערליך. די אַנאַרכיע איז מעטאַסטאַזירונג און איז זיכער תּמיד

גורם קרענק און אומקום, ווי אַ קאַנסער. מע קען עס לײַכט אַנווענדן מיטן מענטשן-מין: וואַרשײַנליך לעבט אַ באַשעפֿעניש דאַכט זיך אַכט מאָל אַזוי פֿיל צײַט, ווי זי דאַרף צו דערגיין צו רײַפֿקייט. אַ מענטש איז רײַף צו 20 יאָר, בכן קען ער לעבן 160 יאָר, אָבער ער קומט אום פֿאַרגיפֿטיקט מיט זײַן אויפֿן עקזיסטירן. ער סמט זיך גופֿיש און פּסיכיש מיט זײַנע אויסטערלישע פּירונגען, זײַנע נערונג-רעזשימען און — מיט וואָס ניט? אפֿשר וועט דאָך געשען אַ נס, לײַט זאָלן קומען צוריק צום קלאָרן שׂכל און דאָס זאָל אפֿשר טאַקע הייסן משיחס צײַטן, באַגערט פֿון פֿרומע, און מיטן נוסח סאָציאַליזם דורך וועלטליכע מאַרקסיסטן.

~❀~

זיצט זיך ערגעץ אין טיפֿן וואַלד אַ העזל,
צופּט מנוחהדיק אַ גרעזל
אָן זיך צו פֿאַרנעמען
מיט האַמלעטישע פּראָבלעמען;
ניוכעט אָפּט צו פֿילן מיטן נעזל:
אַ שעקספּיר טשאַטעוועט ניט מיט אַ ביקס?
אָדער ס'לויערט הינטער קוסט אַ פֿוקס?
אָבער ס'ליגט ניט אַנגסט אין קאָפּ
צו וויסן וואָס דער סוף וועט זײַן
און זאָרג צו האָבן:
ווערן נאָכן טויט אַ מאכל פֿאַר מיקראָבן,
צי פֿאַר אַ יעגער אין אַ טאָפּ?
זוכט ניט דווקא צו פֿאַרשטיין
די רעליגיעס און די פֿילאָזאָפֿנס מיין:
וואָס זענען גאָט און וועלט?
פֿון וואַנען קומט היץ צי קעלט?
אויב עקזיסטענץ אים יאָ צי ניט געפֿעלט?
ווי לאַנג אַלץ גרינט, דער טאָג — מיט זונענשײַן,
איז חי-געלעבט, און ניט געטראַכט
ווי דער חכם מענטש, ניט פֿאַר קיין האָז געדאַכט!

~❀~

אַזוי פֿיל לײַט פֿאַרנעמען זיך מיט אַבסטראַקציעס וועגן גאָט, וועלט, טויט, יענע־וועלטיקע פּראָבלעמען פֿאַר רעליגיעזע און אַסטראָפֿיזישע קאָסמאָגאָניעס פֿאַר פֿרײַדענקערס, און אַזוי ווייניק מיט סאָציאָלאָגיע, מיטן לעבן דאָ, מיט טאָג־טעגליכער עקזיסטענץ, מיט יושר און רעכט. קינדער שטאַרבן פֿון הונגער, פֿאַראַן טיראַניעס, טעראָר, געמיינע פֿירונגען, היפּאָקריזיעס, מערדערײַען, דיקטאַטור פֿון שלעכטס צי מיאוסקייט – און גאָרניט! לײַט האַלטן ס׳דאָזיקע פֿאַר נאָרמאַל, פֿאַרתּכלעווען אַזוי פֿיל מי און פֿאַרמעגן פֿאַר אידיאָטישע פֿאָרשונגען, סנאָבישע מאַכערײַקעס, געווער וואָס מע מוז ניצן כּדי אויסצומײַדן אַרבעטסלאָזיקייט, און מיט שאַפֿן גיפֿטן זיך צו פֿאַרקריפּלען פֿיזיש און גײַסטיק! און כּלומרשט ערליכע, באַוווסטזיניקע, קלוגע לײַט נעמען דאָס אָן ווי נאָרמאַל.

אויב עמיץ פּראָטעסטירט, רעוואָלטירט, איז קעגן אַזאַ סדר־העולם, האַלט מען אים פֿאַר אַ פּסיכאָפּאַט, אַ בטלן, אַן אַנטי־וואָס־מע־וויל, געפֿערליך אין אַלע רעזשימען, שוואַרץ צי רויט. און מע זוכט פּטור צו ווערן פֿון די לײַט אין אַ משוגעים־הויז צי אַ גולאַג – אָדער מיט אַנדערע דעמאָקראַטישע מעטאָדעס.

ווי אַזוי קענען מיליאַרדן כּלומרשט ציוויליזירטע לײַט זײַן אַזוי צעחושט און פֿאַרפֿירט פֿון פּערווערזיטעטן, היפּאָקריזיעס און אידיאָטיזמען?

מחברים גראַפֿאָמאַנען, אײַניקט אײַך און גיט זיך איבער מוטועל די האָקוס־פֿאָקוס סיסטעמען ווי אַזוי זיך אַרײַנצוקריגן צווישן די וואָרע, אָנערקענטע ווירטואָזן אין שרײַבערײַעכצן, זיך אַפֿילו אַרויפֿדראַפּען אויפֿן סאַמע פּאַרנאַס, אָנגיין פֿאַר אַ פּיש־פּיש־פּיש און מיר־ניט, דיר־ניט – אַרײַנכאַפּן אַ נאָבעל־פּרײַז! (600000 דאָלאַר!...). אָט איז מײַנס אַן עצה. אויב איר ווילט ניט דווקא ווערן קלאַסירט ווי אַ פּעדאַנט, אַ לעקישעוואַטער גראַפֿאָמאַן, איז די בעסטע זאַך – הומאָר. אַ קונציקער

אַפּאָריזם, אַן אַקראָבאַטיע מיטן סינטאַקס, אַ ווערטערשפּיל מיטן ציטירן וויסנשאַפֿטליכע טערמינאָלאָגיעס (פּאַראַן ווערטערביכער וואָס זענען פֿול מיט אַזעלכע שאַלעמויזן) און אַ מאָל טאַקע לאַקכענען אַן אַרגומענט, צוגעפּלאַגיאַטעוועט אַ ביסל און צונויפֿגעקלאַפּט אַלץ מיט אַ שמייכל, איראָניש, שקאָציש — און לײַט שלינגען עס אַראָפּ ווי אַ צוקערל, קריטיקערס ווערן גענומען אויפֿן גאַנצן זיכער, זיי ווייסן ניט אַפֿילו ווי אַזוי די מאַמע האָט זיי געהאַט.

הומאָר, סאַטירע, שפּאַס, חוזק, לצנות, קאַטאָוועס, קאַלאַמבורייזם, בורלעסקעווען און נאָך אַזעלכע סטיליסטישע מאַכערײַקעס, אָבי ניט בדחניש געדרשנט, נאָר פֿאַרשלייערט מיט אַ שיינער טערמינאָלאָגיע וואָס זאָל צופֿרידנשטעלן לינגוויסטן, קריטיקער, ספּעציאַליסטן און נאָך אַזעלכע **איסטן**, און גלײַכצײַטיק ניט ײַַן לאַנגווײַליק פֿאַר אַ פּשוטן בשׂר־ודם — וועט איר זען אַז ס'גייט ווי־ געשמירט און מע באַקומט טיטלען, לענטעס, מעדאַלן, פּרײַזן, אַפּלאָדיסמענטן, קאָמפּלימענטן און אַנדערע **מענטן**; איר ווערט ציטירט אין כרעסטאָמאַטיעס פֿאַר קינדער און עלטערע מאַכן אײַך אַ וואַרע אַז איר קומט ערגעץ.

און אפֿשר יאַווען זיך עקזעגעטן?! אַזוי אַז מע קען בלײַבן בשתּומם זעלבסט אַליין און זיך אַ פֿרעג טון: אפֿשר זענען לײַט גערעכט: כ'האָב אפֿשר טאַלאַנט, און פֿאַר וואָס ניט זײַן טאַקע געניאַל? וואָסי, אַ דער־און־דער צי דער־און־יענער האָבן דען צוויי קעפּ? צי שרײַבן זיי ניט מיט אותיות אויף פּאַפּיר? בכן, מחברים־גראַפֿאָמאַנען, האַלט זיך צוזאַמען, העלפֿט אײַך איינס ס'אַנדערע. ווי זאָגט דאָרט קאַרל מאַרקס? דאַכט זיך: גראַפֿאָמאַנען אַבעדראַנצי צילאָוואַ סוויטאַ, סטאַנטע וו'אָדנאָי קופּקו! און מיטן אייבערשטנס הילף וועלן מיר אַלע ווערן אויסגעלייזט פֿון אַלע גלותן, ונאמר אָמן!

מיט אײַער פֿרײַהייט-שמײַהייט-אידעאַל,
מאַרקסיסטישע נאַראָנים,
אוטאָפּיסטישע בטלנים,
אַוועק פֿון אונדזער גושן
מיט אײַער נײַעם משהן!
באַפֿרײַט צו גיין אין מדבר מיט אַן עמוד-אש?
לאָזן דאָ דעם וואָרן טאָפּ מיט פֿלייש?
און שפּאַלטן אויפֿן וועג אַ ים,
נערן זיך מיט אַ פֿיקטיוון מן,
מיט שטעקנס זוכן אינעם פֿעלדז אַ קוואַל,
און באַלאָדן מיט אַ סיני-תּורה נאָך
זיך שלעפּן פֿערציק יאָר צו אַ כּנען!
(וואָלט דאָרט כאָטש געווען אַ ביסל באַפּט!)
טאַקע, דאָ טראָגן צרות אָפּט,
יעדער אויף זײַן אָרט זיצט דאָך.
באשר מ׳איז פֿאַרשקלאַפּט
און מ׳איז מיט קלעפּ געשטראָפּט?
ווי לאַנג ס׳איז פֿול דער מאָגן
איז מעגליך צו פֿאַרטראָגן
טיראַניע, דיקטאַטור אַפֿילו פֿון אַ כאַם,
טראָגן וואָס קושן מוז מען אָפּט די בײַטש!
ליידער, ליידער,
פֿון באַפֿרײַונגען מיט רעוואָלוציעס נאָך אַנאַנד, כּסדר
לערנט די געשיכטע אונדז דעם וואָרן טײַטש!

~❀~

צי זיי זאָלן זײַן מיטאָלאָגישע צי באמת אַ מאָל היסטאָריש עקזיסטירטע לײַט —זאָל עס זײַן ווי מיט שעקספּירן, וואָס האָט „קיין מאָל ניט עקזיסטירט נאָר עמיץ האָט געשאַפֿן ווערק און זיך אונטערגעשריבן שעקספּיר"— פֿאַר מיר זענען וויכטיק די אַלע, וואָס זענען אפֿשר צי אַפֿילו בלויז סימבאָלן, תּירוצים פֿאַר אידעאַלן, רעליגיעזע צי פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס. פֿון אַ מאָל:

אַקענאַטאָן, אַבֿרהם אָבֿינו, איובֿ, משה רבנו, שלמה המלך, דוד פֿונעם תּהילים, די נבֿיאים, הילל ווי אַריסטאָטעל, ביז דע ווינטשי, ברונאָ, גאַליליי, קעפּלער, ניוטאָן ווי דער בעש״ט, מאַרקס, אײַנשטיין און טראָצקי, אחד-העם און זשיטלאָווסקי, פּרץ און שלום-עליכם, מאַרק טווען און טשאַפּלין, ספּענצער און מאָצאַרט, גאָלאָמב און איציק מאַנגער, לעסינג און קאָרטשאַק. די אַלע לײַט האָב איך ליב און זיי באַרײַכערן מײַן געמיט: אַ בוקעט בלומען פֿאַר דער נשמה.

~❀~

**אַ** ווירוסל, וואָס מע זעט עס קוים מיט אַן עלעקטראָנישן מיקראָסקאָפּ, קען אַוועקלייגן אַ וואַלפֿיש צי אַ העלפֿאַנד, וואָס באַשטייען פֿון די טויזנטער מיליאַרדן מאָלעקולן, אָדער אַ חכם מענטש, טראָץ זײַנע אַלע פֿאַקולטעטן און נאָבעלפּרײַז-טרעגערס. ווער ווייס צי דער האָמאָ סאַפּיענס איז ניט אַ קאָסמישער פּאַטאָלאָגישער עפּעס, אַ מין סידאַ פֿאַר אונדזער פּלאַנעט מיט דער בײַאָספֿערע און אַ געפֿאַר ניט נאָר פֿאַר דער לבֿנה, ווו דער מענטש האָט שוין געשטעלט זײַן פֿוס, נאָר חלילה נאָך פֿאַר אַלע אַנדערע סאַטעליטן פֿון דער זון? שיקט ער דען ניט זײַנע קאָסמישע מאַכערײַקעס צו ווענוס, מאַרס און נאָך ווײַטער?

זעט ווי ער צעשטערט אַלץ, וואָס ער איז מסוגל צו באַרירן; פֿאַרפּעסטיקט טײַכן און אָקעאַנען, די לופֿט מיט דער אָזאָן-ספֿערע, וואָס שיצט אונדז קעגן געפֿערליכע שטראַלונגען; מאַניפּולירט נוקלעאַרע און אַטאָמישע עלעמענטן מיט זייערע ראַדיאַציעס און שאַפֿט אַזעלכע מכשירים וואָס קענען אויפֿרײַסן דעם פּלאַנעט! ער מאַניפּולירט אויך גענעטיש, צו פֿאַרקריפּלען באַשעפֿענישן און פֿלאַנצן; צעשטערט וועלדער – די לונגען פֿון פּלאַנעט, און אַלץ אַרום זיך, פֿיזיש און פּסיכיש. ער איז שוין כּמעט טאָטאַל עגאָ-קסענאָפֿאָביש משוגע, מיט עפּילעפּטישע קריזיסן, פּאַראַנאָיעס, אויסטערלישע השגות, צעחושטע רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס מיט סעקטעס, אידעאָלאָגיעס, פֿאַרקריפּלטע אינטערפּרעטאַציעס וועגן עטיק, עסטעטיק, וויסנשאַפֿט און בכלל

אַלץ, אַבסאָלוט אַלץ אין אַלע הינזיכטן.

און ס'זעט אויס אַז, פּונקט ווי דער מענטש קען בשום אופן ניט געפינען אַן אַנטידאָט, אַ פּעניצילין צי אַן אַנדער מין רפואה קעגן קאַנסער, קעגן אַ פּשוטן גריפּע-ווירוס אָדער קעגן סידאַ, קען אפשר גאָט ניט געפינען עפּעס אַ מיטל צו רייניקן אונדזער פּלאַנעט. שלעכטס און מיאוסקייט און מגיפישע אינוואַזיעס צעשפּרייטן זיך אַלץ האַסטיקער, און שוינען גאָר ניט און קיינעם ניט. קען זײַן אַז דער באַשעפער, דער מײַסטער פון קאָסמישן אַלץ, איז זיכער קליגער פון אַלע אונדזערע דאָקטוירים מיט זייערע לאַבאָראַטאָריעס, און וועט אַ מאָל -כדי צו ראַטעווען זײַן ווערק פון דער ציוויליזאַציע-פּעסט, פון דער קולטורעלער אינפעקציע אָדער פונעם האָמאָ-קאַנסעריזם- מאַכן אַ טאָטאַלע דעזינפעקציע, און אויב עס וועט אים ניט געראָטן, טאַקע אַן אַבלאַציע כדי פּטור צו ווערן פון דעם ווירוס, פון דעם מיקראָב, וואָס קומט צעשטערן די הימלישע ספערעס מיט זײַן כלומרשטער חכמה און אַמביציעזע מעגאַלאָמאַניעס.

~֍~

דער פּערוועזער שעקספּיר מיט זײַן שײַלאָקיזם! גענומען אַ משל פון אַ ייִד אין ווענעציע ווי אַ סימבאָל פון עמיצן, וואָס פאַרלאַנגט אַ גאַראַנטיע: אויב ניט אָפּגעצאָלט דעם חובֿ - אַ פונט פליישׁ! עפּעס וואָס איז קיין מאָל ניט געוואָרן רעאַליזירט.

פאַר וואָס ניט געוויזן אַז ניט דווקא זיי, נאָר די גאַנצע גוייִשע וועלט -כאָטש זי האָט ניט געזוכט קיין שום גאַראַנטיע, ניט האָבנדיק קיינעם עפּעס געבאָרגט- נעמט ניט נאָר אַ פונט פליישׁ, נאָר גאַנצע פעלקער, וואָס זי ברענגט אום ווירטועל? אַפילו ווי אַ משל מוז די גוייִשע וועלט תמיד האָבן דעם ייִד, מיט דער פאַרבאָרגענער כוונה צו נעמען אים ווי אַן אָפּלייטער פאַר אירע געמיינע מעשים און מחשבֿות.

~֍~

די דאָקטרינעס פון די סטרוקטוראַליסטן נוסח מאַרקסיזם,

צי פֿון דעם עטנאָלאָג לעווי-שטראַוס, צי גאָר פֿונעם פּסיכאָאַנאַליסט לאַקאַן, וואָס פּראָקלאַמירן אַז דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פֿונעם כּלל, פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַ מין אַנטי-עקזיסטענציאַליזם, ווי צו זאָגן אַז די בין איז אַ פּראָדוקט פֿונעם בינשטאָק – זעען מיר אויס אין פּרינציפּ אַן אַבסורד, אָבער דאָך, מיט אַ ניצוץ פֿון אמת.

ווער שאַפֿט דעם בינשטאָק? די בינען, אַפֿילו די ערשטע בין וואָס וויל צי מוז זיך אייניקן מיט אַנדערע. אָבער ווען דער בינשטאָק עקזיסטירט שוין, ווערט דער יחיד אַ פֿראַגמענט פֿון עפּעס אַנדערש. מע קען ניט אָפּטיילן איינס פֿון אַנדערן. צוזאַמען שאַפֿט עס אַן עוואָלוטיווע אייניקייט פֿון יחיד צוזאַמען מיטן כּלל. איין קעמערל איז ניט דער מענטש, אָבער אין ערשטן מאָלעקול, כאָטש עפּעס טאָטאַלס, זעענען ניטאָ ניט קיין גוף, ניט גײַסט, ניט פֿאָלק, און אפֿשר אַזוי ביז געטליכקייט, ווער ווייסט ביז וועלכע מדרגות נאָך.

ס'איז דער פּראָבלעם פֿון שטיינדל מיטן מאָזאַיִק. ערשט אַ שטיינדל איז שוין אַ גאַנצער עפּעס אין אַ מאָזאַיִק – כאָטש נאָר אַ פֿראַגמענט פֿון עפּעס גרעסערס און וויכטיקערס. ווו איז דער אָנהייב, ווו איז דער סוף? אפֿשר איז אַלץ ספֿעריש: צעשטערט, קומט אַלץ צוריק צום אָנהייב? ווער-זשע ווייסט וואָס ס'קען געשען מיט אַ גאָט? אוי, שווײַג, אַפּיקורס!

~❁~

לעבן איז דינאַמיק, באַגער. לעבן און באַוועגונג זעענען איינס. אַלץ וואָס קען נאָר זײַן איז אַספּעקט פֿונעם לעבנס מיניען ווי אַ בריליאַנט מיט פּריזמען קעגן זון. ניט פֿיר דימענסיעס נוסח עקוואַציעס – טויזנטער! פֿיזישע, ספּיריטועלע, עמאָציאָנעלע, דמיונדיקע, ווירטועלע און געטרוימטע רעאַליטעטן... אַלץ, אַלץ אַזוי רײַך, שיין, מיט תּענוגים, עקסטאַזן, אָרגאַזמען אַפֿילו. און מיט יעדן אָנקומען ערגעץ – אין וועג, און געזונגען, מענטש!

~❁~

ווי באַריש זעען מיר אויס די אַלע טעאָגאָניעס און טעאָלאָגיעס. די עקזיסטענץ פֿון געטליכקייט קען מען ניט באַרעכטיקן ניט מיט דיאַלעקטיק, ניט מיט דעמאָנסטראַטיווע באַוויַיזן, ווי אַ פֿענאָמען וואָס מע קען לאַבאָראַטאָריש עקספּערימענטירן אָדער מאַטעמאַטיש אַנאַליזירן מיט לאָגישע עקוואַציעס צי טעאָרעמען, אָדער דערקענען מיט פּאָעטישע מיסטיציזמען, קבליזמען צי אַנדערע איזמען.

ווען דער מענטש וואָלט געקענט וויסן עפּעס פֿון געטליכקייט, וואָלט ער אַליין געווען כמעט אַ גאָט. ער איז עס אפֿשר מיני-פֿראַגמענטאַריש, מיט אַ ניצוץ דערפֿון אין קאָפּ, אין האַרץ און אין דמיון. ווער קען עס וויסן? די מעגליכקייט צו קענען טראַכטן אַזוינס, איז אפֿשר אַ באַוויַיז דערפֿון.

ווי גרויס און שיין איז די מתּנה פֿון באַשאַף: דער מענטש זאָל קענען זייַן קרעאַטיוו, מסוגל צו באַגערן, טרוימען און ווערן אַ מיני-מייַסטער אין דער ביִאָספֿערע, לטובֿת זייַן מעגאַלאָמאַניע, און אפֿשר אויך טאַקע צוליבן ווילזייַן. אָבער אפֿשר איז עס גאָר אַ קללה, און דער סימבאָל פֿון עץ-הדעת זאָל זייַן אַ באַוויַיז דערפֿון. אָבער פֿון דעם וואָס איז געטליכקייט, וועט ער קיין מאָל ניט באַגרייַפֿן.

בעסער וואָלט געווען פֿאַרן מענטש, ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ די אַלע אַמביציעס, און זיך אונטערגעבן מיט צוטרוי און מיט ליבשאַפֿט דעם סדר-העולם, ניט פֿאַרתּכלעוועדיק אַזוי פֿיל מי און דויער מיט גריבלען זיך אין הימלישע ספֿערעס, בפֿרט אַז זייַן היים, די ערד, איז נאָך פֿול מיט פֿיזיש און פּסיכיש מיסט. מע וואַלגערט זיך ווי חזירים אין רינשטאָקן. אַנשטאָט טעלע- און מיקראָסקאָפּן דאַרף ער האָבן אַ גוטן בעזעם.

ניט צו וויסן צי מיט זייַן חכמה איז דער מענטש פֿאָרגעשריטן צי הינטערשטעליק. ווער ווייסט צי טערמיטן, בינען, מוראַשקעס, זענען שוין ניט אויסגעהיילט פֿון ציוויליזאַציעס און אינטעלעקטואַליזם. זיי זענען עלטער פֿון אונדז און זיכער פּראַגמאַטישער אין אויסניצן דעם מעגליכן לעבנס-דויער טאָטאַל, אָן פֿאַרקריפּלונגען

און פֿריצײַטקין אומקום. ניט ווי בײַם האָמאָ-סאַפּיענס, וואָס איז ווײַזט אויס משוגע.

אַ וווּנדער און אומבאַגרײַפֿליך איז דאָך, דאָס וואָס אײן אַ באַוווּסטזיניקן מענטש קען זיך מאַניפּעסטירן דער באַגער דווקא צו וועלן וויסן וואָס, ווען, ווי אַזוי, פֿאַר וואָס, ווער, זיבט ווען, ביז ווען — אַלץ! חוץ דעם איז דאָך אַ וווּנדער: ס׳איז מעגליך צו קריטיקירן דעם באַשאַף, און ממילא דעם מײַסטער דערפֿון, וואָס האָט געמוזט און מוז כּסדר אָנקומען צו שלעכטס, מאָרד, אַנגסט ווי אַ סדר-העולם, ס׳זאָל ניט קענען זײַן קײן עקזיסטענציעלער תּענוג צווישן אַלע עלעמענטן; גילטן זאָל נאָר אַגרעסיע, עקספּאַנסיע, אומקום, קאַטאַסטראָפֿעס — ניט נאָר פֿאַר באַשעפֿענישן, נאָר פֿאַר אַלץ וואָס איז.

ווער, וואָס די געטליכקייט זאָל ניט זײַן, דערקענט צי ניט, איז זיכער דער מענטש בעסער און שענער פֿונעם קאָסמישן מײַסטער. ער זעט, פֿילט אַז ס׳קען זײַן יושר, רעכט, ליבשאַפֿט, רחמנות — אָן אַנגסטן, אָן פּחד, אָן יסורים, אָן צווייפֿל און פֿאַרצווייפֿל. זאָל געטליכקייט זײַן אומבאַהאַלפֿן צו באַווײַזן אַז ס׳קען זײַן אַנדערש? זאָל גאָט דאַרפֿן קומען לערנען זיך בײַ אַ מענטש ווי אַזוי ס׳קען זײַן אַן אוניווערס אָן צרות, אָן קאַטאַסטראָפֿעס? ווער דערלאָזט ניט ס׳זאָל ווערן אַנדערש, בעסער? ווי אַזוי ווערן טאָלערירט אַזוי פֿיל אומקומען, רציחות און אומגליקן? צו וואָס אַזוי פֿיל טעאָלאָגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס, מיט אַזוי פֿיל תּפֿילות און קרבנות? פֿאַר וואָס מוזן זײַן מגיפֿות, אינקוויזיציעס, היטלעריזמען, קלאַסנקאַמף, מלחמות מיט טאָרטורן פֿאַר גוף און נשמה? ס׳איז דאָך אוממעגליך צו באַגרײַפֿן אַז דער אוניווערס זאָל זײַן אַ משוגעים-הויז און קײנער זאָל אַפֿילו ניט קענען פּרוּוון היילן!

≈❁≈

**ווי** לאַנג אַ שטאַם זוכט וואָס מער זיך אײַנצוואָרצלען אין דער ערד, וואָס העכער צו שטײַגן מיט נײַע צווײַגן, מיט יעדער צווײַג צו שאַפֿן נײַע שפּראָצן, מיט יעדן נײַעם פֿרילינג צו בליִען, מיט יעדן זומער צו רײַפֿן פּירות גרייט פֿאַר האַרבסט מיט נײַע זוימען — ווי לאַנג ער טוט עס, האָט ער די זכיה צו הייסן בוים. ווען ניט, ווערט ער פֿאַרוואַנדלט אין האָלץ, פֿרעמד דעם וואַלד, דעם סאָד, דעם גאָרטן, גוט פֿאַר סטאָליאַרעס און אויפֿן פֿײַער. דאָס קען דינען ווי אַ משל פֿאַרן מענטש בכלל און פֿאַרן ייִדישן ייִד בפֿרט.

~

**ווי** סובסטאַנץ און אַנטי־סובסטאַנץ, ווי שוואַרצע תּהומען וואָס שלינגען אײַן גאַלאַקציעס, איז **נישטיקייט** די אַנטינאָמיע פֿון **אַלץ**. פֿולקייט און לערקייט זענען די זעלבע עפּעסן אין צוויי אַספּעקטן. אַזוי מוז זײַן, וואָרשײַנליך, מיט צײַט און עפּעס וואָס איז ניט צײַט. אַלע דימענסיעס אָדער דויער, אַפֿילו אומענדן און אייביקייטן, מוזן זײַן וואָרשײַנליך פֿראַגמענטן. עקזיסטענץ מיט ניט־עקזיסטענץ פֿון עפּעס זענען צוויי אַספּעקטן פֿון אַ ניט־באַגרײַפֿליכן פֿענאָמען. זיבנט טויזנטער דורות האָבן לײַט דאָס פֿאָרגעפֿילט, פֿון מאַזדאַיִזם ביז העגעלס טעזע־אַנטיטעזע־סיסטעם, אין אַלע אַנטינאָמישע באַגריפֿן: אַנימיסטיש, מיטאָלאָגיש, רעליגיעז, וויסנשאַפֿטליך אַפֿילו — שטאָף מיט אַנטי־שטאָף — מאַטעמאַטיק מיט פּראָבאַביליטעט, קוואַנטאַ מיט אומפֿיקסיזם, ניט אין אָרט און ניט אין אַספּעקט, געטליכקייט מיט אַשמדאַיזם. מע קען אַזוי געפֿינען דעם **פֿאַר**־ און דעם **אַנטי**סיסטעם אומעטום, אין אַלץ.

אַ וווּנדער איז דער ווידערשטאַנד קעגן דעם פֿונעם מענטשליכן באַוווּסטזײַן, וואָס באַגערט אייביקייט, ליבשאַפֿט אָן אַנטאַגאָניזמען. דאָס מאַניפֿעסטירט זיך אין נירוואַנאַ ווי אין אחד־אידעאַל, אַפֿילו אין אײַנשטייניזם מיט דער עקוואַציע פֿון ענערגיע, מאַסע, אָרט און צײַט. פֿאַראַן אָבער אַ באַגער צו מײַדן

סטאַטיק, טאָטאַלע מנוחה, פֿון ניט נאָר ניט-ווערן, נאָר בכלל ניט-זײַן, נוסח הינדויִזם, בודיזם, ווײַל לעבן איז דינאַמיק, און אַזוי ווי אַלץ איז פֿול, מוז יעדע באַוועגונג שטערן עמיצנס רו אויף זײַן אָרט. דער איינציקער אויסוועג איז: בײַטן אָרט מיט טאַנץ. דאָס מוז זײַן באַגערט מוטועל.

קומט אויף אַ נײַער פּראָבלעם: וואָס איז אַזוינס קרעאַטיוויטעט? וויל שטיין צי ליים ווערן סטאַטוע? וויל פֿאַרב ווערן בילד? ווילן קלאַנגען, טענער, ווערן מוזיק, געזאַנג? וויל וואָרט ווערן פּאָעמע? וויל שאָף ווערן וואָלף, פֿאַרדײַעט מיטן אומקום? איז דען יעדע שאַפֿונג ניט אַגרעסיע? איז דער **יש** ניט אויפֿגעצווונגען דעם **אַין**, די מעשה-בראשית ניט אַגרעסיוו פֿאַרן כאַאָס? און אָט אַפֿילו אַ באַווײַז פֿון אַנטי-מנוחה מיט מײַנע מחשבֿות, וואָס טשעפּען זיך צו מיר. ווער טוט ס'דאָזיקע? אפֿשר איז פֿאַראַן אַן אוניווערסאַלער ליבשאַפֿט-באַגער וואָס געפֿינט תּענוג אין דער דאָזיקער דינאַמיק, אַטראַקטיוו און קעגנזײַטיק.

חן און שיינקייט פֿאַרשאַפֿן פֿיזישן און פּסיכישן תּענוג. פֿאַר וואָס אָבער מוזן גילטן צענטריפֿוגאַלע און צענטריפּעטישע באַגער-פֿענאָמענען, מיט שטראַלונגען וואָס רײַסן זיך אַרויס און מאַגנעטיזמען וואָס ציִען דווקא צו?

≈֍≈

**וו**ער ווייסט צי דער מענטש איז עפּעס ניט אַן אויסדרוק פֿון אַ געטליכן געוויסן אין אַן אוניווערס פֿון כּסדרדיקע אַגרעסיעס, אַ מאָרד-קאַרנאַוואַל אין קאָסמישן פֿאַרנעם צווישן עלעמענטן, אָדער אַפֿילו אַן אייביקן זעלבסטמאָרד-קאָמפּלעקס? אויב אַלץ וואָס איז שטאַמט נאָר פֿון איין עלעמענט, אויב דערין זאָל זיך קענען מאַניפֿעסטירן אַ געדאַנק פֿון באַדויער, עקל און צער דאָס זאָל מוזן אַזוי זײַן – איז עס ניט אַ באַווײַז אַז דער באַשעפֿער טראַכט דערפֿון? כ'ווייס ניט צי אַזאַ מין מחשבֿה האָט זיך געקענט צי קען זיך מאַניפֿעסטירן –אין ריזיקן קאַמף פֿון עלעמענטן וואָס גייט אָן אין קאָסמישן אַלץ– בײַ מאַגנעטישער ענערגיע, בײַ אַ

דונער וואָס פֿאַרלענדט, בײַ אַ ווולקאַן צי אַ שטורעמדיקן ים וואָס צעשטערט, און אַפֿילו בײַ פּלאַנצן צי לעבעדיקע וועזנס, חוץ דעם מענטש, וואָס קענען ניט אַנדערש עקזיסטירן ווי אויפֿן חשבון פֿון עמיצנס אומקום.

כ׳זאָג: חוץ דעם מענטש, ווײַל ער איז דאָך אויך אַ באַשעפֿעניש ווי אַלע, און ער מוז זיך נערן מיט אַנדערע לעבנס, אָבער ער טראַכט דערפֿון און באַדויערט עס. אויב אַזאַ מין מחשבֿה איז אַ דעפֿאָרמאַציע, אַן אַטראָפֿיע פֿון נאַטירליכע אינסטינקטן, איז – זײַ געבענטש, מענטשליכער גײַסט, אויב די דאָזיקע קרענק האָט זיך אַזוי פֿאַרקריפּלט!

דאָס איז אויך אַ באַווײַז אַז דער באַשאַף באַשטייט ניט בלויז פֿון שלעכטס און געמוזטע פּײַן. פֿאַראַן אויך אַ מעגליכע ליבשאַפֿט און חרטה. מסתּם זענען מיר דאָך אויפֿן וועג צוריק צום גן-עדן. עס דויערט טויזנטער יאָרן? וואָס איז דויער פֿאַר אַן אוניווערס? טרייסט זיך, מענטש, מיט דער מחשבֿה! אויב אין דיר, אַ בישטיקל אין אוניווערס, קען זיך מאַניפֿעסטירן אַזאַ מין געדאַנק, קומט עס פֿון ערגעץ, פֿון עפּעס. און פֿון וואַנען קומט אַלץ, אויב ניט פֿון געטליכקייט?

~❀~

פֿאַר וואָס זאָל דער פּראָגרעס אין דער טעכניק, אין דער וויסנשאַפֿט, מיטן ראַציאָנאַליזירן די פּראָדוקציעס, תּמיד זײַן לטובֿת די פּריווילעגירטע קלאַסן און זייערע אינטערעסן, און ניט לטובֿת אַלעמען, מיט פֿאַרלײַכטערן, שאַפֿן מער רו און ווױלזײַן פֿאַר יעדן, אַנשטאָט וואָס נאָר די רײַכע זאָלן ווערן נאָך רײַכער, און פֿאַר די אַנדערע זאָל דאָס אַלץ גורם זײַן אַרבעטסלאָזיקייט, אַנגסט, נויט און פֿאַרביטערונג? בפֿרט אַז די אינזשעניערן וואָס שאַפֿן די אַלע ראַבאָטן זענען פֿאָרמירט אַ דאַנק די שטײַערן וועמענס לאַסט ליגט ס׳רובֿ טאַקע אויף די אַרבעטער קלאַסן. אַזוי אַרום העלפֿן זיי שאַפֿן די ריטער מיט וועלכע זיי ווערן געשמיסן.

~❀~

בּאַר הוסערלס טויט, אין 1938, זענען געבליבן 45.000 זײַטלער נאָך ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע מאַנוסקריפּטן. איצט שטעלט זיך פֿאַר דעם אָקעאַן פֿון פֿילאָזאָפֿיע וואָס וואָלט פֿאַרמבולט די וועלט. אַז מע זעט דעם דעפּאַרטאַמענט „פֿילאָזאָפֿיע" בײַ דער אונעסקאָ, מיטן המון פֿילאָזאָפֿן, סעקציעס, קאַטאַלאָגן, קאָלעקציעס, אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן, רעפּערטואַרן, כראָניקעס, פּובליקאַציעס, ספּעציאַליסטן און ספּעציאַליטעטן – נעמט שווינדלען אין קאָפּ.

איז דאָס אַלץ ניט פּאַטאָלאָגיש און פֿאַרדעכטיק? דער אמת מוז דאָך זײַן אַזוי פּשוט און קלאָר און אײנפֿאַך פֿאַר יעדן אײנעם! אָבער דאָ קומט יעדעס פֿאָלק, יעדע נאַציע מיט איר ספּעציפֿישן אמת, מיט איר ספּעציפֿישער פֿילאָזאָפֿיע. אַמעריקע רוסלאַנד, דײַטשלאַנד, בולגאַריע... זעט לויטן אלף־בית דעם בולעטין פֿונעם C.I.P.S.H. – כּמעט אַלע לענדער, אַלע פֿעלקער, יעדער מיט זײַנע אמתן. אַזוי פֿיל פֿילאָזאָפֿיעס, אַזוי פֿיל דאָקטרינעס, טעאָריעס!

ס'איז אָבער לײַכט צו פֿאַרשטײן. די הערשנדיקע קלאַסן דאַרפֿן האָבן אַ סך פֿילאָזאָפֿן, ווי אַ מאָל אַ סך גײַסטליכע, רעכטצופֿאַרטיקן זײערע עקספּלואַטאַציעס פֿון מענטש דורך מענטש, זײערע קלאַסן־פּריווילעגיעס, זײערע אַגרעסיווע אַפּעטיטן. אַ שאָד וואָס די פֿילאָזאָפֿן, ווי די גײַסטליכע, לאָזן זיך שפּאַנען צו שלעפּן אָט־די שווערע וועגענער, און אַפֿילו ווען דאָס זענען גילדענע קאַרעטעס – אַלע דאָך באַלאָדנט מיטן זעלבן טינוף.

אַזוינס זאָל קענען אָנגײן נאָרמאַל פֿאַר מיליאַרדן לײַט, צווישן וועלכע עס מוזן דאָך אויך זײַן אויפֿריכטיקע חכמים, און – דאַוואַי מיט אַן אונעסקאָ, אַן אָרגאַניזאַציע פֿון אַלע ציוויליזירטע לענדער!

ערשט איז דאָס נישט אַזוי בלויז מיט פֿילאָזאָפֿיע צי רעליגיע, נאָר בכלל מיט עטיק און עסטעטיק, קונסט, ליטעראַטור, די כּלומרשטע ספּאָרטן, און מיט וואָס ניט? אַלץ איז נאָר עפּעס פֿונעם

אוניווערסאַלן בלאַף, היפּאָקריטישע ציוויליזאַציעס מיט זייערע קולטורן. און תּמיד לטובֿת פּריווילעגירטע קלאַסן-אינטערעסן.

~❀~

וואָס איך טו מיט מײַנע הײַנטיקע טעג? איך נעם נעכטיקע מאָרגנס און פֿאַרוואַנדל זיי אין מאָרגעדיקע נעכטנס. און דאָס טו איך ניט נאָר מיט טעג, מיט וואָכן, חדשים און יאָרן – ס'איז מײַן כּסדרדיקע טעגליכע כראָניק, אַ מין כראָנישע קרענק. בוקלעאָנען דויער וואָס שאַפֿן נאָך אַנאַנד געשעענישן, אַזוי יחידיש און סאָציאַל. ווער ווייסט צי ס'איז ניט אומזיסטע מי, אָבער דער זייגער מיט זײַן טיק-טאַק און דער קאַלענדאַר מיט זײַנע עפּעמערידן מאָלן כּסדר נאָך אַנאַנד: „טו ס'דײַניקע – לעב, לעב, לעב!".

~❀~

דער אוניווערס איז פֿול מיט נישטיקייט, מיט **אַין**. יעדער יהי, יעדער **יש** איז עפּעס פֿון דעם דאָזיקן **אַין**. דער **אַין** איז טאָטאַלער אַלץ. דער רופֿט עס עסענץ, דער – ענערגיע, דער – לעבן, דער – פֿאַנטעיִזם, יענער – עטער, אָבער די דאָזיקע נישטיקייט איז דער תּמצית פֿון אַלץ וואָס קען נאָר זײַן. יעדע מעשה-בראשית שטאַמט דערפֿון. ווער ווייסט צי דער מײַסטער פֿון וועלטן איז אַליין ניט עפּעס דערפֿון!

ווער-זשע האָט באַשאַפֿן די נישטיקייט? אין וועלכן כאַאָס און תּוהו-ובֿוהו איז זי שוין עפּעס דאָך? דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן. נישט מעגליך דאָס צו באַגרײַפֿן. עס שטאַמט וואָרשײַנליך פֿונעם זעלבן שורש ווי אומענד, אייביקייט און מענטשליכער באַגער אַלץ צו קענען וויסן.

קיינער קען ניט לייקענען די עקזיסטענץ פֿון נישטיקייט. אַ באַווײַז: ס'האָט אַ נאָמען, ס'פֿיגורירט אין ווערטערביכער, מע קען פּאָלעמיזירן, טראַכטן און שרײַבן וועגן דעם. אַ באַווײַז: אָט וואָס כ'האָב איצט אָנגעשריבן. איז עס ניט עפּעס אַ שײַכות מיט

נישטיקייט? קען זײַן אַז דאָס אַלץ איז גאָרניט ווערט, אָבער אויב מע זאָגט **גאָרניט**, האָט עס דאָך שוין אַ שײַכות מיט נישטיקייט! און ווער קען לייקענען, אַז דאָס וואָס כ׳האָב געזאָגט איז פֿאַראַן? אָט ליגט דאָס פּאַפּיר, מיט די סימנים טינט דערויף, און דאָס קען אַפֿילו גורם זײַן אַז אַנדערע זאָלן עס לייענען און זאָלן ווײַטער דענקען וועגן דעם. ווי קען מען זיך פֿאָרשטעלן אַ נישטיקייט איבער וועלכער מע קען פֿאַרתּכלעווען אַזוי פֿיל צײַט און רייד?

~❁~

**ד**י טויזנט יאָר פֿון אונדזער מזרח-אייראָפּעיִשער ייִדישקייט זענען דער שענסטער פּעריאָד אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. נאָר היפּאָקריטן און ציניקער קענען זיך אײַנרעדן, אַז די עוואָלוציע פֿון סאָציאַלער באַפֿרײַונג פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט בכלל און דער ווידערגעבורט פֿון מדינת-ישראל וואָלטן געקענט זיך מאַניפֿעסטירן אָן דער הילף פֿון ייִדישן מזרח-אייראָפּעיִשן בײַשטײַער. מע פֿאַרגינט אונדז ניט ס׳דאָזיקע, און עגאָפּאָבישע ייִדן זעלבסט ווילן ניט באַגרײַפֿן זייער ראָלע אין דער עמאַנציפּאַציע פֿון מענטש און ייִד: אַ באַפֿרײַונג אין אַלע הינזיכטן – פֿיזיש, פּסיכיש, סאָציאַל, מאַטעריעל, עטיש און עסטעטיש. ס׳קומט אָן שווער, אָבער דורך פֿרומע צי וועלטלעכע קאָנצעפּטן מוז משיח קומען, און ער וועט זיכער קומען!

יעדעס געבוירן איז גורם יסורים. ייִדישקייט איז ס׳רובֿ די מוטער פֿון אידעאַלן, און דערפֿאַר לײַדן מיר מער ווי אַנדערע. ערשט די גויִים – זיי זענען אַלערגיש, פֿאַרדײַען ניט, ניט די אָבֿות, ניט די צען געבאָט, ניט די נבֿיאים, ניט יעזוסן, ווי ניט קאַרל מאַרקסן. זיי זענען ווי נאַרישע קינדער וואָס האַסן דעם רופֿא ווי דאָס שלינגען די רפֿואות.

אָבער מאָדנע ווי דער אידעאַל בײַ פֿרומע און דער סאָציאַלער טרוים בײַ וועלטליכע האָט תּמיד איין באַגער: משיח מיט דער באַפֿרײַונג פֿון דער גאַנצער מענטשהייט מוז קומען, און וועט זיכער קומען! אפֿשר איז דאָס דער זין פֿון אתּה-בחרתּניזם? קיינער

קען ניט לייקענען אַז אין דער עוואָלוציע פֿון פֿעלקער צו גרייכן ס׳דאָזיקע, איז די ראָלע פֿון מזרח-אייראָפּעיִשן ייִדנטום צווישן אַלע באַציעס אויסערגעוויינטלעך גרויס.

ליידער פֿאַרגיט מען אונדז ניט ס׳דאָזיקע, ניט בײַ גויִים און אַפֿילו ניט בײַ ברודערישע שבֿטים פֿון אונדזער אייגן פֿאָלק, וואָס ווילן ניט פֿאַרשטיין, אַז ווען ניט מיר וואָלט קיין מדינה ישראל אַפֿילו הײַנטיקן טאָג ניט געווען. ליידער, ווי טײַער האָבן מיר באַצאָלט ביז איצט דערפֿאַר!

אָבער מיר האַלטן נאָך ניט בײַ עפּילאָגן צי בײַ נעקראָלאָגן. די פֿעניקסן וואָס קומען אַרויס פֿון פֿײַער זענען תּמיד דאָ, און ווער קען וויסן וויפֿל פֿון אונדזעריקע זענען פֿאַראַן צווישן די למד-וואָוו צדיקים אין וועמענס זכות די וועלט האָט אַ קיום?

~❁~

די ווויסנשאַפֿט אַנטפּלעקט מער פּראָבלעמען, סודות, ווי זי געפֿינט ענטפֿערס און באַשיידן. וואָס גרעסער, פּערפֿעקטער טעלעסקאָפּן צי מיקראָסקאָפּן, אַלץ מער אומגעריכטע אַנטפּלעקונגען אין מאַקסי- צי מיני-דימענסיעס. בשום-אופֿן ניטאָ קיין מעגליכקייט צו גרייכן עקסטרעמען, וואָס זענען אפֿשר ווי זוכן דעם אָנהייב און סוף פֿון ספֿערעס, און בפֿרט אַז מע געפֿינט זיך דערין און ניט אין אַ דרויסן, פֿון יענער זײַט.

~❁~

ווי אויסטערליש די השגות פֿון די רעליגיעזע, וואָס מיינען אַז צו זייערע פֿאַרמענטשלטע געטער מוז מען זיך ווענדן מיט אַ ספּעציעל הייליק לשון. ווי אַזוי זעען זיי ניט דעם אַבסורד פֿון אַן אָמני-מעכטיקן גאָט וואָס פֿאַרשטייט ניט קיין אַנדער לשון ווי לשון-קודש, לאַטײַן, אַלט-סלאַוויש צי ווער ווייסט וואָס נאָך פֿאַר אַ מין דיאַלעקט?

אַ גאָט פֿאַרשטייט דאָך, זעט דאָך, ווייסט דאָך אַלץ: דעם רויש פֿון אַ פֿאַליע, דעם שאָרך פֿון אַ בלעטעלע, דעם זשום פֿון אַ

פּלאַטערל, און וואָס ניט? ווי אַזוי קענען באַזוּוע לײַט מוזן אָנקומען צו אַ סידור, אַ מיסעל, אַ מחזור מיט ספּעציעלע תּפֿילות, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל באַשטימטע טעקסטן, רעפּעטירטע יעדן טאָג אין אַ באַשטימטער צײַט, מיט אַ בוקעניש און אַ קניקעניש. זעען זיי ניט אײַן אַז זיי לעסטערן דאָס, צי דעם וואָס זיי האַלטן פֿאַרן אָמני-מעכטיקן גאָט?

~❀~

בײַט דעם נאָמען פֿון אַ סאָסנע ווי איר ווילט – ס'וועט קיין פּאַלמע דערפֿון ניט ווערן. אַ סאָסנע קען נאָר שאַפֿן שישקעס. אַזוי מיטן אַן עפּלבוים, וואָס קען נאָר שאַפֿן עפּל, און בשום אופֿן ניט קיין פֿײַגן און ניט קיין מאַנדלען. אַ ייִד וואָס שמדט זיך, איז אַ געשמדטער ייִד. מע קען פֿון דער נאַטירלעכער אייגנשאַפֿט בשום אופֿן ניט פּטור ווערן. ס'ליגט עפּעס אין די גאָמעטן צי אין די קראָמאָסאָמען. שמד, אַסימילאַציע – זענען שמינקע-מאַסקעס; זיי וועלן קיין שום היטלערן ניט נאַרן.

~❀~

כ'באַטראַכט בײַגעריק די האַנט, וואָס פֿירט די פֿעדער אויפֿן פּאַפּיר און פֿאַרצייכנט די אַלץ-קומענדיקע מחשבֿות, וואָס וויקלען זיך ווי פֿון אַ קנויל, אַנטוויקלען זיך אייבע פֿון דער צווייטער מיט אַ פּרווו פֿון לאָגיק, פֿון שׂכל-הישר, ווי מיר דאַכט זיך. בין איך עפּעס ווי אַ צושויער, אַ פֿרעמדער, אַ דערנעבנדיקער: כ'קוק זיך צו, הער, און כ'האָב דעם אַבסאָלוטן אײַנדרוק, ווי אַ פֿרעמדער זיצט אין מיר און דיקטירט, קאָמאַנדעוועט און באַפֿעלט די האַנט.

עס קומט עפּעס פֿאַר וווּנדערליכס אין מיר, און כ'בין ניט אַפֿילו מסוגל זיך אַרײַנצוטמישן אין דעם פֿענאָמען. קומט מיר אין זינען די מעשׂה מיט דיבוקים: פֿאַר וואָס זאָלן בלויז זײַן אַנסקישע דיבוקים, וואָס שרעקן און מאַכן לײַט מרה-שחורהדיק משוגע? ס'קענען זײַן גאַנץ רויִקע, באַלעבאַטישע דיבוקים, וואָס זאָלן אַפֿילו אַ מאָל

מאַכן אַ שפּאַס, צי פּרוּוון טון אַ ניצליכע מלאָכה. דאַכט זיך אַז עטליכע אַזעלכע דיבוקים האָבן זיך באַזעצט אין מיר, און איך קוק אַמוזירט ווי זיי באַלעבאַטעווען אין מײַן מלוכה.

~❁~

**א**ויסטערליש און דיאַלעקטיש ווּנדערליך איז ווי מיטן טעקסט פֿון די לוחות שאַפֿט מען אַזוי פֿיל ליטעראַטור. צו וואָס? פֿאַר וואָס? איין **לא** איז דאָך גענוג פֿאַר אַן עכטן, אויפֿריכטיקן, ערליכן מענטש! דאָס קאָמענטירן, פּאַראַפֿראַזירן, פּאָלעמיזירן, אינטערפּרעטירן – איז ניט נאָר פֿאַרדעכטיק, נאָר אַ באַווײַז אַז דער מענטש איז ניט זוכה צו זײַן אין צלם-אלוהים.

אַזוי ווי פֿון בראשיתדיקן **כּי-טוב** איז געוואָרן אַ **כּי-טוביזם**, מיט **איסטן** פֿאַרשטייט זיך, האָט דער **לא** פֿון די לוחות זײַנע **לאָיִסטן**, וואָס אַנאַליזירן עקזעגעטיש ניט נאָר דעם זין, דעם מאַי-קאָ-משמע-לן, נאָר די גמטריאות, צפֿתיש מיט אַ שטרײַמל צי פּאַסקאַליש מיט וואַטיקאַנישע השׂגות.

פֿאַר וויפֿל גויִים ווערט דער **לא** פֿאַרשטאַנען: „זאָלסט ניט לאָזן לעבן", „זאָלסט מוזן גנבֿענען", „זאָלסט מאַכן אַ געץ וואָס איז ניט ענליך צום וואָרן גאָט", און אַזוי ווײַטער?

מענטש אין צלם-אלוקים? אפֿשר גאָר פֿאַרקערט – גאָט אין צלם-מענטש? לויטן סדר-עולם אומעטום אין אַלע הינזיכטן, זעט אויס ווי אַ חוזק דעם חומשס כּי-טובֿ, משטיינס געזאָגט, פֿונעם מעשׂה-בראשית. ווער שאַפֿט וועמען: גאָט דעם מענטש, צי פֿאַרקערט? יעדער לויט זײַנע השׂגות? ווו, צו וועמען זיך ווענדן נאָך אַן ענטפֿער?

~❁~

**י**ִדישקייט איז פּונקט דער היפּוך פֿון נירוואַנאַ-אידעאַל. פֿאַר ייִדן גילט תּמיד דער יהי; דער **נעשׂה** איז פֿאַרן **ונשמע**. ייִדישקייט איז דינאַמיק. וואָס פֿאַר אַ גילטיקייט קען האָבן אַ לעטאַרגיע, אַ נישטיקייט? זײַן איז דער אַנטידאָט פֿון **ניט-זײַן**,

און **ניט-זײַן** איז די גרעסטע שטראָף פֿאַר סובסטאַנץ צי עסענץ אַפֿילו.

נאָר אַ באַגער פֿון קרעאַטיווע עקסטאַזן שאַפֿט אַ **יהי**; פֿון אַ תּוהו-ובֿוהו — אַ בראשיתדיקן גן-עדן, מיט אַלץ וואָס איז דערין, און באַלוינט מיט אַ **כּי-טובֿ**. אויב אַפֿילו דער **כּי-טובֿ** ווערט דערווײַל געלעסטערט און ניט פֿאַרשטאַנען, איז עס אָנבאַלאַנגט פֿונעם מענטש. ער האָט פֿרײַהייט צו געוועלטיקן איבערן פּלאַנעט. סוף-כּל-סוף וועט ער אפֿשר דאָך קומען צום שׂכל און יוצא זײַן מיטן **נעשׂה** פֿון גאָט, און ניט מיטן **נשמע** פֿון דער שלאַנג. ליידער גילט דער נירוואַניזם, אונטער פֿאַרשיידענע ווערסיעס, מער ווי דער ייִדישער **יהי**, און דאָס מאַניפֿעסטירט זיך אין פּאַראַזיטיזם מיט פֿאַרשיידענע תּירוצים.

~❀~

**כ'**געדענק ניט ווער ס'האָט עס געזאָגט, אַז ס'ייִדישע פֿאָלק האָט אַ סך געשיכטע און וויניק געאָגראַפֿיע. אָדער אפֿשר גאָר: אַ סך היסטאָריע און וויניק טעריטאָריע. מע קען נאָך צוגעבן: אַ סך טעאָריע. און אַז געזאָגט „טעאָריע", איז דאָך פֿאַראַן דערינען אַ **טעאָ**, און ממילא געטליכקייט מיט טעאָלאָגיע.

מילא, דער **טעאָ** קען נאָך זײַן גילטיק, אָבער דער פֿאַנאַטיזם וואָס דאָס איז גורם האָט ניט קיין שום שײַכות מיט **לאָגיע**, וואָס דאַרף זײַן עפּעס פֿון לאָגאָס — לאָגיק. בין איך שוין פֿאַרקראָכן אין פּראָבלעמען מיט שײַכותן, טעאָריעס, פּראַגמאַטישע פֿאַנאַטיזמען צי פֿאַנאַטישע פּראַגמאַטיזמען. נו, כ'בין דאָך עפּעס אַ ייִד. אַ ייִד וואָס האָט ליב עפּעס צו זאָגן ס'זאָל זײַן קורץ און שאַרף, און ער זאָגט עס מיט בײַן מאָס רייד.

~❀~

**אַ** טראָפּן טוי וואָס פּריזמעט ווי אַ דימענט אויף אַ גרעזל, איז אָבער פֿונעם זעלבן עלעמענט ווי אָקעאַנען. באַזונדער טאָקע נישטיק, מיליאַרדנווײַז צוזאַמען — זענען עס ניאַגאַראַס, קענען מיר מיט שטורעמס איבערקערן וועלטן, פֿאַרפֿלייצן קאָנטינענטן

און שאַפֿן אָפּגרונט-טיפֿעניש ווו אַלץ קען זינקען. מענטש: יחיד – ביסטו אַ טראָפּן; מאַסע – קענסטו אַלץ באַוויַיזן! יונגער האָרעפּאַשניק: זיַי ניט טראָפּן טוי אויף אַ גרעזל. צוזאַמען קענסטו ברענגען משיחן, אַפֿילו ווען ער דרימלט נאָר ביַי די טויערן פֿון רוים.

~❁~

**ר**יטם איז די אַרכיטעקטור פֿון דויער. ריטם פֿאַר ציַיט איז ווי פֿאָרם פֿאַר אָרט. שלעכט געבויט, מוז אַ געביַידע איַינפֿאַלן. גוט געבויט, ווערט אַ געביַידע ביַיקומען טעלורגישע קאַטאַסטראָפֿעס. אַ מחבר מוז געדענקען, אַז אויב ער וויל דער זין פֿון זיַין ווערק זאָל האָבן אַ זיכערע היים, מוז ער זיַין באַזאָרגט מיט אַ פֿעסטער געביַידע אויף גוטע פֿונדאַמענטן. קרום, אַסימעטריש, פּראָפּאָרציאָנעל פֿאַרקריפּלט – מוז זי איַינפֿאַלן און גורם זיַין קאַטאַסטראָפֿעס, ווי פֿאַר שלעכטע געביַידעס. ריטמען פֿאַרן דויער זעגנען די מוזיק פֿאַרן אינהאַלט.

~❁~

**א**ויסטערליש – ווי קיין שום פּלאַנץ צי באַשעפֿעניש זוכט ניט צו מיַידן אייגענע אַספּעקטן און פֿאָרמען, זיך אַסימילירן צו אַנדערע. פֿאַר וואָס מוז עס אַזוי געשען מיט ליַיט בכלל און מיט ייִדן בפֿרט? זאָל עס זיַין אַ פֿאַרטיידיקונגס-סיסטעם מיט אַ מימעטיזם קעגן שונאימס אַגרעסיוויטעט? וואָלט ניט בעסער געווען צו מיַידן פּרעדאַטאָרן און קענען זיַין נאַטירליך? אַסימילאַציע איז פּחדנות, עגאָפּאָביע און זיכער אַ חטא. מע זינדיקט פֿאַרקריפּלענדיק עפּעס וואָס איז נאַטירליך: אַזוי, און ניט אַנדערש. אַסימילאַציע – צו וואָס? צו וועמען? אוניפֿאָרמיזם איז מאָנאָטאָן-נודנע און נאַריש-געמיין.

~❁~

**נ**יט צו באַגריַיפֿן די אויסטערלישע השגות פֿון די קריסטן און מוסולמענער, מיט זייער האַס צום ייִדישן פֿאָלק. אַז ייִדן האָבן זיך איַינגערעדט אַן אתה-בחרתּניזם, קען מען באַרעכטיקן זייער

אַנטאַגאָניזם מיט אַ געוויסער עטיק, אַן אַנטיפּאַגאַניזם, אַ משיחיזם מיט אַ באַפֿרײַונג פֿון דער גאַנצער מענטשהייט אד״גל.

אָבער בײַ די פֿרומע קריסטן – זיי וואָלטן דאָך געדאַרפֿט טראַכטן אַז אויב גאָט, זייער גאָט, וואָס וועט דאָך ניט טון עפּעס וואָס זאָל ניט זײַן גילטיק און באַגערט, זאָל האָבן אויסגעוויילט צו געבוירן אַ געטליכן זון דווקא אַ ייִדישע טאָכטער, מיט אַ ייִד ווי אַ שותּף צו אַ געטליכער דרײַ-אייניקייט, מיט די אַפּאָסטאָלן –אַלע ייִדן–, מוז מען דאָך האָבן אָפּשײַ פֿאַר דער משפּחה פֿון די אַלע, וואָס שטאַמען פֿון זעלבן פֿאָלק.

אַזוי איז אויך מיט די מוסולמענער, ווײַלביידע רעליגיעס אייגענען זיך צו כּלומרשט די ייִדישע תּורה, מיט אַלץ כּמעט וואָס איז דערין. ווי אַזוי פֿאַרשטייען די רעליגיעזע חכמים, ווי סענט-אָגוסטין צי די טאָמיסטן, אָדער אַ פּאַסקאַל מיט זײַן נעאָ-פּלאַטאָניזם, און בכלל די שאַפֿערס פֿון די עוואַנגעליעס, פֿון וועלכע יעזוס האָט קיין אַנונג ניט געהאַט, ווײַל מע האָט זיי געשאַפֿן הונדערטער יאָרן שפּעטער נאָך זײַן אומקטום, און אַזוי ביז צו הײַנטיקע חכמים ווי גאַבריעל מאַרסעל, קלאָדעל און וויפֿל נאָך קאַטאָליקן, פּראָטעסטאַנטן, פּראַוואָסלאַווע און מוסולמענער מיט זייערע הונדערטער סעקטעס און עקזעגעטן וואָס קאָמענטירן און אינטערפּרעטירן זייערע רעליגיעזע דאָקטרינעס, ניט אָנווענדנדיק קיין שום קאָנצעפּטן, קיין שום דאָגמעס ווי געהעריק בכלל, און ניט קענענדיק באַהערשן זייער ייִדנהאַס בפֿרט?

וואָרשײַנליך טליִעט אין זיי דער קיִניזם, דאָס ניט-פֿאַרגינערישקייט צו הבֿלען. זיי פֿאַרדײַען ניט אונדזערע **לאָס**, זענען זיך נוקם פֿאַר דעם ביסעלע רפֿואה וואָס זיי מוזן אַראָפּשלינגען אין נאָמען פֿון יעזוסעס ליבשאַפֿט און מחילה, און קענען נאָר איינס: האַס, מאָרד און פּאָגראָמען אין אַלץ גרעסערע דימענסיעס. ווער פֿאַרשטייט דעם קאָראַנס זאָג: „ניט אָנווענדן קיין דזשיהאַד קעגן מאָנאָטעיִסטן״? פֿײַנע מוסולמענער – די אַראַבער, מיט זייערע מופֿטיס, כאָמייניס, אַראַפֿאַטס אד״גל! פֿײַנע קריסטן – די טאָר-קוועמאַדאַס, די קרײַציגלערס, די היטלערישע קאָלאַבאָראַטאָרן,

סתּם רוצחים נוסח כמעלניצקי מיט זײַנע קאָזאַקן, די צאַרן, דער רויטער סעמינאַריסט סטאַלין און דער רעזולטאַט פֿון אולטימען רציחה־קלימאַקס – היטלער מיט זײַנע מיטהעלפֿערס אומעטום.

נישט באַר האָט מען טאָלערירט, באַר אפֿשר איז מען טאַקע צופֿרידן מיטן אומקום פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס קומט רייצן די וועלפֿישע רציחה מיט אַ מאַנאָטעיִזם, אַן אַנטי־פּאַגאַניזם, אַ דעקאַלאָג, אַ מאַרקסיזם צי אַפֿילו אַ קריסטנטום אָדער אַן איסלאַם, וואָס זיי פֿאַרשטייען ניט און פֿאַרקריפּלען, און ווענדן אַן פּונקט ס׳קאַפּויערע ווי ס׳וועדט זיי רעקאָמענדירט.

≈❀≈

**ווי** אַלע באַשעפֿענישן און פֿלאַנצן אַפֿילו, האָט דער מענטש אויף אונדזער פּלאַנעט אימפּעראַטיווע פֿליכטן: לעבן נאָרמאַל פֿיזיש און פּסיכיש אין די בעסטע באַדינגונגען. אפֿשר איז ער אין שפּיץ פֿון דער פֿײַל אינעם באַשאַף, וואָס אײַלט ערגעץ צו קענען באַוווסטזיניק פֿאַרשטיין זײַן ראָלע און גרייכן אַ ציל וואָס איז אים אומבאַקאַנט, אָבער דאָס טאָר ניט ענדערן ניט זײַן ראָלע, ניט זײַנע פֿליכטן.

כּדי צו קענען דאָס באַווײַזן מוז ער זיך באַפֿרײַען פֿון אַלע ביז־איצטיקע רעליגיעזע און וועלטליכע דאָקטרינעס, וואָס זענען גורם אים צו שאַפֿן קאָמפּלעקסן, פֿאָביעס, מעגאַלאָמאַניעס, שאָוויניזמען, אײַנרעדענישן, אַגרעסיווע עקספּאַנסיעס, פּאַראַנאָיע־קריזיסן, סנאָביזמען און עגאָפֿאָבישע באַגערן זיך צו פֿאַרגיפֿטן, פֿיזיש – מיט אומזיסטער מי און זאָרגן, און פּסיכיש – מיט אַסקעטיזמען, אויסטערלישע טעאָריעס וועגן עטיק, עסטעטיק, מיסטיק, וואָס צעשטערן די מנוחה און זענען גורם אַנגסטן.

דאָס אַלץ איז די סיבה פֿון פּריצײַטיקן אומקום, וואָס ווערט באַר צוגעאײַלט מיט קלאַסנקאַמף, נויט, מלחמות און סתּם משוגעתן. עפּעס זעט אויס ווי אַן אַנטיגאָט אָדער אַן אַנטיגעטליכקייט וואָלט געווען מסוגל צו שטערן די באַגערטע עוואָלוציע און צעחושן דעם מענטש. אין דער הינזיכט מוז מען זיך אַראָפּנעמען אַ בײַשפּיל פֿון סאָציאַלע און יחידישע רעזשימען בײַ די טערמיטן,

מוראַשקעס-נעסטן אָדער בינשטאָקן.

אויב לײַט װעלן ניט קומען צום קלאָרן שכל, זיך ניט באַפֿרײַען פֿון די כּלומרשטע קולטורן, רעליגיעס, װיסנשאַפֿטן און קלאַסן-פּריװילעגיעס, מיטן לעגאַלן באַנדיטיזם װאָס הײסט קאַפּיטאַליזם און שקלאַפֿערײַ, פֿאַרשלײערט מיט פֿאַרשײדענע טערמינאָלאָגיעס װי עקאָנאָמיע, פֿינאַנץ, פּאָליטיק און אַלע אַנדערע תּירוצים צו שאַפֿן אַזױ פֿיל פּאַראַזיטיזמען – אויב מע װעט דאָס ניט באַװײַזן צו טון, קײַקלט זיך די מענטשהײט סיזיפֿיש, מיט אַ װאָס גרעסערן אימפּעט, אַרונטער צום אַפּאָקאַליפּטישן אומקום, װאָס װעט צעשטערן די גאַנצע בײַאָספֿערע מיט ראַדיאָאַקטיװיטעט נאָך דער נוקלעאַרער קאַטאַסטראָפֿע, אַזױ אַז דער פּלאַנעט װעט זיך פֿאַרװאַנדלען אין אַ װיסט-טױטן לבֿנה-סאַטעליט.

קען אַ באַװוּסטזיניקער און זיכער קלוגער גאָט דערלאָזן אַזױנס? ס׳מוז קומען אַ פּראָפֿילאַקציע. מע מוז זיך ריכטן אויף עפּעס אַן אינטערװענץ פֿון דעם צי דאָס װאָס געװעלטיקט אינעם אוניװערס, ער זאָל קענען באַפֿרײַען זײַן שײנעם פּלאַנעט פֿון דער דאָזיקער צרה װאָס הײסט מענטש, אַ מין װירוס געקומען פֿון װער װײסט װעלכע אומענדן, פּונקט װי די פּעסט, די כאָליערע צי די סידאַ װאָס באַפֿאַלט דעם מענטש.

בּיט גאָט באַשאַפֿט דעם מענטש, נאָר דער מענטש באַשאַפֿט זיך געטער. בכן איז יעדער גאָט אין צלם-מענטש, און ממילא נאָר לויט זײַן השגה. אויב אַזױ איז דער רעזשים אין די הימלען אַזױ װי דער, װאָס געװעלטיקט אויפֿן פּלאַנעט, מיטן אידעאַל פֿון דור-הפּלגה, פֿאַרשטײט זיך, װאָס טערמינאָלאָגיעס און װערטערביכער רופֿן אָן: פּראָגרעס, ליבעראַליזם, דעמאָקראַטיע, ציװיליזאַציע, קולטורן, קאַפּיטאַליזם, און אויך: טעראָריזם, טיראַניע, קאָנפֿליקטן, אַנטאַגאָניזמען, עגאָיזמען און נאָך אַזעלכע איזמען פֿון דעם מין.

גאָט –לויט די דאָזיקע השגות– זיצט מעשה סאַטראַפּ אויף אַ טראָן, אַרומגערינגלט מיט מלאָכים, אַ הייליקע דינערשאַפֿט, וואָס טוען אַכטונג בוכהאַלטעריש וואָס יעדער טוט, טראַכט, עסט, טרינקט, שווינדלט, זינדיקט צי טוט בלויז מיצוות. אַלץ איז געוויגן און געמאָסטן, און מע ווערט באַלוינט צי געשטראָפֿט, ס'רובֿ אויף יענע וועלטן, מיט גן-עדן-תּענוג, צי געפּיצקעוועט מיט פֿײַערדיקע ריטער אין גיהנום.

רשעים ניצן אויס זייערע דערוווײַליקע מעגליכע פּריווילעגיעס אויף דעם פּלאַנעט און כאַפּן אַרײַן וואָס מער ווילזײַן, און די צדיקים דאַווענען אַסקעטיש נאָך אַנאַנד, על-חטאווען פֿאַר ניט-באַגאַנגענע זינד און וואַרטן אויף אַ שפּעטערדיקן קניפּ-אין-בעקל-קאָמפּלימענט און ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ תּענוגים נאָך פֿון וועלכע זיי וועלן געניסן אין די הימלישע גן-עדנס.

~❀~

פֿאַראַן אַ פּלאַנעט מיט אַ בײַאָספֿערע און דערינען אַזוי פֿיל מינים פּלאַנצן, אַזוי פֿיל מינים באַשעפֿענישן, אַזוי פֿיל מינים מינעראַלן, אַזוי פֿיל מינים עלעמענטן: קאָנקרעטע, אַבסטראַקטע און נאָך, נאָך: באַקאַנטע, באַגרײַפֿטע, געפֿילטע, געאַנטע און ניט-געאַנטע... און פֿאַר וואָס דווקא דאָס וועלן זיך אַסימילירן, מימעטיזירן, פֿאַרלירן אייגענע אידענטיטעט, אָדער גלײַכצײַטיק ניט טאָלערירן מינדערהייטן, נאָר אַרײַנגעמען אין איין מאַסע אַלץ מיט וואָס מע קומט אין קאָנטאַקט?

יעדע אָריגינעלע עטנישקייט רייצט און שרעקט גלײַכצײַטיק מיט אײַנפֿלוס אויף אייגענער אידענטיטעט. דערפֿון אַזוי פֿיל קאָנפֿליקטן אין אַלע נאַציעס. מע וויל פֿרעמדע מאַכן פֿאַר שקלאַפֿן, מע וויל אַליין קולטורעלע עקספּאַנסיע, מע וויל די פֿרעמדע זאָלן זיך אַסימילירן און מע האָט זיי אינסטינקטיוו פֿײַנט ווי פּאַראַזיטן.

דאָס אַלץ – אין עפּאָכעס ווען אַלע גרענעצן, אין אַלע היגזיכטן,

פֿאַרשווינדן: פּאָליטיש, עקאָנאָמיש, קולטורעל, גייט אָן אַ מין אימפּעריאַליזם פֿון די שטאַרק אַנטוויקלטע לענדער, וואָס גלײַכצײַטיק דאַרף מען האָבן אימיגראַנטן זיי אויסצוניצן פֿאַר אַלע אַרבעטן וואָס די אייגענע ווילן ניט טון – מע צאָלט זיי ווייניקער, מע ווייס אַז זיי זענען ניט סינדיקירט, זיי פֿאָלגן הכנעדיקער ווי די אייגענע. איז דאָס אַלץ ניט אַ סימפּטאָם פֿון משוגעת? בײַ וועלכע באַשעפֿעניש צי פֿלאַנץ אָדער קריסטאַל אַפֿילו מאַניפֿעסטירט זיך אַזוינס?

פֿאַרשטייט זיך, מע רעקאָמענדיקט פּרימיטיווע לײַט זיי זאָלן ניט אַרײַנשטעקן קיין העלצל אין דער נאָז, צי אַ טעלערל אין די ליפּן... אָבער חוץ אַ פּראַגמאַטיש-היגיענישן לעבנס-שטייגער, איז בײַ יעדער עטנישער גרופּע פֿאַראַן עפּעס שיינס און גילטיקס. אַ שאָד צו פֿאַרוואַנדלען אַ גאָרטן מיט פֿאַרשיידענע בלומען אוןביימער אין איין אוניפֿאָרמירטער געוויקסן-בודנעקייט! יעדע אַסימילאַציע איז נאַרישע זינד.

~❀~

**ש**ענקסט, גאָטעניו, דעם מענטש, די קרוין פֿון דײַן באַשאַף, וויסנשאַפֿט, רעליגיע, פֿילאָזאָפֿיע, חכמה ער זאָל קענען צו דיר תּפֿילה טון און דיך לויבן אַלץ מער און מער. און אַז ער איז שוין גוט באַוווסטזיניק, פֿרום, נשתּומם און דאַנקבאַר פֿאַר דײַנע פּרעכטיקע ווערק – מיקראָבן, ווערעם נערסטו מיט זײַן גוף. און חוץ דיר, ווער ווייסט וועלכע ווירוסן עס וואַרטן געדולדיק אויף זײַן גײַסט, זײַן נשמה!...

~❀~

**ק**ומט **דער** גרויסער פֿילאָזאָף און זאָגט: ניטאָ קיין אַבסטראַקטע צײַט, נוסח בערגסאָן. פּראָקלאַמירט הוסערל, אַז צײַט איז עקזיסטענציאַליזירט מיטן מענטשנס באַוווסטזיניקן זײַן. אַזוי נאָך אַנדערע, מיט אַ דיאַלעקטיק וואָס כ'קען ניט תּופֿס זײַן.

פֿאַרלירן דויער מיט פֿאָרשן צײַט – איז עס ניט קיין אַבסורד? וואָס איז צײַט, עפּעס סטאַטיש, ווי אָרט אויף וועלכן אַלץ

געשעט, אויף וועלכן אַלץ קען דויערן, און אַל״ין קען עס זיך ניט באַוועגן?

כאָטש עפּעס פֿון די באַרימטע אײַנשטיינישע עקוואַציעס, איז דאָך אָבער מיט אָרט פֿאָרט עפּעס אַנדערש. אויפֿן זעלבן אָרט קענען ניט ליגן צוויי עפּעסן, אָבער אין דער זעלבער צײַט קענען דויערן, געשען, מיליאָנען גלײַכצײַטיקע פֿענאָמענען.

ערשט און אַז עס געשעט גאָרניט – ווו קומט אַהין די צײַט, און אין וואָס פֿאַרשווינדט זי? אוי, מײַן קאָפּ! אַ קאָמפּרעס, צי אַן אַספּירין!

~~❀~~

**נ**אַטור, וועלט, באַשאַף, אוניווערס, אַלץ, גאָרניט און נאָך אַזעלכע באַגריפֿן, טערמינאָלאָגיעס, קאָנקרעטע, אַבסטראַקטע: עקזיסטענציאַליזם, פֿענאָמענאָלאָגיע, רעליגיע, וויסנשאַפֿטלער, יחידיש, סאָציאַל – און נאָך, און נאָך... און דערין, אַן עפּעמעריש באַשעפֿענישל מענטש, און וויל אַלץ פֿאַרשטיין, דערגיין זײַן אייגענעם מהות, זײַן אייגענעם מאַי-קאָ-משמע-לן.

ווי אַזוי ניט האַלטן פֿאַר פּרעכטיק גרויס דעם ווילן פֿון אַ ווערק צו וויסן עפּעס וועגן זײַן מײַסטער און וועגן זיך זעלבסט? דעם ווילן פֿון אַן אות צו באַגרײַפֿן הלמאַי זײַן אָרט אינעם וואָרט, און ס׳וואָרט – אינעם טעקסט, און דער טעקסט – פֿאַרן געדאַנק? און דער געדאַנק – פֿון וועמען, פֿאַר וואָס, צוליב וואָס, הלמאַי? און טאַקע: פֿאַר וואָס געשריבן ס׳דאָזיקע? וועמען פֿרעגן?

~~❀~~

**ווי** לאַנג קען אויסהאַלטן עמיץ אַ חולאַת, אַ ווילד משוגעת? ס׳מוז זיך דאָך ענדיקן מיט אומקום אין פּײַן, קאָנוווּלסיעס, יסורים, אַנגסט. ווי לאַנג קען עס אַזוינס קאָלעקטיוו דויערן בײַ דער כּלומרשטער ציוויליזירטע מענטשהייט, מישטיינס געזאָגט? ס׳מוז זיך דאָך ענדיקן מיט אַ בוקלעאַרן אומקום, אפֿשר פֿאַר דער גאַנצער בי׳אָספֿערע. זאָל ניט מעגליך זײַן צו קענען

ווערן געהיילט — אַלאָפּאַטיש, האָמעאָפּאַטיש, מיט אַ זנאַכער, אַ גורו, אַ פֿעטיש, אַ ד״ר קוע אָדער פּשוט מיט אַ קלאָרן, גלײַכן שׂכל און אַ באַגער צו ווערן געהיילט, נאָרמאַל? אַ וועלט זאָל זײַן אַזוי נאַריש, ווילד-משוגע?

אַלץ איז אַזוי פּאַראַדאָקסאַל, אויסטערליש! אַז מע זעט ווי דאָקטוירים וואָס רעקאָמענדירן ניט צו רייכערן, און אַליין פּיפּקען זיי נאָך אַנאַנד. גאַנצע ביבליאָטעקן מיט חכמה, אַקאַדעמיעס, פּראָפֿעסאָרן, דיסערטאַציעס, וויסנשאַפֿטליכע ווערק — און ס׳רובֿ לײַט פֿאַרגיפֿטן זיך עגאָפֿאָביש, פֿיזיש און פּסיכיש. ס׳איז ניט צו פֿאַרשטיין ווי אַרום אַזוי פֿיל מיליאַרדן לײַט זאָלן זײַן אַזוי צעחושט און דווקא וועלן באַגיין זעלבסטמאָרד.

≈⚘≈

עמיץ וואָס האָט ניט אינסטינקטיוו די השׂגה פֿון האַרמאָניע אין אַלע הינזיכטן און אַספּעקטן, איז פּאַטאָלאָגיש ניט נאַטירליך, אומנאָרמאַל. באַטראַכטנדיק פּשוט צי מיט אַ מיקראָסקאָפּ אַן אַטאָם, אַ מאָלעקול, אַ ווירוס, אַ קרישטאָל, אַ בלום, אַ פֿרוכט, די באַשעפֿענישן אַפֿילו אין די אָקעאַנישע אָפּגרונטן, וואָס קיינער קען ניט זען, דאָך דעקאָרירטע סימעטריש; ערשט אַ פּאַווע, אַן אָרכידייע, אַפֿילו אַ מאַרגעריטקע, די אַרכיטעקטור פֿון אַ בינשטאָק, די פֿאָרם פֿון אַ הײַפֿיש, און וואָס בישט? — זעט מען באַשײַמפּערליך אַז אַלץ איז סימעטריש, האַרמאָניש. אַפֿילו אויב קאָלירן זענען סיגנאַלן, אַגרעסיווע אָדער צו פֿאַרטיידיקן, צי סעקסועלע פֿענאָמענען — אַלץ דאָך שיין, חנעוודיק.

ליידער זענען ס׳רובֿ לײַט פֿאַרקריפּלט אין דער הינזיכט, קאַקאָפֿאָניש אויסטערליש צעדרייט, קרום, לאָם. מע פֿאַרשטייט אַז ס׳איז נאָרמאַל צו הײלן לײַט פֿון יסורים, פֿון עפּידעמיעס, פֿון ווער ווייסט וואָס אַלץ, אָבער עס פֿאַלט זיי ניט אײַן אַז דער, וואָס האָט ניט קיין השׂגה פֿון האַרמאָניע און חן, איז פּסיכיש קראַנק, אַבסאָלוט אומנאָרמאַל, און דאָס מוז זיך אויסווירקן אויף זײַן פֿיזישן צושטאַנד, גורם זײַן אַפֿילו פֿיזיאָלאָגישע שטערונגען.

די האָמאָ-סאַפּיענייזירטע חכמים פֿאַרשטייען עפּעס דערין פּראַגמענטאַריש. מע לערנט עמיצן מוזיק, מאָלעריַי, טאַנץ, זינגען צי עפּעס ענליכס. אָבער קיינעם פֿאַלט ניט איַין צו נעמען אין אַכט צי איז פֿאַראַן אַן אַלזיַיטיקע אינטעגראַלע באַדערפֿעניש צו פֿילן שיינקייט און חן. ס'איז ווי געננומען אַ רעגן-בויגן און פּרווון זיך באַגענוגענען מיט קענען בלויז איין קאָליר. מע דאַרף קענען זען דעם גאַנצן רעגן-בויגן. אַ באַוווּסטזיניקער נאָרמאַלער מענטש דאַרף האָבן דעם חוש פֿאַר עסטעטישן תּענוג. ווען ניט – איז ער קראַנק.

~❁~

כ'האָב פֿיַינט שינעס מיט לאָקאָמאָטיוון, וואָס שלעפּן וואַגאָנעס מיט לאַסט און לײַט אין אַ פֿאָרויס-באַשטימטער ריכטונג, סיסטעמאַטיש פּראָגראַמירט מיט דאַטעס און דויער. כ'האָב ליב פֿריַיע וועגן, שאָסייען אָדער שטעגן אַפֿילו, אין ריכטונגען אימפּראָוויזירטע. כ'האָב פֿיַינט די פּראָגראַמירטע עקזיסטענצן מיט די קאַלענדאַרן, זייערע וואָקזאַלן, קלאַסן-קאָנטראָלערן פֿאַר מעשׂים און מחשבֿות. אָבער פֿריַיהייט פֿון באַוועגונגען און צילן – ניט דווקא אַנאַרכיע און מהומה.

די הײַנטיקע דערציִונג, וואָס איז גיכער אַ סיסטעם פֿון דרעסירונג, מיינט: גרייטן וואַגאָנעס, לאָקאָמאָטיוון, קאָנדוקטאָרן, אַפֿילו מיט עלעמענטן צו שאַפֿן רעלסן וואָס מע קען ניט רירן פֿון אָרט. און סוף-כּל-סוף קען דאָס אַלץ גורם זיַין קאַטאַסטראָפֿעס. נידער מיט דער אַלעמען!

לײַדער געשעט עפּעס אַזוינס אויך מיט סטײַעס פֿייגל אין פֿרײַען אַזור: פֿאָלגן תּמיד האַרבסטיקע ריכטונגען, תּמיד אין דער זעלבער צײַט, צום זעלבן אָרט. ווי עפּעס אומגעזעענע שיִנעס וואָלטן זיי אינסטינקטיוו אויפֿגעצווונגען די זעלבע ריכטונג און די זעלבע צילן. אויב ס'איז אַזוי מיטן גאַנצן אוניווערס, איז אומעטיק דערפֿון צו קענען טראַכטן.

~❁~

אָן שום אויסנאַם — אַלע רעליגיעס, אַלע פֿילאָזאָפֿיעס, אַלע אידעאָלאָגיעס, אַלע רעוואָלוציעס לעסטערן היפּאָקריטיש צי סתּם נאַריש־שווינדלעריש זייערע אידעאַלן, זייערע דאָקטרינעס, און פֿאַרקריפּלען ציניש מחשבֿות און רייד פֿון די, וואָס האָבן זיי פּראָקלאַמירט. מיט פּערוועזע קאָמענטאַרן, מיט פֿאַלשע אינטערפּרעטאַציעס, מיט עגאָיִסטישע אַמביציעס און מיט דער הילף פֿון סאָפֿיסטישע אַרגומענטן, כּלומרשט ספּיריטועלע רעטאָריק, נאַרט מען דעם עולם־גולם, מע פֿאַרפֿירט לײַט כּדי צו טון פּונקט ס׳פֿאַרקערטע וואָס מ׳האָט געזאָלט טון.

ערגער נאָך: ווער ווייסט צי די געמיינהייט ליגט ניט פּאַטאָלאָגיש אינעם כּלומרשטן האָמאָ־סאַפּיענס? ער נאַרט זיך זעלבסט, און טראָץ די גוטע כּוונות מוזן זיך מאַניפֿעסטירן זײַנע אינסטינקטיווע געמיינקייטן. די כּלומרשטע ציוויליזאַציעס, קולטורן, וויסנשאַפֿטן און קאָמוניקאַציע־מעגליכקייטן האָבן געענדערט די טערמינאָלאָגיעס, די אַספּעקטן און אַספּיראַציעס פֿון די באַרבאַרן־משוגעים. לײַט האָבן אַצינד אין זייער רשות אַזעלכע מעגליכקייטן, וואָס די אַמאָליקע האָבן ניט געהאַט.

דער רעזולטאַט: וויסנשאַפֿטליך אָרגאַניזירטע היטלער־רציחה, סטאַלין־איוואַנישע מאַרד־קאָמפּלעקסן, טעראָר־סיסטעמען, קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען מיט פּלאַנעטאַרע דימענסיעס, פֿאַנאַטיזמען, מלחמה, אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער, דראָגן, עפּידעמיעס, און צום סוף — דער קאָשמאַר פֿון דער נוקלעאַרער קאַטאַסטראָפֿע, רויט־קנעפּלדיק אָדער צופֿעליק אַפֿילו, מיטן טאָטאַלן אומקום פֿון דער בײַאָספֿערע.

ווי אַזוי זאָל עס קענען אָנגיין מיט אַ מאַסע פֿון מיליאַרדן לײַט? ווי אַזוי קען אַזוי פֿיל שלעכטס און מיאוסקייט ווערן טאָלערירט? ווי אַזוי זאָל זיך קענען מאַניפֿעסטירן אַ ניצוץ שׂכל־הישר, אַ ניצוץ לאָגיק, קריטישע רעאַקציעס?

איז ניט מעגליך צו פֿאַרשטיין. ס׳זעט אויס ווי אַ גאַנצע לעקישעוואַטע מענטשהייט איז געוואָרן קאַמיקאַדזיש, און מע באַגערט אייגענעם אומקום, אַבי אַלץ אַרום זאָל זײַן גלײַכצײַטיק

די כפרה פֿאַר אויסטערלישע קאָמפּלעקסן, פֿאָביעס און סתּם משוגעתן.

ווו זענען די –כאָטש זעלטענע– דאָך אפֿשר קלאָר-זעעוודיקע לײַט וואָס זאָלן באַגרײַפֿן די אידיאָטישקייט פֿון זייערע עקזיסטענצן, מיטן פּערמאַנענטן סיזיפֿיזם, און זיי זאָלן אַנטלויפֿן פֿון די צעחושטע האָמאָ-ערעקטוסן מיט זייער חכמה, זייער עטיק און עסטעטיק? אַנטלויפֿן ערגעץ אין אַ וויסטעניש און קענען זיך אײַנאָרדענען אַזוי, אַז זייער עקזיסטענץ זאָל ניט זײַן אַ קאָשמאַר, יעדע רגע געפֿערליך פֿיזיש און פּסיכיש פֿאַרן לעבן.

ייִדן האָבן באַוויזן דאָס צו טון: אין וויסטעניש געשאַפֿן קיבוצים וואָס דאַרפֿן זײַן אַ בײַשפּיל פֿאַר אַלעמען. ליידער זענען זיי ווי אַ דאָרן אין אויג בײַ אַלעמען, און אַפֿילו ס'דאָזיקע איז נאָך אַ סיבה מער צו האַסן, אַ גרעסערע רייץ צו מאָרד און רויב.

ווו איז גאָט? ווו איז דער צי דאָס וואָס מוז דאָך געוועלטיקן אינעם קאָסמישן אַלץ? ווי אַזוי טאָלערירט ער אַזאַ פּרעכטיקער פּלאַנעט, וואָס קען זײַן אַ גן-עדן, זאָל ווערן פֿאַרוואַנדלט אין אַ וויסט גיהנום מיט עגאָפֿאָבישע משוגעים?

≈❁≈

בו, און איצט וועל איך זיך פּרוּוון נעמען צו פֿילאָזאָפֿיע. אָמר העגעל: „דאָס וואָרע איז דאָס גאַנצע". דאָס זאָל מיינען, הייסט עס, אַז דאָס וואָס זעט אויס צו זײַן וואָר, איז אַן אַלץ. וואָס-זשע טוט מען אָבער, אַז דער באַגריף פֿון גאַנצן, אַלץ – איז תּמיד סוביעקטיוו? ניטאָ קיין זיכערע קריטעריעס פֿאַר אַ פּערמאַנענטן אַלץ. מיט אַן אמת: פּסיכיק און אומשטאַנדן זענען גורם השׂגות וואָס קענען נאָר זײַן פּאָסטולאַטן, און ממילא איז קיינער ניט מסוגל צו אורטיילן עפּעס זאָל זײַן גילטיק, וואָר פֿאַר יעדן.

בכן, זענען דאָ אַזוי פֿיל אַלצן וויפֿל וואָרע מיינונגען און עמפּפֿינדונגען. דאָס וואָרע און גאַנצע איז תּמיד רעלאַטיוו. אָבער העגעל מוז צופּאַסן אַלץ צו די אולטימע שטאַט-אינטערעסן,

צוגעפּאַטראַוועט צו אַלע רעזשימען, אויב נאָר געוועלטיקט פֿון אַ הערשנדיקן ריִער, און פֿאַרשטייט זיך: נוסח דעם אולטימען פּרייִסישן אידעאַל. דער יחיד מענטש דערין איז נאָר עפּעס אַן עלעמענט, וואָס פֿאַר אַ קלאַסן-קאָנפֿליקטן צי אַנדערע טעאָריעס ס'זאָלן ניט גילטן דערין. בכן – אַ מין קרעמל ווו אַ ביסמאַרק אָדער אַ קאַרל מאַרקס געפֿינען סחורה פֿאַר זייערע דאָקטרינעס.

העגעל איז דער מאַקיאַוועל פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע, אָדער דער פֿילאָזאָף פֿון מאַקיאַוועליזם. צוזאַמען מיט אַנדערע דײַטשן בכלל, און מיט ניטשען בפֿרט, האָט ער צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַרן היטלעריזם מיט זײַנע השׂגות פֿונעם אַרישן אייבערמענטש און זײַן אַגרעסיוון ייִחוס.

ליידער פּאַסמאַקעווען זיך מיט העגעלס טעאָריעס אַפֿילו מאַרקס און ענגעלס, לעניז מיט סטאַלינען, וואָס באַגרײַפֿן דעם מענטש ווי נאָר אַ פֿראַגמענט אין קאָמוניזם, פֿאַר וועלכן דער יחיד איז נאָר עפּעס אין שטאַט, ווי אַזוי ער זאָל ניט זײַן: רויט צי שוואַרץ.

העגעלס דיאַלעקטיק, מיטן קאָפּ אַרויף צי מיטן קאָפּ אַראָפּ, באַרעכטיקט אַלע אַרגומענטן לטובֿת אַלע דיקטאַטורן און אַלע טיראַניעס. אומעטום נאָר איינס: „אַכטונג! שטיוול, אײַנטרעטן! סמירנאָ! שאַגאָם, מאַרש! איינס-צוויי, איינס-צוויי, איינס-צוויי!" אַ שיינע טעאָריע פֿאַרן באַוווסטזיניקן האָמאָ-סאַפּיענס!

≈❀≈

„האָב ליב דײַן חבֿר ווי זיך זעלבסט". איז אָבער אַ צרה – אַזוי פֿיל עגאָפּאָבן! די וועלט איז מיט זיי פֿול. „טו ניט אַ צווייטן וואָס דו ווילסט ניט מע זאָל דיר טון". קען מען דאָך מאַכן אַן אויספֿיר, אַז „טו יאָ אַ צווייטן וואָס דו ווילסט, מע זאָל דיר יאָ טון"? איז ווידער אַ צרה – פֿאַראַן אַזוי פֿיל פּעדעראַסטן!

≈❀≈

**וו**עגן נול און זעראָ: נול איז אייגנשאַפֿט, כאַראַקטער; זעראָ איז מאַטעמאַטיק. אַ זעראָ מיט אַן אײנס איז אַ מנין; זעקס זעראָס מיט אַן אײנס — אַ מיליאָן. אַ מענטש קען זײַן אַ נוליטעט, אָבער בשום אופֿן ניט קיין זעראָטעט.

~❀~

**וו**י נישטיק זעט אויס די גאַנצע װיסנשאַפֿט פֿונעם מענטש אַנטקעגן דער פֿעיִקייט פֿון אַ װירוס צי אַ מיקראָב צו געפֿינען אַן אַנטידאָט קעגן פּעניצילינען און אַנדערע שונאים! וויפֿל לאַבאָראַטאָריעס מיט װיסנשאַפֿטליכע אַקאַדעמיעס, מיט פֿאָרשונגען, צײַט, מי און פֿאַרמעגן אויסגעגעבן צו געפֿינען דעם סוד, ווי אַזוי גובֿר צו זײַן אַ װירוס פֿון סידאַ, למשל, צי פּשוט פֿון אַ גריפּע. און זיי, אומגעזען, געפֿינען תּמיד אַן אופֿן צו חוזקן פֿון די אַלע גרויסע חכמים.

ווער קען דערגיין דעם סוד פֿון דער מעגליכקייט פֿון אַ מיני-גרעזל צו פֿאַרוואַנדלען דורך פֿאָטאָסינטעז זונענשײַן אין כלאָראָפֿיל? און אָט למשל מײַן פּיצל האַרץ, די גרייס אפֿשר כמעט פֿון אַ פֿויסט: ביז איצט האָט עס שוין געשלאָגן דרײַ און אַ האַלבן מיליאַרד מאָל. וואָס אַזוינס באַוועגט עס? און ס'שלאָגט נאָך ווײַטער!

ערשט וואָס איך האָב אָנגעטראַכט, אָנגעחלומט, אָנגעלייענט זיך, אָנגעשריבן און אויפֿגעטון פֿיזיש, מאַטעריעל, פּסיכיש ביז איצט, צו מײַנע באַלד 88 יאָר! גענוג פֿאַר אַ טויזנט און זיכער מער נאָך לײַט.

ווי אַזוי האָבן געקענט און קענען זיך נאָך מאַניפֿעסטירן אַזוי פֿיל מחשבֿות, טרוימען, באַגערן, עמאָציעס, אַקטיוויטעטן — אין אַ באַשעפֿעניש פֿון 1,73 מ. די גרייס, וואָס וועגט אַן ערך 70 קילאָ? איז עס ניט אויסערגעוויינטלעך? ווי אַזוי ניט זײַן פֿרום, אויב געקענט אַפֿילו ס'דאָזיקע טראַכטן און פֿאַרשרײַבן?

~❀~

פּלאַנצט, ליַיט, זוימען דינאַמיט,
און ס׳שפּראָצן קאַטאַסטראָפע-בלומען!
זיך ראַטעווען, אַנטלויפן קען מען ניט.
אויפגעריסן – און אַלץ אומגעקומען!...
באַריש, שלעכט, פּערוועז, געמיין,
מיטן תמיד שריפות צינדן...
דער רעזולטאַט דערפון מוז זיַין,
אַלץ זאָל מיט רויך און פלאַם פאַרשווינדן.
און איך טראַכט דערפון כסדר:
זענען ליַיט ביַים קלאָרן זין?
צווישן אָט דעם אַלץ דאָך כ׳בין,
און כאָטש אָן דעם מינדסטן חטא,
ווי זייערס זיַין מיַין גורל וועט.

≈❀≈

פאַרשטייט זיך אַז איך קען בשום אופן ניט תופס זיַין ווי אַזוי די פיזיקערס מאַנעווורירן מיטן אַטאָמיזם, מיט די ספּינען, פּאָטאָנען, נוקלעאָנען אד״גל, און באַוויַיזן מאַטעמאַטיש און לאַבאָראַטאָריש, אַז יעדער עפּעס האָט תמיד אַן אַנטי-עפּעס, און אויב זיי קומען אין קאָנפליקט – פאַרשווינדן זיי ביידע. וווהין פאַרשווינדן זיי? וואָס ווערט דערמיט?

בכן זענען דאָך גילטיק אַלע רעליגיעס, מיטאָלאָגיעס, פילאָזאָפיעס נוסח העגעלס טעזעס. אַלץ איז אַנטינאָמיש. אָבער ווי ביַים מענטש שאַפט זיך תמיד עפּעס אַ באַגריף פון סינטעז, קאָמפּראָמיס, פשרה, פאַר וואָס זאָל אַזוינס ניט גילטן אינעם אוניווערס? אפשר איז ס׳לעבן טאַקע אַזאַ מין סינטעז פון אַלץ וואָס איז און איז ניט?

≈❀≈

גאָטעניו, באַפֿרײַ דעם מענטש פֿון די אַלע רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס און אַלע אַנדערע מחשבֿות, און פּירונגען וואָס שטערן אים צו זײַן אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט דיר, אָן שום שטרויכלונגען. פּשוט, לויטער, ריין, קלאָר, אינטים, מיט טאָטאַלער ליבשאַפֿט און פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דעם, וואָס דו באַגערסט פֿון אים ער זאָל זײַן, באמת ווי געהעריק.

ניט צו פֿאַרשטיין צוליב וועמען, ווי אַזוי, פֿאַר וואָס מוזן זײַן אַזוי פֿיל מניעות, הינדערנישן, שטערונגען, תּירוצים, מענטש זאָל דאַרפֿן אָנקומען צו דיר נאָר מיט אמונות, גנאָסן, תּורות, ריטואַלן, חניפֿות, תּפֿילות, קרבנות און מחילה-בעטענישן פֿאַר באַגאַנגענע זינד, וואָס דו, אַלמעכטיקער, דערמעגליכסט זיי זאָלן קענען באַגיין.

אויב איך קען אַזוינס טראַכטן און באַגערן, איז דאָך וואָרשײַנליך מעגליך ס'זאָל קענען אַנדערש זײַן. באַווײַז דײַן אָמני-מעכטיקייט, גוטער גאָט!

≈❀≈

„פֿאַר דער פֿרוי פֿון ביידע ספֿערעס
כ'הייב מײַן בעכער!
און איך – פֿאַר ביידע ספֿערעס פֿון דער פֿרוי
כ'הייב מײַנעם העכער!
פּראָקלאַמירט אַזוי,
ווייסט מען באַלד געננוי
זיכער ווער עס
פֿון אַ תּענוג אַנט.
געזינדיקט אפֿשר מיט אַ לא,
אָבער מיט אַ שמייכל
קענסטו דריקן אים די האַנט:
דאָס איז אַ מענטש מיט שׂכל!

≈❀≈

ניט מעגליך צו האָבן אוניווערסאַלע קריטעריעס וועגן לאָגיק, יושר, רעכט, טאָלעראַנץ און ליבשאַפֿט. דער תּמצית פֿון אוניווערס, ליידער, איז אַגרעסיע, עקספּאַנסיע, אומקום. מוז מען זיך באַגרענעצן מיט די דאָזיקע פּראָבלעמען אין שײַכות מיטן מענטשן-מין. די לאָגיק פֿון אַ וואָלף קען ניט זײַן די זעלבע ווי פֿון אַ שאָף. אָבער צווישן מענטשן-מין מוז זײַן אַן אַבסאָלוטע סעמאַנטיק פֿאַר די אַלע טערמינאָלאָגיעס. ניט מעגליך צו טאָלערירן פֿאַרשיידענע אינטערפּרעטאַציעס פֿאַר קאָמפּראָמיסן, צי באַרעכטיקן דורך אומשטאַנדן ערליכקייט, שקר, אמת, ליבשאַפֿט, רעכט, יושר, טאָלעראַנץ, צי עפּעס ענליכס.

בשום אופֿן – קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן אַז מ'איז אַן עפּעס, כאָטש אַ רעלאַטיוו נישטיקער פֿראַגמענט, פֿונעם אוניווערסאַלן אַלץ: לעבן, וועלט. און בכן, ווי יעדער מאָלעקול פֿון אַ גוף איז פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַרן גאַנצן מענטש און פֿאַרן איבעריקן אַלץ, איז יעדער מחויבֿ צו באַגרײַפֿן די אַחריות וואָס ליגט אויף זײַן עקזיסטענץ, זײַן באַוווּסטזיניקע עקזיסטענץ. ער מוז אַלץ טון כּדי ניט צו צעשטערן מיט עפּעס די עוואָלוציע, דעם פּענאָמען זײַן.

יעדנס גוף צי נשמה זענען מסוגל, אין זייערע באַגרענעצטע מעגליכקייטן, עפּעס צו טון דער אוניווערס זאָל זײַן פֿולקום, אָבער אויך עפּעס וואָס קען רייצן און צעשטערן. די באַוווּסטזיניקע מעגליכע פֿרײַהייט פֿון אויסוואַל דאָס צו קענען באַווײַזן און טון מיט מעשים און מחשבֿות, איז אַ לוין פֿון באַשאַף. מענטש, האָב אָפּשײַ און ליבשאַפֿט צו דײַן אייגענער עקזיסטענץ!

~❀~

וויסנשאַפֿט! רעליגיעס! פֿילאָזאָפֿן!
לעבן! סעקס! טויט!
פֿאַר וואָס מיט אינטעלעקט און וויסנשאַפֿט אונדז שטראָפֿן?
פֿאַר וואָס ניט קודם מײַדן בויט –
און שפּעטער זיך פֿאַרנעמען

מיט הימלישע פּראָבלעמען?
גאָט, אוניווערס... זײַן וויכטיקער דאָך תּמיד וועט
עקזיסטענץ אויפֿן פּלאַנעט.
ניט הערן זאָל מען קינדער וויינען: ברויט.
ניט זען ווי האַס מיט שריפֿות קאָנטינענטן ציגדן.
געטאָפּטשעט מיט די פֿיס אין קויט
און צו סטעלאַרע ספֿערעס קעפּ געווענדט,
מיט נאָוואַס שוין זינט לאַנג פֿאַרשוווּנדן
מעגאַלאָמאַניש מיט עקסטאַז געבלענדט,
אַסטראָ-מעטאַפֿיזיקער, לײַט כּלומרשט קלוגע:
באַגרײַפֿט איר ניט אַז איר זענט
רחמנא ליצלן נאַריש און משוגע?

~❀~

אַז ציוויליזאַציע, ווי לײַט באַגרײַפֿן עס הײַנט, איז אַ פֿאַטאַלאָגישער פֿענאָמען, זעט מען דאָך באַשײַמפּערליך לויט די רעזולטאַטן. אַזוי פֿיל פֿאַרקריפּלונג, פֿיזיש, פּסיכיש; אַזוי פֿיל שלעכטס, מיאוסקייט, ברוטאַליטעט, משוגעתן, צעשטערונגען פֿונעם אייגענעם געזונט און פֿון אַלץ אַרום זיך, מיטן פֿאַרפּעסטיקן לופֿט, טײַכן, וועלדער, און ס'אויסטערלישע פֿײַניקן זיך זעלבסט ווי זײַנס גלײַכן! ווי אַזוי זאָל אַ גאָט מיט אַ פּשוטן לאָגישן שׂכל ניט זוכן פּטור צו ווערן פֿון דעם דאָזיקן אויסטערלישן קריפּל: האָמאָ סאַפּיענס? מע קען דאָך ניט זינדיקן און נעמען געטליכקייט פֿאַר עפּעס אַן אומבאַהאָלפֿענעם גולם. קענען געוועלטיקן איבער אומעגדן, אייביקייטן, קאָסמאָסן — און לאָזן עפּעס צעשטערן אינעם באַשאַף? וועט דען אַ פּשוטער לעקישעוואַטער מענטש לאָזן עפּעס צעשטערן אין זײַן גוף אָן ווידערשטאַנד צי פּראָפֿילאַקציע?

מע מוז זיך ריכטן אויף קומענדיקע קאַטאַסטראָפֿעס. אַ שאָד! אַזאַ שיינע וועלט! אַזוי פֿיל מעגליכע תּענוגים, קרעאַטיווע עקסטאַזן און אַפֿילו ליבשאַפֿט-אָרגאַזמען, און אַלץ וועט פֿאַרשווינדן אין אַ בוקלעאַרן חורבן, אין פֿיזישע און פּסיכישע פּײַנען, אַנגסטן, ווי ס'פֿילט זיך שוין איצט, בײַם אָנפֿאַנג פֿון דעם אַלעמען.

יעדע אַרגומענטאַציע צו באַרעכטיקן עפּעס וואָס איז ניט אין הסכּם מיטן אַבסאָלוטן טײַטש פֿאַר די דאָזיקע באַגריפֿן, איז היפּאָקריזיע, געמײנקייט און פֿאַרברעכן. דעריבער האָב איך פֿאַר מײַן געוויסן נאָר איין אופֿן טראַכטן און טון. געוויס קען איך אין געוויסע הינזיכטן ניט טון אַנדערש ווי איך טו עס, למשל: מיטן עקספּלואַטירן עמיצן צוליב ביזנעס. אָבער אַזוי ווי לײַט ווילן דווקא האָבן קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען, מוז איך עס טון טראָץ מײַן כאַראַקטער, און ס'פֿאַרדריסט מיך טאַקע. מײַן אופֿן טון וועט זײַן: מיטן דינאַמיט וואָס ווערט פֿאַבריצירט, צעשטערן די פֿאַבריקן וואָס אַרבעטן אויס דעם דאָזיקן דינאַמיט.

~❀~

**א**ינטערעסאַנט צו זען ווי אַזוי די וויסנשאַפֿט נעמט זיך דאָך צו פֿאָרשן די מוראַשקע-נעסטן מיט זייערע סאָציאַלע רעזשימען. שוין לאַנג ווי כ'האָב געלייענט וועגן דעם: אַז די מוראַשקעס, מיט הונדערטער מיליאָנען יאָר עלטער פֿונעם מענטש, זענען קליגער אין אַלע הינזיכטן, און קענען דינען ווי אַ בײַשפּיל, אַ מאָדעל פֿאַר אַ מענטשליכער געזעלשאַפֿט.

יעדע מוראַשקע-נעסט איז זיכער אָרגאַניזירט ווי אַ באַשעפֿעניש, מיטן מענטשס בתוכם ספּעציפֿישע פֿונקציעס: צירקולאַציעס, פֿליכטן, פּאָליציי, דרויסן-זיכערקייטן, בוי-ספּעציאַליטעטן און וויסנשאַפֿט: ווײַל זיי קענען האַלטן אַ קערן, וואָס זאָל ניט שפּראָצן אַזוי לאַנג ווי באַגערט. דערצו – אַן אַלטרויִזם מיטן אופֿן נערן זיך.

אויב דער מענטש וויל ניט טאָטאַל אומקומען מיט זײַן קאַנסער-ציוויליזאַציע און געפֿערליכע מעטאַסטאַזן, אומעטום ווו ער איז גורם סאָציאַלע און יחידישע קאַטאַסטראָפֿעס מיט זײַן סידאַ-קולטור פֿון האַס און היפּאָקריזיע, עגאָיִזם און פּשוטע משוגעתן, מוז ער אָנווענדן די בין-, טערמיטן- אָדער מוראַשקע-רעזשימען. דעריבער איז גוט געוועזן צו זען אין דער טעלעוויזיע די ריזיקע אונטערנעמונגען צו פֿאָרשן זייערע לעבנס-שטייגערס.

הלוואַי זאָל עס ניט זײַן בלויז בײַגער, נאָר טאַקע לערע מיט פּראַגמאַטישע אָנווענדונגען.

~❀~

מע קען מיט זיכערקייט באַהויפּטן, אַז ווי מע זאָל ניט פּלאַנצן אַן עפּלבוים, וועט ער תּמיד שאַפֿן עפּל. קען זײַן מיט פֿאַרשיידענע מינים טעמען, פֿאָרמען צי קאָלירן, אָבער תּמיד – עפּל. ווו און ווען אַ מענטש זאָל ניט זײַן, מוזן זײַנע השגות, מעגליכקייטן און מחשבֿות זײַן די זעלבע. אויב ס'איז ניט גילטיק אינדיווידועל, איז עס גילטיק אין קאָלעקטיוון זינען און אין לאַנגן דויער. דער מענטש איז באַגרענעצט אין מעגליכקייטן. נו, און משה רבנו, עדיסאָן, מאָצאַרט און אײַנשטיין? גיט אַ געלעגנהייט דעם פּרימיטיווסטן מענטש ערגעץ אין דער וויסטעניש, און ער וועט זײַן אַ בעטהאָווען!

~❀~

גוטע פֿרײַנד, פּאָעטן:
אויסטערלישן עקזאָטיזם געמיטן;
פֿון תּמיד בײַע **איזמען** ניט געליטן,
און ראָמאַנטיש-שיינע עפּיטעטן
זיך אייפֿעריק געהיטן.
גענומען טעמעס
פֿאַר אײַערע פּאָעמעס
אָן שום מעגליכע דילעמעס.
טײַטש, סינטאַקס און זין
תּמיד קלאָר דערין;
צו פֿאַרשטיין
סעמאַנטיק, תּוך און מיין
זאָל מען קיין שאַמפּאָליאָן ניט מוזן זײַן,
צו פֿאָרשן, אויב פֿאַראַן, באַגריפֿן
ווי די היעראָגליפֿן!
אַלץ לאָגיש, וואָר,

פשוט, קלאָר,
אָן עמפֿאַז, פּאַטעטיש, ניט תּמיד מעטאַפֿאָריש,
צי דעקלאַמירן אָראַטאָריש,
סאַראַ-בערנאַרדיש מיט זשעסט און מינע
ווי אויף עסטראַדעס צי אַ בינע.
צום לעזער זיך געווענדט
ווי וואָלטסט אים ווי אַ פֿרײַנד געקענט:
היימיש, חבֿריש, אינטים.
דערציילן, פֿאַרטרוי,
אָן דיסציפּלין מיט מאַרש, מיט ריטם און גראַמען,
נאָר ווי אָן שום ליטעראַטור פֿאַרברענגט צוזאַמען.
און נאָר אַזוי, פּאָעט,
ביסטו סובלים.

~❀~

כ'ווייס ניט וואָס, ווי אַזוי און פֿאַר וואָס, אָבער כ'בין זיכער: אַזוי גוט ווי אַ פֿלאַנץ צעבליט זיך אין פֿרילינג כּדי צו קענען ווערן פֿרוכט, רײַפֿן זוים פֿאַר ווײַטערדיקע פֿלאַנצן, מוז עפּעס אין דער עוואָלוציע פֿון לעבן, אין דער ביָאָספֿערע אויפֿן פּלאַנעט, געשען אַזוינס מיטן מענטש. דער פּענאָמען **מענטש** איז זיכער דער מאָמענט פֿון צוויט. ער איז די בלום, דאָס בליִען מיט פֿרייד אין אַלע היגזיכטן. דאָס פֿאַרשווינדן פֿונעם בלי-פּעריאָד איז זײַן אומקום, אָבער צו ווערן פֿאַרוואַנדלט אין עפּעס אַנדערש. אין וואָס? ווי אַזוי? ווער קען עס וויסן? אָבער מע איז זיכער טאָטאַל ניט פֿאַרלוירן. בכן, מוז מען האָבן צוטרוי און געניסן פֿון אַלע מעגליכע תּענוגים אין אונדזער פֿרילינג.

~❀~

קיין שום מענטש קען ניט גובֿר זײַן דעם מלאך-המוות, אָבער מע קען אים לאָזן וואַרטן וואָס לענגער אויף יענער זײַט טיר. ליידער שטאַרבן ס'רובֿ לײַט ניט נאַטירליך, נאָר באַגייען זעלבסטמאָרד, נאַריש, לעקישעוואַטע, ווי דאָס לעבן וואָלט זיי

נמאס געוואָרן, ווי עקזיסטענץ וואָלט געווען אַ לאַסט, אַ קאָשמאַר, אַן אָפּקומעניש. הלמאַי מוז אַ וועלט זײַן אַזוי משוגע?

≈❀≈

פֿאַר דעם וואָס רויזן שטינקען
תּמיד וועט אַ תּענוג זײַן
אין טינוף זינקען.
שווענקט דאָס מויל און וואַשט די האַנט
ווען איר דערמאַנט
פֿאַר אַזאַ פֿאַרשוין
דעם נאָמען מענטש ווי עפּיטעט.

≈❀≈

מאָדנע פֿעסטצושטעלן, אַז ס׳רובֿ פֿאָרמען פֿון אייער זענען ניט פּינקטלעך צערקלדיק, קײַלעכיק, מיט גלײַכער דיסטאַנץ פֿון אַ מיטלפּונקט, נאָר זענען עליפּטיש, אָוואַל. און אַזוי איז מיט די אָרביטן פֿון סאַטעליטן, פּלאַנעטן, ווי זייער פֿאָרם וואָלט געווען אַן איי. זיי קרײַזן אין אָוואַלן. אַזוי ווי יעדע באַשעפֿעניש האָט פֿאַר אַ יסוד אַן איי, קען זײַן אַז דער אוניווערס איז אויך אין דער פֿאָרם, און מיר געפֿינען זיך אין אַ מאַטעריעלן צי אין עפּעס אַ ספּיריטועלן איי, אין וועלכן ס׳רײַפֿט אַ נײַער קאָסמישער אַלץ.

≈❀≈

ניט צו באַגרײַפֿן ווי אַזוי קען עמיץ זײַן אַ פֿילאָזאָף ס׳גאַנצע לעבן. איין מאָל אויסגעפֿונען דעם אמת, איז מען דאָך שוין פֿאַרטיק, גרייט צו פֿירן אַ לײַטיש לעבן? וואָס איז דער תּכלית פֿון זיצן און טראַכטן מיט דענקעניש און בענקעניש וועגן די זעלבע פּראָבלעמען? פֿאַרשטייט זיך, אויסער אַז פֿילאָזאָפֿיע ווערט אַ פֿאַך און מע דאַרף האָבן פּרנסה, נו...

≈❀≈

די שענסטע ציר איז פֿאַר אַ זקן
אַ קרוין פֿון זילבער-ווײַסע האָר.
ווען ניט מער טשופּרינע פֿאַראַנען,
די געבליבענע דערמאָנען:
געוועזן יונג, מיט בלאָנדע לאָקן,
קינד – צען, צוואַנציק יאָר.
אוי, ווי דאָס אַלץ פֿאַרשווונדן גיך!
און איצט? אַ פליך
אינדזלט מיט אַ שנייפֿוך אַרום זיך.
ניט צו קעמען, ניט צו שערן...
נאָר די קנייטשן אויפֿן שטערן
נאָר אַנאַנד זיך טיפֿן, מערן...

≈❁≈

וואָס איז עס פֿאַר אַ תּכלית צו מוזן און קענען מאַכן פֿאָרווורפֿן און קריטיקירן דעם רבונו-של-עולם פֿאַרן שלעכטס, פֿאַר דער מיאוסקייט וואָס געוועלטיקט אויפֿן פּלאַנעט און אפֿשר ערגעץ אַנדערש אויך? פֿאַר וואָס מוזן זיך נערן מיט עמיצנס טויט? פֿאַר וואָס די רציחה, דער פּחד, דער קאַמף, די יסורים, די אַנגסטן? וואָס קומט דאָ פֿאָר? פֿאַר וואָס קען מען טראַכטן אַזוינס? ווי אַזוי איז דאָס מעגליך? ווו נעמען אַן ענטפֿער? אוי, גאָטעניו! מוזן דײַנע אַלע מעשה-בראשיתן זײַן בלויז קאַטאַסטראָפֿעס?

≈❁≈

קאַפּיטאַליסטישע פֿילאָזאָפֿן, עקאָנאָמיסטן מיט פּראָגרעסיווע אידעאַלן: געדענקט תּמיד אַז כאָטש דאָס לאָך איז אויך עפּעס אינעם עקאָנאָמישן בייגל, קען עס ניט זײַן דער חלק וואָס די ליבעראַלן טיילן צו דעם פּראָלעטאַריאַט, און באַווייליקן עס אים צוצוואַרפֿן ווי דעם הונט אַ ביין, אַ כלומרשטע שותּפֿות צו זייערע אונטערנעמונגען.

אַ קאָמעדיע אויף די בערזעס ווען גרויסע געזעלשאַפֿטן טיילן צו עטליכע פּראָצענט פֿון זייערע אַקציעס פֿאַר זייערע אַרבעטער, ווי אַ פֿײַנעם זשעסט, אַ סאָציאַלע מתּנה. מע באַרט בײַ זיי אויס די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס און זיי האָבן ניט קיין שום מעגליכקייט צו זאָגן זייער דעה אין דער מינדסטער זאַך. ליידער זענען אַזוי פֿיל לײַט דעמאָקראַטיש שטאָלץ מיטן לאָך וואָס ווערט זיי צוגעטיילט!

~❀~

פּאָעזיע איז גײַסטיקער חן. מע קען זײַן אַ פּאָעט מיט אַ שמייכל, מיט אַ זשעסט, מיטן בליק, מיטן קול, מיטן זאָגן און זינגען עפּעס, מיטן שווײַגן אַפֿילו. מ׳איז ניט אַ פּאָעט בלויז מיטן שרײַבן לידער, פּאָעמעס אין פֿערזן, מיט צי אָן גראַמען. מע קען עס זײַן אויך אַפֿילו שרײַבנדיק פּראָזע.

וואָס איז שיינקייט? וואָס איז מוזיק? וואָס איז ליבשאַפֿט? וואָס איז פּאָעזיע? ס׳קען זײַן ווי מיט אַ רעגן-בויגן: יעדע קאָליר, יעדער ניואַנס איז עפּעס שיינס און וויכטיקס, און אַלץ צוזאַמען איז נאָך שענער. דער פֿאַרגלײַך איז אפֿשר ניט פּינקטליך אַ געראָטענער, אָבער ס׳איז אַזוי שווער צו דערקלערן וואָס אַזוינס ס׳איז חן אין פּאָעזיע!

~❀~

כליפּעט, וויינט אַ קינד כּסדר.
עפּעס טוט אים ווײ מסתּמא,
ווייסט עס ניט וואָס זאָגן, ליידער.
ס׳קען איין וואָרט נאָר: מאַמע!
נאָך ניט ריידעוודיק און — קלוג.
מאַמע! ס׳איז איין וואָרט גענוג.
אַז, גאָטעניו, זיך כ׳ווענד צו דיר,
דײַן נאָמען איז אַזוי פֿאַר מיר.

~❀~

זאָג אַ פֿערד
אַז שיין איז הימל, פּרעכטיק ערד;
פֿון עטיק און עסטעטיק אים דערצייל;
מיט פֿילאָזאָפֿישע מחשבֿות
מעשׂה אינטעלעקטואַל מיט אים זיך טייל,
צי טרײַב קאַטאָוועס
אָדער רעד צו אים אין שײַכות מיט אַן אידעאַל.
צי ליריש זײַ ווי אַ פּאָעט –
ער וועט
אַלץ אויסהערן געדולדיק, צי געשוויגן,
דאָ באַוועגט אַן אויער, מיט נאָזלעכער געטאָן אַ שמעק,
דאָ מיט דער גריווע, מיטן עק
געטריבן פֿליגן.
אָבער
פֿון דײַנע רייד דעם זינען
נאָר פֿאַרשטאַנען איינס דערינען:
וויכטיק איז אַ גוטע שטאַל
און אַ טאָרבע פֿול מיט האָבער.
און ס'איבעריקע – רעד הײַנט און מאָרגן!
אַ פֿערד האָט חוץ דעם ניט קיין זאָרגן;
מעטאַפֿיזיק איז פֿאַר אים פֿאַרבאָרגן.

צו וואָס, פֿאַר וואָס דאַרפֿן זוכן תּירוצים, באַרעכטיקונג צו קענען באַטירליך אָפּדויערן די מעגליכע עקזיסטענץ? מע ווייסט ניט פֿאַר וואָס, צוליב וואָס? ווער מוז עס וויסן? מע איז – בכן, מסתּם, מוז מען זײַן, דאַרף מען זײַן. אויב אַזוי, איז זײַן טאָטאַל גוט, אָן גריבלענישן און פֿאַרקריפּלונגען, דער איינציקער גוטער אופֿן פֿאַר עקזיסטענץ.

פֿאַרלירן דויער מיט פֿאָרשן פֿאַר וואָס מע דויערט – איז עס ניט אַן אַבסורד? געוויס זעט עס אויס נאַיִוו-לעקישעוואַטע צו קומען

מיט אַזעלכע פּשוטע אַרגומענטן. מילא, וועל איך אָנגיין פֿאַר אַ משוגענעם אָדער אַ טשודאַק, בפֿרט בײַ די וואָס די הײַנטיקע רעזשימען זעען זיי אויס באַטירלער, אָט די רעזשימען בײַ וועלכע מע קען מאַכן אַ כּלומרשט לײַכט לעבן מיט קרעמערײַ, רעליגיע, פֿילאָזאָפֿיע, פֿינאַנצן, פּאָליטיק, עסטעטיק, און אַפֿילו מיטן דערקלערן וואָס אַנדערע זאָגן און טון.

הלמאַי געקראָכן אויף די גלײַכע וועגט, אַז מע קען שטיין און גיין אויף פּשוטע גלײַכע וועגן? נאָר אַזאַ מין לאָגיק איז ניט גילטיק פֿאַר ציוויליזירטע קולטורעלע לײַט פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

~~

**אַ** מענטש איז מען ניט לויטן פּאַרנעם, וואָג צי כּוח. גײַסטיק קען אַ קאַרליק זײַן גרעסער פֿון אַ ריז.

~~

**פֿ**אַר וואָס זאָל איך זיך ניט טשעפּען צו די ניוטאָנס, די גאַליליים, די דעקאַרטס? סײַ-ווי וועל איך דאָך אָנגיין פֿאַר אַ חוצפּהניק, אַ מעגאַלאָמאַן, אַ כּווייס אַליין ניט וואָס.

זאָגן די גרויסע חכמים, אַז „יעדער עפּעס, קערפּער, בלײַבט אויפֿן אָרט אומבאַוועגליך צי פֿאַלט אין אַ גלײַכער ליניע, אויסער ווען אַ פֿרעמדע קראַפֿט צווינגט עס צו ענדערן זײַן פּאָזיציע". ווי אַזוי קען עפּעס בלײַבן רויִק, זײַענדיק אַן אַמאַלגאַם פֿון אַטאָמען, תּמיד אין באַוועגונג?

אַ ספּעציעלע טענה האָב איך צו ניוטאָנען, מיט זײַנע אַקסיאָמען וועגן רעלאַטיווער צײַט און וווּלגאַרער, וואָס מע מעסט מיט דויער, און אַזוי מיט אָרט: מיט רעלאַטיוון רוים און וווּלגאַרן אָרט וואָס פּראַקטישע לײַט ניצן פֿאַר זייערע וווּלגאַרע אינטערעסן. וואָס הייסט רעלאַטיווע אומענד אָדער רעלאַטיווע אייביקייט? ס'איז ניט באַגרײַפֿליך פֿאַר מײַנע קליין-קעפּלדיקע השגות, און פּטור!

וואָס וועלן אָבער טון די פֿילאָזאָפֿן, די מאַטעמאַטיקער, די

פֿיזיקער, די אַסטראָנאָמען, ווען מע זאָל יוצא זײַן תּמיד אין אַלץ מיט פּשוטער לאָגיק און פּראַגמאַטישן שׂכל-הישר? בפֿרט אַז צו די אַלע זאַכן קען מען נאָך צוגעבן מעטאַפֿיזיק, מיט אַ דיאַלעקטיק וואָס קען ספּיראַליש שטײַגן כּסדר ביז כּוויס אַליין ניט וועלכע הייכן.

≈❁≈

**ד**ער אוניווערס זעט אויס צו זײַן אין אייביקן רעוואָלט קעגן אַ מין עגאָיִסטישן סקלעראָז וואָס ציט אַלץ צו זיך, אַ מין מאַגנעטישן אימפּעריאַליזם מיט באַרעכטיקונגען פֿון מאַסע-פּריִאָריטעט-געזעצן און קאַמף צווישן צענטריפּעטישע און צענטריפֿוגאַלע ענערגיעס. ס'איז טאַקע ניט צו פֿאַרשטיין, טראָץ דעם ניוטאָניזם מיטן אײַנשטייניזם, ווי אַזוי קען אַ שטויבעלע, אַ פּלאַטערל, גובֿר זײַן די גראַוויטאַציע פֿון אַ פּלאַנעט. לאָגיש וואָלט דאָך לויטן אײַנשטייניזם דער אוניווערס געדאַרפֿט זײַן אַ קאָמפּאַקטע מאַסע, אָבער לויט דער טעאָריע פֿון דער קאָסמישער עקספּלאָזיע איז עס דען ניט ווי אַ רעוואָלט, אַן אויפֿרײַס וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אין אַלע דימענסיעס און אַספּעקטן, פֿיזיש און פּסיכיש?

טראָץ געפֿענגעניש אין אָרביטן, רײַסט זיך אַלץ אַרויס צו פֿרײַהייט. ליידער איז דאָ אַ מניעה — דער אוניווערס איז פֿול, אָנגעשטאָפּט, און יעדע באַוועגונג איז גורם אַגרעסיע און שפּאַנונג. ווי אַזוי קען זיך אויסשטראַלן עפּעס אָן ווידערשטאַנד? איין אויסוועג — טאַנץ! בײַטן אָרט. דאָ איז עפּעס פּיטאַגאָריש פֿאַרגעפֿילט אין דער קאָסמישער האַרמאָניע, וואָס איז מוזיק, ריטמיש געאָרדנט. ווי לאַנג דאָס וועט ניט ווערן באַגרײַפֿט אין יחידישע צי סאָציאַלע רעזשימען, וועלן מוזן גילטן רעוואָלטן, אַגרעסיעס, קאַמף און ממילא קאַטאַסטראָפֿעס, מיט פֿריצײַטיקן אומגעריכטן אומקום.

≈❁≈

**אין** אַלץ וואָס איז **אָנטאָלאָגיש**, איז פֿאַראַן אַ שורש **לאָגיש**, ווי אין **אַבסטראַקטן** – פֿון **אַקטן**. בכן איז אָנטאָלאָגיע דער נעשׂה; דאָס אַבסטראַקטע – בלויז נשמע. פֿאַר ייִדישקייט, בײַם סיני – קודם נעשׂה. העלעניזם – בלויז פֿילאָזאָ-פֿישע נשמע. ערשט אין בראַהמאַ-נירוואַניזם – לחלוטין בלויז נישטיקייט, טאָטאַלער סקלעראָז.

ייִדישקייט איז די ראַדיאָ-אַקטיוויטעט אין אוראַניום פֿון מענטשן-מין, וואָס איז גורם פֿיזישע און ספּיריטועלע דינאַמיק. דינאַמיק וואָס קען שאַפֿן עלעקטריציטעט צו לײַכטן, וואַרעמען, באַוועגן מאַשינען, אָבער ליידער אויך נוקלעאַרע וואָפֿנס וואָס קענען אומברענגען די גאַנצע ביָאָספֿערע.

≈❁≈

**ז**אָל זײַן פֿאַנטאַזם,
אַבי אָרגאַזם!
זאָל זײַן משוגעת,
אַבי עקסטאַז!
טאַנץ, צאַפּל,
אַבי – פֿונק אין אַפּל,
קאָנוווּלסיוו אַבי דינאַמיש,
נאָר ניט טויט, נירוואַנאַ ממש.

≈❁≈

**נ**אָר מײַן לאַנגער עקזיסטענץ, מיט חלומות און דערפֿאַרונגען, קום איך –מוז איך– עדות זאָגן, אַז ס'זענען זיכער פֿאַראַן, חוץ אונדזערע באַקאַנטע רעאַליטעטן, נאָך אַנדערע ווירקליכקייטן מיט אייגנשאַפֿטן, פֿיזישע און פּסיכישע, סײַ בײַם מענטש און וואָרשײַנליך בײַ אַלץ וואָס עקזיסטירט, פֿון וועלכע מיר האָבן ניט קיין שום אַנונג.

די קריטעריעס פֿון אונדזערע השׂגות און וויסנשאַפֿטליכע עקספּערימענטן זענען רעלאַטיוו, און בשום אופֿן ניט קיין באַווײַז

פֿון וואָס ס'זאָל ניט זײַן. מע דאַרף נעמען אין אַכט אַז ווען דער מענטש האָט געלעבט נאַקעט אין די היילן, אַזוי גוט ווי זינט ער האַלט זיך פֿאַר ציוויליזירט, האָבן לײַט תּמיד געמיינט אַז זיי וויסן אַלץ. קען זײַן אַז ס'וועט אַ מאָל קומען אַ צײַט, ווען מע וועט באַטראַכטן אונדזערע הײַנטיקע השגות און קריטעריעס וועגן כּמעט אַלץ ווי נאַיִווע פֿלאַפּלערײַען, טראָץ אַלע עקספּערימענטן און אָנגעווענדעטע רעזולטאַטן.

אין מינדסטן אַטאָם צי מאָלעקול ליגט זיכער מער קענטעניש ווי אין אַלע אַקאַדעמיעס מיט אַלע עלעקטראָנישע מאַכערײַקעס. מע קען אַ סך זיך שפּילן אין צעשטערן מיט אַטאָמען, ענערגיעס, אָבער דער סוד פֿון לעבן בלײַבט אומבאַקאַנט. אַזוי איז ניט נאָר מיט דעם וואָס מע רופֿט וויסנשאַפֿט, פֿיזיק און אַפֿילו מעטאַפֿיזיק, נאָר אין שײַכות מיט פּסיכיזמען, מיט ספּיריטועלע פּראָבלעמען. ווער ווייסט וואָס ס'איז אַזוינס עלעקטריציטעט, מאַגנעטיזם, קריסטאַליזאַציע, באַוועגונג, מחשבֿה, חלום און אַזוי ווײַטער? ערשט, מיט אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט געטליכקייט, צי ווי מע וויל עס אָנרופֿן: דער יסוד, דער מהות, די אורזאַך און דער סוף פֿון אַלץ וואָס איז, מיט צי אָן אַ דעטערמיניזם — דאָס בלײַבט טאָטאַל פֿאַרהוילן און זיכער אומבאַגרײַפֿליך פֿאַרן מענטש.

דער אוניווערס איז זיכער אַ סך רײַכער אין אַלע הינזיכטן, אַספּעקטן, מעגליכקייטן אוןווירקונגען ווי מע קען זיך פֿאָרשטעלן צי גאָר טראַכטן. אייביקייט, אומענד, לעבן, טויט — אַלץ איז זיכער געקניפּט און געבונדן, סימביאָזירט, אַסמאָזירט צי באַווירקט נאָך אַנדערש. דער מענטש קען נאָר אַ מיני־טיילעכל דערפֿון.

אַ וווּנדער איז נאָר, וואָס מע קען טראַכטן אַפֿילו פֿון דער מעגליכקייט דאָס צו באַגרײַפֿן. באַגערן עפּעס צו וויסן וועגן דעם, און אַפֿילו אויסער דעם, און אַפֿילו מיטן קענען קריטיקירן דעם באַשאַף און זיך רעוואָלטירן קעגן דעם סדר־עולם — דאָס אַליין איז שוין אויסערגעוויינטלעך.

וואָס־זשע טון? זיך באַפֿרײַען פֿון אַלע מעגאַלאָמאַנישע

קאָמפּלעקסן, נעמען אין אַכט אַז דער מענטש איז נאָר אַ פֿראַגמענט אין עפּעס ריזיקס, אומבאַגרײַפֿלעכס. יוצא זײַן מיט דער מעגליכער פֿרײַהייט צו קענען אָרגאַניזירן דעם באַגרענעצטן —אָבער מעגליך רעלאַטיוו לאַנגן— דויער אין די בעסטע באַדינגונגען: פֿיזיש, פּסיכיש, יחידיש און קאָלעקטיוו, אָן היפּאָקריזיעס, אָן שלעכטס און מיאוסקייטן. זײַן זיכער אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ געטליכקייט וואָס, כאָטש אומבאַגרײַפֿט, געוועלטיקט זי איבער אַלץ ווי עפּעס אין אונדזער מוח געוועלטיקט איבערן גוף, זײַענדיק געאייניקט פֿיזיאָלאָגיש דורך קעגנזײַטיקע אײַנפֿלוסן מיטן מינדסטן מאָלעקול. באַפֿרײַען זיך פֿון אַלע רעליגיעס, מיטאָלאָגיעס, פֿאַנאַטיזמען און פּאַטאָלאָגישע אַמביציעס מיט זייערע טעאָגאָניעס און פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס. וויסן אַז מע קען אַלץ אַרויסבאַקומען מיט תּפֿילות און חרטות, אָבער מיט יעדער תּפֿילה מוז דורכגיין אַן אייגענער קאָנטראָל.

קודם מוז יעדע אויפֿריכטיקע מחשבֿה וועגן אַ באַגער צי אַ מחילה זײַן געווענדט צו זיך זעלבסט. צו זיך, וואָס מע קען זיך זעלבסט ניט נאַרן מיט היפּאָקריטישע בעל־תּשובֿות. ניטאָ קיין פֿאַרמיטלערס, קיין טעמפּלען, קיין חניפֿה־הימנען, קיין קרבנות ווי כאַבאַר אָדער אַנדערע פּערוועזיטעטן. געטליכקייט באַרט מען ניט. דער איינציקער וועג צו גאָט פֿירט דורכן אייגענעם געוויסן.

ווער קען באַווײַזן אַז מע מוז קענען דווקא וויסן ווער און וואָס ס׳איז אַזוינס געטליכקייט? מע לעבט ניט וויסנדיק וואָס אַזוינס ס׳איז לעבן, קען מען זײַן פֿרום ניט וויסנדיק ווער ס׳איז גאָט, אָדער ווי לײַט ווילן עס אָנרופֿן אַנדערש. רעזומירט קען דאָס אַלץ ווערן אַזוי:

דער אוניווערסאַלער אַלץ איז אַבסאָלוט אומבאַגרײַפֿליך. פֿאַראַן אַ געטליכקייט וואָס איז סינאָנים פֿון לעבן, וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אין אַלע מעגליכע אַספּעקטן, פֿאָרמען, ענערגיעס, עסענצן, סובסטאַנצן, פֿענאָמענען אד״גל. פֿאַראַן אַ סדר־העולם מיט אַ פּלאַן, אַ ווילן ס׳זאָל זײַן אַזוי און ניט אַנדערש. דער מענטש מוז זיך אונטערגעבן דעם דאָזיקן ווילן און ניט ווידערשפּעניקן,

נאָר טון זײַן פֿליכט, אויספֿירן זײַן ראָלע מיטן באַטײליקן זיך אין דער קאָסמישער עוואָלוציע, אַפֿילו מיטן בלויזן עטעמען, נערן זיך און בכלל זײַן. ער מוז עס טון אויפֿריכטיק, טאָטאַל, אָן פֿאַרקריפּלונגען, מיט אָפּשײַ, ווײַל יעדע עקזיסטענץ איז הייליק, יחידיש און סאָציאַל. אַזוי נאָר איז מען פֿרום.

יעדער דאַרף זיך באַגנוגענען מיט דעם וואָס ער מוז האָבן כּדי צו קענען רעאַליזירן זײַן עקזיסטענץ ניט צעשטערנדיק מער ווי געמוזט, וויסנדיק אַז ער וועט אָפּצאָלן מיט זײַן אײגענעם גוף דאָס צעשטערן אַנדערע לעבנס. ער דאַרף פֿאַרשטיין אַז ס'זענען זיכער פֿאַראַן אַ סך רעאַליטעטן, חוץ זײַנע באַוווסטע, וואָס ער דערקענט מיט חושים און אַפֿילו מיט אינטויִציעס און חלומות. אַז ס'איז ניט נאָר איבעריק נאָר געפֿערליך דווקא ס'ווילן דערגיין מער ווי געדאַרפֿן די סודות און יסודות פֿונעם באַשאַף.

אַ שאָד דאָס פֿאַרתּכלעווען מי און דויער מיט פֿאָרשן מיקראָ- און טעלעסקאָפּיש אַלץ וואָס קען נאָר זײַן. ער מוז זיך איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל איבערצײַגן, אַז זײַן אופֿן צעשטערן די ביִאָספֿערע מיט זײַנע אויסטערלישע פֿירונגען און פֿאָרשונגען, איז געפֿערליך און מוז זיך ענדיקן מיט אַ נוקלעאַרער קאַטאַסטראָפֿע, וואָס וועט פֿאַרוואַנדלען דעם פּלאַנעט אין אַ מין לבֿנה-סאַטעליט אָן מינדסטן סימן לעבן ווי מיר פֿאַרשטייען עס.

אַצינד, מיט אַלע מעגליכע קרעאַטיווע עקסטאַזן און תּענוגים פֿאַר אַלע חושים און באַגריפֿן – אַלע אָן אויסנאַם רעליגיעזע און פֿילאָזאָפֿישע גריבלענישן זענען נאָר סימפּטאָמען פֿון פּאַטאָלאָגישע קאָמפּלעקסן. דער העכסטער סימבאָל פֿאַר דעם איז דער עץ-הדעת, וואָס רייצט און איז גורם ס'פֿאַרלירן דעם גן-עדן.

וויסנשאַפֿט, פֿילאָזאָפֿיע – אדרבא! אָבער נאָר פּראַגמאַטיש, באַשיידן. עטיק, עסטעטיק – געוויס! אָבער ווער דאַרף אַזוי פֿיל טעאָריעס צו באַווײַזן אַז צוויי מאָל צוויי איז פֿיר? אַזוי פֿיל ביבליאָטעקן מיט כּלומרשטער חכמה צו זאָגן דאָס, וואָס ווערט רעזומירט אין עטליכע פֿראַזעס פֿון די צען געבאָט? אַזוי פֿיל ענערגיעס פֿאַרתּכלעוועט צוליב אַגרעסיווע אַמביציעס, סנאָביזמען, געפֿערליכע קאָמפּעטיציעס, סטעלאַרע אַוואַנטורעס

מיט אײַלעניש, האַסט? און בכלל סאָציאַלע רעזשימען מיט קלאַסנקאַמף, ראַסיסטישע יחסנות, און אַזוי פֿיל שלעכטס, טעראָר, רציחות און מיאוסקייט!

זאָל אַזוי שווער זײַן צו לעבן פּשוט ערליך, אויפֿריכטיק, באמת פֿרום, און קענען אויפֿקומען און אומקומען מיט אַ שמייכל און ליבשאַפֿט, זײַענדיק באָרמאַל, אָן אַנגסט, אָן פּחד און יסורים?

אָדם – עפֿר ואפֿר?
לעבנס, אײפֿער
„וואָס גיכער צוריק
צום עפֿר – גליק"?
ניטאָ קיין שאָפֿענהויערס בײַם עם-הספֿר,
צי מאַכמעדאַנערס אומקום-לויב
מיט אַ גן-עדן ווי נאָר טויט.
געשטאָרבן – גוף איז שטויב,
צי אַ פּיצל שאַרבן, טיביע-ביין
וואַלגערט זיך אין אוישוויץ-קויט.
ניט לעסטערן מיט פּעסימיזמען ס'זײַן!
ווי אַ מתּנה ס'לעבן
איז דעם מענטש געגעבן.
כאָטש עפּעמעריש, דאָך אַ ליב געשאַנק.
איז – ווען ס'זאָל ניט זײַן: אַ דאַנק!

ווײַזט אויס אַז אַלץ אין דער נאַטור מוז דורכגיין די זעלבע פּעריאָדן, ווי מע קען עס באַמערקן מיט פֿלאַנצן, צוגעפּאַסט צו סעזאָנען. זיי שפּראָצן, בליִען, רײַפֿן, לאָזן זוימען און קומען אום. וואַרשײַנליך מוז אַזוי געשען אין אַלע פֿאָרמען און דימענסיעס, און אויך מיט אַ מענטש, וואָס איז באַלוינט צי באַלעסטיקט מיט שרײַבווירוסן. בײַ אַ מחבר אַפֿילו מיט אַ געבוירענעם טאַלאַנט, מוז זיך דאָס מאַניפֿעסטירן, חוץ מיטן

שפּראַצן –ס'לערנען זיך שרײַבן–, ס'בליִען –לירישע מאָמענטן–. כ'בין זיכער אַז אַלע מחברים האָבן יונגערהייט געשאַפֿן פּאָעמעס אָדער לידער. דערנאָך קומט אַ צײַט צו רײַפֿן: מחשבֿות אַנאַליזירן, עמאָציעס, פֿאָרשן, פֿאַרגלײַכן, פּאָלעמיזירן, שאַפֿן פֿרוכט – ביז ס'קומט די צײַטיקייט מיט רײַפֿע זוימען וואָס זענען מסוגל צו שאַפֿן נייע ווערק. און ס'קומט דער אומקום מיטן ווינטער, וואָס איזליידער ניט ווי בײַם בוים, וואָס האָט אַ סך סעזאָנען. דער מענטש לעבט נאָר איין מאָל.

≈❀≈

**ד**ער קאַפּיטאַליזם איז אַ סאָציאַלער קאַנסער; מעטאַסטאַזיש, אַגרעסיוו מיט עקספּאַנסיעס, און מוז סוף-כּל-סוף אומקומען מיט דעם וואָס ער עקספּלואַטירט אין אַ כּלומרשט באַגערטן צי אויפֿגעצוווּנגענעם סימביאָז. ווי יעדער קאַנסער –פֿיזיאָלאָגישער קאַפּיטאַליזם אין זײַן אַגרעסיוון מעטאַסטאַז– פֿאַרשווינדט ער מיטן גוף וואָס ער באַפֿאַלט. קאַפּיטאַליזם דאַרף אָפּיום – רעליגיע; רעליגיע-אָפּיום דאַרף קאַפּיטאַל. צוזאַמען איז עס אַ זיווג – אַז אָך און וויי!

≈❀≈

**מ**יט גוטע טרויבן שאַפֿט מען גוטן ווײַן; מיט גוטע פֿרוכטן מאַכט מען גוט אײַנגעמאַכטס און אַ גוטן קאָמפּאָט. בלויז צוקער, קאָלירן צי קאָנדימענטן וועלן גאָרניט העלפֿן.

האָסטו ניט, מחבר, קיין גילטיקע מחשבֿות, גילטיקע עמאָציעס, וועט דײַן שרײַבעכץ זײַן אָן טעם, סוראָגאַטיש שיין, נאָר אָן שום ווערט, ניט פֿאַרן אויג, ניט פֿאַרן גומען.

נו, און דאָס וואָס כ'האָב דאָ אויפֿגעשריבן – איז עס אײַנגעמאַכטס צי אָנגעמאַכטס?

≈❀≈

פֿאַר דײַנע פּאָעמען,
פּאָעט, זײַ ווי אַ יוועליר:
שלײַף, פֿײַל, פּוץ, ציר
דעם מינדסטן פֿון פֿאָנעמען.
גאָלד און דימענט, אות און וואָרט,
אַלץ מײַסטעריש געפּאָרט:
פֿאָרם מיט געדאַנק פּונקט אויפֿן אָרט,
האַרמאָניש און באַחנט.
דײַן לוין?
זײַן מיט עפּעס אין דער קרוין
וואָס אונדזער מאַמע-לשון יִדיש קריינט.

≈❀≈

מאַרקס, לענין און סטאַלין י״ש, האָבן ניט געהאַט די זכיה צו מאַכן אַ סטאַזש אין די קיבוץ-אוניווערסיטעטן, ווו מע ווענדט אָן דעם פּראַקטישן,ווירקליכן, איינציק גילטיקן סאָציאַליזם.

אַזוי וואָלט רוסלאַנד ניט געביטן אַ שוואַרצן צאַריזם אויף אַ רויטן און טיראַניש ניט געליטן פֿון בוטירקעס, גולאַגן און אויסטערלישע טויטן, פֿון טשערנאָסאָטניקעס באַפֿרײַט זיך אָבער זיי אין קראַסנאָסאָטניקעס פֿאַרוואַנדלט מיט אָקטאָבער.

≈❀≈

אַ פּאָעט –
ווי אַ יאָזש מיט שטעכלקעס אויף פֿעל,
וויסן זאָל מען ווי צו טון אַ גלעט.
היפּאָקריטן, אַנט:
ניט אויפֿריכטיק – און כ׳וועל
אַ ריר טון זיך און ס׳וועט
באַדויערן די האַנט.

≈❀≈

ס'איז אַבסאָלוט ניט מעגליך צו צווייפֿלען אין דער עקזיסטענץ פֿון ווער ווייסט וויפֿל רעאַליטעטן. חלומות זענען דער באַווייַז דערפֿון, און ס'איז אַבסאָלוט אוממעגליך צו טראַכטן אַנדערש. איך, וואָס חלום אַ סך, קום יעדעס מאָל צוריק צו וואַכקייט ווי פֿון אַ נסיעה. אַזעלכע אומגעריכטע פּייזאַזשן, פּאַרמען, קאָלירן, אומשטאַנדן, געשעענישן וואָס כ'קען מיר גאָר ניט פֿאָרשטעלן, זאָלן קענען קומען אין דמיון — דאָס איז דאָך אומבאַגרייַפֿליך.

אַפֿילו וואַך זענען דאָך פֿאַראַן עטליכע רעאַליטעטן: די וואָרע, ממשותדיקע; די פֿיקטיווע, וואָס מע שטעלט זיך פֿאָר, די אילוזאָרישע פֿון דראָגן און שיכּורים, די פֿון משוגעים אַפֿילו; ערשט פֿון די קינסטלער, מאָלער, סקולפּטאָרן, אַרכיטעקטן, פּייזאַזשיסטן און פּאָעטן צי סתּם מחברים מיט זייערע ראָמאַנען און פֿילמען!

~❀~

באַרג מיט באַרג איז טאַקע גלייַך,
נאָר ניט אין דער הייך
און אויך ניט אין דער ברייט.
אַזוי מיט גלייַכהייט אויך בייַ לייַט:
אין פּרינציפּ, דאָס יעדער לייַכט פֿאַרשטייט:
אַלע גלייַך, אָן שום פּראָבלעם;
טאַקע פֿייַן.
פֿאַר עמיצן, טראָץ דעם,
קען אַ ביסל מער דאָך גלייַכהייט זייַן,
און כ'קען זיך ווען אַז אַזוי
דעמאָקראַטיש אָנגעווענדט געבוי
איז פֿרייַהייט אויך מיטן סיסטעם
בייַ לייַט וואָס גרייסן זיך מיט ליבעראַלע עפּיטעטן
ווי בייַ די קרעמל-קרעמלישע סאָוויעטן.

~❀~

פּלאַטאָן, העגעל, פֿויערבאַך, מאַרקס און וויפֿל אַנדערע נאָך האָרשפּאַלטערס פּילפּולירן וועגן באַגריף מענטש. אידעע! אידעאַל! אַלע מיט זייערע קאָמפּליצירטע סטרוקטוראַליזמען: וואָס איז דער מענטש? ווער שאַפֿט דעם מענטש? דאָס אַלץ סינטעטיזירט זיך אינעם עקזיסטענציאַליזם, אַנטיזם, אָנטאָלאָגיע.

וואָס איז דאָ בייטיק זיך צו גריבלען? אַלע פֿילאָזאָפֿיעס, אַלע אידעען און אידעאַלן קומען פֿונעם מענטש. דער מענטש איז ניט קיין קאָפּיע, קיין סוראָגאַט פֿון אַן אידעע צי פֿון אַן אידעאַל. דער מענטש איז אַ באַשעפֿעניש צווישן אַנדערע באַשעפֿענישן, מער עוואָלויִרט אָדער מער פֿאַרקריפּלט מיט זײַנע ציוויליזאַציעס און קולטורן, וואָס צעשטערן זײַנע נאַטירליכע אייגנשאַפֿטן, זײַן פֿיזישן און פּסיכישן צושטאַנד, און טראָגן זײַן פֿאַרלענגערטער עקזיסטענץ איז ער אַ מאַרטירער פֿונעם כלומרשטן פּראָגרעס, מיט פֿיזישע און פּסיכישע אַנגסטן.

קיין שום באַשעפֿעניש האָט ניט צונויפֿגעשטעלט קיין אַטאָמישע מאַכערײַקע אומצוקומען מיט אַלץ אַרום. קיין שום באַשעפֿעניש פֿאַרסמט ניט די טײַכן און ימים, די אַטמאָספֿערע און וועלדער.

דער מאַרקסיזם איז ניט עפּעס אַנדערש ווי דאָס פּראָקלאַמירן אַז די מענטשהייט איז זינט תּמיד אײַנגעטיילט אין פּריווילעגירטע פּאַראַזיטן און שקלאַפֿן וואָס מען עקספּלואַטירט ווי די בהמות און מע לאָזט זיי געניסן פֿון דעם וואָס זיי פּראָדוצירן נאָר אַ מיני־טייל, קוים צו דערהאַלטן די כּוחות און מוזן זײַן פֿאַרנומען אַזוי פֿיל צײַט כּדי צו באַקומען דאָס ביסל בויטוועגדיקע, זיי זאָלן ניט האָבן קיין מעגליכקייט צו קומען צום שׂכל און קענען זיך רעוואָלטירן.

פֿאַרשטייט זיך אַז די וואָס ניצן זיי אויס און זעבען רײַך מיטן מערוועדט קענען זיך פֿאַרגינען אויפֿצוהאַלטן אַרמייען, פּאָליציי, תּפֿיסות, אָרגאַניזירטע רעליגיעס צי פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס מיט פֿאַרשיידענע שאַלעמויזן ווי ספּאָרט, עסטעטיק־קונסטן, ספּעקטאַקלען און דעמאַגאָגישע לאָזונגען וועגן זינד און

יענע-וועלטן, פֿאַר רעליגיעזע, און וועגן פּראָגרעס, ליבעראַליזם, דעמאָקראַטיע, כּלומרשטע רעוואָלוציע – פֿאַר די אַנדערע, צוגערײַשט מיט פּאַטריאָטיזם, שאָוויניזם, ראַסיזמען און נאָך אַזעלכע איזמען.

די דאָזיקע גוט-אָרגאַניזירטע פּריווילעגירטע קלאַסן פֿירן צווישן זיך קאָנקורענץ, זוכן עקספּאַנסיעס, פֿירן אַגרעסיווע מלחמות פֿון וועלכע ס'לײַדן די לעקישע מעדיאַ-מאַסעס, פֿאַרכּליניעטע מיט פּאַטריאָטיזמען, שאָוויניזמען אד״גל, וואָס ווערן באַלוינט מיט מעדאַלן, ס'רובֿ פּאָסט-מאָרטעם, מיט מאָנומענטן ווו זייערע נעמען זענען אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות – און אַזוי דויערט עס זינט אָן אַ שיעור דורות, תּמיד, אומעטום, אונטער פֿאַרשיידענע אַספּעקטן און מיט פֿאַרשיידענע פֿענער.

מע דערציט קינדער ווי מע כאָוועט הינער צו לייגן אייער, געענדז צו שטאָפּן און זיך צו פּאָסמאַקעווען מיט זייערע לעבערס, בהמות צו מעלקן און פֿירן אין די שעכטהײַזער. מע פֿאָרמירט צוקונפֿטיקע פֿאָרויס-באַשטימטע פֿונקציאָנאַרן מיט כּלומרשט פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, צו האָבן זעלנער, געגערעלער, קרעמער, באַנקירן, קינסטלער און, פֿאַרשטייט זיך, גאָטס סטראַפּטשעס וואָס זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט די נשמות. מיט די גופֿים פֿאַרנעמען זיך די פֿאַבריקן, און אַזוי פֿירט זיך עס כּסדר.

קומט דער מאַרקסיזם און ווײַזט ווי אַזוי ס'פֿירט זיך, און זאָגט אַז ס'קען זײַן אַנדערש. אַז אַלע מענטשן זענען גלײַך. ניטאָ קיין פּריווילעגירטע יחסנים. אַז דער פּלאַנעט איז גענוג גרויס און רײַך צו פֿאַרשאַפֿן אַלעמען אַ גילטיקע עקזיסטענץ. אַז מע פֿאַרתּכלעוועט אומזיסט און אומנישט מי און צײַט צו פֿאַבריצירן טויט-מכשירים און אַנדערע נאַרישע חפֿצים פֿאַר סנאָבן און משוגעים מיט פּערווערזע אַמביציעס. און אַז די גרויסע מערהייט פֿון די לעקישעוואַטע פּראָלעטאַריער וויל – קען תּיכּף זײַן אַנדערש.

נאָר גיי פֿאַרשטיי פֿאַר וואָס מוז אַ קאָמוניסטישע אימפּעריע פֿאַבריצירן וואָדקע, און אַנדערע לענדער וואָס האָבן ניט קיין ברויט פּראָדוצירן אָבער אָפּיום, כאַשיש, מאַריכואַנאַ מיט אַנדערע גיפֿטן.

די צרה איז נאָר גרעסער ווײַל, חוץ אַלעמען, זענען דאָס טאַקע די בהמות די, וואָס מיט כּלומרשט דעמאָקראַטישע וואַלן קלײַבן זיי אויס פּירערס — דווקא שוחטים. ס'איז טאַקע דעמאָקראַטיע. די מערהייט באַשליסט. אָבער אויב צווישן טויזנט באַשטימערס זענען פֿאַראַן אַ פּאָר וועלף און אַ סך שאָף, און די מערהייט שאָף טראַכט ניט פֿון ווערן באַפֿרײַט, נאָר פֿון ווערן וואָלף און בײַסן דעם גאָרגל פֿון זײַנס גלײַכן — איז דאָר ניטאָ מיט וועמען צו רעדן. משיח קען נאָר לאַנג וואַרטן מע זאָל אים רופֿן. ער איז לחלוטין אַ ניט-געבעטענער גאַסט. דאָס אַלץ האָט אַ שײַכות מיטן מאַרקסיזם, און ס'איבעריקע איז ליטעראַטור פֿאַר לײדיקגייערס און האָרשפּאַלטערס.

ווען דווקא מאַכן פֿון מאַרקסיזם אַ פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינע ווי אַן אַ-פּריאָרי אַנטיטעזע קעגן דואַליזם, ד"ה אַז דער קאָסמישער אַלץ באַשטייט פֿון צוויי עלעמענטן: עסענץ און סובסטאַנץ, ציגוטס און שלעכטס נוסח זאָראָאַסטער, איז אַן אַבסורד — דער מאַרקסיזם האָט ניט קיין שײַכות מיט אַסטראָפֿיזיק, למשל, אָדער אײַנשטײַנישע עקוואַציעס, קוואַנטאַ- צי פֿאָטאָן-פּראָבלעמען. ער קען נאָר באַווײַזן אַז וויסנשאַפֿט, רעליגיעס און פֿילאָזאָפֿיעס ווערן אויסגעניצט פֿון די קאַפּיטאַליסטישע יחסנים ווי מיטלען צו פֿאַרשלייערן זייערע פּריווילעגירטע קלאַסן-אינטערעסן און גלײַכצײַטיק אויסניצן עלעמענטן און לײַט אַרויסצובאַקומען גרעסערע פּראָפֿיטן און צו פֿאַרטשאַקען אַנדערע מיט אַנדערע פּראָבלעמען, כּדי זיי אַליין זאָלן ניט געשטערט ווערן אין זייערע ענינים. דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם קעגן דיאַלעקטישן אידעאַליזם — אויך דאָס איז ליטעראַטור פֿאַר ליידיק-גייערס און לײַכטע פּרנסה-זוכערס.

מע קען איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל זאָגן, אַז דער מענטש וועט (דערווײַל?) ניט דערגיין דעם מהות פֿונעם קאָסמישן אַלץ, וואָס איז וואָרשײַנליך אַן עלעמענט „לעבן", און אַלץ וואָס געשעט זינט תּמיד איז אַן אַספּעקט פֿון דאָזיקן לעבן. די באַוועגונג איין אַן

אַטאָם ווי דער אויפֿקום און אומקום פֿון גאַלאַקציעס און אפֿשר קאָסמאָסן, אומענדן, אייביקייטן און ווער ווייסט וואָס נאָך אַזוינס, איז פֿאַרן מענטש אומבאַגרײַפֿליך. דער מאַרקסיזם איז אַן אַלאַרם, אַ וואָרענונג מע זאָל זען ווי ס'האַלט מיטן כּלומרשטן האָמאָ-סאַפּיענס, און ער ווײַזט ווי אַזוי ס'קען אַנדערש זײַן.

בכן, קודם מאַכן אָרדענונג אויפֿן פּלאַנעט, לײַט זאָלן ניט פּגרן – דאָרט פֿון הונגער און דאָ פֿון זעט, און דערנאָך וועט מען זיך פֿאַרנעמען מיט עקוואַציעס, טעאָרעמען, קוואַנטאַס, פּאָטאָנען און אַנדערע שאַלעמויזן, און זוכן צו פֿאַרשטיין וואָס אַזוינס ס'איז דער מענטש, מיט אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות דערמיט.

~❀~

יונג צי אַלט,
הייס צי קאַלט –
טומלען, שטורעמס –
אין מײַנע אָרעמס!
אַזוי די וועלט מיר נאָר געפֿעלט.
נירוואַנע, סטאַטיש, אומבאַוועגליך –
קיין מאָל ניט!
פֿאַר מײַן געמיט
אַזוינס לחלוטין אומפֿאַרטרעגליך.
לעבן ממש –
נאָר דינאַמיש!

~❀~

וויסנשאַפֿט איז נאָר אַן אינסטרומענט, אַ ליכט וואָס פֿאַרלײַכטערט ס'זוכן ניט עפּעס אַ פֿאַרלוירנס, נאָר אַ ניי-נאָך-ניט-געפֿונענס. לאָגיק און מאַטעמאַטיק, מאָס-, צאָל- און וואָג-פֿאַרגלײַך, עקספּערימענט און אַנאַליז מיט סינטעז פֿון רעזולטאַטן – דאָס אַלץ האָט צו טון מיט דערקענטעניש, אַפֿילו ווען ס'איז אין שײַכות ניט נאָר מיט סובסטאַנצן, ענערגיעס צי

פּענאָמענען וואָס די חושים באַנעמען, נאָר אויך ווען ס׳קומט צו פּאָסטולאַטן, השערות, אינטויציעס אַפּילו, מאַטעמאַטיק און אַסטראָפיזיק, אַסטראָנאָמיע ווי נוקלעאַרע פאָרשונגען, פּסיכאָלאָגיע, פּאַטאָלאָגיע, פּאַלעאָנטאָלאָגיע, אַרכיטעקטור און בכלל אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט פּראַגמאַטישער עקזיסטענץ.

אָבער וויסנשאַפט קען זיך ניט פאַרגלייכן מיט פילאָזאָפיע. מאַטעמאַטיק קען זיין, איז וויסנשאַפט, אָבער איז ניט פילאָזאָפיע. פילאָזאָפיע – איז זוכן דעם פאַרוואָס און ניט דעם ווי אַזוי. סינטעטיזירן טעזעס און אַנטיטעזעס כּדי צו באַשטימען אַ גילטיקן לעבנס-שטייגער, פיזיש און פּסיכיש, האָט אַ שייכות מיט עטיק און עסטעטיק אַפּילו, כאָטש ניט אויפן זעלבן שטייגער ווי מאָראַל. פילאָזאָפיע קען זיך פאַרנעמען מיט טעיזם צי אַטעיזם. וויסנשאַפט מוז זיין נייטראַל צו ספּיריטועלע פּראָבלעמען. זי קען באַטראַכטן פילאָזאָפיע ווי אַ פּראָבלעם פאַר פיזיאָלאָגיע און זען פאַר וואָס און ווי אַזוי מע קען פילאָזאָפירן. אָבער מיט איר איז ווי מיט דעם, וואָס שאַפט אַן אויטאָמאָביל אָבער קען אים ניט פירן און ניט וויסן וווהין מע פאָרט. זי שאַפט דעם מעטער אָבער ניט דאָס וואָס ווערט געמאָסטן – אַפּילו ווען זי קען ענדערן דעם אינהאַלט און אַספּעקט פון עלעמענטן, סובסטאַנצן צי ענערגיעס פיזיש, כעמיש, עלעקטראָ-מאַגנעטיש צי אפשר נאָך אַנדערש. למשל: זי קען אַלץ טון מיט וואַסער, אָבער ניט וויסן פאַר וואָס איז פאַראַן וואַסער; מעסטן אַלע קאָסמישע פענאָמענען אָבער ניט דערגיין פאַר וואָס זענען פאַראַן גאַלאַקציעס, פּלאַנעטן, אַטאָמען און מענטשן וואָס טראַכטן פון דעם אַלעמען.

בכן, קענען ניט זיין קיין שטרענגע וויסנשאַפטליכע פילאָזאָפיע און ניט קיין שטרענגע פילאָזאָפישע וויסנשאַפט. וויסנשאַפט איז דער ראָבאָט; פילאָזאָפיע – דער שם-המפורש. אויב איינער פאַרלירט דעם צווייטן זענען ביידע געפערליכע קאַליקעס און מוזן זיין אַ געפאַר פאַר מענטש און וועלט. געאייניקט זענען זיי אַ גוטער זיווג לטובת אַלץ און אַלע. אַ באַוווּסטזיניקער מענטש מוז זיין דער האַר איבער ביידע.

מיט וויסנשאַפֿט אָן עטיק קאָלערט זיך סיזיפֿיש דער מענטשן-מין אין תּהום צום אונטערגאַנג. מיר זענען נאָענט צו דער קאַטאַסטראָפֿע. אפֿשר װעט געשען אַ נס און די מאָראַל, יחידיש און סאָציאַל, וועט צוריק אַרויפֿשטופּן די וויסנשאַפֿט אויף איר הייך, איר אָרט. כ׳זאָג אַ נס – ווײַל מיטן כּלומרשטן שׂכל און פֿאַרקריפּלטע השגות וועט מען גאָרניט אויפֿטון. פֿאַרקערט – מע דערנענטערט זיך צום סוף. און ווי אַ מאָל די אַנימיסטן פֿון די פּרימיטיווע האָמאָ-ערעקטוסן –אָן דעם „סאַפּיענס"– מוז מען זיך ווענדן צו אַבסטראַקטע צי ווירטועלע געטער, מיט תּפֿילות צו הימלען אָדער מעשׂים דאָ, צו די וואָס געוועלטיקן אויף דער ערד!

אפֿשר וועט זיך געפֿינען אַ טאַטער, אַ נעהאָרע-אָפּשפּרעכער, צי עפּעס אַ כּישוף-מאַכער וואָס זאָל ראַטעווען. זאָל זײַן וואָס, ווער ס׳וויל – אַבי אַ הילף!!!

בכן, איז וויסנשאַפֿט כּולו-פֿיזיק, קאָנקרעט, סובסטאַנציעל, אַפֿילו ווען ס׳האָט צו טון מיט מאַטעמאַטיק, פֿאָטאָנען, ענערגיעס און עסענצן וואָס מע קען מאַניפּולירן סכעמאַטיש, מיט טעאָריעס און עקוואַציעס צי טעאָרעמען. פֿילאָזאָפֿיע איז אָבער תּמיד אַבסטראַקט, אַפֿילו ווען זי נעמט פֿאַר בײַשפּילן מעטאַפֿאָרן מיט בילדליכע סימבאָלן.

קען זײַן, אפֿשר איז טאַקע אַזוי, אַז פֿיזיק און מעטאַפֿיזיק זענען צוויי זײַטן פֿון דער זעלבער מטבע. אָבער מיר זענען ניט מסוגל צו וויסן דעם וואָרן אויסזען גלײַכצײַטיק פֿון ביידע!

~❁~

**א**וי, טײַערער געבירטיק,
דו האָסט נאָר זען געקענט –
ווי פֿאַרגעפֿילט אַן אומגליק,
אַז אונדזער שטעטל ברענט.
ניין, ניט נאָר אונדזער שטעטל;
עס ברענט שוין דער פּלאַנעט,
און פֿון דער בײַאָספֿערע

אַש, שטויב באַלד בלײַבן וועט.
די פֿײַער-לעשערס קלוגע,
בײַם אַשמדאַי פֿאַרשקלאַפֿט,
אויך זיי, ווי אַלץ, משוגע –
זיי לעשן פֿלאַם מיט נאַפֿט.
דער מענטש שטייט אומבאַהאָלפֿן
און גלײַכגילטיק איז גאָט
ווען זײַן מעשה-בראשית
קומט אום מיט שאַנד און שפּאָט.

~❀~

אויפֿן בוידעם פֿון אַ טעאַטער ליגן אַזוי פֿיל קאָסטיומען, פּאַרוקן, מאַסקעס, דעקאָראַציעס און פֿאַרשיידענע אַלטע חפֿצים וואָס האָבן געדינט פֿאַר ספּעקטאַקלען און וואַרטן: אפֿשר וועט זיך עמיצער דערמאָנען אַז זיי זענען פֿאַראַן און זיי וועלן, באַנײַטע אפֿשר, אַרונטערקומען צוריק אויף דער בינע, וועקן בענקשאַפֿטן בײַ זקנים און דערשטוינען יונגע לײַט מיט ראָמאַנטיזמען.

ווער ווייסט צי ס'וועט אַזוינס ניט געשען מיט אונדזער ייִדיש – אוי, טײַער מאַמע-לשון מײַנס!

~❀~

„פּעגאַז, מײַן טונעיאַדעוודיקע שקאַפּע,
אַ ביסל הינקעדיק, מיט פֿליגל מיד –
לאָמיר צום פּאַרנאַס זיך טון אַ דראַפּע!
אַ מוזע דאָרט וועט אינספּירירן אונדז אַ ליד".

אָבער כ'זע: הירזשענדיק דאָס פֿערדל לאַכט,
און מיר באַשײַמפּערליך זיך דאַכט
אַז ס'טראַכט:

„סקאָצל קומט, נו, אין אַ מזלדיקער שעה,
דער מנגן איז שוין ווידער דאָ.
אָט גענומען אין די הענט אַ לירע
און אויף מײַן זאָטל זינגט ער שירה.

קומט אין עקסטאַז
אויף מיר, רעוומאַטישן פּעגאַז.
און אַזוי, מיט אַ געפֿליגלטן גאַלאָפּ,
די מוזעס דרייען דאָרט דעם קאָפּ
און ליריש האַקן אַלעמען אַ טשײַניק.
איז אין דער ייִדישער ליטעראַטור געלידלט ווייניק?
זעט ער ניט, דער חכם מײַנער,
אַז ס'זענען דאָ פּאָעטן מער ווי לייענער,
און זײַנע מײַסטערווערק באַדאַרף ניט קיינער?"

~※~

דער דור-הפֿלגה איז ניט טאָטאַל אומגעקומען מיטן מבול. די תּיבֿה האָט ווײַזט אויס געראַטעוועט עפּעס פֿון זיי. סדום איז ניט טאָטאַל אומגעקומען. עפּעס איז געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען. און די ביידע געמיינע עפּאָכע-מינים האָבן זיך אויף ס'נײַ געפֿרוכפּערט און געמערט, אַזוי אַז דער גאַנצער פּלאַנעט איז אַצינד פֿאַרסדומט און הפֿלגהדיק. שלעכטס און מיאוסקייט געוועלטיקט אומעטום. אַלע סאָציאַלע שיכטן, אַלע רעזשימען זענען פֿאַרפּעסטיקט, פֿאַרסידאַט צי סתּם ווילד משוגע. אַזוי איז געווען אַ מאָל און אַזוי איז איצט.

ניטאָ וואָס צו לערנען פֿונעם אַמאָל. די עטליכע גילטיקע רייד ווערן פֿאַרטויבט, פֿאַרגעסן, פֿאַרלוירן אין דעם הו-האַ פֿון אויסטערלישע טומלערײַען. און קיינעם ליגט ניט אין זינען אַז דאָס אַלץ איז געמיין און פֿירט צו פֿאַטאַלער קאַטאַסטראָפֿע.

די וועלט איז פֿול מיט וועלף און שאָף, און די שאָף פֿאַרלאַנגען איינס: באַקומען מאָרדעס מיט ציין כּדי צו קענען טון ווי די וועלף. בכן, נידער מיטן לערנען געשיכטע! ניטאָ וואָס צו לערנען, אויסער צרות און משוגעתן. דער סימבאָל פֿון לוטס ווײַב איז תּמיד אַקטועל. ווער עס קוקט הינטערווײַלעכץ פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ גרודע. אַנטלויפֿט – ווו די אויגן טראָגן! טאַקע שלעכט: ניטאָ וווהין צו לויפֿן. סדום איז אומעטום. איז טאַקע ביטער.

ליידער – אומעטום אַזוי פֿיל היפּאָקריזיע, שווינדל, פּערווערזיטעט, בלאָף, דעמאַגאָגיע, פּאַראַזיטיזם, שקלאַפֿערײַ, קאַסטע־יחסנות, קלאַסן־פּריווילעגיעס. פֿון איין זײַט פּגרט מען פֿון הונגער; פֿון דער צווייטער, פּגרט מען פֿון צו פֿיל זעט. און דאָס אַלץ פֿאַרשלייערט מיט אַזוי פֿיל רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס, כּלומרשטע מאָראַלן, אַ כּלומרשטע עסטעטיק, כּלומרשטע וויסנשאַפֿטן – און געפּריידיקט, און גערי־אַלעקטעוועט... אַזוי פֿיל ליטעראַטור!

פֿאַרשטייט זיך, אַז די וואָס געוועלטיקן אומעטום מיט שוואַרצע צי רויטע תּירוצים האָבן ניט קיין אינטערעס אָנצורופֿן פֿענאָמענען און באַגריפֿן, מעשׂים און מחשבֿות, מיט וואָרע נעמען, אָדער צו טײַטשן די נעמען מיט ערליכער סעמאַנטיק. פֿאַרקריפּלט מען רייד און טעקסטן מיט פֿאַרשלייערטע טערמינאָלאָגיעס, מע נאַרט זיך זעלבסט און יענעם, אַז ס׳עקלט מיט קולטור און ס׳איבלט מיט ציוויליזאַציעס.

לײַט טראַכטן פֿון קריכן אין די הימלישע ספֿערעס כּדי צו פֿאַרפּעסטיקן אפֿשר אַנדערע פּלאַנעטן, און מאַכן ניט דעם מינדסטן פּרווו צו רייניקן זייער ערדישע היים. וואָס קען זײַן פּשוטער, לאָגישער ווי מאַכן אָרדענונג אין אַלע הינזיכטן מיט אייגענער עקזיסטענץ און מיט באַציִונגען צו אַלץ אַרום זיך? מע ווייסט ווי אַזוי גילטיק צו אָטעמען, זיך צו נערן, ווי אַזוי אויסמײַדן זיך צו פֿאַרגיפֿטן פֿיזיש און פּסיכיש. מע זוכט תּירוצים צו קענען פּאַראַזיטעווען אויפֿן שכנס חשבון. שקלאַפֿערײַ מיט נײַע נעמען גילט אומעטום. מע פֿאַרתּכלעוועט מי און עלעמענטן צו פֿאַבריצירן טויט־מכשירים, און מע רייצט לײַט זיי זאָלן זיי טאַקע ניצן. מע פֿאַבריצירט וואָדקע און אַנדערע אַלקאָהאָלן וואָס פֿאַרסמען, טאַבאַק וואָס איז גורם קאַנסער, און מע פֿלאַנצט –אַנשטאָט תּבֿואה זיך צו נערן– גיפֿטן, דראָגן וואָס זענען גורם קריפּלען, משוגעת און דער שוואַרץ יאָר ווייסט וואָס.

און לײַט באַמקען צו: !.O. K ס׳אַ מחיה! הוראַ, דעמאָקראַטיע! וויוואַט, פּראָגרעס! זאָל לעבן באַציאָנאַל־סאָציאַליזם! ביער זשיִע!

בראַוואָ! זיג-הייל, ליבעראַליזם!...

דאָס אַלץ ווערט באַרעכטיקט מיט טעזעס, טעאָריעס, סענטענצן, קרעדאָס, דאָגמעס, ראַציאָנעל, אַקסיאָמאַטיש, און אָנגעווענדט מיט געזעץ, מיט „רעכט" און „יושר" – אַלץ צוגעשווירן. איין האָבט אויפֿן ספֿר, די צווייטע – אויפֿן הארץ. ווער ס'פֿאָלגט ניט איז אַן אַפּיקורס, אַ רענעגאַט, אַ רעוואָלוציאָנער, אַ טראָצקיסט, אַן אַנאַרכיסט צי אַ פּסיכאָפּאַט.

טויג זיך עמיץ אויס אין ביזנעס, אין בלאָף, אין קאָמפּעטיציעס, אין רציחות אד"גל – איז ער אַ העלד און ס'קומט אים אָוואַציעס, טיטלען, ווילטאָג בײַם לעבן און אַ געבלימטע לוויה נאָכן טויט.

די וואָס זענען מיד און מאַט, פּריטשמעליעט, צעחושט פֿון האָרעווען אָדער פֿון זוכן אַרבעט –ווײַל פּראָספּעריטי איז פֿאַר אַ סך סינאָנים פֿון ליידיקע טעפּ, הונגעריקע קינדער און קאַלטע בוידעם-היימען– האָבן ניט קיין כּוחות, קיין מוט, קיין באַגער זיך צו רעוואָלטירן. ווײַל אומעטום, אונטער אַלע רעזשימען, איז פּראָטעסט און רעוואָלט אַ זינדיקע געמיינקייט, און דאָס היילט מען מיט טרערן-באָמבעס, שטעקנס און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן.

איבעריקנס – די אַלע שלימזלדיקע הולטײַעס וואָס טויגן זיך ניט אויס זענען ווי די בהמות וואָס פֿאַרלאָזן זיך אויף די שוחטים, ווי די הינער וואָס ווילן דווקא פֿוקסן זאָלן זיי לערנען שׂכל. אַזוי פּרעדיקט מען מיט פֿרומע דרשות: איז דען פֿאַר זיי ניט גרייט אַ גן-עדן אויף יענע-וועלטן? ווי שטייט עס אין די עוואַנגעליעס – פּונקט ווי אַ קעמל וועט ניט אַדורך דורך אַ נאָדללאָך, וועט אַן עושר ניט אַרײַן אין גן-עדן. ווער-זשע וויל עס זײַן ווי אַ קעמל נעבעך?

וואָס טוט מען? ווו אַנטלויפֿט מען? ווי לאַנג קען נאָך דאָס אַלץ דויערן? אפֿשר וועט געשען אַ נס און אַ יוגנט וועט זיך באַזיבען און אַנטלויפֿן אין קיבוצים?

געשוויגן
מיט אַ ניגון;
מיט אויג געשלאָסן
פֿון זון געגאָסן;
אויף יעדן חוש
געפֿילט אַ לעבנס־קוש.
אַזוי נאָר דאַנק
אַן אומבאַגרײַפֿטן גאָט
וואָס מיט ליבשאַפֿט זיכער האָט
דײַן עקזיסטענץ געגעבן דיר ווי אַ געשאַנק.

≈❀≈

ווי אַזוי געפֿינט מען תּמיד לאַטײַנישע טערמינאָלאָגיעס פֿאַר אַלץ וואָס איז בכלל, אָדער כמעט, און בפֿרט פֿאַר אַלע מינים פֿלאַנצן, באַשעפֿענישן און לאַבאָראַטאָרישע עקספּערי־מענטן, מיט די פֿיזישע, כעמישע און עלעקטראָמאַגנעטישע צי נוקלעאַרע מאַניפּולאַציעס צי דערפֿינדענישן? פֿאַר וואָס מוז עס זײַן דווקא אין לאַטײַניש? זעגען דען די רוימער געווען אַזוי סובטעל, פּרעציז, קאָנציז, דערפֿינדעריש, אַז זייער לשון, צוזאַמען מיט גריכיש, איז גרייט אַלץ צו באַטיטלען מיט אַ נאָמען?
אינטערעסאַנט צו וויסן ווי אַזוי דאָס געשעט.

≈❀≈

טעקסט אָן תּוך –
איז אַ בייגל
בלויז מיט לאָך.
טעקסט מיט זין –
איז אַ בייגל מיט עפּעס
אויך אין לאָך דערין.

≈❀≈

– **א**יך בין אַן אַטעיִסט וויסנדיק, אַז גאָט שטראָפֿט דערפֿאַר.
– גרויס איז מען נאָר, ווען מע האַלט זיך קליין.
– קליין איז מען מיטן זיך גרויסהאַלטן.
– ווי גרויס מע זאָל ניט זײַן, איז מען תּמיד קלענער פֿון עפּעס צי עמיצן.

~❀~

– **א**ין אַרגענטינע זאָגט מען: ווער ס'האָט די מאה, האָט די „דאַיע". אין ישׂראל אָבער: ווער ס'האָט די פּאה, האָט די דעה.
– אַ גרויסע נשמה געפֿינט זיך באַקוועם אפֿילו אין אַ קליינעם גוף.
– גוט איז, וואָס דער פּלאַנעט איז ספֿעריש. אַזוי קען מען זײַן תּמיד אין וועג און ניט מוזן אָנקומען צו אַן אָרט מיט אַ „ווײַטער ניט!"

~❀~

**אָ**פֿט גיי איך אַרויס פֿון דער הנחה,
אָבער כ'קום תּמיד צוריק אַרײַן.
סבֿרות און השערות, מיין –
זענען פֿאַר השׂגות אָן הצלחה.
האָט עפּעס אַ זין
דאָס קאַטעכיזמען אַ דאָקטרין,
אָדער האָבן צוטרוי אַקוראַט
צו די זיכערסטע אַקסיאָמען
באַשר: פֿון אַ גרויסן באָמען –
און ס'איז קוים אַ פּאָסטולאַט?
ניט דווקא סקעפּטיש, אָבער דאָך:
תּמיד אַכטונג טון דאָגמאַטיש,
ניט לאָזן ס'טייג פֿון בייגל דיפּלאָמאַטיש
און בלײַבן אַ געגנאַרטער מיטן לאָך.

~❀~

אַלע אונדזערע חושים, אינסטינקטן און אינטויִציעס זענען ביט מסוגל צו זען, הערן, פּילן, באַגרײַפֿן, דערקענען דעם אוניווערסאַלן אַלץ. אַלע וויסנשאַפֿטן, לערעס, רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס — זענען נאָר עפּיזאָדן. אַפֿילו אונדזערע אייביקייטן און אומענדן זענען עפּעמעריש, געפֿינען זיך תּמיד אין עפּעס גרעסערס, דויערן מיט אַן אָנהייב און ממילא מיט אַ סוף. און דער מענטש וועט תּמיד טראַכטן פֿון אַ „יענער זײַט", פֿון אַ פֿריִער און אַ שפּעטער.

וואָס-זשע טון? האָבן צוטרוי צום באַשאַף און ביט שטערן די עוואָלוציע, לויט אַ וואָרשײַנליך באַגערטן און באַשטימטן פּלאַן. ווי האָט געזאָגט וואָלטער? אויב די וועלט איז ווי אַ זייגער, מוז זײַן אַ זייגערמאַכער. דאָס רעוואָלטירן זיך קען נאָר גורם זײַן אַנגסט, פּײַן און אַנטוישונג. אַזוי ווערן געשטראָפֿט אַפּיקורסים, רחמנא-לצלן.

זײַן נאַטירליך, גוט, ערליך, אויפֿריכטיק; אָפּדויערן דעם צוגעטיילטן סכום עקזיסטענץ און אײַנשלאָפֿן פֿאַר אפֿשר אַנדערע חלומות ווי אונדזערעווירקליכקייטן, אָבער אפֿשר גאָר שענערע. אַ ברירה האָט מען?

~❀~

קום, מאַמע, מיט דײַן ליבן קול
און מיט דײַן צאַרטן ניגון,
קום, מיך, ווי אַ קינד אַ מאָל,
אַ זקן אײַנצוּוויגן.
כ'וויים, ביטאָ מער ס'וויגעלע,
ביטאָ מער ס'גאָלדענע ציגעלע
מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען.
דאָך, כאָטש אַלט און מיד,
דאָס ליוליען פֿון דײַן ליד
אוי, ווי גוט ס'געדענקט זיך!
און איצט, סוף-כּל-סוף,
אַזוי צום לעצטן שלאָף

בענקט זיך, אוי, ווי בענקט זיך –
זיך צ׳ריק אין קינד פֿאַרוואַנדלען...
כ׳ווייס, כ׳ווייס, ס׳איז מײַן באַגער
אַ נאַרישקייט ניט מער.
וואָס פֿײַכטסטו אויגן, טרער?

~❀~

כ׳ווייס, כ׳ווייס אַז אַלץ וואָס כ׳וועל זאָגן, שרײַבן און פֿאַרעפֿנטליכן, וועט זײַן אַרויסגעוואָרפֿענע מי. קיינער וועט ניט טון דעם מינדסטן עפּעס כּדי צו ענדערן וואָס ס׳זאָל ניט זײַן אינעם איצטיקן לעבנס-שטייגער פֿון לײַט. כ׳זע עס דיסקוטירנדיק מיט אייגענע אַפֿילו, און טרעף אָן אויף אַ ווידערשטאַנד. די הײַנטיקע רעזשימען אין אַלע הינזיכטן שטעלן זיי צופֿרידן. און ס׳דאָזיקע – בײַ אַלע קלאַסן: קאַפּיטאַליסטן, האָרעפּאַשניקעס צי סתּם לײַט ניט אַהין, ניט אַהער. אַ באַווײַז – זעט די וואַלן, ווער ס׳איז די מערהייט אין די פּאַרלאַמענטן. פֿאַרשטייט זיך אַז כ׳רעד ניט פֿון דיקטאַטאָרישע רעזשימען, ווו ס׳איז געפֿערליך צו האָבן פֿאַרשיידענע מיינונגען...

לײַט זענען ווי די חזירים אין רינשטאָקן. קלענערע, גרעסערע – אַבי געווייקט זיך אין קויט. רעליגיעז, וועלטליך, מעדיאַ-מאַסיש צי אינטעלעקטועל – מ׳איז צופֿרידן.

בכן וועל איך אָנגיין פֿאַר אַ לעקישעוואַטן בטלן וואָס רעדט צו דער וואַנט און פּריידיקט ניט-געשטויגענע, ניט-געפֿלויגענע אוטאָפּיעס.

מילא, פֿאַרפֿאַלן. דאַרף מען ניט. איך וועל דאָך טון ס׳מײַניקע און פּרוּוון איבערצײַגן כ׳ווייס אַליין ניט וועמען. כּמעט אַ יאָרהונדערט געמיט זיך דאָס צו באַווײַזן, אָן קיינעמס הילף. בײַ דער שוועל פֿון יענער וועלט וועט מיר קיינער ניט קענען פֿאָרוואַרפֿן אַז כ׳האָב עס געטון צוליב קאַריערעס, אינטערעסן צי רום. כ׳וואָלט עס גערן געטון אָן אַ נאָמען פֿון אַ מחבר, אָבער מיר דאַכט זיך אַז ס׳איז בעסער ס׳זאָל יאָ זײַן מיט אַ נאָמען, ווען ניט וואָלט מען געקענט

מיינען אַז עמיץ טוט דאָס צוליב אינטערעסן, ווי ס׳טוען עס די אַמעריקאַנער פּריידיקער און ס׳רובֿ —...

באַר געבוג זיך געטשעפּעט מיט עמיצן! העלף מיר, גאָטעניו, כ׳זאָל ניט בלייַבן אין וועג!

≈❀≈

ערד – טויט, געפֿרוירן,
מיט שניי אַלץ באַדעקט.
לייַט, דאָך זיך ניט שרעקט;
ניט אַלץ איז פֿאַרלוירן.
טיף אונטער דעם אַלעמען
דרימלט אַ זוים,
און ווייסט אַז מקוים
מוז ווערן זייַן טרוים.
פֿאַרשווינדן וועט שניי,
דאָס אײַז וועט צעגיין;
ס׳וועט קומען אַ מייַ
און זומער וועט זייַן.
אין בלום צי אין בוים
ער שפּראָצט און דערשייַנט;
אויף פֿעלד צי אויף בייט –
צעבליט זיך באַהנט;
איז רייַף ווערן גרייט
מיט פּירות און זוים.
ייִדן טייַערע, ביטחון!
ניט דערשלאָגן, ניט געבראָכן.
איר וועט זען אַ מאָל דעם חידוש:
אונדזער מאַמע-לשון ייִדיש
וועט מיט ליבשאַפֿט, פֿרייד און שבֿח
ווידער ווערן ייִדנס שפּראַך.

≈❀≈

וי לאַנג דען? דאַכט זיך כ'הער נאָך
דער מאַמעס וויגלידס ניגון –
אַן אל-מלא-רחמים
אַט וועט מיך באַלד פֿאַרוויגן.

אַ האַנט וועט שליסן ד'אויגן
און אַלץ וועט פֿאַרשווינדן.
כ'וועל ליגן אויסגעצויגן –
צו קאָפּנס ליכט געצונדן.

און ווי מיט אַלע בר-מיננען –
אַוועקגענומען באַלד פֿון דאַנען,
באַגראָבן און „ביטאָ שוין מער“,
אויסער, אפֿשר, עמיץ-ווער
זאָל זיך מיט אַ זיפֿץ צי טרער
אַז כ'בין אַ מאָל געווען, דערמאַנען.

~❀~

למנצח – אַ געזאַנג דיר, יִדיש מאַמע-לשון מײַנס! ניט קיין קדיש, קיין אל-מלא-רחמים, קיין איכה, קיין על-נהרות-בבֿל, קיין איובֿ, קיין קוהלת – אַ שיר-השירים דיר, מײַן טײַער יִדיש, די שענסטע שפּראַך פֿון אַלע לשונות, דיאַלעקטן, אידיאָמען פֿון דער וועלט!

העברעיִש פֿאַרן תּנך, גריכיש פֿאַרן העלעניזם, אַראַביש פֿאַרן איסלאַם, לאַטיין פֿאַרן קריסטנטום – יִדיש וועט זיי אַלע איבער-שטײַגן, ווען אַ מאָל זײַן אַן אוניווערסאַלע שפּראַך, און לײַט וועלן זײַן שטאָלץ צו קענען לערנען און פֿאַרשטיין די ביזאַנסירטע שיינקייט פֿון איר!... יִדישע יִדישקייט קומט אום? אַ טעות; נאַרישע יִדן גייען לאיבוד, ווערן פֿאַרלוירן ווי פֿוילע בלעטער, דאַרע צווײַגן, ווערעמדיקע פּירות אָן גילטיקע זוימען. זיי פֿאַלן אָפּ אַליין פֿון בוים. אַפֿילו ווען געקענט וואָלט מען ניט געדאַרפֿט דווקא זיי צוריק צואייגענען צום שטאַם, נאָר זיך אָפּטרייסלען פֿון זיי. קליין אונדזער גאָרטן? אָבער נאָר מיט שיינעביימער, רויזן, אויב מיט דערנער אַפֿילו. קום, שטורעמווינט, באַפֿרײַ פֿון דעם וואָס קען

ווערן האָלץ צי שטויב, און טראָג עס מיט זייער באַגער זיך צוצו־אייגענען צו פֿרעמדע שטאַמען, אין פֿרעמדע גערטנער, וועלדער צי סעדער, וואָס וועלן זיי תּמיד אָפּוואַרפֿן ווי פֿרעמדס. און דו, גערטנער, טו אַכטונג אויף דײַנע אייגענע, פֿלעג זיי, שניץ אַרום עסטעטיש, רייניק פֿון די פּאַראַזיטן, ליאַנעס, מאָך און שוואָמענקויט.

~❀~

**ע**קזיסטענץ איז נאָר אַזוי געמיינט:
לעבן הײַנט.
איז – מיט אַ גוטן אופֿן צי אַ שלעכטן –
פֿאַרוואַנדלען יעדן מאָרגן אין אַ נעכטן!

~❀~

**ג**אָט איז –נוסח פּאַנטעיִזם– וועלט?

איז גאָט עפּעס דרויסנדיקס און שאַפֿט וועלטן ווי אַ מײַסטער שאַפֿט ווערק? ווער־זשע שאַפֿט געטער?

זאָל קענען זײַן אַ סופּראַ־עלעמענט לעבן, וואָס זאָל זיך מאַניפֿעסטירן אין מײַסטערישע געטער אָדער געטליכעווירטואָזן וואָס זענען מסוגל צו שאַפֿן ווערק?

ווי אַזוי זאָלן ווערק קענען זיך ווענדן צו זייער מײַסטער, קריטיקירן זייער שעפֿער און ביז זײַן צופֿרידן מיט זייערע אַספּעקטן, זייער תּמצית, זייער דויער? וועלן דווקא וויסן דעם מאי־קאָ־משמע־לן פֿון דעם אַלעמען?

ווער רייצט זיך מיטן מענטש?

~❀~

**נ**יט אמת וואָס ס'שטייט געשריבן אין חומש. קיינער האָט דעם מענטש ניט פֿאַרטריבן פֿון גן־עדן. ער איז אַליין פֿון אים אַנטלאָפֿן, שלעכט פֿאַרדײַענדיק די פֿרוכט פֿון עץ־הדעת.

נײַגעריק צו וויסן וואָס ס'טוט זיך אין דרויסן, ערגעץ אַנדערש, איז ער אַרויס מיט זײַן נאַרישער באַגלייטערין, און אָדער פֿאַרלאָרן

דעם שליסל, אָדער פֿאַרגעסן דעם וועג – ניט געווען קיין שאַסייען מיט שילדלער.

זענען ביידע ניט צופֿרידן. דער מענטש זוכט צוריק זײַן גן-עדן און דער גן-עדן בענקט נאָך זײַן מענטש, ווי עפּעס, ס׳שענסטע פֿון זײַן גאָרטן.

און גאָט וואָס טוט? ער טראַכט וואָרשײַנליך: שלאָג דיר קאָפּ אין וואַנט, נאַריש באַשעפֿעניש! ניט געקענט געניסן פֿון אַ גוטער עקזיסטענץ, און אַזוי ביז הײַנט...

וואָס קריכן לײַט אין סטעלאַרע ספֿערעס, בשעת מ׳האָט אַ פּלאַנעט אַ גן-עדן? אָבער – נײַגער און שלאַנגען פֿאַרפֿירן לײַט.

~❀~

כּלבים – בילט, בילט, בילט!
האַווקען הײַנט נאָך גילט!
שטשירעט, ווילדע האָרדעס,
ציין און בייזע מאָרדעס,
גרייט צו בײַסן,
מאָרדן, רײַסן
לעבעדיקע שטיקער.
ווײַל, ווי לײַט ציוויליזירטע ווייסן,
איז פֿאַר רעליגיעס, פֿילאָזאָפֿיעס און קולטורן
נאָך איינס דער עיקר!
אָן דעמאַגאָגיעס, קראַפּט,
בײַ פֿאַנאַטיזם פֿאַרשקלאַפּט,
אָן טיראַניעס, אָן טעראָר, טאָרטורן –
האָט עקזיסטענץ בײַם האָמאָ-סאַפּיענס ניט קיין האַפּט!

~❀~

כ׳קען בשום אופֿן ניט תּופֿס זײַן צו זען ווי אַזוי פֿיל מיליאַרדן לײַט –כּלומרשטע האָמאָ-סאַפּיענסן– זאָלן זײַן אַזוי גענאַרט, געבלאָפֿט, באַשווינדלט, געפֿירט בײַ די נעז ווי בהמות

וואָס מע מעלקט, מע שינדט לעבעדיקערהייט און מע פֿירט אין שעכטהויז. ווי אַזוי קענען געלינגען אַזוי פֿיל שקר-רעזשימען, בלאָף-פֿילאָזאָפֿיעס, פֿיקציע-טעאָריעס, מיראַזש-רעליגיעס, היפּאָקריטישע דאָקטרינעס – און ווער קען אויסרעכענען דאָס אַלץ וואָס צעדרייט, פֿאַרקריפּלט, סמט, פּריטשמעליעט, כּישופֿט, היפּנאָטיזירט און פֿאַרטשאַקעט לײַט? מנחם-מענדליזם, דאָן-קיכאָטיזם, פֿאַנאַטיזמען, אילוזיעס, אַנטוישונגען, אַנגסט, נויט, האַס, פּאַראַזיטיזם, וואַמפּיריזם; קאַטאַסטראָפֿעס מיט פּער-ווערזע דעמאַגאָגישע פֿירערס, טרייסטערס וואָס פֿירן צו אומקום און טרייסטן מיט חלשות, פֿאַרקריפּלען פֿיזיש און פּסיכיש אַ וועלט.

און אַ כּלומרשטער גאָט זעט דאָס אַלץ, קוקט גלײַכגילטיק ווי מע צעשטערט די בעסטע אויף דער שענסטער פּלאַנעט, און – גאָרניט.

זאָל דער שכל-הישר זיך ניט קענען מאַניפֿעסטירן, נעמען די אייבערהאַנט איבער אַזוי פֿיל לעקישעוואַטע אידיאָטיזמען? הפֿקר אַ וועלט און ניטאָ ווו צו אַנטלויפֿן!

~❁~

אַנטאַגאָניסט אין ווידערשטאַנד,
קעמפֿעריש מיט וואָרט און טאַט –
אָבער קיין מאָל ניט קיין רענעגאַט,
ניט געלעסטערט וואָר מיט שאַנד.

פֿאַר אַ באַגרײַפֿטן אידעאַל,
קיין מאָל די מינדסטע קאָמפּראָמיסן,
קלאָר תּמיד זײַן זאָל דאָס געוויסן
און דײַן ערליכקייט – טאָטאַל.

~❁~

משיחן קען מען ניט צווינגען צו קומען. קיין שום כּוח איז ניט מסוגל אים צו ברענגען מיט געוואַלד, לויט באַגערן, באַפֿעלן צי פֿאָדערונגען. משיח קען נאָר קומען דורך מי, שכל, געדולד, ערליכקייט און באַוווּסטזיניקן גוטן ווילן.

רײַפֿן פּירות מיט קינסטליכע מעטאָדעס צעשטערט זייער באַטירליכן טעם. פֿרײַהייט, גלײַכהייט, ברידערשאַפֿט מוזן רײַפֿן באַטירליך. ס׳דויערט לאַנג? אַ כירורג קען אַ מאָל ראַטעווען? דיקטאַטור איז אַ האָמעאָפּאַטישע רפֿואה? סאָציאַל-דעמאָקראַטיע איז אַלאָפּאַטיש? מע מוז אַלץ פּרוּוון צו ראַטעווען אַ קראַנקן, און אונדזער כּלומרשט ציוויליזירטע „מענטשהייט" איז כראָניש קראַנק זיבעצן טויזנטער דורות?

זעט וואָס ס׳טוט זיך מיטן קריסטליכן משיח, וואָס איז געקומען איידער לײַט זענען מסוגל געווען אים אויפֿצונעמען!

≈❁≈

אַז כ׳זאָג: ביט מעגליך אַלץ צו וויסן זיכער – איז דאָס וואָס כ׳זאָג זיכער צי ביט?

טאַקע ווי דעקאַרטס: כ׳קען צווייפֿלען אין אַלץ, אויסער אינעם צווייפֿלען.

≈❁≈

דער עפּיטעט
פּאָעט
גראַמט זעלטן זיך מיט אַ באַנקעט;
גיכער אָפּט
מיט רעפּטל ברויט געהאָפּט.
ערשט ווער רעדט
פֿון זעט!
אַ רעפּטל ברויט –
אַ טרייסט אין נויט.
אפֿשר דאָך אַ מאָל דערינען
זיך אַ ראָזשינקע געפֿינען,
כאָטש אַ געטרוימטע, ווערט!

≈❁≈

כאָאָס – סינאָנים פֿון אַנאַרכיע. דאָס וואָרט אַנאַרכיע קומט פֿון גריכיש און עס מיינט: ניט רעגירט. הייסט עס אַז כאָאָס איז תּמיד דאָ ווו ס'הערשט ניט דער שׂכל הישר מיט אָרדענונג, פּלאַן, סיסטעם, ציל. קומען פּיפּיקע האָרשפּאַלטערס און טײַטשן שׂכל-הישר, צי סתּם שׂכל, לויט פֿאַרשיידענע קריטעריעס. ווערן פּיקאַסאָס פּאָרטרעטן – קונסט; לעטריזם – פּאָעזיע, און קאַקאָ-פֿאָניע – מוזיק. בכן איז לאָגיק – קריפּל-השׂגה; מאַטעמאַטיק – פּראָבאַביליטעט און ערליכקייט – אַ מאַפּיאָזע דאָקטרינע.

זאָל דאָס זײַן דער רעזולטאַט פֿון טויזנטער יאָרן ציוויליזאַציעס, רעליגיעס, קולטורן?

~❀~

די זעלבע געזעצן וואָס גילטן אין פֿיזיק מוזן וואָרשײַנליך גילטן אין פּסיכיק (אפֿשר איז פֿיזיק אַ פּסיכישער עלעמענט, און פּסיכיק – אַ פֿיזישער? ווו איז די גרענעץ צווישן זיי?), ד"ה אין אַבסטראַקטן ווי אין קאָנקרעטן. דער קוואַנטאַ-סיסטעם קען ווערן אָנגעווענדט אין אַבסטראַקטן , מיטן פּראָבאַביליטעט-רעזשים פֿון אומגעריכטע פֿענאָמענען, ריכטונגען און רעזולטאַטן. ס'זאָל ניט זײַן קיין מעגליכע קאָנטינויִרטקייטן, פּערמאַנענטער דויער, נאָר קוואַנטאַ-פֿענאָמענען, וואָס מע קען ניט פֿאָרויסזען!... אין אַלץ וואָס איז – גילט נאָר אַ פּראָבאַביליטעט מיט אומגעריכטע רעזולטאַטן! אַלץ קען זײַן ווי אפֿשר נאָר סטאַטיסטיש זיכער, לויט מאַטעמאַטישע השערות.

אַזוי גוט ווי ס'געשעט מיט אַ פֿאָטאָן, אַן עלעקטראָן אין אַטאָם, אין ענערגיע – קען געשען, געשעט, אין פּסיכיזם מיט אומגעריכטע רעאַקציעס. ערשט, חוץ דעם אַלעמען – ווי אַזוי ניט טראַכטן אַז אויב דער פּראָבאַביליטעט-סיסטעם גילט אין אַטאָם, טאָ פֿאַר וואָס ניט אַזוי אין קאָסמאָסן? ווי זשע איז מעגליך אַ דעטערמיניזם? דעריבער אפֿשר קאַטאַסטראָפֿעס, קאַליקעס און גאונים?

~❀~

באריש שאף –
אנטלויפט מיט אימה!
אז דיך כ׳פרעס
איז עס ניט פאר דיר א נס?
געווען א פשוטע בהמה...
און פארדיינט, סוף־כל־סוף,
ווערסט עפעס אין א וואלף, א שטאלצע חיה.
איז עס לוין צו שטראף,
צו ווערן א באשעפעניש א נייע,
וואס קען ניט שוחט, מעלקן, זיין מיט שאנד געשענדט
און צום סוף – ווי א קאטלעט פארלענדט?

~❀~

א שטויבעלע, א פוכעלע אן ווידערשטאנד און ווילן – טראגן שטורעם צו זעפיר ווי זיי זיך גלוסט צו בלאזט. א פיצל פעלדז צי שטיין איז סטאטיש, ווי געפאנגען, קען ניט בייטן ס׳ארט ווו ס׳איז באשאפן צו געפאלן. א פלאנץ קען זיך באוועגן, קעמפן מיטן ווינט, אבער מוז זיין איינגעווארצלט אין דער ערד ווי א געבונדענער; דאך קען עס שיקן זוימען, פארטרויען א פלאטערל צי א בין פאלען־סעקס צו קענען זיך פרוכפערן און מערן און פארנעמען תמיד נייע ערטער. א באשעפעניש קען שוין בייטן ארט, גיין, לויפן, פליען, קריכן, שווימען, זוכן ס׳ארט אפילו פון א צווייטן. דער מענטש –צייטווייליקער סומום אינעם באשאף– קען מיטן דמיון, ווילן און מעכאנישע מכשירים ניט נאר שוועבן אזוי הויך און גיך ווי אים גלוסט זיך, נאר ער קען זיך אויך באפרייען פון אלע פלאנעטארע ספערעס און זוכן יענע זייטן פון דעם וואס ער זעט, פילט צי באגרייפט.

און וואס וועט זיין מיטן נאכן־מענטש?

~❀~

אַזוי ווי ס׳זענען פֿאַראַן באַשטימטע געזעצן אין מאַטעמאַטיק ווי אין לאָגיק (פֿאַראַן שוין, ליידער, אַ מאָדערנע לאָגיק...), פֿאַר וואָס זאָלן ניט קענען זײַן אַבסאָלוטע קריטעריעס אין ערליכקייט, יושר, רעכט, פֿרײַהייט, אויפֿריכטיקייט, אמת-שקר, און נאָך פרינציפן פֿון דעם מין? פֿאַר וואָס זאָלן נאָר גילטן אינטערפרעטאַציעס און מע זאָל דאַרפֿן אָנקומען צו באַווײַזן, אַרגומענטן? פֿאַר וואָס זאָל מען קענען צווייפלען אין דער גילטיקער סעמאַנטיק פֿונעם וואָרט?

ווי לאַנג לײַט וועלן ניט קומען צום אויספֿיר אַז ס׳מוז זײַן אַן איינהייטליכער טײַטש פֿאַר די טערמינאָלאָגיעס, אָן מעגליכע פשרות און קאָמפּראָמיסן, וועלן אַלע טעאָריעס, רעליגיעס, דאָקטרינעס און רעזשימען זײַן געפֿעלשט און דעמאַגאָגיש אָנגעווענדט, ס׳רובֿ טענדענציעז, מיט עווענטועלע השגות אין אַלע הינזיכטן, אָבליגאַטאָריש פֿאַרקריפלט מיט צי איבער אינטערעסן אָדער היפאָקריזיע.

פריידיקן מיט אַ זאַטן פיסק וועגן עפּעס וואָס האָט אַ שײַכות מיט הונגעריקע, און די הונגעריקע אַליין, וואָס טרוימען פֿון אַ זעלטן רעפֿטל ברויט – קען ניט זײַן דאָס זעלבע! דעריבער מוז מען, איידער וואָס און ווען, קומען צו אַ הסכם וועגן ריכטיקן טײַטש פֿון אַלע טערמינאָלאָגיעס. און אויב מ׳איז אײַנשטימיק מיט די רייד און מע וויל זיי פֿאַרוואַנדלען אין מעשים, דאַרף מען קודם מאַכן אַ גילטיקע אָרדענונג מיטן עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, און ערשט דערנאָך זיך פֿאַרנעמען מיט אַסטראָפֿיזיק, רעלאַטיוויטעט-טעאָריעס צי פֿאַנטעזיזם.

פֿאַרשטייט זיך אַז דאָס אַלץ איז גילטיק פֿאַרן מענטשן-מין. פֿאַר אַנדערע באַשעפֿענישן קען מען דאָך אָנווענדן סיסטעמען אָן אומניצלעכער ברוטאַליטעט, אויסמײַדנדיק יעדע אומנייטיקע צעשטערונג, געיעגן, אָקסנקאַמפֿן אד״גל.

פֿאַר אינזיכיסטן,
דאַדאַ-איסטן,
סתּם לעטריסטן,
אונטער-, איבער-, אויסער- צי נעאָ-רעאַליסטן
און אפֿשר אַנדערע נאָך איסטן,
צו שאַפֿן אַ פּאָעמע –
ניטאָ קיין שום דילעמע:
גענומען דיסיונקטיוון
מיט טײַטש – אַלטערנאַטיוון,
אינטראָספּעקטיוון,
טראָגלאָדיטן-אידעאַלן:
„אַז וואָס מער צעדרייט,
אַלץ מער טיפֿזיניקער באַדײַט",
אַבי נאָך ווערטיקאַלן,
איינס אויפֿן אַנדערן פּאָנעמען,
אַקראָבאַטיש און מיט פּינטעלעך אַ סך...
סאַלוואַדאָר-דאַליש, טריסטאַן-טצאַריש טיף,
יעדעס וואָרט אַ היעראָגליף.
אַ שאַמפּאָליאָן דאַרף יעדער לעזער זײַן
די מחשבֿות צו פֿאַרשטיין!...
אין אינטעלעקטועלע אַרסענאַלן
ווו ס'ליגן עפּיטעטן
קען איך זיך וועטן
אַז עסטעטן עקזעגעטן
וועלן לײַכט געפֿינען
אַ נײַעם איסטיציזם דערין,
מיט אַ פּיש-פּיש פֿאַר אַ פּאָעט פֿון אָט דעם מין,
פֿאַר ווער מען מע טרומייטערט תּמיד שבֿח.
וואָדען? באַווײַזן
אַז גילטיק איז אַ פּרץ, פֿרוג, אַבֿרהם רייזען,
אַן איציק מאַנגער צי אַ מאַני לייב?
און די גוייִם? אויך בײַ זיי :

א פּושקין, אַ מיצקעוויטש, הוגאָ און אַנדערע נאָר דאָרט – פּאָעטן אויך? אַז אָר און ווי...

~❀~

**ד**אָס גאַנצע איז אַן ענטיטעט פֿאַר זיך, טראָץ דעם וואָס עס באַשטייט פֿון פֿראַגמענטן און איז גלײַכצײַטיק אַ פֿראַגמענט, אַן עלעמענט אין עפּעס גרעסערס. קיין שום אַנאַליזירן אָדער סינטעטיזירן האָט ניט קיין שײַכות דערמיט. דאָס בילד, די סטאַטוע, די פּאָעמע, דער ניגון – זענען אָריגינעל, מיט ספּעציפֿישע אַטריבוטן, אייגנשאַפֿטן און מעגליכקייטן. מיטן יהי איז כאָאָס ווי אַ טייל פֿונעם באַשאַף מער ניט כאָאָס, נאָר עפּעס בראשיתדיקס, נײַס.

~❀~

**א** נאָרמאַל-באַוווּסטזיניקער מענטש דאַרף, מוז זיך פֿרעגן ווי אַזוי אַנאַליזירן די געשיכטע זינט תּמיד, לויט גילטיקע קריטעריעס פֿון פּראַגמאַטיק און מאָראַל, און ס'דאָזיקע – אין שײַכות מיט זיך זעלבסט ווי מיטן קאָלעקטיוו, דעם כּלל.

פֿאַר וואָס געווען אַזוי פֿיל צרות, אַנגסטן, קרענק און מלחמות? וואָס איז גורם מענטש זאָל מוזן לײַדן, זײַן שלעכט אַזוי אָפֿט? וואָס האָט ער געדאַרפֿט טון צו מײַדן אַזוי פֿיל מגיפֿות, אומקום מיט פּריצײַטיקן טויט, אַזוי פֿיל האַס, אַזוי ווייניק יחידיש צי אַלגעמיין גליק? וואָס טויג זיך גריבלען אין געדעכענישן פֿון אַמאָליקע דיזענטעריעס? איז דען ניט גלײַכער בלויז צו אַנאַליזירן סיבות און רעזולטאַטן, און פּרוּוון געפֿינען אַן אויסוועג אַזוינס זאָל זיך ניט איבערחזרן?

אַלע היסטאָרישע געשעענישן, חוץ –און אפֿשר אַפֿילו אויך– נאַטור-קאַטאַסטראָפֿעס וואָלט מען געקענט מײַדן ווען לײַט וואָלטן געווען קלאָרזעעוודיק און געפֿירט זיך לאָגיש, ערליך און קאָנסעקווענט. זיך ווייקן אין היסטאָרישע קויטן, מיט שילדערונגען זעלטן, זעלטן גוטע און שיינע, ס'רובֿ געמיינע, מיאוסע – איז אַן

עגאָפּאָבישער קאָמפּלעקס. כראָנאָלאָגיש פּאַרצייכנט דאָס וואָס מע מוז מײַדן — און פּטור. פּאַראַן אַ סך וואָס ס׳איז גלײַכער צו פּאַרגעסן. היסטאָריקערס זענען ווי לײַט וואָס שיטן זאַלץ אויף די ווונדן אַנשטאָט צו טון אַלץ כּדי צו היילן און פֿאַרהיילן רעמיניסצענצן!

כ׳בין זיכער אַז ווען מע זאָל מאַכן אַן אָביעקטיוון אַנאַליז פֿון אַלע סיבות וואָס האָבן גורם געווען אַזוי פֿיל צרות וואָלט מען געזען, אַז ס׳רובֿ איז מען זיך זעלבסט שולדיק באַדויער. ס׳איז טאַקע שווער און ביטער צו מאַכן אַן אייגענעם צי אַלגעמיינעם חשבון־הנפש פֿון מעשׂים און מחשבֿות, אָבער ניטאָ קיין ברירה. זיך נאַרן און נאַרן אַנדערע מיט ליטעראַטור־שאַלעמויזן, שאָוויניסטישן בלאָף און פּערפֿידע פּאַראַדאָקסן, טוענדיק ס׳זעלבע וואָס פֿריִערדיקע דורות האָבן געטון, איז נאַריש, געפֿערליך און מוז ברענגען די זעלבע אומגליקן, די זעלבע מגיפֿות ווי אַ מאָל. אפֿשר איז דאָס אַלץ נאָך געפֿערליכער, ווײַל כראָנישע משוגעתן און פּערפּעקציאָנירטע מעגליכקייטן טראָגן גרעסערע צרות.

שווער זיך מתוודה צו זײַן און אײַנזען אייגענע חסאָים. ס׳איז לײַכטער אַרויפֿצוואַרפֿן די שולד אויף אַנדערע, אויף אומשטאַנדן און אויסלייזערס, באַרעכטיקן אַלץ מיט רעליגיעזע תּירוצים, קלאַסן־ און ראַסן־פּריווילעגיעס, סאָציאַלע, עקאָנאָמישע דאָקטרינעס, עוואָלוציעס — דאָס אַלץ איז בלאָף און זאַמד אין די אויגן זיך זעלבסט און אַנדערע. די צרה איז, וואָס לײַט ליגן ווי חזירים אין טינוף און פּאַסמאַקעווען זיך מיט תּענוג. וועלט איז פֿול מיט וועלף און שאָף וואָס ווערן כּסדר פּאַרטיליקט, אָבער שאָף האָפֿן ניט צו ווערן פֿרײַ, נאָר חלומען פֿון באַקומען שאַרף־צייניקע פּיסקעס און ווערן אַליין רוצחים.

אוי, גאָטעניו! דײַן האָמאָ־סאַפּיענס איז פֿאַרקראָכן אין אַ בלאָטע, אָדער ווי אַ פֿליג אין שפּינוועבס פֿאַרשפּרייט פֿון אַ טײַוולאָבישן מלאך־המוות, און ער ווערט אומקומען צעשטערנדיק די בי׳אָספֿערע מיטן פּלאַנעט —

ווער קען אים ראַטעווען?

**וו**אָס איז דאָס צי דער וואָס וויל זיך זעלבסט באַגרײַפֿן? דער שׂכל שׂכלט זיך אַליין, צי עפּעס דרויסנדיקס אַנאַליזירט דאָס, וואָס מאַניפֿעסטירט זיך אינעם טייל פֿון מוח וואָס געוועלטיקט אינעם מענטשליכן באַוווסטזײַן? האָט דער לאָגישער שׂכל, צי די שׂכלדיקע לאָגיק, אַ השפּעה אויף די אינסטינקטן, אינטויִציעס, חלומות און דעטערמינירטן לעבנס-דויער מיט אַלע זײַנע פֿיזיאָלאָגישע פֿונקציעס? וואָס, ווער באַגערט, צווינגט אָדער איז גלײַכגילטיק צו דעם וואָס כּ׳טו איצט טראַכטנדיק און שרײַבנדיק ס׳דאָזיקע? אוי, האַמלעט, האַמלעט...

~❀~

„**וו**אָס האָט זיך דאָ געטראָפֿן?
מיצקע דרינען יום-טובֿ אין דער וואָכן!
וואָס שטייסטו ווי אַ גולם בײַ דעם פּלויט?"
פֿרעגט טשיפּקע-קוואָקע בײַ איר שכן,
דעם קאַלעקוצקע-האָן;
„האָסט ביט עפּעס אַנדערש וואָס צו טון?
ס׳זעצט זיך שוין די זון – נעם קריי צונויף
דעם הינערהויף.
מע דאַרף זיך גרייטן שוין צום שלאָפֿן!"

דאָס אייגל שלעכט, די קאַם פֿון צאָרן רויט,
יענער קאָכט זיך: „טו נאָר אויף קאַטאָוועס
אַ קוק בײַ יענער וואַנט.
דו זעסט דעם פֿרומען חסיד דאָרט?
מײַן ערנוואָרט –
ער גלעט אַ שיקסע מיט דער האַנט...
גלעטן זאָל אים שוין דער מלאך-המוות."

„פֿע, ביט שיין! ווער זאָל עס
ריכטן זיך פֿון יענער הערן קללות;
וואָס אַרט עס דיך דען? היתּכן?
יענער גלעט אַ שיקסע? זאָל ער גלעטן!

וואָס מיינסטו, גאָט איז בלינד?
מסתּמא זעט ער שוין די זינד.
דריי זיך ביז דעם קאָפּ פֿאַר יענעם;
מע וועט אים שוין באַלוינען אין גיהנום."

„קוואָקע נאַרישע, דו מיינסט אַזוי אַצינד;
דו קענסט ביז אָט די פֿרומע לײַט, אַ סבֿרה.
זיי זינדיקן צו ערשט און לויפֿן שפּעטער בעטן,
שלאָגן זיך מיט טרערן אָפּ על-חטאן
און צום סוף,
איך האָן, אַ פּראָסטער עוף,
בין די כּפּרה."

~❁~

**איך** בין אַ געבוירענער פּאָפּציק-פּראָצענטיקער העגע-ליאַנער. פֿאַר וואָס פּאָפּציק פּראָצענט? ווײַל אין די הײַנטיקע וועלט-אָרדענונגען איז ביז פֿאַראַן עפּעס מיט וואָס כ׳זאָל קענען זײַן אײַנשטימיק.

אויב מע קען סילאָגיסטיש זיך פֿאָרשטעלן אַז די הײַנטיקע קאַפּיטאַליסטישע און די כּלומרשט סאָציאַליסטישע רעזשימען זענען די טעזע – בין איך טאָטאַל די אַנטיטעזע. אָבער כ׳וועל אויס העגעליאַנער ווען ס׳קומט צו אַ סינטעזע, ווײַל סינטעזע מיינט קאָמפּראָמיס, פּשרות, און דאָס איז קעגן מײַנע השגות פֿון ערליכקייט. כ׳קען ביז באַגרײַפֿן ווי אַזוי מע קען קאַפּיטולירן פֿאַרן שקר זײַענדיק זיכער מיטן אמת. אָדער כ׳בין לאָגיש און גערעכט, אָדער ניט. צוויי מאָל צוויי איז תּמיד פֿיר. אַ טיר קען זײַן אָפֿן אָדער פֿאַרמאַכט. ווי אַזוי מאַכן אַ קאָמפּראָמיס מיט אַ ליגן?

ליידער איז די וועלט פֿאַרפּלאָנטערט אין פּאַראַדאָקסן, דעמאַגאָגיעס, סתּם בלאָף, און אַלץ איז סיסטעמאַטיש געפֿעלשט מיט פּשרות, **זאָל-זײַנס**, **אפֿשרס**, **פֿון-דעסטוועגנס** און **וואָס-זאָל-מען-טונס**, **אַרביטראַזשן**, **דיפּלאָמאַטיע**, דורכקומעניש, בפֿרט אַז יעדע סעמאַנטיק איז געפֿעלשט. טעקסטן

צי רייד ווערן קאָמענטירט, אינטערפּרעטירט לויט אומשטאַנדן, פּעריאָדן, נויטווענדיקייט צי דראַנגעניש. גיי זוך עקשנותדיק אַן אמת מיט עמיצן וואָס האַלט אַ מעסער אויף דײַן האַלדז!

בכן: ציוויליזאַציעס מיט די קולטורן, וויסנשאַפֿטן, עטיק און עסטעטיק – אַלץ איז כּולו-סינטעזע מיט כּלומרשטע אַנטיטעזע כּדי צו מײַדן קאָנפֿליקטן, און די הערשנדיקע אָרדענונג זאָל חלילה ניט זײַן אין געפֿאַר.

פֿאַר מיר זענען טעזעס, אַנטיטעזעס, סינטעזעס און היפּאָטעזעס כּולו סוראָגאַט-ערליכקייט, בלאָף צווישן גנבֿים אַן שום שײַכות מיט אויפֿריכטיקייט, אָרנטליכקייט אד״גל. ניט אומזיסט איז העגעל געוואָרן סינאָנים פֿון „ריכטיקער פֿילאָזאָפֿיע״ פֿאַרן קאַפּיטאַליזם ווי פֿאַרן מאַרקסיזם. אָבער שטעלט העגעלן אויפֿן קאָפּ צי אויף די פֿיס – דאָס באַרעכטיקן טעזעס מיט אַנטיטעזעס דורך ווידערשפּרוך-פּאַראַדאָקסן און פּראַגמאַטישע סינטעטיזמען איז אַ געמיינער אויספֿיר און ניט גילטיק פֿאַר ערליכע לײַט!

~❀~

יעדער מענטש איז מחויבֿ צו טראַכטן אַז ער איז עפּעס וויכטיקס אינעם אוניווערסאַלן אַלץ. ווען ניט וואָלט ער בכלל ניט געווען. ניטאָ קיין איבעריקס, קיין צופֿעליקס. אַלץ איז באַגערט מיט ציל און פֿליכטן. זײַן ראָלע איז אָפּצודויערן אַ סכום צײַט און ווערן פֿאַרוואַנדלט אין עפּעס אַנדערש, זיכער אויך וויכטיקס, כאָטש געביטן אַספּעקט, פֿאָרמען און קאָמפּאָזיציע פֿון עלעמענטן. עלעמענטן זענען אייביק, קומען קיין מאָל ניט אום, ווי אייביקע ציגל וואָס קענען זײַן עפּעס אין אַ געבײַדע, און ווען יענע צעפֿאַלט קענען די זעלבע ציגל שאַפֿן אַנדערע – אַ בודע, אַ שטאַל צי אַ פּאַלאַץ.

פֿאַר וועמען? צוליב וואָס? דאָס איז ניט באַגרײַפֿליך. בכן, מוז יעדער האָבן אָפּשײַ צו זײַן **איך** און ניט לעסטערן ניט זײַן גוף, ניט זײַן נשמה מיט שלעכטס צי מיאוסקייט, נאָר מיט צוטרוי אויספֿירן זײַן ראָלע נאָרמאַל און טאָטאַל.

~❀~

**וו**י אַזוי קען געשען אַז אָקעאַנען זאָלן זיך ניט אויסגיסן
ווען דער פּלאַנעט געפֿינט זיך אַנטיפּאָדיש בכלל און בפֿרט
ווערטיקאַל מיט דער לבֿנה, וואָס איז גורם צופֿלוס און אָפּפֿלוס?
ס'זענען דאָך מעגליך ריזיקע פּאַליעס. ערשט – ווו איז
צענטריפֿוגיע, וואָס איז גורם ס'אַנטלויפֿן?

~❀~

**אַ** לייב אויף דער עלטער, שוואַך און בלינד,
ניט האָבנדיק קיין קינד, קיין רינד,
אַרײַנגעפֿאַלן איז אין אַזאַ מין נויט,
כאַטש בעטל! פּגר! ווינטש אויף זיך דעם טויט!
אַ חזיר האָט זיך אויפֿן לייב דערבאַרעמט
(פֿאַרט געווען אַ מאָל אַ האַר!):
„אַדוני לייב, דו קום צו אונדז!
אַ ביסן ברויט, אַ נאַכט זיך דורכגעוואַרעמט
און דערצו – דו וועסט זיך פֿילן
ווי בײַ זיך מיט אונדז אין איינעם!"
וויינט דער לייב פֿאַר שכנים:
„זיך נעבעך אויפֿגעאַרבעט, וויי און ווינד".
„נו, איז וואָס?", אים פֿרעגט דער פֿוקס –
„אַבי מע לעבט"!
„ניין, ברודער-לעבן! איידער איך, אַ לייב,
זאָל שלעפֿן זיך אין חזירישע בלאָטעס
און גריבלען זיך אין מיסט,
איז ליבערשט מיר דער טויט!
בעסער שטאַרבן שוין אַ הונגעריקער לייב,
איידער לעבן ווי אַ זאַטער חזיר!"

~❀~

אין „היימיש" איז געווען געדרוקט אַן אַרטיקל וועגן „גראַפאָמאַנען" און דער מחבר, דער זייער חשובֿער פּאָעט פּאַפּיערניקאָוו, האָט באַהאַנדלט דעם ענין פּונקט ווי ס'וואָלט געווען עפּעס אַ שרעקליכע זאַך, אַ מין אָנשיקעניש צי אומגליק פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור; אַן אָנזעצעניש פֿון אַ באַנדע אָרגאַניזירטע גענגסטערס, רחמנא-ליצלן, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען צו פֿאַרכאַפּן די רעדאַקציעס און אומברענגען די אָנערקענטע שריפֿטשטעלערס, וואָס פֿאַרלירן דעריבער זייער רום און פּרנסה... דער צוגאַנג פֿון חשובֿן פּאַפּיערניקאָוו צום פּראָבלעם פֿון גראַפֿאָמאַניע בכלל און ייִדישער גראַפֿאָמאַניע בפֿרט איז ניט קיין ריכטיקער. עס איז באַוווּסט, אַז בײַ געוויסע שבֿטים, וואָס האָבן מורא פֿאַר אונטערגאַנג, איז אָנגענומען צו פּראָוואָצירן און צו לויבן פֿון קליינווײַז אָן סעקסועלע באַציונגען. פֿון קינדערשפּיל אין „טאַטע-מאַמע" שמייכלט מען. יעדע שוואַנגערשאַפֿט איז באַרעכטיקט. אַ פֿרוי, אויב זי האָט אַ באַווײַז, אַז זי קען האָבן קינדער, באַקומט לײַכטער אַ שידוך... בײַ אונדזער ייִדישער ליטעראַטור-אונטערגאַנגס-סכּנה דאַרף מען דווקא זען צו פּראָוואָצירן, צורעדן יונג און אַלט צו שרײַבן ייִדיש. ס'איז לײַכטער צו געפֿינען אַ גוטן שרײַבער צווישן טויזנט ווי צווישן צען. די וואָס שרײַבן זענען לעזערס, שאַפֿן לעזערס אַרום זיך.

אַצינד אַז כ'האָב אַרויסגעזאָגט מײַן מיינונג וועגן דעם אַזוי איידעלן ענין, וועל איך לאָזן דעם אַרײַנפֿיר און זיך נעמען צו דער אורזאַך פֿון מײַן שרײַבן: פּרוּוון אַנאַליזירן די קרענק, וואָס מע רופֿט זי גראַפֿאָמאַניע, פֿון וועלכער איך בין ליידער זעלבסט שטאַרק אָנגעשטעקט. כ'וועל פּרוּוון זײַן אָביעקטיוו. זאָלן דאָקטוירים זיך באַקענען מיט די סימפּטאָמען, כּדי לײַכטער פֿעסטשטעלן דעם דיאַגנאָז און געפֿינען די רפֿואה דורך אָפּרו, אַן אָפּעראַציע, געהאַקטע באַנקעס צי עלעקטראָשאָק. אויסער אַז מען איז אַ „געבוירענער" אָנערקענטער טאַלענטירטער שרײַבער — און דאָס זעט זיך דאָך באַלד אָן, ווי יעדער ווייסט.

די נייגונג, דער דראַנג צו שרײַבן איז אַ פּאַטאָלאָגישע

דערשײַנונג בײַ אַן אָרגאַניזם, פּונקט ווי אַן אַנדערע קרענק — למשל קדחת, טיפֿוס צי עפּילעפּסיע. זי באַפֿאַלט עמיצן פּלוצלינג (זייער זעלטן), אָדער באַזעצט זיך אין מוח פֿון קראַנקן ביסלעכווײַז און אויף לאַנג אין אַ כראָנישער פֿאָרם. קומט עס פֿון אַ מיקראָב? אַ ווירוס? אַ באַציל? קומט עס דורך אַ שלעכט פֿונקציאָנירן פֿון אַ דריז צי פֿון אַן אַנדער אָרגאַן? איך קען עס ניט וויסן. ווי אַ דאָקטער, וואָס לײַדט זעלבסט פֿון אַ קרענק, וועל איך מיך בלויז אָבסערווירן און זאָל מען וויסן, וואָס עס פֿילט דער קראַנקער בשעת דעם קריזיס און ווי אַזוי דאָס מאַניפֿעסטירט זיך.

מאַניפֿעסטירן מאַניפֿעסטירט זיך די גראַפֿאָמאַניע אין דער פֿאָרם פֿון אַ באַדערפֿעניש צו שרײַבן, צו פֿאַרצייכענען אַלע „געניאַלע" געדאַנקען — אין אַלע פֿאָרמען פֿון „קונסט": פּאָעזיע, פּראָזע צי פֿילאָזאָפֿיע. דאָס איז די ערשטע און פֿאַרשפּרייטסטע סטאַדיע פֿון דער קרענק. אַ צווייטע, און אפֿשר געפֿערליכערע, איז דער „מוז" אַנדערע זאָלן לעזן דאָס געשריבענע, דער „מוז" צו פֿאַרשפּרייטן דאָס „געשאַפֿענע", צו „לערנען", „אויפֿקלערן", „טרייסטן" און „באַפֿרײַען" די „וועלט" אָדער די „מענטשהייט", ווערן באַרימט, מע זאָל טײַטלען מיט די פֿינגער: אָט, דאָס איז „ער", דער „געניאַלער" שרײַבער, קינסטלער, „נבֿיא", דיכטער, פּאָעט, פֿילאָזאָף אאַז"וו.

זאָל דער, וואָס וועט איצט לעזן די דאָזיקע שורות ניט מיינען, אַז דאָס איז בלויז געוויצלט זיך. עס איז ערנסט. איך שווער עס בײַם הייליקסטן. געוויינליך פֿילט זיך דער געליטענער ניט שלעכט: עסט, טרינקט, שלאָפֿט, אַרבעט — ניט אַרויסווײַזנדיק קיין באַזונדערע סימפּטאָמען. נאָר פֿון צײַט צו צײַט, דאָ אָפֿטער, דאָ זעלטענער, בלײַבט ער שטיין, זיצן צי ליגן (לויט די אומשטאַנדן פֿון דער מינוט). עס הייבט זיך אָן אַ מין פֿאַרטראַכטעניש, אין קאָפּ שאַפֿן זיך רייד, פֿראַזן, וואָס רעפּעטירן זיך כסדר, לאָזן ניט רוען — אַזוי לאַנג, ווי זיי ווערן ניט פֿאַרשריבן אויף עפּעס אַ פּאַפּיר, אַ טאָוול, אַ ווייס-איך-וואָס. ווי נאָר פֿאַרצייכנט, איז דער מוח פֿרײַ אויף אַ צײַט. און ס'געשעט איינס פֿון די ביידע: אָדער עפּעס אַ דריז

פֿאַבריצירט כּסדר דעם שטראָם און עס פֿליסט ווי פֿון אַ וואַסער־לייטונג — אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל. פּרוּוון זיך אַנטקעגנשטעלן, „ניט שרײַבן" — איז געפֿערליך: פּרוּווט ניט לאָזן אַן עפּילעפּטיקער זיך טרייסלען! זאָל עמיצער זיך אַרומטראָגן מיטן ניט־געשריבענעם צי ניט־דערשריבענעם אַ צײַט, וועט ער מוזן אָנקומען צו אַ פּסיכאָאַנאַליז צו באַפֿרײַען זײַנע געדאַנקען, זײַן מוח פֿון די פּאַראַזיטן, וואָס גריבלען און זוכן זיך אַרויסצובאַקומען פֿונעם קראַנקנס נעבעך קאָפּ, ווי ס׳וואָלט זיי זעלבסט געווען קאַלעמוטנע דאָרט צו פֿאַרבלײַבן.

אַז די ערשטע פֿאַזע, די געפֿערליכסטע פֿאַרן קראַנקן, איז אַריבער, הייבט זיך אָן די צווייטע פֿאָרעם פֿון דער קרענק: דאָס דווקא וועלן באַקעבען אַנדערע מיט דעם „געשאַפֿענעם". אויב די פֿאָרם איז ווייניקער שעדליך פֿאַרן גראַפֿאָמאַן, איז זי אָבער געפֿערליכער פֿאַר דער געזעלשאַפֿט. ווײַל טאָמער טרעפֿט זיך, אַז דער קראַנקער איז אַ פֿאַרמעגליכער און „קען" זײַנע אַלע „זאַכן" אָפּדרוקן, ריזיקירט דער עולם־גולם זיך צו פֿאַרסמען, אָדער אין בעסטן פֿאַל צו באַקומען אַן אומפֿאַרדײַעניש מיט אַלע אומאָנגעגעסמליכקייטן, וואָס דאָס קען שאַפֿן.

ווײַל דער עולם־גולם איז ווי אַ קינד, וואָס קען ניט, ווייסט ניט אונטערשיידן פֿון גוטער ביז שלעכטער שפּײַז. און אַזוי ווי דער נאַטירליכער אינסטינקט איז בײַ לײַט פֿאַרטעמפּט, קען עס ברענגען דערצו, זיי זאָלן זיך כאַפּן ווי קינדער צו לעזן, וואָס מע דערלאַנגט זיי — ווי יענע נאַיווע, וואָס לייגן אַלץ אין מויל אַרײַן: אַ שטיקל ברויט, אַ צוקערל און אויך אַ פֿאַרזשאַווערטן טשוואָק, אַ שטיקל וואַטע, אַ ביסל אַרשעניק צי עפּעס אַ נאַרישע חזירײַ.

ווי אַזוי זאָלן זיך פֿירן קלוגע לײַט ווען זיי האָבן צו טון מיט שרײַבער, מיט גראַפֿאָמאַנען?

זיי דאַרפֿן זײַן קודם זייער פֿאָרזיכטיק מיט זיך. ניט שטאָפּן זיך דעם קאָפּ מיט אַלץ, וואָס מע רוקט זיי אונטער צו לעזן, און גלײַכצײַטיק זײַן מילד, האָבן מיטלייד מיט די קראַנקע נעבעך, וואָס שאַפֿן ליטעראַטור. מע מוז געדענקען, אַז ס׳רובֿ זענען דאָס

שוואַכע מענטשן און צווישן זיי געפֿינען זיך געווינע אויפֿריכטיקע, גוטוויליקע שרײַבער, וואָס קענען נעבעך ניט טון אַנדערש, און בעטן בײַ די אַרומיקע, זיי זאָלן מוחל זײַן דאָס באַלעסטיקן מיט דעם פּראָדוקט פֿון זייער חולאת (דער מחבר איז איינער פֿון זיי). זיי שטופּן זיך ניט אויבן אָן און האַלטן זיך דיסקרעט. אַפֿילו די אַנדערע, די מער צערייצטע, וואָס קענען ניט קומען צו דער עפֿנטליכקייט און מיינען, אַז גאָט ווייסט וואָס זיי און די מענטשהייט פֿאַרלירן דערמיט, דאַרף מען לאָזן דעקלאַמירן, שרײַען, רעדן, אַרויסהעלפֿן מיט דרוקן אַ ביסל זייערע ווערק, זיי זאָלן חלילה ניט ווערן ווילד און אָנטון שלעכטס ניט זיך, רחמנא ליצלן, ניט יענעם.

מע דאַרף אָבער געדענקען נאָך עפּעס: אַז ס׳איז פֿאַראַן אַזעלכע קרענק, וואָס מיט זייערעליידן קענען זיי עפּעס ברענגען גוטס — אויב ניט פֿאַר די, וואָס לײַדן, איז עס פֿאַר אַנדערע. למשל: וואָס איז דען אַ פּערל? ניט אַ קרענק פֿאַר דעם מושל אין דער פּערלמוטער? און דער אַזוי געשמאַקער „פֿואַ-גראַ" וואָס די פֿראַנצויזן באַקומען פֿון די געשטאָפּטע גענדז — איז עס עפּעס אַנדערש ווי דאָס פּראָפֿיטירן פֿון פֿרעמדע קרענק? און די גאַנצע „וויסנשאַפֿט" מיט דער „ציוויליזאַציע" — פּעס אַנדערש ווי אַ קאַנסער אויפֿן מענטשס באַטירליכקייט?

קען זיך טרעפֿן בײַ „קינסטלערס", בײַ „שרײַבערס", אַז אין זייערע גראַפֿאָמאַנישע קרײַזן זאָל זיך שאַפֿן עפּעס אינטערעסאַנטס. אויב עס טרעפֿט זיך אַזוינס, איז אַדרבא. גוט איז, אַז דער גראַפֿאָמאַן אין זײַן ניכטערן מאָמענט איז אַ מבֿין אויף זיך און אויף זײַן צושטאַנד — מע קען דעמאָלט אים שענקען מילדערנדיקע אומשטאַנדן! אין קיין פֿאַל טאָר מען אים אָבער ניט פֿאַרמשפּטן ווי אַ שולדיקן, ווי אַ מאָל מע פֿלעגט פֿאַרמשפּטן אַ קרעציקן צי אַן עפּילעפּטיקער.

מיטלייד, גוטע לײַט! ניטאָ מיט וואָס זיי מקנא צו זײַן, די אָרעמע גראַפֿאָמאַנען. זיי האָבן שוין אַזוי אויך זייער חלק צרות. ווארפֿן זיי שטיינער טאָר מען ניט צוליב מענטשליכקייט און צוליב דעם, זיי

זאָלן חלילה ניט ברוגז ווערן און אויפֿהערן שרײַבן. ווײַל גוט איז די אַלע, וואָס געפֿינען דעם וועג זיך אַראָפּצורעדן פֿון האַרץ: דאָס האָבן אַ חבֿר צי אַ חבֿרטע, דאָס פּותר־חלום זײַן, דאָס מאָטלען פֿון ווײַבער, דאָס באַרעדן עמיצן צי דאָס מתוודה זײַן זיך פֿאַרן גלח – פּונקט ווי דאָס שרײַבן פֿון גראַפֿאָמאַן (און פֿון אַנדערע שרײַבערס אויך) – איז אַ באַפֿרײַונג פֿון דעם „סוב־קאָנסציענט": גוט צי שלעכט, געפּלוידערט צי געשאַפֿן מײַסטערווערק – אַבי ניט אַרומגעגאַנגען מיט ניט־אַרויסגעזאָגטע באַהאַלטענע געדאַנקען, וואָס ליגן און קוועטשן די נשמה. דאָס קען ברענגען צו משוגעת און צו ווייס־איך־וואָס, חלילה. הלוואַי וואָלטן אַלע, וואָס רינגלען אונדז אַרום און פֿירן אָן מיט דער וועלט, געווען גראַפֿאָמאַנען: וואָס מער געשריבן –יאָ געטויגט, ניט געטויגט– וואָלט געווען מיט אַ סך פֿאַראַנאָזקער ווייניקער, און מע וואָלט זיכערער געווען מיטן לעבן.

ווי איר זעט, איז גראַפֿאָמאַניע אַ מין בליץ־אָפּלייטער, וואָס היט די וועלט פֿון שלעכטס. אַ נס, וואָס זיי מאַניפֿעסטירן זיך, און מע טאָר אויף זיי ניט זײַן אין כּעס. דאָס צוגיין מיט ביטול צי מיט פֿאַראַכטונג צו אַ פּאַטאָלאָגישן פֿאַל איז שוין אַליין פֿאַר זיך ניט שיין, אָבער ניט געפֿינען קיין גוט וואָרט פֿאַר יִדישע גראַפֿאָמאַנען (און טאַקע אין אונדזער הײַנטיקער צײַט) איז ניט נאָר ניט שיין, נאָר טאַקע ניט קלוג, און שלעכט.

אין מאָמענט ווען מע באַקלאָגט זיך, אַז יִדן פֿאַרגעסן יִדיש: מע לעזט ניט, מען אינטערעסירט זיך ניט דערמיט אאַז״וו, זאָלן זיך געפֿינען לײַט, וואָס שרײַבן דווקא יִדיש און האָדעווען דעם געברויך פֿון „שאַפֿן" יִדיש – איז עס גאָר אַ דערפֿרייענדיקע דערשײַנונג. אַדרבא, יִדישע קינדער, שרײַבט וואָס מער, קליין און גרויס, וויפֿל ס׳לאָזט זיך. די וואָס באַקלאָגן זיך, אַז מ׳דרוקט אויך צו פֿיל, זענען נאַרישע נישט־פֿאַרגינערס. זיי האָבן מורא, אַז די יִדישע פֿײַנשמעקערס זענען אַזעלכע בהמות, אַז זיי וועלן חלילה נעמען אײַערע פּאַטשקערײַען פֿאַר זייערע מײַסטערווערק? זיי פֿאַרשטייען ניט, אַז איר גרייט צו דעם באָדן פֿאַר זייערע

גערטנער.

און איידער איך ענדיק, וועל איך דאָ דערמאָנען עטליכע שאַפֿונגען, וואָס זענען דערשינען אין „טאָג-מאָרגן-זשורנאַל". אַ געזונט דעם רעדאַקטאָר, וואָס האָט זיי געדרוקט! אַ געזונט די אַלע, וואָס האָבן געשאַפֿן די נאַיִווע פּאָעזיע!

דער גוטער ווילן בײַ די מענטשן זעט זיך אָן. עפּעס רירט זיך בײַ זיי אינעווייניק – יאָ געלונגען, ניט געלונגען, פֿערזן פֿון האָלץ, גראַמען פֿון „ווייס-איך-וואָס" – אָבער זיי שרײַבן ייִדיש און לעזן זיכער ייִדיש. עס קומט זיי אַ יישר-כּוח.

ווען איך וואָלט געקענט (און וועל עס אפֿשר טון אויך), וואָלט איך אָפּגעדרוקט אין ייִדיש וואָס אייבער וועט נאָר וועלן – שאַפֿן זאַמלונגען פֿאַר אַמאַטאָרן, מיט פּרײַזן, מיט קאָנקורסן, פֿאַר יונג און אַלט (מער פֿאַר יונג ווי פֿאַר אַלט...). פֿון וואַנען נעמען זיך די גרויסע טשעמפּיאָנען? אויך פֿון די וואָס זענען געווען אַמאַטאָרן. כ'וואָלט פֿאַרעפֿנטליכט אַ רוף אין אַלע ייִדישע צײַטונגען און שריפֿטן אויף דער וועלט: ייִדישע קינדער, שרײַבט! אײַער גראַפֿאָמאַניע איז געווונטשן, קען אונדז ראַטעווען, שטערט ניט די „גרויסע" שרײַבער צו שרײַבן גוט. יעדער פֿון אײַך וועט שוין האָבן „זײַנע" לעזערס. עס וועלן זיך שאַפֿן קרײַזן, און פֿון די קרײַזן רינגען, און פֿון די רינגען... אַזוי שאַפֿן זיך וועלטן.

אַ געזונט אײַך אין די הענט, ייִדישע גראַפֿאָמאַנען!

~~~

וו: נעמט מען מעגליכקייט און ווילן ניט צו פֿאַרלידלען צוגעגראַמטע מחשבֿות און געפֿילן צוליב דעם עפּיטעט פֿון דיכטער און פּאָעט, לויט קריטערן פֿון פּאַרנאַס-אידעאַל, אַז טעקסט מוז זײַן נאָר ווערטיקאַל, געמאָסטן און געוויגן ריטמען און פֿאָנעמען, ווי ניט פֿאַר שׂכל און נשמה נאָר פֿאַר אויגן זײַן מוזן פּאָעמען!

~~~

דו ווייסט ניט וואָס זאָל עס באַדײַטן
וואָס איך אַזוי אומעטיק בין?
מיך לאָזט דער געדאַנק אַ צעדרייטן;
מײַן לעבן האָט מער ניט קיין זין.

וואָסי? כ׳האָב זיך דערוווּסט (דורך אײַנשטיינען – נאָך אַ ייִד!) אַז דער מענטשן-מין וועט קיין מאָל ניט קענען איבערגרייכן די שנעלקייט פֿון ליכטשטראַל, ד״ה דרײַ הונדערט טויזנט קילאָמעטער אַ סעקונדע. קיין צענטימעטער ווײַטער ניט און באַסטאַ – אוממעגליך!

פֿיל איך זיך ווי געפּאַנגען. כ׳קוק אַהין, אַהער – ווו קען מען אַנטלויפֿן מיט אַזאַ טשערעפּאַכיזם? זיך פֿילן אַזוי אימפּאָטענט! זיך מוזן אײַנהאַלטן: ווי אַזוי ניט פֿילן זיך געשטראָפֿט, גערייצט, און מוזן לײַדן? וואָלט דער דאָזיקער אײַנשטיין געקענט וואָס איך חומש שטייט געשריבן: ניט טשעפּען דעם עץ-הדעת – וואָלט ער זיך פֿאַרשפּאָרט אַליין צו באַדויערן וואָס ער איז ניט קיין מעכאַניקער אַנשטאָט אַ פֿיזיקער.

~❀~

געמיינט אַז נאָר לאָגיק און מאַטעמאַטיק זענען וואָר און קלאָר. קומען חכמים און באַווײַזן, אַז זאָגן אַזוינס איז ניט לאָגיש. פֿאַראַן אַ נעאָ-לאָגיק, אַ רעלאַטיווע לאָגיק. ערשט פֿאַר מאַטעמאַטיק זענען פֿאַראַן פּראָבאַביליטעטן, צופֿעליקייטן, און מיט אַלגעברע און געאָמעטרישע טעאָרעמעס קען מען דיאַלעקטיש, מיט אַ צוגעפּאַסטער לאָגיק, וואָס מע וויל – באַווײַזן!

~❀~

האָב איך געמאַכט דעם חשבון מיט מײַן האַרץ. וואָס דינט מיר טרײַ זינט 86 יאָר. הלוואַי ווײַטער. שלאָגנדיק אין אַ מעת-לעת 86400 מאָל האָט עס מיר שוין אָפּגעציילט ביז הײַנט, דעם 2טן מײַ 1986, צוויי מיליאַרד זיבן הונדערט צוועלף מיליאָן

זעקס און ניינציק מאָל. געהערט? 2.712.096.000 מאָל! ווי אַזוי ניט באַוווּנדערן דעם באַשאַף?

זיבעט דעמאָלט זענען צוגעקומען נאָך צוויי יאָר. נו, ווי אַזוי ניט זײַן פֿרום?

≈❁≈

**כ**'ווייס, כ'ווייס, ס'איז נאַריש, קאָמיש אַפֿילו, לעקישעוואַטע, בטלניש צו קומען צו דער „מענטשהייט", צו לײַט פֿון אַלע קאָנטינענטן, ראַסן, קלאַסן, נאַציעס, פֿעלקער — און פּראָקלאַמירן:

„זעט ווי די זון, וואָס שטראַלט און וואַרעמט, דערמעגליכט אַזוי פֿיל לעבן אין אַזוי פֿיל אַספּעקטן, פֿענאָמענען אין אַזוי פֿיל הינזיכטן און אומשטאַנדן זיבעט מיליאַרדן יאָרליכט! פֿאַר וואָס זאָל עס ניט זײַן אַזוי מיט אוניווערסאַלער ליבשאַפֿט ניט נאָר פֿאַר און צווישן לײַט, נאָר אין דער גאַנצער ביאָספֿערע, שוין אָפּגערעדט בכלל צום גאַנצן באַשאַף און ממילא צו דעם, וואָס דערמעגליכט זאָס זאָל קענען זײַן! דער פּלאַנעט איז גענוג גרויס, מיט אַל-דאָס גוטס. גרויס איז די קענטעניש פֿון לײַט זיך צוצופּאַסן צו אַלע קלימאַטן, צו קענען פֿאַרוואַנדלען וויסטענישן אין גערטנער, סעדער, פֿעלדער, מיט אַלץ וואָס קען שפּראָצן, בליִען, רײַפֿן דערויף, ניט דאַרפֿנדיק אַפֿילו זײַן קאַרניוואָריש".

„פֿאַר וואָס זיך צעפּיצלט, צעקרישלט, צעריסן אין אַזוי פֿיל נאַציעס, קלאַסן, קאַסטעס, היעראַרכיעס, מיט אַזוי פֿיל גרענעצן, יחסנות, עגאָיִזמען, אינטערעסן, קאָמפּלעקסן, אָסטראַציזמען, אין אַ מין פּלאַנעטאַרן פּיזל וואָס מע דאַרף, מע מוז, מע וועט צונויפֿנעמען, צונויפֿשטעלן צוריק אין איין בילד, ווי אַ צעקרישלטע מאָזאַיִק צוריק אין אַ פֿרעסקע? צו וואָס, פֿאַר וואָס אַזאַ מין משוגעת פֿון אַנטאַגאָניזמען, שאָוויניזמען, פּאַטריאָטיזמען און נאָך אַזעלכע איזמען, מיט אַזוי פֿיל רעליגיעס, סעקטעס, פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס און ווער קען אַלץ אויסרעכענען די פּסיכאָפּאַטישע דיווערסיעס צווישן עטנישע גרופּעס, אַפֿילו צווישן אייגענע שבֿטים,

געגנטן, משפחות און וואָס ניט?"

„ס'וואָלט דאָך געווען אַזוי גוט, שיין אין אַלע הינזיכטן ווען אַלע מענטשן אויפֿן פּלאַנעט זאָלן איינזען אַז די פֿאַרשיידנקייט פֿון הויט־קאָלירן, כאַראַקטערן, אייגנשאַפֿטן, באַרייכערן איינס ס'אַנדערע; אַז זאַמלען פֿאַרמעגנס סתּם צוליב עשירות איז אָן שום גילטיקייט, אַז מע קען באַווייזן צו פֿאַרוואַנדלען דעם גאַנצן פּלאַנעט אין אַ גן־עדן! זעט וואָס די ישׂראלים האָבן געשאַפֿן אינעם פּיצל מדבר וואָס מע האָט זיי צוגעטיילט, אין פֿאַרגלייַך מיט אַ רוסלאַנד, פּוילן, צי אַ בראַזיליען, אַרגענטינע אָדער אַפֿריקע, ווו מע הונגערט און מע לעבט אין נויט און קויט, אין טויט מיט עפּידעמיעס און אַזוי פֿיל צרות, פֿאַרברעכנס און פֿאַרדראָס!"

זאָל עס זייַן אַזוי שווער צו רעאַליזירן? כ'קען עס בשום אופֿן ניט באַגרייַפֿן! דעריבער מייַן פֿאַרגלייַך מיט אוניווערסאַלער ליבשאַפֿט צווישן אַלע אויפֿן פּלאַנעט. ס'קען זייַן ווי מיט דער זון: גענוג פֿאַר אַלעמען, מער ווי מע באַדאַרף. אַזוי פֿיל ביאַגאַראַס און אַזוי פֿיל דאָרשט! אַזוי פֿיל ווייץ און קאָרן פֿוילט אין שפּייַכלערס, און אַזוי פֿיל הונגער! גאָטעניו, באַווייַז דייַן אָמני־מאַכטיקייט און זאָל קומען דער משיח וואָס אַלע באַגערן און וואָס דרימלט אין יעדן פֿון אונדז. אין יעדן פֿון אונדז ליגט עפּעס פֿונעם באַגערטן משיח, און די גאַנצע ערדישע וועלט איז עפּעס פֿון די טויערן פֿון רוים. נאָר צוזאַמען —צונויפֿגעזאַמלט אַלע ווילנס, אַלע מעגליכקייטן— און משיחס צייַטן ווערן אַווירקליכקייט מיט ווילזייַן פֿאַר אַלע.

זאָל דאָס זייַן סתּם געפּלאַפּלט, אַן אוטאָפּיע, אַ מיראַזש, אַ פֿיקציע — ס'וועט אַ מאָל ווערן אַ רעאַליטעט. אויב ניט אין אונדזער דור, וועט עס געשען מיט דורות שפּעטער. אַלע מגיפֿות, אַלע קאַטאַסטראָפֿעס פֿאַרשווינדן. אונדזערע כּלומרשטע ציוויליזאַציעס, קולטורן, פֿאַנאַטיזמען און סתּם משוגעתן וועלן אויך פֿאַרשווינדן אַ מאָל, און ווייל איז דעם, וואָס איז מסוגל צו טראַכטן און באַגערן ס'דאָזיקע.

ווי אָפּט, חכם פּלומרשטער, באַנאַרישט זיך מיט מײַן מעגאַלאָמאַניע פּראָקלאַמירנדיק „כּבֿוד דעם מענטש" וואָס איז מסוגל צו קריטיקירן דעם באַשאַף מיט זײַן באַשעפֿער – און ניט געטראַכט אַז אויב איך קען אַזוינס טראַכטן, זאָגן און שרײַבן, טאָ ווי אַזוי האָט אַזוינס געקענט זיך מאַניפֿעסטירן? ווי אַזוי קען עפּעס צי עמיץ אַפֿילו זײַן מסוגל דאָס צו טון? איז עס ניט, פֿאַרקערט, באַר אַ באַווײַז פֿון דער ליבשאַפֿט, טאָלעראַנץ פֿון דעם צי דאָס וואָס געוועלטיקט און דערמעגליכט אַלץ זאָל קענען זײַן און ווערן – זײַן ליבשאַפֿט צום מענטש און צו אַלץ?

ווי אַזוי קען מען ניט זײַן פֿרום און דאַנקבאַר פֿאַר דער פּרעכטיקער מתּנה פֿון קענען האָבן אַ באַוווסטזײַן, האָבן מחשבֿות, פֿילן די שיינקייט פֿון דעם פּלאַנעט מיט אַלע מעגליכע תּענוגים און עקסטאַזן וואָס זענען אין אונדזער רשות, און וואָס דאָס אוניווערסאַלע משוגעת פֿאַרקריפּלט ליידער מיט אויסטערלישע לעבנס-שטייגערס?

~❀~

ווי אַזוי זאָל איך קענען פֿאַרשטיין די פֿילאָזאָפֿן מיט זייערע דאָקטרינעס? אָט למשל עקזיסטענציאַליזם נוסח הײַדעגער, יאַספּערס, סאַרטר, גאַבריעל מאַרסעל, מערלאָ-פּאָנטי און ווער ווייסט וויפֿל באַר:

„עקזיסטענץ איז פֿרײַער ווי עסענץ". אַזוי אַרום עקזיסטירט מען ווי אַ מענטש קודם, און מיטן זײַן איז מען אַקטיוו און מע שאַפֿט זיך לויטן אייגענעם ווילן – און אפֿשר לויט מעגליכקייטן אָדער אומשטאַנדן. מיט וואָס-זשע איז מען אַן עקזיסטענציאַליסט? אַלץ וואָס עקזיסטירט איז דאָך ממילא עקזיסטענציאַליזירט, ניט זײַענדיק קיין פֿילאָזאָף. הײַדעגער פּונקט ווי אַ שטיין צי אַ בענקל, אַ קאַץ צו אַ בוים. זײַענדיק מוז מען דאָך עפּעס טון, נערן זיך, וואַקסן, האָבן אַ פּאַר צי זײַן אַ פּאַראַזיט; און שטאַרבנדיק איז מען אויס עקזיסטענציאַליסט. בכן דאַרף מען זײַן אַקטיוו, דינאַמיש, ווערן אַ לײַט, אַן עמיצער.

וואָס-זשע זעט מען? עקזיסטענציאַליזם נוסח סאַרטר איז אַ פּעסימיסטישער בראָדיאַגיזם, אַ נישטיקייט! אַן עקזיסטענץ צוליב גאָרניט! אַרויסגעוואָרפֿן דויער לבטלה!

ניט אומזיסט פּאָרט זיך עקזיסטענציאַליזם מיט פֿענאָמענאָלאָגיע. פֿאַר ביידע מיינט עס אָנטאָלאָגיזם (ניט טראַכטן פֿון לאָגיק; די לײַט האַלטן ניט דערפֿון!). בײַ הײַנטיקע לײַט איז עס אָבער אַ דיאַלעקטיזם מיט אַקראָבאַטישער רעטאָריק און אַ תּירוץ צו מאַכן אַ לײַכט לעבן, מיט שאַפֿן דאָקטאָראַטן, קאָנפֿערענצן, רעפֿעראַטן מיט שרײַבעכץ אָן אַ שיעור.

דער פּאַראַדאָקס: ווי אַ סאַרטר, וואָס איז שוין טויט, גילט נאָך ווײַטער ווי אַן עקזיסטענציאַליסט. דערין ליגט דער סוד פֿונעם הויפּטווערק פֿאַר דעם בלאָף מיט צײַט און זײַן, פֿון הײַדעגערן. פֿאַר אים איז **זײַן** אַ נאַצי אין דער **צײַט** פֿון היטלעריזם — די פֿילאָזאָפֿיע פֿון „זײַן און צײַט", זײַן הויפּטווערק...

~❀~

צווישן די זיבעציק אָדער אַכציק פֿאַרשיידענע פֿילאָזאָפֿישע דאָקטרינעס און די כּוויס אַליין ניט וויפֿל אמונות מיט זייערע סעקטעס און פֿאַרשיידענע ניואַנסן איז דאָך ניט מעגליך אַז ס'זאָל קענען זײַן מער ווי איין אמת, איין וואָרער עפּעס. ממילא זענען דאָך די אַנדערע פֿאַלש, שקר, בלאָף און סאָפֿיסטישע פּלאַפּלערײַ מיט אַרגומענטן פֿון כּולו-נישטיקייט.

ווי אַזוי קענען לײַט וואָס מע האַלט זיי פֿאַר חכמים, וויסנשאַפֿטלער, רעליגיעזע גורוס, גענומען ווערן ערנסט, מע גיט זיי אָפּ כּבֿוד און טיטלען מיט ביבליאָטעקן פֿאַר זייערע ווערק אַד"גל? ווער בלאָפֿט מיט דעם אַלעמען? זיי זעלבסט, זיך פֿאַרכליניענדיק מיט פֿיקציעס, צי די אַלע וואָס ווערן גענומען אויפֿן זיכער, ווי יאָלדן?

~❀~

טוט נאָר אַ קוק וויפֿל קאָמענטאַטאָרן מע דאַרף פֿאַר אַזוי פֿיל פֿילאָזאָפֿיעס, פֿאַר אַזוי פֿיל דאָקטרינעס און אַפֿילו פֿאַר אַזוי פֿיל אמונות. אַ מעגליכע צווייזדייַטיקייט פֿון אַ וואָרט צי אַ מחשבֿה איז שוין ניט קיין גוטער סימן. די פּשוטע, איינפֿאַכע ערליכקייט דאַרף ניט אַזוי פֿיל קונצן מיט געהיימעניש. ערליכקייט בכלל איז פּשוט און קלאָר, און עטיק מוז דאָך קודם-כּל זיך שטיצן אויף ערליכקייט און אויף אויפֿריכטיקייט.

אַנו, איר, גרויסע חכמים, מייַסטערס, עפֿנט די פּעקלעך און באַווייַזט קלאָר און אָפֿן פֿאַר אַלעמען וואָס ווילט איר אונדז דאָ איינהאַנדלען, מיט וואָס און פֿאַר וואָס ווילט איר אונדז פֿאַרשלייערן, שיטן זאַמד אין די אויגן, שאַפֿן רויך און נעפּלען, כאַפּן פֿיש אין מוטנעם וואַסער! אַהער איר אַלע חכמים, קלוגע לייַט! זאָל מען מאַכן אַן אָפּקלייַב פֿון דעם, וואָס איז גוט און געזונט, און זאָל מען אַרויסוואַרפֿן די פֿאַרדעכטיקע פֿלאַקאָנען מיט די קאָלירטע וואַסערלעך און די שמימדיקע נשמה-שמירעכצער.

אַ טרונק קלאָר וואַסער איז דאָך אַ מחיהו! אונדזערע נשמות זענען דאָרשטיק. ווער דאַרף אַזוי פֿיל דאָקטרינעס, ווער דאַרף אַזוי פֿיל פֿילאָזאָפֿיעס, אַזוי פֿיל אמונות. ווי אַזוי זאָל דאָס אַלץ ניט אויסזען פֿאַרדעכטיק פֿאַר אַ פּשוטן מענטש וואָס קען ניט קיין שום דיאַלעקטישע אַקראָבאַטיק?

~❀~

דער אומקום פֿון 6 מיליאָן ייִדן קען זייַן אַ שואה. אָבער פֿאַר וואָס געלעסטערט דעם נאָמען „האָלאָקאָסט" מיטן היטלערישן אומברענגען אַזוי פֿיל ייִדן? דאָס איינציקע וואָס האָט עפּעס אַ שייַכות מיט דעם טערמין איז דאָס פֿאַרברענען. האָלאָקאָסט איז קרבן, פֿון גריכישן קאָסטאָס – פֿאַרברענען. ס'האָט אַ שייַכות מיט אַ מזבח, אַ רעליגיע. יאָ צי ניט-גילטיק, נאָר אַ מין הייליקייט. אָבער דער נאַציזם איז בעסטיאַלישע רציחה, סתּם ווילדער מאָרד-שגעון, פֿאַרברעכערישע מערדערייַ.

ס'ייִדישע פֿאָלק איז אַ קרבן פֿון גוייִשן קיִניזם, פֿון גאַנצן גוייִשן ברידערהאַס, סייַ פֿון די, וואָס האָבן געהאָלפֿן באַוואָפֿענען

היטלערן, סײַ פֿון די וואָס האָבן גלײַכגילטיק געלאָזט באַגײן די ווילדע מערדערײַען, סײַ די וואָס האָבן הנאָה געהאַט וואָס מע נעמט נקמה פֿאַרן געקרײַציקטן יעזוסן, סײַ די וואָס זענען געווען צופֿרידן צו זען אומברענגען די פֿאַרשאָלטענע לײַט וואָס גלייבן ניט אין קריסטליכן ווילזײַן צי אין מחמדנישן נבֿיא, אָדער סתּם יוכישע כאַמעס, און פֿאַרשטייט זיך — די אַלע וואָס האָבן געהאָלפֿן מאָרדן און רויבן מיט קנאה און שׂנאה פּטור צו ווערן פֿון קאָנקורענטן, ניט פֿאַרגינענדיק טאַלאַנט צי געראָטנקייט פֿון לײַט וואָס לעבן איבער אַזוי פֿיל טיראַנישע אימפּעריעס מיט זייערע טיטוסן, טאָרקוועמאַדעס, פּאָביעדאָנאָסצעווס, היטלערס און סטאַלינס, מיט די אַלע רעליגיעזע און וועלטליכע הומאַניזמען וואָס זענען ס׳רובֿ המניזמען!

≈❀≈

**א**ין קאָסמישן אַלץ איז דעם מענטשס דענקענדיקער גײַסט אפֿשר ס׳בלי׳עז אינעם פֿרילינג פֿון דער אייביקייט. דער מענטש — אַ צוויט. ווי פּרעכטיק וועלן אפֿשר אַ מאָל זײַן די פּירות! פֿון וואַנען? וועמענס זוים? פֿאַר וועמען פּירות? אין וועמענס גאָרטן?

אַ בוים בליט און פֿרעגט ניט קיין שאלות.

≈❀≈

**וו**אָס וואָלט מען געזאָגט וועגן אַ באַלעבאָסטע וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט גרייטן דעם טיש, ווישן די טעלער, אָבער האָט ניט צוגעגרייט קיין שום מאכל? ווי אַזוי קען מען שטילן אַ הונגער מיט אַזאַ מין פֿירונג?

אַזוי איז מיט די פֿילאָזאָפֿן, רעליגיעזע און אַפֿילו אַסטראָ- צי מיקראָ-פֿיזיקער וואָס דיאַלעקטעווען, מיט מאַטעמאַטישע טעאָרע-מען, מעטאַפֿיזישע עקוואַציעס און הימלישע ספּיריטואַליזמען, בשעת דאָ, אונטן, אויפֿן פּלאַנעט, לעכצן הונגעריקע נאָך אַ רעפֿטל ווילזײַן צי פּשוט ברויט. מע קומט זיי נערן מיט מיראַזשן, פֿיקציעס, דאָקטרינעס, און מע טרייסט זיי מיט צרות, אַנגסט און מיתה-משונות.

≈❀≈

וי בײַ אַ גוטן בעל-מלאָכה אין זײַן פֿאַך
אַן אינסטרומענט
מוז אין מחברימס הענט
זײַן די שפּראַך.
שפּראַך קען אויך זײַן
ווי אַ סטראַדיוואַריוס פֿאַרן פֿידלער דעם סאָליסט
וואָס דאַרף, וואָס קען, וואָס מוז פֿאַרשטיין
ווי אַזוי פֿון אַן אַמאַטי מע געניסט.
נאָר דעמאָלט פֿילט דער מײַסטער
פֿון קרעאַטיוון תּענוג גליק,
און דער ווירטואָז – וואָס ס'מיינט מוזיק,
אַזוי נאָר קינסטלער הייסט ער,
און ווערט איז שבת.

~❀~

גאָט איז טויט?

וועלכער גאָט? ניטשעס גאָט, דער גאָט בצלם מענטש! איצט זע נאָר דעם איבערמענטש, דעם אַרישן זיגפֿריד-העלד, וואָס טובֿלט זיך אין בלוט, נעמט גאָלד פֿון רײַן און הוליעט אין וואַלהאַלאַ-גן-עדן!

זעט נאָר דעם מײַסטער-זינגערישן פֿאַרשוין מיט זײַן נעבעכדיקן אויסזען, וואָס גייט אויס אין אַ משוגעים-הויז – און ער קומט עס פּרעדיקן וועגן דעם פּערפֿעקטן מענטש, און פּראָקלאַמירט אַז גאָט איז טויט, אָבער אַז ער איז דאָ. דער דאָזיקער מעגאַלאָמאַן זאָל עס האָבן אַ השפּעה אויף דער פֿילאָזאָפֿיע. דער רעזולטאַט – היטלער-סטאַלין!

~❀~

אויף דער וואָגשאָל פֿון מתּנות און נדבֿות וועגט דער גראָשן פֿונעם אָרעמאַן אַ סך מער ווי ס'רענדל פֿונעם נגיד.

~❀~

**אַ** פֿויגל אין אַקוואַריום?
אַ שלײַען אויף אַ בוים?
וואָס זאָגסטו: ס'איז אַ פֿיקציע,
ס'גלייבט אַזוינס זיך קוים?
און מענטש וואָס קריכט אין הימלען,
זיך פֿיזיש, פסיכיש סמט?
זיך האַלט אין איין פֿאַרטומלען
און פגרט קלוג-פֿאַרכאַמט?
וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדײַטן?
אַ גאָט זיך רייצט מיט לײַט!
וועלט – ווערק פֿון אַ צעדרייטן?
אַ טײַוול לאַכט פֿאַרשײַט?
פֿרעמד דאַך אַזוינס דעם שׂכל!
אויב דאָס מוז אַזוי זײַן –
איז עקזיסטענץ פֿאַרצווייפֿל,
און דער באַשאַף – געמיין!

≈❀≈

**וו**ו זעבען זיי, די אַמאָליקע ייִדן פֿון וואַרשע, ווילנע? ביטאָ מער קיין ייִדן! אומעטום היברידן, מיש-מאַשן, אַסימילירטע, סוראָגאַט-גאַמעטן מיט קאָקטעל-כראָמאָזאָמען, פֿאַנאַטיזם, דאָ רעליגיעז, דאָ וועלטליך, גײַסטיקע טימטומס, צוגעטשעפּעטע צו אַלע פּאַטריאָטיזמען, שאָוויניזמען, נאַציאָנאַליזמען, אָפּאָרטוניזמען און באַך אַזעלכע **איזמען** –געסאַברעט צי פֿאַרגויִשט–, אַלץ פּראַקטיש; גופֿים ראָבאָטיזירטע און נשמות אָן אידעאַלן, אָן עקסטאַז... און אויב אינטעלעקטועל – איז מען אַן עפּעס מיט אַן **איסט** און פּטור.

באַר די אַנטיסעמיטן דערמאָנען די אַלע לײַט אַז זיי זעבען ייִדן; ווען ניט וואָלטן זיי עס ניט געוווּסט אַפֿילו.

≈❀≈

## שמ״ריזם

אין פֿינצטערן קערקער עוויג געשמאַכט
מיט טרויער און שמערץ,
און קיין מאָל פֿון קיינעם אַ האָפֿענונג געבראַכט
דעם ליידנדן הערץ!...
אָ דו, מיין מוזע, מיט לירע און האַרף
קום־זשע, אָ, קום –
באַפֿרייען מיין זעלע אַזוי ווי מע דאַרף;
ווען ניט – בלייב איך שטום!...
זע, כ׳בין אַ דיכטער און לייד פֿאַר דער וועלט,
איך חלום און בענק –
חוץ זענזוכט באָר קומען צו מיר אין געצעלט
קדחת און קרענק...
אָ, מוזע, די וועלט איז אַ קערקער פֿאַר מיר,
מיין שמאַכטונג איז גרויס.
קום־זשע, אָ, קום שוין; ס׳איז אָפֿן די טיר;
אָן דיר גיי איך אויס!

⁂

טאַקע שיין, די פּיטאַגאָרישע השגה אַז דער אוניווערס איז אַ האַרמאָנישע סטרוקטור, ווי אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע. און פּלאַטאָן, דאַכט זיך אין „גאָרגיאַס", זאָגט, אַז פֿריינדשאַפֿט, אָרדענונג, רעכט, יושר און גערעכטיקייט האַלטן צוזאַמען ערד און הימל, גאָט און לייט – און דאָס איז דער פּרינציפּיעלער קאָסמאָס!

אָבער ליידער, באמת, איז דער אוניווערס אין פּעו מאַנענטע קאַטאַסטראָפֿעס, מיט אַגרעסיווע שטראַלונגען, מאַגנעטיזמען, סאַטעליטן־שקלאַפֿעריי אין אָרביטן. און ביים אידעאַלן פּלאַטאָן – שקלאַפֿן־רעזשימען, סאָקראַטעס־אומקום, דאָס מיטאָלאָגישע אָלימפּ־געזינדל אין פּערמאַנענטע מלחמות... אַ וויסט גיהנום דאָס אַלץ! אַזוי אַ מאָל, אַזוי היינט, און אַלץ ערגער, געמיינער.

ניט קומען מיט דיסערטאַציעס וועגן יושר, רעכט, עסטעטיק, ליבשאַפֿט, האַרמאָניע – געמיינע היפּאָקריטן־לײַט!

≈❀≈

מיסטיק מיט דײַן גוף די ערד
און אפֿשר הימלען מיט דײַן גײַסט;
דײַן עקזיסטענץ – ווער ווייסט
דײַן עקזיסטענץ – וועמען געהערט?
ווער ציל פֿון יעדנס לעבן ווייסט?
אָטעם, נער זיך, טראַכט און טרוים,
און קום אום, ווער שטויב און קויט;
אַזוי מיט מענטש, מיט וואָרעם, בוים,
ווײַל לוין פֿאַר יעדנס זײַן איז טויט!
מיט קדיש יאָ צי ניט באַקלאָגט;
מיסט, פֿאַנטעאָן – אָן שום באַדײַט.
לויב, ברוך־דיין־אמת – זאָגט
נאָר דער וואָס בײַ דײַן קבֿר שטייט.

≈❀≈

פֿאַרשטייט זיך אַז איך פּרעטענדיר ניט צו זײַן אַ מין פּיאָנער אין פּאָזיטיוויזם, רעאַליזם, מאַטעריאַליזם, עקזיס־טענציאַליזם, פֿענאָמענאָלאָגיע, אָנטאָלאָגיע, ספּיריטואַליזם, טעאָלאָגיע אד״גל. נאָר ווי אַ קוריאָזיטעט האָב איך זיך דאָך אינטערעסירט מיט די אַלע פּראָבלעמען און געפּרוווט עפּעס פֿאַרשטיין דערין, און אויסגעפֿונען אַז ס׳זענען פֿאַראַן זיבעציק פֿילאָזאָפֿיזמען, פֿיר הומאַניזמען: טראַנסצענדענטאַל, טאַווטאָ־לאָגיע, סכאָלאַסטיק, געשטאַלט־טעאָריע, חוץ דעם וואָס איז מיט אַנדערע לאָגיעס, ווי טעאָלאָגיע – אַ הימאַלאַיאַ מיט טעאָריעס, מיט דאָקטרינעס, מיט אמונות, מיט פֿאַרשיידענע אַקסיאָמען, פּאָסטולאַטן, אַרגומענטן, דיאַלעקטיק, טעזיס, אַנטיטעזיס, סינטעזיס, טעאָרעטישע פֿיזיק, אַבסטראַקטע רעאַליטעטן...

כ׳האָב אַ פֿולע ליסטע פֿון דעם אַלעמען, און אויב אַ

פֿאַראינטערעסירטער אין אַן איזם צי אין אַ לאָגיע וויל עס געננוי האָבן, קען איך עס אים צושיקן.

~❁~

אַן אַטאָם, ווען דער מיקראָסקאָפּ זעט אים, איז ער שוין זינט לאַנג פֿאַרשווונדן. פֿאַר אַ שטערן געדויערט מיליאַרדן יאָרן דאָס דערגרייכן פֿונעם ליכט צום אויג; אפֿשר פֿאַר אַן אַטאָם, געזען קוואַנטיש, איז עס אַ מיני-מיני-מיני-דויער. ווי אַזוי-זשע קענען זײַן סובסטאַנצן, זאַכן און לײַט, וואָס באַשטייען פֿון אַטאָמען, וואָס עקזיסטירן ניט — כאָטש אַ ביסל?

ניט צו פֿאַרשטיין ווי אַזוי אַ פּלאַנק, אַן אײַנשטיין, אַ מינקאָווסקי, אַ באָהר, אַ פֿערמי צי אַ בראָגלי האָבן זיך געקענט פֿאַרנעמען מיט עפּעס, וואָס אין פּרינציפּ עקזיסטירט עס ניט. דעמאָקריט, מיט זײַנע אַטאָמען — דעמאָקריט איז אַ היפּאָקריט. ער האָט אײַנגערעדט די וועלט אַז אַלץ באַשטייט פֿון עפּעס, וואָס קען לחלוטין ניט זײַן.

~❁~

כ'בין ניט קיין בקי אין אַלע סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. בין איך אַ קאָמוניסט, אַ סאָציאַליסט, אַן אַנאַרכיסט, קאַפּיטאַליסט, קליינבירגער, סתם-פּראָלעטאַריער צי לומפּן-פּראָלעטאַריער? כ'וויס ניט גענוי וואָס פֿאַר אַ צעטל מיט וואָס פֿאַר אַ נומער כ'דאַרף מיר אָנהענגען אויף דער פּלייצע. זאָל מען מיך קלאַסיפֿיצירן ווי מע וויל. איך האָב מיר מײַן אייגענע, פּשוטע אויפֿפֿאַסונג פֿון דעם, ווי אַזוי אַ מענטשליכע געזעלשאַפֿט מוז זײַן אײַנגעאָרדנט, פֿון וואָס פֿאַר אַ קאַטעגאָריע לײַט זי דאַרף באַשטיין, און וואָס פֿאַר אַ פּרינציפּן מע דאַרף אָנווענדן פֿאַר אַ גילטיקן לעבנס-שטייגער צווישן אויפֿריכטיקע לײַט, פֿאַר אַ גילטיקער עקזיסטענץ.

ערליכקייט, אויפֿריכטיקייט, ליבשאַפֿט צו זיך און צו אַלע, אַפֿילו צו אַלץ. ניט גענאַרט ניט זיך, ניט יענעם אין קיין שום הינזיכטן,

אין קיין שום אומשטאַנדן. ניט פֿויל, ניט גרויסהאַלטעריש, ניט פּחדן, ניט פֿאַנפֿאַראָן-העלד. איין מענטש טאָר ניט אויסניצן אַ צווייטן. עגאָיִזם פֿון יחיד, ווי סאָציאַלער קלאַסן-עגאָיִזם, איז אַ חטא און אַ שאַנד. ניט פּרוּוון זײַן פֿולקום, איז אַ זינד. ניט פּרוּוון אָפּצאָלן דער געזעלשאַפֿט מיט מי פֿאַר דעם גאַנצן ווילזײַן וואָס אַלע האָבן געשאַפֿן, איך זאָל קענען געניסן פֿון אַלץ – איז אַ פֿאַרברעכן. ניט העלפֿן עמיצן אין נויט, פֿאַרביטערן עמיצן ס'לעבן, אַפֿילו מיט אַ מיאוס וואָרט, צי אַ שלעכטן זשעסט – איז ניט נאָר נאַריש, נאָר זינדיק. די גרעסטע שאַנד איז צו זײַן אַ פּאַראַזיט, סײַ פֿאַרן יחיד ווי פֿאַרן כּלל. דאָס גרעסטע גליק איז פֿירן אַ שאַפֿנדיק לעבן אין האַרמאָנישן סימביאָז מיט אַלץ און אַלעמען, נעמען מיט פֿרייד און געבן מיט פֿרייד; ניט זײַן אין קיין שום פֿאַל, אין קיין שום אומשטאַנדן אַ יחסן צי אַ מענטליק-מאַכער. תּמיד אַ ריין געוויסן; תּמיד ריין פֿיזיש און מאָראַליש. דאָס זינדיקן קעגן אייגענעם גוף, ווי קעגן דער אייגענער נשמה, איז ווי געזינדיקט קעגן כּלל, קעגן דער גאַנצער וועלט. ניט מיִען זיך אומניצליך, פֿאַר ניט-גילטיקע באַדערפֿענישן. ניט פֿאַרלאַנגען מער ווי מע דאַרף. אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט – תּמיד גרייט. ניט צעשטערן עפּעס מער, אָדער אומברענגען – אָן אַבסאָלוטער באַדערפֿעניש לויטן באַטירליכן מוז. אַזאַ מין לעבנס-שטייגער געפֿעלט מיר. ניט פֿאַרלאַנגען עפּעס אַנדערש, און ניט טאָלערירן עמיצער זאָל מיך אויסניצן צי מיר אויפֿצווינגען עפּעס וואָס איז קעגן די פּרינציפּן פֿון ערליכקייט, אויפֿריכטיקייט, גלײַכהייט, ליבשאַפֿט און שיינקייט.

מע זינדיקט מיט דער שוואַכקייט פֿון אַ „לאָז געמאַך". ניט זײַן אַפּאַטיש, ניט באַכגיביק, ניט „זאָל געשען וואָס ס'וויל נאָר", ניט „וואָס בין איך משטיינס געזאָגט איבערצומאַכן וועלטן?". זײַן פֿרײַ און באַוווסטזיניק אין אַ פֿרײַער, באַוווסטזיניקער וועלט. דאָס איז אַן אימפּעראַטיווער אידעאַל. און וויכטיקער פֿון אַלץ – ניט לאָזן זיך פֿאַרשלעפּן און פֿאַרפּלאָנטערן אין רעלאַטיוויטעטן מיט „אָבערס", מיט „נאָרס", מיט „כאָטשס" און „דערווײַלס", און „טאָקעס", און „פֿאַרשטייט-זיכס" און נאָך אַזעלכע שאַלעמויזן

וואָס פֿילן אָן ביבליאָטעקן מיט מיליאָנען ביכער, טעאָריעס, טעאָלאָגיעס, טעאָגאָניעס און ווייס איך וואָס דאָרט.

די זון דאַרף ניט קיין שום קאָמענטאַרן. זי שײַנט. ס'איז ליכטיק. אַלע זעען, פֿאַרשטייען, פֿילן זי; אַפֿילו בלינדע. ניטאָ וואָס צו קאָמענטירן, טײַטשן, דערקלערן מיט באַווײַזן. אויפֿריכטיקע ערליכקייט איז ווי די זון.

≈❀≈

**וו**י דער גײַסט פֿונעם בינשטאָק פֿאַר דער בין און דער גײַסט פֿונעם מענטש פֿאַרן מינדסטן קעמערל אין זײַן גוף, ווערן מיר געוועלטיקט דורך אַ העכערן ווילן וואָס באַשטימט אונדזער גורל און דערלאָזט, באַגערט מיר זאָלן אויספֿירן אונדזער מיני-ראָלע, ניט מער און ניט ווייניקער. דערפֿאַר באַקומען מיר ווי אַ לוין אַ פּיצל פֿרײַען ווילן און אַ געפֿיל פֿון פֿרייד און גליק. אַזוי גוט ווי ס'קען זײַן אַ מעגליכקייט פֿאַר אַ גײַסט פֿון בינשטאָק, צי אַ גײַסט פֿון מענטש, קען זײַן אַ גײַסט פֿון אַ פּלאַנעט, צי אַ גײַסט פֿון אַ זונסיסטעם, פֿון אַ קאָסמאָס צי קאָסמאָסן, אָדער אין עפּעס וואָס איז נאָך ריזיקער דערפֿון. דאָס אַלץ צוזאַמען קען נאָר זײַן אַ צוזאַמענשטעל פֿון היעראַרכיעס.

פּרוּוון דערגיין צי סוף כּל סוף שאַפֿט דער גײַסט פֿון בינשטאָק די בין צי פֿאַרקערט — די בינען האָבן געשאַפֿן דעם גײַסט פֿון בינשטאָק; צי זענען גאָט אָדער געטער די געוועלטיקערס איבער אַטאָמען, אָדער זענען זיי געוואָרן האַר ווײַל באַגערט פֿון יענע; צי איז זייער פֿונקציע ניט קיין רעזולטאַט, אַ באַדערפֿעניש, אַן אימפּעראַטיווער מוז, אַ ווײַטערע מדרגה — יעדנפֿאַלס, דאַרף מען ניט זײַן געפֿאַלן בײַ זיך מיט דער אונטערטעניקייט צו עפּעס גרעסערס, ווי דער מענטש צו גאָט, צי געטער. פֿאַרשטיין אַז אַלץ איז זיכער אין אָרדענונג.

מע טאָר ניט זינדיקן מיט יאוש, מיט אומעט. מע טאָר ניט באַגערן ס'אוממעגליכע, ניט זײַן פּרעטענציעז, ניט געפֿאַלן, נאָר טון די פֿליכט פֿון ווירטועלן זײַן מיט פֿרייד, אין דער זיכערקייט אַז דער

באַשאַף איז וואָרשײַנליך מיט אַ באַגערטן כּי־טובֿ. גאָט צי געטער זענען יאָ צי ניט פֿאַראַנען? דאָס גריבלען זיך אין די דאָזיקע פּראָבלעמען איז נאָר גורם צו פֿאַרגרעסערן דעם פֿאַרנעם פֿון אונדזער אומוויסנקייט, ווי ס׳געשעט מיט די גרויסע טעלעסקאָפּן און נײַע מיקראָסקאָפּן, צי אַפֿילו מיט מאַטעמאַטישע השערות. ניט מעגליך צו זען קיין גרענעץ, ניט אין גרויסע און ניט אין קליינע דימענסיעס. און אפֿשר ליגט דערין אויך אַ כּי־טובֿ?

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויב גאָט צי געטער זענען פֿאַראַן, מוזן זיי האָבן די זעלבע שוואַכקייטן, אפֿשר קאַפּריזן און רעלאַטיווע דימענסיעס, פֿאַרשטייט זיך, ווי אַנדערע וועזנס. דער באַגריף פֿון פּרימיטיוון מענטש מיט זײַנע אַנימיזמען, ווי די אַמאָליקע מיטאָלאָגיעס צי אַפֿילו די הײַנטיקע רעליגיעס, האָבן תּמיד אין זיך עפּעס פֿונעם וואָרן פֿאַרגעפֿיל. אויב דאָס אַלץ זאָל זײַן וואָר, און דער מענטש זאָל זײַן אין צלם־אלוהים, זענען מיר טאַקע אין אַ געפֿאַר. ווער ווייסט וואָס ס׳קען געשען מיט אַ קאַפּריז פֿון אַ גאָט?

≈❀≈

קודם – זײַן. דערנאָך דאַרף מען טראַכטן פֿונעם ווערן. געוויס, ווען דו ווערסט ניט טראַכטן דערפֿון, ווערסטו סײַ־ווי־סײַ זײַן און ווערן. ס׳איז אָבער שענער און בעסער צו זײַן ווי דאָס פֿעדערל אין ווינט, וואָס טראַכט תּכלית, ציל, און מיינט אַז דאָס פֿירט ער דעם זעפֿיר מיט די שטורעמס, מיט דעם הוראַגאַן אַפֿילו. דערמיט ווערט עס אַ באַוווסטזיניק פֿעדערל, און זעלבסט־באַוווסטזײַן, ווייסט מען דאָך, איז אַן אַטריבוט פֿון באַוווסטזיניקן מענטש, פֿון מאַכט, פֿון פֿרײַען אויסוואַל.

≈❀≈

אַ פֿויגל אָן פֿליגל, אָדער מיט כּמעט פֿליגל, איז ניט קיין אמתער פֿויגל. זײַן אַ פּינגווין מיט אַנדערע פּינגווינען? ניט נאָר אָדלערס, טויבן – אַ קראָ, אַ בלינדע פֿלעדערמויז אַפֿילו, וואָלט עס ניט געוואָלט און ניט געקענט זײַן. ניט מעגליך צו פֿאַרשטיין ווי

אַזוי קען מען זײַן אַ מעסיקער פּאָעט? אָדער מ׳איז עס, אָדער מ׳איז עס ניט.

~֍~

די שענסטע רויזן האָבן דערנער;
צאַרטע אַנטילאָפּעס – שאַרפּע הערנער;
פּרי שיין און שלעכט דער זוים;
זיסע פּרוכט און ביטער – קערנער.
אַזוי מיטווירקליכקייט און טרוים.

~֍~

טראָץ אַלע סאָפיסטישע קונצן-מאַכערײַקעס, וואָס באַווײַזן אַז ס׳קען זײַן גילטיק אַן אַנטילאָגיק און עפּעס קען זײַן גלײַכצײַטיק אַזוי און אַנדערש, קען מען דאָך פעסטשטעלן אַז ס׳איז פאַראַן אין אונדזער אופן פּערצעפּציע און דענקען אַ מין שׂכל-הישר, אַ מין אויספירליכקייט מיט מאַטעמאַטישע אמתן וואָס האָבן געוויזן זייער ריכטיקייט און פּראַקטישע אָנווענדונגען פון טעאָרעטישע אויספירונגען. ס׳איז ווי דאָס פעסטשטעלן, אַז צוויי מאָל צוויי מוז זײַן פיר, און אַז מע קען ניט געפינען קיין גלײַכע צאָל פיר אין דרײַ און צוואַנציק. מע קען זיך פאַרלאָזן אויף געאָמעטרישע מעסטונגען וואָס דערלויבן צײַט-רעכענונגען ביז כמעט אַ פּינקטליכקייט פון אַ מיליאָן-טיילעכל פון אַ זייגער-סעקונדע.

און ערשט די עלעקטראָנישע און כעמישע קאָמפּאָזיציעס פון שטאָפן און ענערגיעס? ווער קען אויסרעכענען, בפרט אַ פּראָפאַן ווי איך, דאָס אַלץ וואָס שטיצט זיך אויף ריכטיקע און פּינקטליכע באַווײַזן פון שׂכל און לאָגיק? דעריבער קען זײַן גילטיק די טעאָריע, אַז אַזוי גוט ווי פאַרשנדיק אַ ליניע פון אַ דרײַעק קען מען, לויט זייער פּעריאָדיש דערשײַנען, אויסרעכענען די פּאָזיציע פון שטערן און פּלאַנעטן, ווי די באַזע פון אַסטראָנאָמיע, וואָס זעט אויס ריכטיק. אפשר קען מען, פאַרגלײַכנדיק דעם דאָזיקן סיסטעם מיט היסטאָרישע געשעענישן, מאַכן אַן אויספיר פון וועג און ציל

וואָס ס׳קענען דערגרייכן סאָציאַלע עוואָלוציעס.

מיטן אָנווענדן הוסערלס פענאָמענאָלאָגישע דיאַלעקטיק, געפינען אַן אופן פון דערקענטעניש פאַר וועלט, און אַפילו פון גאָט, סיי ווי אַ טייל פון אַלץ, סיי געזען אָביעקטיוו אויסער אַלץ וואָס איז, כאָטש דאָס זעט אויס כמעט ווי אַ פאַראַדאָקס. ליידער איז דערווייל אפשר דער באַגריף אַלץ אַ רעלאַטיווע השגה. דער בינשטאָק איז אַלץ פאַר דער בין, ווי די בין – אַלץ פאַרן קעמערל צי אַטאָם וואָס שטעלט זי צונויף.

וואָס פאַר אַ פּאָזיציע קען פאַרנעמען דער מענטש אינעם אוניווערס? דער עדמונד-הוסערל-סיסטעם איז ווי דער פאַרזוך פון אַ ציגל צו דערקענען די געבײַדע פון וועלכער ער איז אַ פּיצל באַשטאַנדטייל. אָבער ס׳קען זײַן אַ מעגליכקייט אַ ציגל זאָל פּרוּוון וויסן עפּעס פון דער געבײַדע, און אַזוי אפשר מיט אַ קערן ליים, וואָס איז אין ציגל. ווי שיין איז דער פּרוּוו פונעם ציגל, צי פונעם קערן ליים אין אים, בלויז צו פּרוּוון דאָס דערקענען, ניט נאָר די גאַנצע געבײַדע, נאָר אַפילו דעם אַרכיטעקט און צוליב וואָס מע האָט זי געבויט, פאַר וועמען, און וואָס וועט זײַן מיט איר אַ מאָל שפּעטער!

~✽~

אַסימילירטער ייִד! דו ביסט היבריד, ווי איינער פון די פיר בנים פון דער הגדה. מיטן כלומרשטן פּראָגרעס, ליבעראַליזם און וועלטליכקייט, אינטעלעקטועל צי כאָם – דו לעסטערסט עגאָפאָביש אייגנאַרטיקייט פון דײַן שטאַם. און צו ווערן וואָס? אַן עפּעס פון אַ קאָמפּאָנענט אין אַ פרעמדן אַמאַלגאַם. ליאַנע, שוואָם צי מאָך – ניט צוגעאייגנט פּאַראַזיט פאַרן בוים, טראָץ מאַטעריעל צי פיזישע סימביאָזן.

קענסט זײַן ווירטועל צי כמעט אַסימילירט, געשמדט: גאַמעטן, קראָמאָסאָמען גענעטיש ווערן ניט געענדערט. דו מוזסט זײַן ווי דו ביסט, אַזוי ווי די נאַטור האָט דיך באַשאַפן. עס וועט דיר גאָרניט העלפן. דײַן זיך צואייגענען צו פרעמדע עטנישע גרופּעס וועט

תּמיד זײַן ווי אַ סוראָגאַט. ערשט אַז מיט דײַן ייִדישער אייגנאַרטיקייט האָסטו זיך לחלוטין ניט וואָס צו שעמען; אַדרבא!

~❁~

אַז דער צי יענער פֿאַרשווין
אין באָד דאָך נאַקעט זענען –
אויב ניט אויפֿן קאָפּ אַ קרוין,
דעם קעניג ווי אַזוי דערקענען?

~❁~

דער פֿילאָזאָף איז דער פּראָדוקט פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע, אָדער די פֿילאָזאָפֿיע איז דער פּראָדוקט פֿונעם פֿילאָזאָף? גיי זוך דעם אָנהייב פֿונעם פֿאַרפּישופֿטן קרײַז, ווו דעם מענטשס שׂכל, משטיינס געזאָגט, זוכט דווקא זיך אַרײַנצובאַקומען, אָדער אפֿשר גאָר זיך אַרויסצובאַקומען. אינטערעסאַנט צו וויסן, צי עסן אַ בייגל פֿילאָזאָפֿירנדיק נערט מער, צי האָט אַ בעסערן טעם, ווי אַס מע עסט עס סתּם אַזוי מעלה-גריש. בלײַבט מען ניט סוף כּל סוף מיטן זעלבן אַבסטראַקטן לאָך, וואָס איז מיט אַ מינוט פֿריער געווען עפּעס אַ קאָנקרעטע זאַך? די אַלטע מעשׂה מיטן פֿרעגן זיך צי איז פֿריִער געווען דאָס איי און דערנאָך דער פֿויגל וואָס האָט אים געלייגט? פֿון וואַנען זאָל קענען האָבן געקומען דער ערשטער פֿויגל, אויב ס'איז ניט געווען קיין איי? ווען האָט אַ באַשעפֿעניש געקענט אָנהייבן זײַן אַ פֿויגל בכלל?

אוי, ראַטעווע מיך, גאָטעניו, פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע, און שענק מיר פּשוטע זיכערע אמונה, מיט מנוחהדיקן שׂכל.

~❁~

קיינער האָט זיך נאָך ניט דערלויבט, איז ניט מסוגל צו מאַכן אַ פֿאַרזוך צו דערקלערן דעם יסוד, שורש, באַשאַף פֿון צײַט, אייביקייט. אַלע טעאָלאָגיעס און פֿילאָזאָפֿיעס דערקלערן אַ סיסטעם פֿון אורבאַשאַף **אין** דער צײַט. תּוהו-ובֿוהו, אַ כאַאָס, אַן ענערגיע, אַ וואָס איר ווילט אַליין – אָבער אַלץ אינעם דויער

שוין. דער בראשית הייבט זיך באַלד אָן מיט אַ מעסטן צײַט. באַשאַפֿן דעם הימל, די ערד — אָבער ניט די צײַט. מע קען טאַקע עס רופֿן פֿערטע דימענסיע, אָבער ווער עס זאָגט „דימענסיע", באַגרענעצט עפּעס אין פֿאַרנעם. דאָס מאַטעריאַליזירן צײַט איז אַ שלעכטע דערקלערונג, בפֿרט אַז צײַט האָט אַזעלכע אייגנשאַפֿטן וואָס אונדזערע באַגריפֿן פֿון „עפּעס" האָבן ניט. למשל: אַלץ קען טאַקע זײַן, אָבער ניט גלײַכצײַטיק. אַז איך פֿאַרנעם אַן אָרט, פֿאַרנעמט עס ניט קיין צווייטער, אויסער מיט געוואַלד, מיט אָפּשטויסן, אַרויסשטויסן: דער אייביקער קאַמף פֿון פֿאָרמען. אָבער אין צײַט קענען מיליאַרדן עפּעסן דויערן גלײַכצײַטיק, און קיינער זאָל ניט שטערן דעם צווייטנס דויער. עפּעס איז דאָ ניט קלאָר — און פּרעכטיק.

ווי גוט און שיין דער פּרווו פֿון מענטש, צו קענען טראַכטן פֿון אַזעלכע באַגריפֿן! נאָר אַ סיבה פֿון דאַנקבאַרקייט צום באַשאַף און צום באַשעפֿער.

פֿאַר דער שענסטער רויז —
עפּעמריש דויער בלויז.
פֿאַר דײַן ווײַלע זײַן נאָר, מענטש —
וועלט דאַנק און בענטש!

פֿאַר פּלאַנעטן, זונען, שטערן צי גאַלאַקציעס אַפֿילו — ניט פֿאַראַן קיין אַלטערנאַטיוון: קרײַזן אין זייער וועג אָדער פֿאַלן. ניטאָ קיין בלײַבן שטיין; ניטאָ קיין אָנהייבן פֿאַלן. ס'איז געפֿאַלן — אָדער ניט. די פֿראַנצויזן, אמתע קאַרטעזיאַנער, האָבן זייער מיינונג וועגן אַ טיר: אָדער זי איז אָפֿן, אָדער זי איז פֿאַרמאַכט. ס'דאָזיקע קען זײַן אַ משל פֿאַר אַ סך לײַט אין זייער טראַכטן און טון. וויפֿל לײַט נאַרן זיך זעלבסט מיט קאָמפּראָמיסן און צופּאַסונגען כּלומרשט צו אומשטאַנדן? פּאָליטיק פֿון אַ שטרויספֿויגל! דו, מײַן זון, מײַד דאָס בויען געצעלטן אויף

מיראַזש-אָאַזיסן אין מדבר פֿון אונדזער וועלט. די ווירקלעכקייט, אויב גוט געקענט, איז זי גוט באַהערשט און האָט מער מעגליכקייטן פֿאַרן וואָרן גליק ווי אַ צויבער-חלום פֿון האַשיש צי נאָר אַזעלכע איינגערעדטע גליקן.

≈❀≈

פֿאַר וואָס דווקא קומען באַווייזן, אַז לעבן איז עפּעס פֿון דעם, וואָס ווערט באַגרייפֿט איינשטייניש ווי אַ פֿיר-אייניקייט: קראַפֿט, שטאָף, אָרט און צייט – און ניט פֿאַרקערט – אַז זיי זענען גאָר אַן אויסדרוק פֿונעם אייגנציקן קאָסמישן עפּעס: לעבן. קען זיין אַז גאָט אַפֿילו איז אפֿשר אויך נאָר אַ פֿענאָמען, אַן אויסדרוק פֿון דער דאָזיקער עסענץ און סובסטאַנץ וואָס האָט אַלע אַטריבוטן פֿון וועלן און קענען פֿאַר אַלץ, וואָס קען נאָר זיין. בכן איז דאָס פֿאָלעמיזירן מיט אַרגומענטירן ניט מער ווי אַ משל, ווי דער וואָס וויל באַווייזן, אַז אויב ס'זענען פֿאַראַן באַנען, איז עס ווייל ס'זענען פֿאַראַן רעלסן, סטאַנציעס מיט באַטשאַלניקעס, ניט פֿאַרקערט, אַז דאָס אַלץ קען זיין ווייל פֿאַראַן זענען באַנען מיט לייט, וואָס ווילן ערגעץ פֿאָרן.

≈❀≈

געוויס, ס'קען זיך טרעפֿן אַז אַ דורכגייער זאָל צופֿעליק עפּעס געפֿינען אין וועג. אָבער דער וואָס זוכט האָט דאָך מער אויסזיכטן אָנצוטרעפֿן אויף דעם. מע קען זיך צופֿעליק אין דער פֿינצטער אָנשטויסן אויף אַן אוצר אַפֿילו; אָבער דער וואָס זוכט מיט אַ לאָמפּ אין דער האַנט און באַגערט עפּעס צו געפֿינען, קען לייכטער און וואָרשיינליכער זיך אָנשטויסן דערויף. אַן עדיסאָן קען לייכטער דערפֿינדן עפּעס, ווייל ער זוכט, ווייסט וואָס ער וויל, פּרוווט אויסבעסערן דאָס וואָס ער ניצט געוויינטליך, באַמערקט דאָס וואָס איז כּולל עפּעס, וואָס קען ווערן אַנדערש.

אויב עמיץ קען – אַפֿילו אין חלום – אויסרופֿן „עורעקאַ", איז עס ווייל ער זוכט עפּעס וואַכנדיק. דער אונטערבאַוווסטזיין איז תּמיד אַ טרייער אויפֿפּאַסער און אַ געניטער שליח. פֿאַרלאָזן זיך אויפֿן

אייבערשטן און ווארטן אַז געבראָטענע טײַבעלער זאָלן אַרײַנ־פֿליִען גלײַך אין אָפֿענעם מויל — איז אַן עסק פֿאַר באַזווע און פֿוילע נבֿיאים. אַ באַוווסטזיניקער מענטש דאַרף זיך פֿירן אַנדערש: זײַן אונטערנעמעריש, האָבן שטענדיק פּלענער און זוכן.

~❁~

**פֿ**אַראַן אַ פֿינצטערניש ווען די זון פֿאַרגייט, לעשט זיך אויס, און דו בלײַבסט בשתּומם, אומגעריכט, אין דער נאַכט, וואָס אָפֿט שרעקט זי דעם מענטש — יעדן מענטש. פֿאַראַן אָבער אויך אַ פֿינצטערניש פֿון שליסן די אויגן צי באַהאַלטן דעם קאָפּ מעשה־שטרויספֿויגל. אַזעלכע פֿינצטערנישן, כאָטש זיי זענען ניט באַגלייט מיט פּחד, זענען דאָך געפֿערליכער ווי יענע. דער וואָס וויל ניט זען, איז אַ בלינדע קאַליקע, וואָס קיין שום רופֿא און קיין שום טאָקטער אַפֿילו, אָדער אַן עין־הרע־אָפּשפּרעכער, וועלן גאָרנישט העלפֿן.

~❁~

**מ**יטן גובֿר זײַן עפּעס צי עמיצן, אָן יענעמס עווענטועלן ווידערשטאַנד, מאַכן זיך לעכערליך די כּלומרשטע העלדן. פֿאַראַן אַזעלכע נצחונות, וואָס זענען אַ מפּלה פֿאַרן קעמפֿער. די גרויסע, מעכטיקע דײַטשישע אַרמיי, וואָס האָט באַזיגט שוואַכע ייִדישע קינדערלעך, צי אײַנגענומען דעם וואַרשעווער געטאָ מיט דער הילף פֿון באָמבעס, טאַנקען און שווערע אַרטילעריע, האָט אויף אייביק פֿאַרשעמט די טעווטאָנישע האָרדעס, מיט זייערע קלויסעוויצירטע סטראַטעגישע פֿירערס. די געדעכעניש פֿון זייער גרויסן פֿרידריך האָט זיך געמוזט קאָרטשען פֿון חרפּה, זעענדיק אַ זיג איבער אַ קאָרטשאַקן.

קיין שום היטלער וועט ניט היילן דײַן אויף אייביק פֿאַרפעסטיקטע נשמה־ווונד, דו פֿאָלק פֿון געטע און בעטהאָווען, וואָס דײַנע אייגענע קינדער האָבן געפֿירט צום גײַסטיקן זעלבסטמאָרד! מיט וויפֿל גיהנומס וועסטו אויסקויפֿן דײַן זינד און דײַן שאַנד? וואָס טוט אַ לעסינג צווישן אײַך? און דאָס זאָל זײַן אין לייבניצעס פֿאָטער־

לאַנד, אין אַ וועלט וואָס איז די בעסטע פֿון אַלע וועלטן, אַ וועלט ווו אין די וואַלהאַלאַס טובֿלען זיך די זיגפֿרידס אין ייִדיש בלוט!

≈❀≈

ווי אַזוי פֿאַרשטיין די השגות פֿון לײַט, אַפֿילו בײַ אַזעלכע חכמים ווי פּיטאַגאָר, וואָס איז אַרומגעפֿאָרן אומעטום, האָט געלערנט, געפֿאָרשט און אליין געשאַפֿן אַ טעאָריע אַז אַלץ, וואָס איז נאָר, האָט אַ שײַכות און שטאַמט פֿון צאָלן (ניט וועגן חובֿות גייט דאָ, נאָר וועגן ציפֿערן, צוזאַמענשטעל פֿון סומעס, נומערן), ד״ה אַז מאַטעמאַטיק און ממילא אַריטמעטיק איז דער יסוד פֿון אַלץ! (עפּעס וואָס איז אײַנשטייניש, פּואַנקאַריש, הייזענבערגיש, און נאָך אַנדערע מאָדערנע חכמים רופֿן עס אַנדערש). נאָר דער צוזאַמענשטעל פֿון פּאַרטיקולן, אַטאָמען, שאַפֿט אַ סובסטאַנץ, מאַסע, און אפֿשר אויך אַן עסענץ.

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. האָט זיך געשאַפֿן אַ מין פּיטאַגאָרישע סעקטע נוסח אָרפֿיזם, מיט איר טעאָריע וועגן מאַטעמאַטיק אָנגעווענדט אין אויסטערלישע כּללים, למשל: ניט עסן עפּעס וואָס שטאַמט פֿון שויטן, ניט אויפֿהייבן עפּעס וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן, ניט רודערן אין פֿײַער מיט אַן אײַזן, אָפּמעקן די אײַנגעדריקטע פֿאָרם פֿון גוף אויפֿשטייענדיק פֿון בעט, זײַן וועגעטאַריאַניש, פּרעדיקן פֿאַר אַנדערע באַשעפֿענישן, ווײַל אין זיי קענען זיך געפֿינען נשמות פֿון מענטשן דורך מעטעמפּסיכאָז. כ׳האָב עס אַזוי געלייענט אין רעליגיעס-ווערטערבוך, אַרויסגעגעבן דורכן פּאַריזער אוניווערסיטעט-פֿאַרלאַג! זעט עס ניט אויס אויסטערליש?

ווען מע זאָל צונויפֿנעמען אַלע מיטאָלאָגישע און אַנדערע טעיִסטישע לעגענדעס מיט זייערע רעליגיעזע זיכערקייטן, וואָלט עס געווען אַ סך-הכּל פֿון אַזעלכע מאָדנע אײַנפֿאַלן, זיך צו האַלטן בײַ די זײַטן (פֿאַר אַ נאַרמאַלן מענטש). ווי אַזוי האָבן לײַט געקענט דאָס אָננעמען פֿאַר רעאַליטעטן (מע קען דאָך זען אין די מוזעומס די געצן, מענטשן מיט קעפּ פֿון פֿייגל צי חיות, אַ געמיש

פֿון געטער מיט אַנימיסטישע עלעמענטן?

און ניט נאָר בײַ די אוראַלטע פֿעלקער מיט זייערע חכמים, נאָר אַפֿילו בײַ די הײַנטיקע, מאָדערנע, נוסח די קאַטאָליקן, מיט זייער בתולה – אַ מוטער פֿון אַ געטליכן זון, קעגן וועלכן ס׳בוקט זיך און פֿאַלט אויף די קני אַפֿילו אונדזערס אַ ייִדישער קאַרדינאַל.

און ניט נאָר בײַ זיי; בײַ אונדז ייִדן אויך אַזעלכע אײַנפֿאַלן: אַנטראָפּאָמאָרפֿירטע געטליכקייט, וואָס שפּאַצירט זיך אין איר גן-עדן און שטוינט בײַם געפֿינען אָדם און חווהן נאַקעטע – אַ חווה אַ ריפּ פֿון אָדמס גוף, גענומען און געשאַפֿן אים אַ ווײַב. ערשט פֿאַר וואָס אַלע באַשעפֿענישן געמעשה-בראשיתט אַ זכר מיט אַ נקבֿה, און דעם מענטש בלויז אַ זכר?

אַפֿילו די ייִדישע רעליגיע איז פֿול מיט דיאַלאָגן צווישן גאָט און לײַט, מיט דיקטירן אַ תּורה אויפֿן באַרג סיני, מיטן מלאך וואָס לאָזט ניט ממיתן יצחקן אויף דער עקידה, מיט אליהו הנבֿיא וואָס פֿאָרט אַרויף אין הימל אין אַ פֿײַערדיקער קאַרעטע, און ווער קען אַלץ אויסרעכענען? אַזוי פֿיל פֿאַנאַטיזמען! אַזוי פֿיל אויסטערלישקייט! ווי די פּשוטע ווירטועלע רעאַליטעטן וואָלטן ניט געווען די גרעסטע שענסטע וווּנדער, וואָס יעדער קען זען און פֿילן מיט חושים און אַפֿילו דמיונות און חלומות.

נאָר גיי זיך אײַנרײַסן מיט אַ וועלט וואָס איז פֿול מיט, מיט, מיט – כ׳האָב מורא צו טשעפּען מיט עמיצן. מ׳איז ניט זיכער מיטן לעבן, חלילה...

≈❀≈

**ד**ער קאַפּיטאַליזם, מיט זײַן כלומרשטן אידעאַליזם, דעמאָקראַטישן ליבעראַליזם און זײַנע לאָזונגען פֿון פֿרײַהייט, גלײַכהייט און ברודערשאַפֿט, לײַדט פֿון אַ פּערמאַנענטן סטראַביזם און אַ דאַלטאָניזם.

סטראַביזם – ווײַל ער קוקט כלומרשט צום סאָציאַלן יושר, ווילזײַן פֿאַרן פֿאָלק, פּאַטריאָטישער ליבשאַפֿט צום פֿאָטערלאַנד, אַלטרויִזם פֿאַר דער מענטשהייט אד״גל, אָבער ער זעט נאָר זײַנע

אינטערעסן, זײַן קאַסע, זײַנע עגאָיזמען, זײַנע באַגערן!...

דאַלטאָניזם – ווײַל ער זעט ניט די קראַנקע בלייכקייט פֿון די אויסגעמאַטערטע, דורך אים עקספּלואַטירטע לײַט, און אַפֿילו ניט די רויטע קאָליר פֿון רעוואָלוציאָנערע פֿענער וואָס דראָען מיט געפֿאַר פֿאַר זײַנע היפּאָקריטישע עגאָיזמען.

ס'וואָלט געווען גוט ווען מע זאָל קענען, אַ ביסל כאָטש, פּאָפּולאַריזירן (ניט וווּלגאַריזירן) סטעפֿאַן לופּעסקאָס ווערק, און איבערהויפּט זײַן „ענערגיע און שטאָף", וואָס איך וואָלט גיכער איבערגעזעצט ווי „ענערגיע און סובסטאַנץ", אין שײַכות מיטן שעפֿערישן אַנטאַגאָניזם און די „העטעראָגענישע לאָגיק"... טראָץ וואָס כ'קען ניט פּינקטליך פֿאַרשטיין די אַלגעברישע סימבאָליסטיק, ניט האָבנדיק געלערנט ס'דאָזיקע אין מײַן שנײַדערישער קאַריערע, פֿאַרשטיי איך דאָך אַלץ וואָס ער באַהאַנדלט אין זײַן פּרעכטיק ווערק.

לופּעסקאָ איז פֿאַר מיר דער פּראָטאָטיפּ פֿון אַ פֿילאָזאָפֿישן וויסנשאַפֿטלער אָדער אַ וויסנשאַפֿטליכן פֿילאָזאָף. אַ שאָד וואָס אים פֿעלט אַ ביסל באַשעלאַרדיזם, אַ ביסל טעיאַר-דע-שאַרדעניזם, מאַרקסיזם און אַ ביסל ליריק מיט אַ ראָזשינקע ספּיריטואַליזם. אָבער זײַן סיסטעמאָלאָגיע, מיט זײַן אַקסיאָמאַטיק זענען מיט אַזוי פֿיל קענטעניש, לאָגיק און חכמה, אַז ס'טוט מיר הנאָה צו וויסן אַז ס'זענען פֿאַראַן אַזעלכע לײַט, כאָטש זײַן נאָמען געפֿינט זיך ניט אין די ענציקלאָפּעדיעס.

אָבער ניט נאָר אין דעם גייט מיר. וואָס מיך וווּנדערט איז ווי אַזוי, ניט האָבנדיק קיין שום שײַכות מיט אוניווערסיטעטן און דאָס אַלץ וואָס ווערט דאָרט געלערנט, געפֿאָרשט, פּראָקלאַמירט אד״גל, האָב איך, פּשוטער פֿאַרשוין, געקענט קומען צו כּמעט זײַנע מחשבֿות, מיט דער זעלבער אַקסיאָמאַטיק, דאָס אָנרופֿנדיק אַנדערש, אָבער מיט די זעלבע רעזולטאַטן, דאַכט זיך מיר, כאָטש געווענדט אין אַנדערע ריכטונגען.

ערשטנס: אַז דער אוניווערס באַשטייט פֿון ענערגיע, וואָס פֿאַר מיר הייסט עס לעבן. די אייגנשאַפֿט פֿון לעבן איז באַוועגונג. באַוועגונג מוז גורם זײַן אַנטאַגאָניזם – בכן קען ניט זײַן עפּעס האָמאָגענישס, און ס'מוז ווערן העטעראָגעניש, אַפֿילו מיטן בײַטן אָרט און דויער צי אַספּעקט. אָבער דער דאָזיקער אַנטאַגאָניזם מוז ניט זײַן אַגרעסיע, נאָר טאַנץ, און קען גורם זײַן תּענוג!

צווייטנס: אַז יעדער עפּעס בכלל און באַשעפֿעניש בפֿרט איז העטעראָגאָמיש, האָבנדיק אין זיך ביסעקסועלע עלעמענטן, און דערין טאַקע סײַ דעם אַנטאַגאָניזם און סײַ באַגער זיך צו אייניקן. און ווען איין עלעמענט איז שטאַרקער אין זײַן עוואָלוציע, מאַניפֿעסטירט זיך דער זכר- צי נקבֿה-סיסטעם: ער אָדער זי. דאָס זאָל זײַן אפֿשר די סיבה פֿון פּעדעראַסטיע – ווען דאָס ווײַבליכקייט איז ניט טאָטאַל באַזיגט.

דריטנס: אַז אַזוי גוט ווי ס'קענען זײַן, צי זענען טאַקע פֿאַראַן, שטאָף און אַנטי-שטאָף אָדער סובסטאַנץ מיט אַנטי-סובסטאַנץ, מוז אַזוינס זײַן אויך אין עסענץ, צי ענערגיע. אַ מין אַנטינאָמיע צווישן אַן עפּעס און אַ גאָרניט. אַלץ קעגן נישטיקייט. אַז אַ מין אַנטאַגאָניזם עקזיסטירט, האָבן אַלע רעליגיעזע דאָקטרינעס דאָס תּמיד פֿאַרגעפֿילט מיט (צי אין) פֿאַרשיידענע אַספּעקטן. אַפֿילו בײַ ייִדן: קעגן כּי-טובֿ פֿון באַשאַף מיטן גן-עדן – פֿאַראַן אַ שלאַנג מיט גלוסטונגען. קיִן ממיתט הבֿלן; דער מענטשן-מין זינדיקט אין אַ מין רעאַקציע קעגן דעם כּי-טובֿיזם, ביזן מוז צו ברענגען אַ מבול. גאָט איז ניט מסוגל צו שאַפֿן אַ מענטש וואָס זאָל ניט זינדיקן. פֿאַראַן אַ מין אַנטי-גאָט, וואָס רייצט זיך מיט אים. ברידער פֿאַרגינען ניט יוספֿן זײַנע מעלות אפֿשר, און פֿאַרקויפֿן אים ווי אַ שקלאַף. פֿון זײַן גרויסער קאַריערע מוז זײַן פֿאָלק פֿאַלן אין קנעכטשאַפֿט; משה מוז קעמפֿן נאָך אַנאַנד אויפֿצוצווינגען אַ סיני-מאָראַל און אָנקומען צו פֿײַנט כּדי זיך צוצואייגענען לענדער וואָס זענען שוין באַזעצט דורך אַנדערע.

דאָס רופֿט זיך אָפּ אַזוי דורך דער גאַנצער עוואָלוציע פֿונעם מענטשן-מין. בסיון פֿאַר איובֿן. אומקום פֿאַר נאַציעס, פֿעלקער,

אימפעריעס. אַגרעסיעס, האַס און מעדרײַען — ספּיריטועל, פֿילאָזאָפֿיש-סאָציאַל, מיטן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. אומקום פֿון ישון, סאָקראַטעסן; פֿאַנאַטיזמען אין איסלאַם ווי אין קריסטנטום; פֿאַרברענען לײַט ווײַל מיט עפּעס ליבעראַל, צי סתּם אַנדערש: אַ ברונאָ, אַ גאַליליי און אַזוי פֿיל אַנדערע יחידים צי גאַנצע פֿעלקער ביזן היטלעריזם, מיטן כּסדרדיקן קלאַסן-קאַמף, טיראַניעס און פּערמאַנענטע מלחמות און רעוואָלטן.

דאָס זעלבע מערקט זיך אויך אין אַלע רעליגיעס: בײַ די הינדוסן — ווישנו, בראַהמאַ און סיוואַ, קאַלי, מיט אַ גאַנצער כאָפּטע געטער און וואַסאַלן; פּאַרסיזם מיט מאַזדאַ און אַרימאַן; אַזוי מיט אַלע מיטאָלאָגיעס: עגיפּטן מיט אַמאָן-ראַ, אָזיריס א״אַנד, גריכנלאַנד — אַ גרויסע געטליכע פֿאַמיליע, מיט אַ קאָסמישער אַדמיניסטראַציע און ספּעציעלע אונטערגעטער פֿאַר אַלץ וואָס איז: הימל, ערד, גן-עדן, גיהנום, פֿײַער, וואַסער, פֿלאַנצן, ליבשאַפֿט אאַז״וו. ערשט די גערמאַנען, סקאַנדינאַוון, קאַרטאַגער און סתּם אַנימיסטן!

כ׳בין שוין צו ווײַט פֿאַרקראָכן פֿונעם אָנהייב, מיט דער הויפּטטעמע וועגן אַנטאַגאָניזם אינעם אוניווערס. דער דאָזיקער פּערמאַנענטער **אַנטי** וואָס מוז זיך מאַניפֿעסטירן מיטן מינדסטן באַגערטן ריר, קען אָבער זײַן ליבשאַפֿט און קעגנזײַטיקער תּענוג, און ניט תּירוץ צו קיניזם. דער בודיסטישער אידעאַל פֿון נירוואַנאַ איז: טאָטאַלער, אַבסאָלוטער טויט, אַנטי-לעבן — אַן אַבסורד. אין דער היגזיכט איז ייִדישקייט אַנטינאָמיש מיטן בראשיתדיקן יהי!, אַפֿילו אין דעם נעשׂה ונשמע, מיט נעשׂה פֿאַר נשמע. אפֿשר האָט דאָס זינט תּמיד געררייצט די אַרומיקע פֿעלקער, וואָס פֿאַרגינען ניט דעם ייִדישן דינאַמיזם! צווישן אונדז גערעדט: זיי באַגרײַפֿן ניט, ווילן ניט באַגרײַפֿן דעם מהות, דעם יסוד פֿון וואָרער ייִדישקייט. אַפֿילו די ייִדן אַליין, ס׳רובֿ אויך ניט!... זיי זענען תּמיד נענטער צום געצן-דינערישן קאַלב ווי צו די נבֿיאישע אידעאַלן און אבֿרהם אָבֿינוס מאָנאָטעיִזם. זיי אַנטראָפּאָמאָרפֿירן געטליכקייט און זענען פֿאַנאַטיש, ווי אַלע אַנדערע אַרום. זיי מיינען אַז מיטן לייגן תּפֿילין

און קאָמענטירן דעם תּנך איז מען שוין אַ ייִד. זיי פֿאַרשטייען ניט דעם זוהר און זענען ווײַט פֿון וואָרן חסידיזם פֿון אַ בעש״ט אָדער ר׳ מענדעלע קאָצקער.

קומענדיק ווידער צוריק צו לופּעסקאָס אַנטאַגאָניזמען, זעט מען אַז דער דאָזיקער פֿענאָמען מאַניפֿעסטירט זיך אין אַבסאָלוט אַלע הינזיכטן און אומשטאַנדן, בײַ העגעלן אין זײַן טעזעס-סיסטעם ווי אין קלאַסנקאַמף, אין שטראַלונגען ווי אין מאַגנעטיזם, פּונקט ווי אין גראַוויטאַציעס מיט צענטריפֿוגאַלע און צענטריפּעטישע קאָנפֿליקטן. אָבער פֿון דעם אַלעמען, זינט תּמיד, באַגערט עפּעס אינעם אוניווערסאַלן לעבן אַ האַרמאָניש-שיינס, מיט תּענוג פֿון ליבשאַפֿט און קרעאַטיווע עקסטאַזן.

דער טעיאַר-שאַרדעניזם איז שוין פֿאַראַן בײַ אַריסטאָטעלן – דער הימן צום באַשאַף, כאָטש באַגרענעצט אין אונדזער פּלאַנעטאַרער משפּחה; אין אַקענאַטאָנס הימן צו דער זון; די ליבשאַפֿט – אין תּהילים, אין שיר-השירים; דאָס באַוווסטזיניקע זײַן –ניט סתּם פֿיזישער עקזיסטענציאַליזם– בײַ אַריסטאָטעלן, אין פּיטאַגאָרס האַרמאָנישער מאַטעמאַטיק, ווי בײַם מאַרקסיזם.

בכן, האָב איך תּמיד געטראַכט אַז דער אַנטאַגאָניזם עקזיסטירט ניט נאָר בלויז אין ביִאָלאָגישן צי בכלל פֿיזישן, נאָר אין אַלע פֿענאָמענען וואָס מאַניפֿעסטירן זיך אין דער באַגרײַפֿטער פֿיזיק, דער פֿאָרגעפֿילטער מעטאַפֿיזיק מיט דער טערמאָדינאַמיק, פֿאָטאָסינטעזן, יאָניזמען, עמבריאָלאָגיע צי ווי מע וויל עס נאָר אָנרופֿן, ווי אויך אין דער גאַנצער קאָסמאָגאָניע, מיט אַלע מעגליכע מאַניפֿעסטירונגען מאַטעריאַליזירטע אין סובסטאַנצן אָדער אין עסענצן, מיט ווילנס, מחשבֿות, באַגערן, דמיונות צי ווי מע זאָל עס נאָר ניט אָנרופֿן. ווײַל אויב עפּעס איז – מוז עס האָבן עפּעס אַ פּאָטענץ, און דאָס קען נאָר זײַן די ענערגיע לעבן, וואָס איז ניט קיין צופֿעליקער אינצידענט אין אָקעאַנען צי זומפּן פֿון פּראָבאַביליטעט, נאָר מאַטעריאַליזירטער אַספּעקט פֿון קאָסמישן אַלץ וואָס איז פֿאַר מיר געטליכקייט.

אַלע פֿענאָמענען זענען אפֿשר מחשבֿות צי טרוימען דערפֿון.

ס'דאָיעס דערין מיט אוניווערסן און מיט מאָלעקולן און זייערע רעלאַטיווע דימענסיעס, פּאָטענצן פֿיזישע און ספּיריטועלע – דאָס אַלץ איסער דער מענטשליכער מעגליכקייט עפּעס צו באַגרײַפֿן דערפֿון.

קען זײַן אַז מענטשליכע לאָגיק איז עפּעס אַנדערש, אַ פֿראַגמענט אפֿשר פֿון אוניווערסאַלער לאָגיק, אָן שום שײַכות מיט אונדזערע השׂגות, אונדזער מאַטעמאַטיק, אונדזערע פֿילאָזאָפֿיעס און רעליגיעס, אַנטאַגאָניזמען און אייניקייטן, צי מיט אונדזער אויפֿקום און אומקום אין אַספּעקטן וואָס מיר באַגרײַפֿן ווי לעבעדיק און טויט.

זיכער איז אָבער אַז פֿאַר אונדז, מענטשן, קען דער אַנטאַגאָניזם זײַן עפּעס אַנדערש ווי די סיבה פֿאַר שלעכטס און מיאוסקייט. אַנטאַגאָניזם מוז זײַן פֿאַרשיידנקייט אָבער –טראָץ דער העטעראָגעניע– אויך ליבשאַפֿט און שעפֿערישקייט. ווי אַזוי שאַפֿן אַ סטאַטוע ביט טשעפּענדיק שטיין מיט דלאָטע? ווּ אַזוי זיך נערן אָן עפּעס צו צעשטערן? ס'אוניווערסאַלע לעבן איז אַזוי גרויס און אומבאַגרײַפֿט אַז יעדער ווידערשטאַנד קעגן באַשטימטע פֿליכטן, ראָלעס און דעטערמיניזמען ווערט זיכער געשטראָפֿט מיט אַנגסט, יסורים, פּײַן און פֿריצײַטיקן אומקום. דעריבער: איבערלאָזן די קאָסמאָגאָניעס מיט די טעאָגאָניעס און עקזיסטירן פּשוט, ערליך, מיט צוטרוי און ליבשאַפֿט צום באַשאַף. וואָס איז פֿאַרן מענטש הערמעטישער סוד!

~❀~